STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07901

# DER EMES VEGN RATNRUSLAND

Leon Trotsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעװ טראָצקי

# דער אמת
# װעגן ראַטנרוסלאַנד

פֿון דייטש: י. ראַפּאָפּאָרט

צװײטע פֿאַרגרעסערטע אויפֿלאַגע

פֿאַרלאַג „יאַטשקאָװסקיס ביבליאָטעק"

1929 װאַרשע—ניו-יאָרק

ŁEW TROCKI
PRAWDA O ROSJI SOWIECKIEJ

Bibljoteka Jaczkowskiego, Twarda 8.

PRINTED IN POLAND

Drukarnia
„B-ci Lewin-Epstein i S-ka“
Warszawa, Pawia 38.

ערשטע טייל:

# די מורא פאר אונזער פראגראם

# מײַן פאַרטײדיקונג פאַר דעם צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט.

מײַן פאָרשלאַג, דורכצופירן אומגעזאמט די אויספאָרשונג װעגן דעם װראַנגעלאָפיציר און דער מיליטערישער פאַרשװערונג, איז אָפּגעװאָרפן געװאָרן. איך האָב קודם כּל אױפגעהױבן די פראַגע, צװאָס, װי אַזוי און דורך װעמען די פאַרטײ איז אַרײנגעפירט געװאָרן אין אַ טעות, װען מען האָט איר דערציילט, אַז אָפּאָזיציאָנעלע קאָמוניסטן נעמען אָנטײל אין אַ קאָנטררעװאָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע. איז כּדי נאָכאַמאָל צו װײַזן, װאָס זײ פאַרשטײען אונטער אַ דיסקוסיע, האָבן זײ באַשלאָסן אויסצומעקן פון באַריכט מײַן קורצע רעדע װעגן דעם פאַלשן װראַנגעלאָפיציר — דאָס הײסט, זײ אויסבאַהאַלטן פון דער פאַרטײ. אויפן גרונד פון דידאָזיקע דאָקומענטן פון דער ג. פּ. או., פון דער פּאָליטישער פּאָליצײ, װעלכע האָבן בכלל נישט קײן שום באַציאונגען נישט צו דער קאָנפיסקירטער דרוקמאַשין, נישט צו דער אָפּאָזיציע, האָט אונז בוכאַרין באַשאָנקען מיט אַ פאַנטאַסטיש בילד פון אַ טערמידאַרישער פאַרשװערונג. אָבער נישט בוכאַרינס ביליקע פאַנטאַזיעס װילן מיר, נאָר — פאַקטן. קײן פאַקטן זענען אָבער נישטאָ. דעריבער איז דאָס אַרײנפירן דידאָזיקע אַלע פראַגעס אין דער דיסקוסיע װעגן דער אָפּאָזיציע נישט מער װי אַ הינטערגאַנג. זײער אכזריות און אומערלעכקײט האָבן דערגרײכט די שטופּע פון פאַרברעכערישער בגידה. אַלע דאָקו-

מענטן, וועלכע מענשינסקי האָט דורכגעלייענט ריידן אומצווייַדייטיק קעגן איצטיקן פּאָליטישן קורס — מען דאַרף זיי בלויז באַלויכטן דורך אַ מאַרקסיסטישן אַנאַליז. אָבער איך האָב נישט קיין צייט אויף דעם. איך קען בלויז אויפהויבן די עיקרדיקע פֿראַגע: ווי אַזוי און פֿאַרוואָס האט די אין איצטיקן מאָמענט הערשנדיקע גרופּע געהאַלטן פֿאַר נויטיק אָפּצונאַרן די פּאַרטיי, אויסגעבנדיק אַן אַגענט פֿון ג. פּ. או. פֿאַר אַ ווראַנגעלאָפֿיציר, צרויסרייסנדיק דידאָזיקע ברוכשטיקער פֿון אַ נישטפֿאַרענדיקטער אויספֿאָרשונג פֿון צוזאַמענהאַנג, כּדי צו באַאומרואיקן די פּאַרטיי דורך דער פֿאַלשער ידיעה וועגן אַ פֿאַרבינדונג פֿון דער אָפּאָזיציע מיט אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע? פֿונוואַנען נעמט זיך דאָס אַלץ? וווּהין דאַרף דאָס פֿירן? בלויז דידאָזיקע פֿראַגע האָט אַ פּאָליטישע באַדייטונג. אַלדאָס אַנדערע גייט אונז אָן ערשט אין דער צווייטער אָדער דריטער ליניע.

אָבער צוערשט אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם „טראָצקיזם“. יעדער אָפּאָרטוניסט פּרובירט צוצודעקן זיין ערוה מיטן דאָזיקן וואָרט. די פֿעלשונגספֿאַבריק אַרבעט טאָג ווי נאַכט אין צוויי שיכטן, כּדי צו פֿאַבריצירן „טראָצקיזם“. נישט לאַנג צוריק האָב איך וועגן דער דאָזיקער טעמע געשריבן אַ בריוו צו דער ביוראָ פֿאַר פּאַרטייגעשיכטע. ער האָט אַנטהאַלטן העכער פֿופֿציק ציטאַטן און דאָקומענטן, וואָס האָבן דעמאַסקירט די איצט-הערשנדיקע טעאָרעטישע און היסטאָרישע שולע פֿון פֿעלשן, פֿאַרדרייען און אויסבאַהאַלטן פֿאַקטן און דאָקומענטן און פֿון פֿאַרקריפּלען לעבינס לערע — און אַלץ אין נאָמען פֿון אַזויגערופֿענעם קאַמף קעגן „טראָצקיזם“. איך האָב פֿאַרלאַנגט, אַז מיין בריוו זאָל פֿאָרגעלייענט ווערן די מיטגלידער אין אַ פּלענאַר-זיצונג. דאָס איז נישט געשען, הגם מיין בריוו איז כּמעט דורך-און-דורך באַשטאַנען פֿון דאָקומענטן און ציטאַטן. איך שיק אים אין דער דיסקוסיע-אָפּטיילונג פֿון דער „פּראַוודאַ“, הגם איך בין זיכער, אַז אויך דאָרט וועלן זיי אים אויסבאַהאַלטן פֿון דער פּאַרטיי, ווייל די פֿאַקטן און דאָקומענטן, וועלכע איך לייג ביי, זענען צו פֿאַרניכטנדיק פֿאַר סטאַלינס שולע.

אין אונזער יולידערקלערונג פון פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן מיר מיט פולשטענדיקער גענויקייט פאָרויסגעזאָגט אַלע שטופּעס, וועלכע עס וועט דורכמאַכן די צעשטערונג פון דער לעניניסטישער פאַרטייפירונג, און אויך איר צייטווייליקע פאַרבייטונג דורך אַ סטאַליניסטישער פירערשאַפט. איך זאָג, דורך אַ צייטווייליקער פאַרבייטונג, ווייל וואָס מער „נצחונות” עס געווינט די איצט-הערשנדיקע גרופּע, אַלץ שוואַכער וועט זי ווערן. צו אונזער יולי-פּראָווזאָגונג פון פאַרגאַנגענעם יאָר קענען מיר נאָר צוגעבן פאָלגנדיקן אויספיר: סטאַלינס איצטיקער נצחון אין דער אָרגאַניזאַציע וועט ברענגען מיט זיך זיין פּאָליטישן צוזאַמענברוך. דערדאָזיקער איז לחלוטין אומפאַרמייד׳עך; און ער וועט זיך אָנהויבן תיכף — גראָד צוליב די רעזולטאַטן פון סטאַלינס רעזשים. די עיקרדיקע אויפגאַבע פון דער אָפּאָזיציע חעט טאַקע באַשטיין אין דעם, אַכטונג צו געבן, אַז די רעזולטאַטן פון דער שעדלעכער פּאָליטיק פון דער איצטיקער פירונג פון אונזער פאַרטיי ביי איר פאַרבינדונג מיט די מאַסן זאָלן ברענגען וואָס קלענערע פאַרלוסטן.

זיי ווילן אונז באַזייטיקן פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט. מיר גיבן צו, אַז דערדאָזיקער שריט שטייט אין פולן הסכם מיט דער איצטיקער פּאָליטיק ביי דער איצטיקער שטופּע פון איר אַנטוויקלונג אָדער ריכטיקער פון איר ירידה. די-דאָזיקע הערשנדיקע גרופּע, וואָס פאַרטרייבט פון דער פאַרטיי הונדערטער און טויזנטער פון אירע בעסטע מיטגלידער, פון אירע שטאַנדהאַפטיקסטע אַרבעטער-באָלשעוויקעס—דידאָזיקע ביוראָקראַטישע קליקע, וואָס דערוועגט זיך אויסצושליסן אַזעלכע באָלשעוויקעס ווי מראַשקאָווסקי, סערעבריאַקאָוו, פּרעאָבראַזשענסקי, שאַראָוו און סאַרקיס, חברים, וואָס קענען אַליין שאַפן אַ פאַרטיי-סעקרעטאַריאַט, אַן אומענדלעך-מער איינפלוסרייכן, טיכטיקן, לעניניסטישן ווי דער איצטיקער סעקרעטאַריאַט — דידאָזיקע סטאַלין-בוכאַרין-קליקע, וועלכע האַלט געפאַנגען אין דער געהיימער תפיסה פון ג. פּ. או. איבערגעגעבענע און ווונדערלעכע מענער ווי נעכאַיעוו, שטיקגאָלד, וואַסיליעוו, שמידט, פישעלעוו און אַ סך אַנדערע, — דידאָזיקע באַאַמטן-גרופּע, וואָס האַלט זיך איין אויף ייערע פלעצער אין דער שפּיץ דורך געוואַלט, דורך דערשטיקן

דעם פאַרטייאישן דענקען, דורך צעטרייסלען דעם פּראָלעטאַרישן אוואַנגאַרד נישט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אין דער גאַנצער וועלט — דידאָזיקע דורך-און-דורך אָפּאָרטוניסטישע פּנופית, וואָס ביי איר ווידל מאַרשירן אין דידאָזיקע לעצטע יאָרן טשאַנג-קאַי-שעק, פענג יושטשאַנג, וואַן טין-ווי, פּורצעל, היקס, בען טילעט, די קוזינענס, די שמעראַלס, די פּעפּערס, די היינץ-נוימאַנס, די ראַפּיסעס, די מאַרטינאָווס, די קאָנדראַטיעווס און אוסטריאַלאָווס, — דידאָזיקע געזעלשאַפט קען נישט פאַרטראָגן אונזער אָנוועזנהייט אין צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט אפילו אַ חודש פאַרן פאַרטייקאָנגרעס. מיר פאַרשטייען דאָס.

אכזריות און אומערלעכקייט גייען האַנט ביי האַנט מיט פּחדנות. זיי האָבן פאַרטייעט אונזער פּראָגראַם — אָדער ריכטיקער, זיי האָבן זיך באַמיט זי צו פאַרטייען. וואָס באַדייט די מורא פאַר אַ פּראָגראַם? יעדער איינער ווייס דאָס: מורא פאַר אַ פּראָגראַם איז מורא פאַר די מאַסן.

מיר האָבן זיי דעם אַכטן סעפּטעמבער מודיע געווען, אַז נישט געקוקט אויף אַלע באַפעלן, וועלן מיר דאָך אונזער פּראָגראַם ברענגען פאַרן פאָרום פון דער פאַרטיי. מיר האָבן דאָס אָנגעהויבן און מיר וועלן דאָס אונטערגענומענע דערפירן ביז צום סוף. די חברים מראשקאָווסקי, פּישעלעוו און אַלע אַנדערע, וועלכע האָבן אונזער פּראָגראַם געדרוקט און פאַרטיילט, האָבן געהאַנדלט און האַנדלען אויך איצט נאָך אין פולער סאָלידאַריטעט מיט אונז. אַלס אָפּאָזיציאָנעלע מיטגלידער פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט און פון דער צענטראַלער קאָנטראָל-קאָמיסיע נעמען מיר אויף זיך די פולע אחריות פאַר זייער האַנדלען סיי אין פּאָליטישער הינזיכט סיי פאַר דער אָרגאַניזאַציע.

די אכזריות און אומערלעכקייט, וועגן וועלכער לענין האָט געשריבן, זענען מער נישט קיין סימנים פון אַ באַשטימטער פּערזענלעכקייט. זיי זענען כאַראַקטער-אייגנשאַפטן פון דער הערשנדיקער גרופּע, סיי אין זייער אייגנטלעכער פּאָליטיק, סיי אין זייער אָנפירונג מיט דער אָרגאַניזאַציע. עס האַנדלט זיך נישט מער וועגן דער פראַגע פון אויסערלעכע מאַניערן. די עיקרדיקע אייגנשאַפט פון אונזער איצטיקער אָנפירערשאַפט

איז דער גלויבן אין דער אַלמעכטיקייט פון געוואַלט-מעטאָדן — אפילו לגבי דער אייגענער פּאַרטיי. פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט די פּאַרטיי געירשנט אַ שטאַרקע סיסטעם פון צוואַנגס-מיטלען, אָן וועלכע עס איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. דער ברענפּונקט פון דערדאָזיקער דיקטאַטור איז געווען דער צענטראַלער אויספירקאָמיטעט פון אונזער פּאַרטיי. אין לענינס צייטן — ביי אַ לעניניסטישן צענטראַל-קאָמיטעט — איז די אָרגאַניזאַציע-סיסטעם פון דער פּאַרטיי געווען אונטערגעוואָרפן אָן אינטערנאַציאָנאַל-איינגעשטעלטער, רעוואָלוציאָנערער קלאַסנפּאָליטיק. עס איז אמת, אַז פון ערשטן טאָג אָן זינט סטאַלין איז אויסגעווײלט געוואָרן אַלס גענעראַלסעקרעטאַר, האָט ער לענינען פאַרשאַפט זאָרג. „דערדאָזיקער קוכער וועט אונז דערלאַנגען אַ געפּעפּערט געקעכטס!" האָט לענין געזאָגט צו פּאַרטרויטע חברים אין דער צייט פון צענטן קאָנגרעס. אָבער אונטער לענינס פירערשאַפט, אונטער אַ לעניניסטישן שטאַב אין פּאָליטישן ביוראָ, האָט דער גענעראַלסעקרעטאַר געשפּילט אַ לפי-ערכדיק צווייטראַנגיקע ראָלע. די סיטואַציע האָט זיך געענדערט פון דעם טאָג אָן, ווען לענין איז קראַנק געוואָרן. דער אויסוואַל פון פירערס דורכן סעקרעטאַריאַט, דאָס באַזעצן פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן מיט סטאַליניסטן איז געוואָרן אַ באַזונדער געשעפט, וואָס האָט מער גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט די שטאַנדפּונקטן פון אונזער פּאָליטיק. דאָס איז דער גרונד, פאַרוואָס לענין האָט געגעבן דער פּאַרטיי זיין לעצטע עצה, ווען ער האָט דערפילט די מעגלעכקייט פון זיין טויט: באַזייטיקט סטאַלינען, ער וועט פירן די פּאַרטיי צו צעשפּליטערונג און רואין.

די פּאַרטיי האָט זיך נישט דערוווּסט רעכטצייטיק פון דער דאָזיקער עצה, אַ דורכגעזיפּטע ביוראָקראַטיע האָט נישט דערלאָזט פאַרעפנטלעכן דעם בריוו. די פאָלגן דערפון זעען מיר איצט אין זייער גאַנצן פאַרנעם. די הערשנדיקע גרופּע גלויבט, אַז מיט געוואַלטמיטלען וועט זי אַלץ קענען דערגרייכן. דאָס איז אַ טיפער טעות. געוואַלט קען שפּילן אַן אומגעהויערע ראָלע בעת אַ רעוואָלוציע, אָבער נאָר ביי איין

תנאי — וועט די בלייבט אונטערגעווארפן אן ערלעכער קלאסנ-
פאליטיק. די אנווענדונג פון געוואלט מצד די באלשעוויקעס
קעגן דער בורזשואזיע, קעגן די מענשעוויקעס, קעגן די סאציאל-
רעוואלוציאנערן, ווי דאס איז פארגעקומען ביי באשטימטע היסטא-
רישע באדינגונגען, האט געפירט צו ריזיקע רעזולטאטן. אבער
קערענסקיס און צערעטעליס געוואלטמעשים קעגן די באלשעווי-
קעס האבן בלויז צוגעאיילט דעם צוזאמענבראך פון קאמפראמיסן-
רעזשים. אבער די איצט הערשנדיקע גרופע באנוצט פארשיקונג,
ארעסטן און ארבעטס-אפנעמונג אלס אונטערדריקונגס- און אפ-
שרעק-מיטל קעגן זייער אייגענער פארטיי. דער ארבעטער-מיט-
גליד האט מורא ארויסצוזאגן זיינע געדאנקען אין זיין אייגע-
נעם פארטיי-לאקאל. ער האט מורא צו שטימען לויט זיין גע-
וויסן. אונזער פארטיי, וואס איז בלומרשט דער העכסטער אויס-
דרוק פון דער דיקטאטור פון פראלעטאריאט, ווערט טעראָרי-
זירט פון א ביוראקראטיע-דיקטאטור. אבער אין דער צייט,
וואס זיי טעראריזירן די פארטיי, פארמינערן זיי איר פעאיקייט
צו האלטן אין מורא די שונאים פון פראלעטאריאט.

אבער אן ארגאניזאציע-אנפירונג פירט נישט קיין לעבן,
וואס איז אומאפהענגיק פון אלעם אנדערן, אין דער פארטיי-
אנפירונג געפינט איר אויסדרוק דער גאנצער פאליטישער קורס
פון דער פארטיי. דערדאזיקער פאליטישער קורס האט אין די
לעצטע יארן זיך געוואקלט אהין און אהער — זיין קלאסנ-
הארץ און זיין טרייבקראפט האבן זיך געוואקלט פון לינקס
אויף רעכטס, פון די פראלעטאריער צו די קליינבירגער, פון
נישט-קוואליפיצירטן ארבעטער צום ספעץ, פון געוויינלעכן
פארטיי-מיטגליד צום פונקציאנער, פון לאנדארבעטער און קליינ-
פויער צום „קולאק", צום רייכן פויער, פון שאנכאי-קולי צו
טשאנג קאי-שעק, פון כינעזישן פויער צום בירגערלעכן גענע-
ראל, פון די ענגלישע פראלעטאריער צו פורצעלן, היקסן און
דער גענעראלקאמיסיע — און אזוי אן א סוף ווייטער. אין
דעם ליגט דער וועזן פון סטאליניזם.

אויפן ערשטן בליק דאכט זיך אפילו, אז דער סטאלינ-
קורס איז ארויס מיט א פולשטענדיקן נצחון. די סטאלינפאר-
טיי, קען זיך דאכטן, טיילט אויס אירע קלעפ אויף לינקס

(אין מאָסקווע און לענינגראַד) און אויך אויף רעכטס (אין צפון-קאַווקאַז). אין דער אמתן אָבער באַוועגט זיך פאַראויס די גאַנצע פּאָליטיק פון דערדאָזיקער צענטריסטישער פּאַרטיי אַליין אויך אונטער די קלעפּ פון צוויי בייטשן — איין בייטש פון רעכטס און איינער פון לינקס. דידאָזיקע ביוראָקראַטישע, צענטריסטישע פּאַרטיי, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין שום קלאַסנבאַזיס, וואַקלט זיך צווישן צוויי קלאַסנליניעס מיט דעם פּלאַן, זיך אַריבערצוגנבענען פון דעם פּראָלעטאַרישן קורס צום קליינבירגערלעכן. זי טוט דאָס אָבער נישט אין אַ דירעקטער ליניע, נאָר אין שאַרפע זיגזאַגוואַקלענישן.

אַ סך פון דידאָזיקע זיגזאַגבאַוועגונגען האָבן מיר געהאַט אין דער פאַרגאַנגענהייט. באַזונדערס שאַרף און אויפפאַלנדיק איז געווען די פאַרברייטערונג פון די וואָלרעכט אונטערן דרוק פון די „קולאַקעס" (אַ בייטשקלאַפּ פון רעכטס) און דערנאָך די אַנולירונג פון דערדאָזיקער פאַראָרדענונג אונטערן דרוק פון דער אָפּאָזיציע (אַ קלאַפּ פון לינקס). מיר האָבן אַ סך פון דידאָזיקע זיגזאַגבאַוועגונגען געזען אויף די געביטן פון אַרבעטער-געזעצגעבונג, פון לוינפּאָליטיק, פון שטייערפּאָליטיק, פון דער פּאָליטיק קעגן דעם פּריוואַט-אייגנטום און אז. וו. אָבער אין אַלגעמיין האָט דער קורס כסדר אָפּגעוויכן אויף רעכטס.

דער לעצטער מאַניפעסט איז אָן שום ספק אַ זיגזאַגבאַוועגונג אויף לינקס. אָבער מיר ווילן קיין איין מאָמענט נישט צומאַכן די אויגן אויפן פאַקט, אַז דידאָזיקע זיגזאַגבאַוועגונג ענדערט נישט אויף דאָס מינדסטע דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן קורס און אַז אין דער אמתן וועט זי צואיילן — און טאַקע אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט — דעם וואָרף פון הערשנדיקן צענטער אויף רעכטס.

דער היינטיקער געשריי וועגן אַ „פאַרשטאַרקטער אַטאַקע" אויף די „קולאַקעס" — אויף דיזעלבע „קולאַקעס", צו וועלכע זיי האָבן נאָך נעכטן געשריגן: „באַרייכערט זיך!" — קען נישט ענדערן די אַלגעמיינע ריכטונג. יאָריערלעכע יובילעאומס-הבטחות בנוגע דעם זיבנשעהדיקן אַרבעטסטאָג קענען זיי אויך נישט ענדערן. די פּאָליטישע ריכטונג פון דער איצטיקער פּיריאָד ווערט נישט באַשטימט דורך דידאָזיקע פאַראיינצלטע

ספעקולאַטיווע זשעסטן, נאָר דורך דער סוויטע, וואָס דידאָזיקע
פירערשאַפט האָט פאַרזאַמלט אַרום זיך אין איר קאַמף קעגן
דער אָפּאָזיציע. דורך סטאַלינס סיסטעם, דורך סטאַלינס הער-
שאַפט זענען איצט די כחות, וואָס דריקן צו דער ערד דעם
פּראָלעטאַרישן פּאָרקעמפער: דער ביוראָקראַט, דער אַרבעטס-
עקספּלואַטאַטאָר, דער פאַרוואַלטער, דער אינדוסטריע/ער גע-
שעפטספּירער, דער נייער פּריוואַטקאַפּיטאַליסט, די פּריווילעגיר-
טע אינטעליגענץ אין שטאָט און דאָרף — דידאָזיקע אַלע
עלעמענטן, וועלכע הויבן אָן פאָרצושטעלן דעם „קולאַק" אַלס
מוסטער פאַרן אַרבעטנדיקן מענטשן, און זיי זאָגן אים: „פאַרגעס
נישט, מיין פריינט, עס איז איצט נישט מער 1918".

נישט דער זשעסט, וואָס איז געווענדט אויף לינקס, אַנט-
שיידט, נאָר דער פּרינציפּיעלער פּאָליטישער קורס. עס אַנט-
שיידט דער אויסוואַל פון זייערע קאָלעגן. עס אַנטשיידט דער
אָנפירנדיקער שטאַב. די סאָציאַלע באַזע. זיי קענען נישט אונ-
טערדריקן די שטימע פון אַרבעטער און גלייכצייטיק אָנגרייפן
דעם קולאַק. דידאָזיקע צוויי זאַכן קאָנען נישט גיין האַנט ביי
האַנט. זייער כסדרדיקער שטרעבן אויף לינקס וועט זיך גלייך
אָנשטויסן אויף אַן עקשנותדיקער אָפּאָזיציע אין די רייען פון
זייער אייגענער מאַיאָריטעט, ווי נאָר זיי וועלן אים פּרוּוון פאַר-
קערפּערן אין דער ווירקלעכקייט. היינט זאָגן: „באַרייכערט
זיך!" און מאָרגן: „נידער מיטן „קולאַק"!", איז פאַר פער-
זאָנען ווי בוכאַרין זייער לייכט. ער טונקט איין זיין פעדער
און איז שוין פאַרטיק. ער האָט גאָרנישט וואָס צו פאַרלירן.
אָבער דער קולאַק, דער געשעפטסאונטערנעמער, דער מעכטיקער
ביוראָקראַט, דער ספּעץ — זיי קוקן אויף דעם גאַנץ אַנדערש.
דידאָזיקע לייט האָבן נישט קיין פאַרשטענדעניש פאַר פלוצ-
לונגע זייטנשפּרונגען און יאָרפּייערונגען. זיי וועלן אָבער וויסן
צו זאָגן זייער וואָרט.

חבר טאָמסקי, דער פירער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיי-
נען, וועלכער געפינט זיך אין אַן ערגערער לאַגע ווי יעדער
אַנדערער, איז אַרויסגעטראָטן אין שאַרפער אָפּאָזיציע קעגן
דעם נייעם רוק אויף רעכטס. טאָמסקי ווייס גוט וועגן דעם.

וואָס די אַרבעטער אין די פּראָפ. פאַראיינען וועלן פרעגן. ער וועט זיין דער־יעניקער, וועלכער דאַרף געבן אַן ענטפער. מאָרגן וועלן די אַרבעטער פאָדערן פון טאָמסקין, ער זאָל ענדלעך אָפּהאַלטן דאָסדאָזיקע אָפּווייכן אויף רעכטס און זיך איינשטעלן פאַרן קורס אויף לינקס, וואָס ווערט אָנגעזאָגט אין לעצטן מאַניפעסט. דאָס איז די סיבה פאַרן אומפאַרמיידלעכן קאַמף אין רעגירנדיקן בלאָק גופא. אין אונזער רעכטן פליגל איז דאָ איין טענדענץ צו דער זייט פון אינדוסטריעלן אונטערנעמער און איינע — צו דער זייט פון די פּראָפ. פאַראיינען. א צייטלאַנג אַרבעטן זיי צוזאַמען, ווי דאָס איז אָפט געשען אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטערבאַוועגונג. אָבער דערדאָזיקער יובילעאום־מאַניפעסט פאַר א רוק אויף לינקס שלאָגט אַריין אַ קלין צווישן די אונטערנעמער און די פּראָפ. פאַראייננסמיטגלידער. דער ביוראָקראַט פון באַרוף, וואָס וואַקלט זיך צווישן זיי אַהער און אַהין, וועט פאַרלירן זייער אונטערשטיצונג.

דערדאָזיקער יובילעאום־מאַניפעסט איז פון איין זייט אַ גאַנץ אומצווייפלהאַפטע און פייערלעכע אָנערקענונג, אַז די מיינונגען פון דער אָפּאָזיציע וועגן אַלע טיפערע פּראָבלעמען פון אונזער שטאָט־ און דאָרפלעבן זענען ריכטיק. פון דער צווייטער זייט איז דאָס אַ פּאָליטישע זעלבסטפאַראורטיילונג פון דער הערשנדיקער גרופּע, די אָנערקענונג פון איר אייגענעם באַנקראָט. דאָס איז אַ ווידוי אין ווערטער פון מענטשן, וואָס זענען נישט בכח צו ווייזן עפּעס־וואָס אין מעשים. דערדאָזיקער יובילעאום־מאַניפעסט וועט דעם פּאָליטישן צוזאַמענברוך פון איצטיקן קורס נישט אויפהאַלטן, נאָר אים צואיילן.

דער רעזשים פון אונטערדריקן די פּאַרטיי פליסט אומפאַרמיידלעך אַרויס פון דער גאַנצער פּאָליטיק פון דערדאָזיקער פירערשאַפט. הינטערן רוקן פון די עקסטרעמע ביוראָקראַטן שטייט די דערוואַכנדיקע אינערלעכע בורזשואַזיע, און הינטער איר רוקן — די וועלט־בורזשואַזיע. דידאָזיקע אַלע כחות דריקן אויף דעם פּראָלעטאַרישן פאָרקעמפער און שטערן אים אויפצוהויבן זיין קאָפּ אָדער אויפצומאַכן דאָס מויל. וואָס מער די פּאָליטיק פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט ווייכט אָפּ פון וועג פון פּראָלעטאַרישן קלאַס, אַלץ מער איז זי געצוווּנגען אַרויס-

צוצווינגען אויפן פּראָלעטאַריער דידאָזיקע פּאָליטיק מיט אונטערדריקונגס-מעטאָדן. דאָס איז די עיקרדיקע סיבה פון דער איצטיקער אומדערטרעגלעכער לאַגע אין דער פּאַרטייאָנפירונג.

אויב די מאַרטינאָווס, שמעראַלס, ראַפּיסעס און פּעפּערס שפּילן אַ ראָלע אין דער אָנפירונג פון דער כינעזישער רעוואָלוציע, און מראַשקאָווסקי, סערעבריאַקאָוו, פּרעאָבראַזשענסקי, שאַראָוו און סאַרקיס זענען אַרויסגעשטויסן פון דער פּאַרטיי דערפאַר, ווייל זיי דרוקן און פאַרשפּרייטן אַ באָלשעוויסטישע פּראָגראַם פאַר דעם קומענדיקן קאָנגרעס, טאָ טראָגן דידאָזיקע פאַקטן נישט נאָר אַן אינערלעך-פּאָליטישן כאַראַקטער. זיי זענען אַן אַלגעמיינער אויסדרוק פאַר דעם פאַרשווינדנדיקן קלאַסנקאַמפּכאַראַקטער פון אונזער פּאָליטיק. די וועלטבורזשואַזיע און די אינערלעכע בורזשואַזיע — דידאָזיקע לעצטע, נאַטירלעך, נישט אין אַזאַ אומפאַרשעמטער מאָס — דריקן געמיינזאַם קעגן דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און זיינע פּראָלעטאַרישע פּאָרקעמפער, און דעמדאָזיקן טאָפּלטן דרוק מוז מען גלייכצייטיק שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אָבער די־יעניקע עלעמענטן פון אַרבעטנדיקן קלאַס און פון דער פּאַרטיי, וועלכע האָבן צוערשט געפילט די אָנקומענדיקע געפאַר און וועגן איר גערעדט — די אמתע רעוואָלוציאָנערע, אַנטשלאָסענע, ווייטבליקנדיקע און אומבויגזאַמע פּאָרקעמפער פון אַרבעטערקלאַס — זיי בילדן היינט די רייען פון דער אָפּאָזיציע. דידאָזיקע רייען פילן זיך אָן סיי אין אונזער פּאַרטיי, סיי אין אינטערנאַציאָנאַל. פאַקטן און געשעענישן פון געוואַלטיקער באַדייטונג באַפעסטיקן די שטעלונג, וועלכע מיר האָבן פאַרנומען. זייערע באַדריקונגען פאַרשטאַרקן אונזערע רייען, זיי געווינען פאַר אונז די בעסטע פון די „אַלטע" אין דער פּאַרטיי, זיי האַרטעווען די יונגע און זאַמלען די עכטע באָלשעוויקעס צווישן זיי אַרום דער אָפּאָזיציע. די אָפּאָזיציעפּערזאָנען, וועלכע זיי האָבן אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי, זענען באמת די בעסטע פּאַרטיימיטגלידער. אָבער די אַנדערע, די שולדיקע אין די אויסשליסונגען און אַרעסטן בילדן נאָר — אויב זיי ווייסן דאָס אפילו נישט און פאַרשטייען דאָס נישט — די אינסטרומענטן, אַדאַנק וועלכע די אַנדערע קלאַסן שפּאַרן אָפּ אויף צוריק דעם פּראָלעטאַריאַט.

דורכדעם, וואָס די הערשנדיקע גרופּע פּרובירט אַריינצודעפּטשען אונזער פּראָגראַם אין בלאָטע, פּירט זי נאָר אויס דעם סאָציאַלן געבאָט פון אוסטריאַלאָוו און פון דער ווידעראויפלעבנדיקער קליינער און מיטלער בורזשואַזיע. אין קעגנזאַץ צו דער אויסשטאַרבנדיקער אַלטער עמיגראַנטן-בורזשואַזיע שטרעבט נישט אוסטריאַלאָוו, דער טיכטיקער, ווייטבליקנדיקער פּאָליטיקער פון דער נייער בורזשואַזיע, צו דער קאָנטררעוואָלוציע, אָדער צו וועלכע נישט איז אומרוען. ער וויל נישט אַריבערשפּרינגען קיין שום שטופּעס. די נאָענטסטע שטופּע איז פאַר אוסטריאַלאָוון דער סטאַלינקורס. אוסטריאַלאָוו דופּנט גאַנץ אָפן אויף סטאַלינס שפּיל. אוסטריאַלאָוו פאַרלאַנגט פון סטאַלינען, ער זאָל באַזייטיקן די אָפּאָזיציע, און ווען סטאַלין שליסט אויס און אַרעסטירט די מיטגלידער פון דער אָפּאָזיציע און באַשולדיקט זיי אין אַ טערמידאָרישער פאַרשווערונג און אין אַ מיליטערפאַרשווערונג מיט אַ וורַאַנגעלאָפיציר—דערפילט ער אוסטריאַלאָווס באַפעלן.

די אוממיטלבאַרע אויפגאַבע, וועלכע סטאַלין האָט זיך געשטעלט, איז די צעשפּליטערונג פון דער פּאַרטיי, די באַזייטיקונג פון דער אָפּאָזיציע, דאָס צוגעווינען די פּאַרטיי צו דער מעטאָדע פון עקזעקוציעס. פאַשיסטישע באַנדעס פון אויספייפער, פויסטשלעגער, דאָס וואַרפן מיט ביכער און שטיינער, די תפיסהקראַטעס — דאָ איז דער סטאַלין-רעזשים געבליבן שטיין אַ ווײַלע אויף זיין וועג, אָבער די ריכטונג איז אָנגעצייכנט. צוואָס זאָלן די יאַראָסלאַווסקיס, שווערניקס, גאָלאָשקינס און אַנדערע זיך אַריינלאָזן אין ערלעכע דיסקוסיעס מיט דער אָפּאָזיציע וועגן רעגירונגס-סטאַטיסטיקעס, ווען זיי קענען פּשוט וואַרפן אַ שווערן באַנד פון דידאָזיקע סטאַטיסטיקעס אין אָפּאָזיציאָנערס קאָפּ? דער סטאַליניזם געפינט אין אַזאַ אַקט זיין אומפאַרשעמטסטן אויסדרוק און שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום כוליגאַניזם. און מיר חזרן איבער: דידאָזיקע פאַשיסטישע מעטאָדן זענען נאָר אַ בלינדע און אומבאַוווסטע דערפילונג פון סאָציאַלע באַפעלן מצד אַנדערע קלאַסן. דער ציל איז: אויסצושליסן די אָפּאָזיציע-מיטגלידער און אויב מעגלעך זיי באַזייטיקן דורך עקזעקוציעס. שוין איצט קען מען

הערן שטימעס: „מיר וועלן טויזנט אויסשליסן און הונדערט דערשיסן, דאן וועלן מיר האבן שלום אין דער פארטיי". דאס זענען שטימעס פון נישטיקע, פחדנותדיקע און פונדעסטוועגן אויך טייוואלאניש-פארבלענדעטע מענטשן. דאס איז די שטימע פון טערמידאר. די ערגסטע עלעמענטן, פארדארבן דורך מאכט, געבלענדט דורך ביוראקראטישער שנאה, גרייטן צו מיט דער באנצער קראפט דעם טערמידאר, דעם טאג פון דער רעוואלו-ציעס פארניכטונג. זיי דארפן האבן דערצו צוויי פארטייען. אבער זייערע אלע געוואלט-מעשים וועלן צעשמעטערט ווערן דורך דער מאכט פון אן ערלעכן פאליטישן קורס. אין דער טרייסאפט צו אזא קורס וועט דער רעוואלוציאנערער מוט פון די אפאזיציאנעלע רייען שטיין אומדערשיטערט פעסט. סטאלין האט נישט שאפן קיין צוויי פארטייען. מיר זאגן אפן צו דער פארטיי: די דיקטאטור פון פראלעטאריאט איז אין גע-פאר. און מיר זענען איבערצייגט אין דעם, אז די פארטיי, אין איר פראלעטארישן קערן, וועט אונז הערן, פארשטיין און זיך אנטקעגנשטעלן דער געפאר. די פארטיי איז שוין טיף דערשי-טערט. מארגן וועט זי אויפגערודערט זיין ביז צו די טיפסטע טיפענישן אירע.

הינטער די עטלעכע פאר טויזנט מאן אין די אמתע רייען פון דער אפאזיציע, קומט א צווייטע און א דריטע ריי פון אזעלכע, וועלכע זענען געטריי דער אפאזיציע, און הינטער זיי — נאך א ברייטערע שיכט פון ארבעטער-מאסן, וועלכע האבן שוין אנגעהויבן צו הערן אונזער שטימע און קערן זיך אין אונזער ריכטונג. דערדאזיקער פראצעס קען נישט אומגע-דרייט ווערן אויף צוריק. די ארבעטער, וועלכע געפינען זיך נישט אין דער פארטיי, האבן נישט געגלויבט די ליגנס און רכילותן קעגן אונז. זיין באַרעכטיקטע אומצופרידנקייט מיטן וווקס פון ביוראקראטיזם און אונטערדריקונג האט דער ארבעטנדיקער קלאס פון לענינגראד בולט אויסגעדריקט אין זיין דעמאנסטראציע פון 17-טן אקטאבער. דער פראלעטאריאט שטייט אומדערשיטערלעך פאר דער ראטנמאכט, אבער ער פא-דערט אן אנדער פאליטיק און ער וועט זי אומבאדינגט דורכ-פירן. סטאלינס סיסטעם איז קעגן דעם מאכטלאז. וואס ברוי-

טאַלער עס זענען זיינע אונטערדריקונגס מיטלען, אַלץ שטאַרקער ווערט דער אויטאָריטעט פון דער אָפּאָזיציע אין די אויגן פון די איינפאַכע פּאַרטיימיטגלידער און פון אַרבעטער-קלאַס אין אַלגעמיין. פאַר יעדע הונדערט אָפּאָזיציאָנערן, וועלכע זיי פאַרשטויסן פון דער פּאַרטיי, וועלן טויזנט נייע אַריינדרינגען אין דער פּאַרטיי. דער אויסגעשלאָסענער אָפּאָזיציאָנער פילט זיך נאָך אַלץ אַלס פּאַרטיימיטגליד און בלייבט אַלס אַזעלכער. זיי קענען ביים עכטן באָלשעוויסטישן לעניניסט אַרויסרייסן מיט געוואַלט די פּאַרטייקאַרטע פון דער האַנט, זיי קענען אים אויף אַ צייט לאַנג באַרויבן פון זיינע פּאַרטייrעכט. ער וועט אָבער קיינמאָל זיך נישט אָפּזאָגן פון זיינע פּאַרטייפליכטן. ווען יאַנסאָן האָט געפרעגט מראַשקאָווסקין אויף דער זיצונג פון דער צענטראַלער קאָנטראָל-קאָמיסיע, וואָס ער וואָלט געטאָן, ווען מען וואָלט אים אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי, האָט חבר מראַשקאָווסקי געענטפערט: „איך וואָלט אָנגעכאַפּט דעם רודער און געבליבן ביים אַלטן קורס". מיר שטייען ביים רודער פון באָלשעוויזם, עס וועט זיי נישט געלינגען אונז אָפּצורייסן פון אים. מיר האַלטן אים אויך ווייטער פעסט. זיי וועלן אונז נישט אָפּשניידן פון דעם אַרבעטנדיקן קלאַס. צו באַדריקונגען זענען מיר געוווינט, מיר זענען אויך געוווינט צו קלעפּ. מיר וועלן נישט איבערלאָזן די אָקטאָבער-רעוואָלוציע פאַר דער פּאָליטיק פון אַ סטאַלין, וואָס זיין גאַנצע פּראָגראַם קען אויסגעדריקט ווערן אין פאָלגנדיקע עטלעכע ווערטער: אונטערדריקונג פון פּראָלעטאַרישן קערן, פאַרברידערונג מיט די קאָמפּראָמיס-לייט פון אַלע לענדער, קאַפּיטולאַציע פאַר דער וועלט-בורזשואַזיע.

זיי שליסן אונז אויס פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט פּונקט איין חודש פאַרן אָנהויב פון פּאַרטייקאָנגרעס, וועלכן זיי האָבן שוין פאַרוואַנדלט אין אַ נעבעכדיקן ווערקצייג פון דער סטאַלינ-פּאַרטיי. דער פופצנטער קאָנגרעס וועט כלומרשט זיין דער העכסטער טריאומף פון זייער ביוראָקראַטישער סיסטעם. אין דער אמתן וועט ער זיך אַרויסווייזן אַלס אַ צייכן פון זייער פולשטענדיקער פּאָליטישער מפּלה. סטאַלינס נצחונות זענען די נצחונות פון פרעמדע קלאַסנכחות איבער די פּראָלעטאַרישע

פאַרקעמפער. די מפּלות פון דער פּאַרטיי, וועלכע ווערט אָנגע־פירט דורך סטאַלינען, זענען מפּלות פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. די פּאַרטיי פילט דאָס שוין. מיר וועלן העלפן, אַז דאָס זאָל ווייטער ווערן פאַרשטאַנען. די פּראָגראַם פון דער אָפּאָזיציע ליגט אויפן טיש פון דער פּאַרטיי. נאָכן פופצנטן קאָנגרעס וועט די אָפּאָזיציע אין דער פּאַרטיי ווערן אומענד־לעך שטאַרקער, ווי ביז איצט. די אָנקלאַג־רשימה פון אַרבעטנ־דיקן קלאַס און פון דער פּאַרטיי שטייען אין סתירה צו סטאַ־לינס ביוראָקראַטישער אָנקלאַג־רשימה. דער פּראָלעטאַריאַט דענקט לאַנגזאַם, אָבער טיף. אונזער פּראָגראַם וועט צוויילן דעמדאָזיקן פּראָצעס. די אַנטשיידונג ליגט אין לעצטן סך־הכּל אין גאַנג, וועלכן עס נעמט אָן די פּאָליטיק, אָבער נישט אין די פויסטן פון די ביוראָקראַטן. שליסט אונז היינט אויס פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט, ווי איר האָט נעכטן אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי סערעבריאַקאָוון און פּרעאָבראַזשענסקין, ווי איר האָט פישע־עוון און אַנדערע אַריינגעוואָרפן אין תּפיסה. אונזער פּראָגראַם וועט געפינען איר וועג. די אַרבעטער פון דער גאַנ־צער וועלט וועלן זיך פרעגן מיט טיפער באַזאָרגטקייט: „צו־ליב וועלכע טעמים אַרעסטירן און פאַרמשפּטן זיי אין צענטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע די בעסטע קעמפער פון יענע טעג? ווער איז באַהאַלטן הינטער דעם אַלעם? וועלכער קלאַס? אפשר דער קלאַס, וואָס האָט געזיגט אין אָקטאָבער? אָדער אפשר דער קלאַס, וואָס מאַכט טעמפּ דעם אָקטאָבער־זיג און גראָבט אים אונטער?“

אפילו די אָפּגעשטאַנענסטע אַרבעטער פון אַלע לענדער וועלן אויפגערעגט ווערן דורך אונזערע פאַרפאָלגונגען און גע־מען אין דער האַנט אַריין אונזער פּראָגראַם, כּדי אַליין צו דערגיין דעם אמת וועגן אייערע נידערטרעכטיקע רכילותן אין ענין פון וראַנגעלאָפיציר און פון דער מיליטערישער פאַר־שווערונג. אייערע פאַרפאָלגונגען, אויסשליסונגען, אַרעסטן וועלן מאַכן אונזער פּראָגראַם צום באַליבטסטן, געלייענטסטן און גע־שעצטסטן דאָקומענט פון דער אַרבעטערבאַוועגונג. שליסט אונז אויס. דעם זיג פון דער אָפּאָזיציע — דעם זיג פון דער רע־וואָלוציאָנערער איינהייט פון אונזער פּאַרטיי און פון קאָמו־ניסטישן אינטערנאַציאָנאַל וועט איר דורכדעם נישט אויפהאַלטן.

צווייטע טייל:

# דער אמת וועגן דער לאַגע אין ראַטנרוסלאנד

# אַלס הקדמה

אין זײַן רעדע אויפֿן לעצטן פּאַרטײקאָנגרעס, אין װעלכן ער האָט אָנטײלגענומען, האָט לענין געזאָגט: „מיר האָבן אַ יאָר צײַט געהאַט אין אונזערע הענט די מלוכהמאַכט — צי האָט זיך אָבער די נײַע װירטשאַפטלעכע סיסטעם אַנטװיקלט אין דער ריכטונג צו אונזער ציל? נײן. עס איז נישט אָנגענעם זיך מודה צו זײַן אין דעם, אָבער דאָס איז פּאַקטיש אַזוי נישט געװען. װי אַזוי־זשע איז געגאַנגען די אַנטװיקלונג? די מלוכהמאַשין גײט נישט אין דער ריכטונג, װוהין מיר פירן זי, נאָר אין יענער, אין װעלכער עס פירן זי עפּעס פאַרבאָרגענע, אומגעזעצלעכע און גאָט װײס פֿון־װאַנעט־זיך־דערנעמענדיקע שפּעקולאַנטן אָדער פּריװאַט־קאַפּיטאַליסטישע געשעפטסלײַט. אַ מאַשין גײט נישט תּמיד גענוי מיט איר װעג, זי גײט אַמאָל מיט אַ גאַנץ אַנדער װעג, װי עס שטעלט זיך פֿאָר דער, װעלכער שטײט בײַם רודער".

אין דידאָזיקע װערטער האָבן מיר דעם כּרובֿירשטײן, לױט װעלכן מיר דאַרפֿן באַאורטײלן די גרונדפּראָבלעמען פֿון אונזער פּאָליטיק. אין װעלכער ריכטונג גײט די מאַשין? גײט די מלוכה? גײט די מאַכט? גײען זײ אין דער ריכטונג, װי מיר, די קאָמוניסטן, װעלכע ברענגען צום אױסדרוק די אינטערעסן און דעם װילן פֿון די אַרבעטער און פֿון די ריזיקע פּױערים־מאַסן, װינטשן? אָדער זײ גײען נישט אין דערדאָזיקער ריכטונג? אָדער נישט „גאַנץ גענוי" אין דערדאָזיקער ריכטונג?

אין דידאָזיקע יאָרן זייט לענינס טויט האָבן מיר נישט איינמאָל פּרובירט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די צענטראַלע אָרגאַנען פון אונזער פּאַרטיי און שפּעטער פון דער גאַנצער פּאַרטיי אויף דעם פאַקט, אַז די געפאַר, אויף וועלכער לענין האָט אָנגעוויזן, האָט זיך באַדייטנדיק פאַרגרעסערט אַ דאַנק אַ פאַלשער פּירערשאַפט. די מאַשין גייט נישט אין דער ריכטונג, ווי דאָס פאָדערן די אינטערעסן פון די אַרבעטער און פּויערים. ערב דעם נייעם קאָנגרעס באַטראַכטן מיר פאַר אונזער חוב (נישט געקוקט אויף אַלע פאַרפאָלגונגען, וועלכע מיר שטייען אויס) מיט באַנייטער ענערגיע צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאַרטיי אויפן דאָזיקן פאַקט. ווייל מיר זענען זיכער, אַז די לאַגע קען געענדערט ווערן. זי קען געענדערט ווערן דורך דער פּאַרטיי גופא.

ווען לענין האָט געזאָגט, אַז די מאַשין גייט אָפּטמאָל אַזוי, ריכטיק ווי זי וואָלט אָנגעפירט געוואָרן דורך מענטשן, וואָס זענען פיינטלעך געשטימט צו אונז, האָט ער דורכדעם געצויגן אונזער אויפמערקזאַמקייט אויף צוויי פאַקטן פון גרעסטער באַדייטונג. קודם כל אויף דעם, אַז אין אונזער געזעלשאַפט עקזיסטירן אַזעלכע כחות, וואָס זענען פיינטלעך צו אונזער אַרבעט: די „קולאַקעס" — די פאַרמעגלעכע פּויערים — די נעפּלייט, די נייע פּריוואַטקאַפּיטאַליסטן — און ענדלעך די ביוראָקראַטן, — וועלכע נוצן אויס פאַר זיך אונזער אומטעטיקייט און אונזערע פּאָליטישע פעלערן און רעכענען אויס אויף דער אונטערשטיצונג פון אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַליזם. צווייטנס אויפן פאַקט, אַז דידאָזיקע כחות זענען גענוג שטאַרק צו שטופּן אין דער פאַלשער ריכטונג אונזער רעגירונגס- און ווירטשאַפטס-מאַשין, און אפילו פּרווון — צוערשט נאָך אויף אַ געהיימען אופן — אָנצוכאַפּן דעם רודער פון דער מאַשין.

לענינס ווערטער האָבן אויף אונז אַלע אַרויפגעלייגט פאָלגנדיקע פאַרפליכטונגען:

1. זאָרגעוודיק אַכטונג געבן אויפן וווקס פון דידאָזיקע פיינטלעכע כחות פון די קולאַקעס, נעפּלייט און ביוראָקראַטן.

2. נישט אַרויסלאָזן פון זינען, אַז מיטן אַלגעמיינעם ווידעראויפבלי פון לאַנד וועלן דידאָזיקע כחות שטרעבן צו פאַר-

גרעסערן אויך זייערע אייגענע פאָדערונגען און דורך אַן אַלץ וואַקסנדיקן דרוק אויף אונזער פּאָליטיק — צו באַפרידיקן דורך אונזער סיסטעם זייערע פערזענלעכע אינטערעסן.

3. אָננעמען אַלע מעגלעכע מאָסמיטלען, כּדי אָפּצושוואַכן דעם ווקס, די צוזאַמענאַרבעט און דעם דרוק פון דידאָזיקע פיינטלעכע כּחות און נישט דערלאָזן, זיי זאָלן פאַרווירקלעכן אין לעבן די אומיכטבאַרע, אָבער פאַקטיש-עקזיסטירנדיקע סיסטעם פון דאָפּלטער אָנפירונג מיט אונזער מלוכה-מאַשין, צו וואָס זיי שטרעבן.

4. אָפּן מיטצוטיילן אַלע אַרבעטנדיקע מאַסן דעם פולן אמת וועגן דידאָזיקע געשעענישן. אין דעם, אייגנטלעך, ליגט די הויפּטאויפגאַבע קעגן דער טערמידאַריסטישער סכּנה און פון קאַמף, וואָס ווערט געפירט קעגן איר.

זינט לענין האָט אַרויסגעזאָגט זיין וואָרנונג, האָבן זיך אַסך זאַכן פאַרבעסערט, אָבער אַסך אויך פאַרערגערט. דער איינפלוס פון מלוכהשן באַאַמטן-אַפּאַראַט וואַקסט אָן, אָבער צוזאַמען מיט דעם — די אונטערדריקונג פון די אַרבעטער דורך דער ביוראָקראַטיע. דער אַבסאָלוטער און רעלאַטיווער ווקס פון קאַפּיטאַליזם אויפן לאַנד און זיין אַבסאָלוטער ווקס אין די שטעט הויבן אָן אַרויסצורופן ביי די בירגערלעכע עלעמענטן פון אונזער לאַנד אַ פּאָליטישן זעלבסטבאַוווסטזיין. דידאָזיקע עלעמענטן פּרווון — און נישט שטענדיק אָן דערפאָלג— פרוכבע צו מאַכן די קאָמוניסטן, מיט וועלכע זיי קומען אין קאָנטאַקט ביי דער אַרבעט אָדער אויך געזעלשאַפטלעך. דער דעוויז, וועלכן סטאַלין האָט געלאָזט פאַלן אויפן פערצנטן פאַרטייקאָנגרעס: „געפאַר פון לינקס!” קען ב״ויז אַ טובה טאָן דער אוניע פון די רעטכסגעריכטעטע עלעמענטן אין דער פּאַרטיי מיט די בירגערלעך-געשטימטע עלעמענטן אין לאַנד.

די פראַגע: „ווער וועט מנצח זיין?” וועט געלייזט ווערן דורך אַן אומאויפהערלעכן קלאַסנקאַמף אויף אַלע פראָנטאָפּשניטן פון עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן — דורך אַ קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישן אָדער קאַפּיטאַליסטישן אַנטוויקלונגסוועג און דורך דער פאַרטיילונג פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה לויטן זיג פון דער ערשטער אָדער דער צוויי-

טער אַנטוויקלונגס־ריכטונג. אין אַ לאַנד מיט קליינע און גאַנץ קליינע פויערים און פּריוואַטאייגנטימער אַנטוויקלען זיך אָפט די וויכטיקסטע זאַכן אָן אַ צוזאַמענהאַנג און אויף אַ פּאַר־באָרגענעם אופן און רייסן זיך דאַן אַרויס אויף דער אויבער־פלאַך „אומדערוואַרט".

דער אויפטריט פון קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן קומט צו־ערשט צום אויסדרוק אין דער אויסבילדונג פון קלאַסנאונטער־שיידן אין דאָרף און אין דער פאַרמערונג פון די פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטן אין דער שטאָט. די אויבערשטע קרייזן אין דאָרף און די בירגערלעכע עלעמענטן אין דער שטאָט פאַרוועבן זיך אַלץ געדיכטער מיט די פאַרשיידענע צווייגן פון אונזער מלוכה־ווירטשאַפטלעכער סיסטעם. און דידאָזיקע סיסטעם איז נישט זעלטן באַהילפיק דער נייער בורזשואַזיע דורך פאַרשליי־ערן אונטער אַ סטאַטיסטישן נעפּל אירע דערפאָלגרייכע באַמי־אונגען צו פאַרגרעסערן דעם אָנטייל אין דער נאַציאָנאַל־הכנסה.

די מלוכהשע, קאָאָפּעראַטיווע און פּריוואַטע האַנדלס־סיסטעם פאַרשלינגט אַ ריזיקע טייל פון אונזער נאַציאָנאַל־הכנסה, מער ווי אַ צענטל פון דער אַלגעמיינער פּראָדוקציע. פון דער אַנדערער זייט האָט דער פּריוואַט־קאַפּיטאַל אין די לעצטע יאָרן געהאַט, אַלס האַנדלס־פאַרמיטלער, אין זיינע הענט אַ סך מער ווי אַ פינפטל פון אַלגעמיינעם האַנדל — אין אַב־סאָלוטע צאָלן, מער ווי פינף ביליאָן יערלעך. ביז היינט האָט דער איינפאַכער קאָנסומענט געקויפט מער ווי 50 פּראָצענט פון זיינע נויטיקע פּראָדוקטן ביי פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע פאַר־מיטלער. פאַר די פּריוואַטקאַפּיטאַליסטן איז דאָס די הויפּט־קוועלע פון פּראָפיט און אַקומולאַציע. דער אונטערשייד צווישן די פּרייזן פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע פּראָ־דוקטן, צווישן די גרויס־ און קליינהאַנדלספּרייזן, דער אונטער־שייד צווישן די פּרייזן אין די איינצלנע צווייגן פון דער לאַנד־ווירטשאַפט לויט די געגנטן און יאָר־תקופות, און ענדלעך דער אונטערשייד צווישן די היימישע און וועלטפּרייזן (שמוגל), זענען שטענדיקע קוועלן פון פּריוואַטער באַרייכערונג.

דער פּריוואַטקאַפּיטאַל נעמט וווכערישע צינזן דורך הלוואות און פאַרדינט געלט אויף די מלוכהפּאַפּירן.

אַזוי אַרום איז צו זען, אַז די ראָלע, וועלכע דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל שפּילט אין דער אינדוסטרי, איז אַ גאַנץ באַדייטנדיקע. אויב זי איז אַפילו אין דער לעצטער צייט רעלאַטיוו קלענער געוואָרן, האָט זי זיך דאָך אַבסאָלוט פאַרמערט. די רעגיסטרירטע פּריוואַטקאַפּיטאַליסטישע אינדוסטרי ווייזט אויף אַן אַלגעמיינע פּראָדוקציע פון 400 מיליאָן אַ יאָר. קליינע כאַלופּנישע אינדוסטריען ווייזן אויף מער ווי 1800 מיליאָן. אין גאַנצן מאַכט אויס די פּראָדוקציע פון די נישט-מלוכהשע באַטריבן מער ווי אַ פינפטל פון דער אַלגעמיינער סחורות-פּראָדוקציע און זי ליפערט אַרום 40 פּראָצענט פון די סחורות, וואָס קומען אויפן פּריוואַט-מאַרק. די איבערוויגנדיקע מערהייט פון דידאָזיקע פּראָדוקטן איז אויף אַזאַ אָדער אַנדער וועג געבונדן מיטן פּריוואַטן קאַפּיטאַל. די פאַרשיידנאַרטיקע אָפענע אָדער פאַרהילטע עקספּ/לואַטאַציע-פאָרמען פון האַנטאַרבעטער דורך האַנדלס- און הויזאַרבעטסקאַפּיטאַל איז גאַנץ באַדייטנדיק און זי בילדעט, — און דאָס איז נאָך וויכטיקער, — אַ כּסדר פאַרשטאַרקטן קוואַל פאַרן וווּקס פון דער נייער בורזשואַזיע.

שטייערן, לוינען, פּרייזן און קרעדיט זענען די הויפּטמיטלען צו פאַרטיילן די נאַציאָנאַלע הכנסה, צו פאַרשטאַרקן באַשטימטע קלאַסן און אָפּשוואַכן די אַנדערע.

די דאָרפישע שטייערן ווערן בדרך כּלל אַרויפגעלייגט אין אַ פאַרקערטער פּראָגרעסיע: שווער אויף די שוואַכע, לייכטער אויף די שטאַרקע און אויף די „קולאַקעס". לויט אומגעפערע אויסרעכענונגען האָבן 34 פּראָצ. פון די אָרעמע לאַנדבאַזיצער פון ראַטנפאַרבאַנד (אַפילו ווען מ'רעכנט נישט אַריין די פּראָווינצן מיט אַ הויכער אַנטוויקלונג פון קלאַסנאונטערשיידן, ווי דאָס איז די אוקראַינע, דער צפון-קאַווקאַז און סיביר) 18 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער הכנסה. פּונקט דיזעלבע אַלגעמיינע הכנסה, 18 פּראָצ., האָט די העכסטע גרופּע, וואָס באַשטייט בלויז פון 7,5 פּראָצענט לאַנדבאַזיצער. נישט געקוקט אויף דעם באַצאָלןביידע גרופּעס אומגעפער דעמזעלבן סכום, 20 פּראָצענט פון דער גאַנצער שטייערסומע. פון דידאָזיקע ציפערן ווערט קלאָר, אַז אויף דעם אייגנטום פון יעדן אָרעמען באַזיצער לייגט זיך דער שטייער מיט אַ שווערערער

לאַסט. ווי אויף דעם „קולאַק“ אָדער אויף דעם פאַרמעגלעכן באַזיצער בכלל. אין קעגנזאַץ צו דער מורא פון די פירער פון פערצנטן קאָנגרעס, האָט אונזער שטייערפּאָליטיק לחלוטין נישט „באַרויבט“ דעם קולאַק. זי שטערט אים אויף קיין האָר נישט אָנצוזאַמלען אָן אַן איפּהער אַלץ גרעסערע מאַסן גאָלד און גיטער.

די ראָלע, וועלכע עס שפּילן אין אונזער ביודזשעט די אומדירעקטע שטייערן, וואַקסט אין אַ באַאומרואיקנדיקער מאָס אויפן חשבון פון די דירעקטע שטייערן. דורכדעם אַליין ווערט די שטייער-לאַסט אויטאָמאַטיש אַריבערגעלייגט פון די שטאַרקע אַקסלען אויף די שוואַכערע. די באַשטייערונג פון די אַרבעטער אין די יאָרן 1925—1926 איז געווען צווייִמאָל אַזוי הויך ווי אין דעם פריערדיקן יאָר. כעת די באַשטייערונג פון דער איבעריקער שטאָטישער באַפעלקערונג האָט זיך פאַרקלענערט אויף 6 פּראָצ. דער בראָנפנשטייער פאַלט אינגאַנצן מיט מער אָדער ווייניקער אומדערטרעגלעכער שווערקייט אויף די אינדוסטריעלע געגנטן. די פאַרמערונג פון דער הכנסה פאַרן יאָר 1926, אין פאַרגלייך מיטן יאָר 1925, האָט פּראָ-פּערזאָן אויסגעמאַכט (לויט אומגעפערע אויסרעכענונגען) ביי די פויערים 19 פּראָצ., ביי די אַרבעטער 26 פּראָצ., ביי די סוחרים און אינדוסטריעלער 46 פּראָצ. ווען מען טיילט איין די פויערים אין דריי גרופּעס, ווערט אָן דעם מינדסטן ספק קלאָר, אַז די הכנסה פון פאַרמעגלעכן פויער האָט זיך פאַרמערט נישט-פּראָפּאָרציאָנעל מער אין פאַרגלייך מיט דעם אַרבעטערס די הכנסה פון די סוחרים און אינדוסטריעלער איז אָן ספק גרעסער. ווי דאָס קומט אויס לויט די שטייער-ידיעות. אָבער די דאָזיקע, אַביסל געפאַרבטע צאָלן באַווייזן קלאָר דעם וווּקס פון קלאַסן-אונטערשיידן.

די „שערל“, וועלכע עס שטעלט פאַר מיט זיך די אומגלייכקייט פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע פּרייזן, האָט זיך נאָך מער צעעפנט אין די לעצטע אָנדערטהאַלבן יאָר. דער פויער האָט באַקומען פאַר זיין פּראָדוקט נישט מער ווי איינס-און-אַפערטל פון פאַרמלחמהפּרייז און ער האָט באַצאָלט פאַר אינדוסטריפּראָדוקטן נישט ווייניקער ווי צוויי-און-צווייצענטלמאָל אַזוי פיל ווי פאַרן קריג. דאָס דאָזיקע איבערצאָלן

פון די פויערים, וועלכע ווערט אויך בעיקר געטראָגן דורך די אונטערשטע פויערים-קלאַסן, האָט אין פאַרגאַנגענעם יאָר אויסגעמאַכט א סומע פון אומגעפער אַ ביליאָן רובל, און זי פאַרגרעסערט נישט נאָר דעם קאָנפליקט צווישן לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטרי, זי פאַרשאַרפט אויך אין אַ שטאַרקער מאָס די קלאַסנאונטערשיידן אין דאָרף.

ביי די אונטערשיידן צווישן פּראָדוקציע- און קאָנסום-פּרייזן פאַרלירן סיי די מלוכה-אינדוסטרי, סיי די קאָנסומענטן, און דאָס באַווייזט די עקזיסטענץ פון אַ דריטן צד, וואָס פאַרדינט דערביי. דערדאָזיקער פאַרדינענדיקער צד איז דער פּריוואַטקאַפּיטאַליסט און דורכדעם — דער קאַפּיטאַליזם בכלל.

די פּאַקטישע לויגען זענען אין יאָר 1927 אין בעסטן פאַל געשטאַנען אויף דערזעלבער הויך ווי אין האַרבסט 1925. עס איז אָבער קיין שום ספק נישטאָ, אַז אין משך פון די צוויי צווישן-יאָרן איז דאָס לאַנד רייכער געוואָרן, אַז די אַלגעמיינע נאַציאָנאַל-הכנסה האָט זיך פאַרמערט. די „קולאַק"-קרייזן אין דאָרף האָבן פאַרגרעסערט זייערע לאַגערס מיט אַ רידיקער געשווינדקייט. די באַרייכערונג פון די פּריוואַט-קאַפּיטאַליסטן, פון די סוחרים און שפּעקולאַנטן איז געוואַקסן אין שפּרונגען. עס איז קלאָר, אַז דער אָנטייל פון דעם אַרבעטנדיקן קלאַס אין דער אַלגעמיינער הכנסה פון לאַנד איז געפאַלן, און אין דערזעלבער צייט האָט זיך דער אָנטייל פון די אַנדערע קלאַסן פאַרגרעסערט. דערדאָזיקער פאַקט האָט די גרעסטע וויכטיקייט ביים אָפּשאַצן אונזער גאַנצע לאַגע.

נאָר אַ מענטש, וואָס גלויבט אין די טיפעניש פון זיין האַרצן, אַז אונזער אַרבעטערקלאַס און אונזער פּאַרטיי זענען בכלל נישט פעאיק גובר צו זיין די שוועריקייטן און געפאַרן, וואָס שטייען פאַר זיי, — נאָר אַזאַ מענטש דאַרף באַצייכענען די אָפענע אָנווייזונג אויף דידאָזיקע סתירות אין אונזער אַנטוויקלונג און אויף דעם וווּקס פון דידאָזיקע פיינטלעכע כחות, אַלס „פּאַניק" אָדער „פּעסימיזם". מיר האַלטן זיך נישט ביי דערדאָזיקער מיינונג. ס'איז נויטיק צו קוקן די סכנות גלייך אין פּנים אַריין.

מיר ווייזן זיי, אַזוי ווי זיי זענען, כּדי זיי צו באַקעמפן אויפן ריכטיקן אופן און גובר זיין.

אַ געוויסער וווקס פון די פיינטלעכע כּחות פון די קולאַקעס, נעפּלייט און ביוראָקראַטן איז אומפאַרמיידלעך ביי דער נייער ווירטשאַפטספּאָליטיק. דידאָזיקע כּחות לאָזן זיך נישט אַזוי פּשוט צעשטערן דורך פאַרוואַלטונגסבאַפעלן אָדער דורך אַ ווירטשאַפטלעכן דרוק. דורכדעם וואָס מיר האָבן געשאַפן און אויסגעבויט די נייע פּריוואַטווירטשאַפט, דעם נעפּ, האָבן מיר מעגלעך געמאַכט אַ געוויסן פּלאַץ פאַר קאַפּיטאַליסטישע באַציאונגען אין אונזער לאַנד און אויף אַ לאַנגן, פאַר אונז ליגנדיקן פּעריאָד מוזן מיר זיי באַטראַכטן אַלס אומפאַרמיידלעך. לענין האָט אונז פּשוט דערמאָנט וועגן אַ נאַקעטן אמת, וועלכן די אַרבעטער האָבן געדאַרפט וויסן, ווען ער האָט געזאָגט: „כּל זמן מיר פאַרבלייבן אַ לאַנד פון קליין-פּויערים, איז רוסלאַנד אַ פעסטערע באַזע פאַר קאַפּיטאַליזם ווי פאַר קאָמוניזם. וועגן דעם דאַרפן מיר נישט פאַרגעסן... מיר האָבן דעם קאַפּיטאַליזם נישט אויסגעריסן מיט די וואָרצלען און דעם פונדאַמענט און דעם הויפּט-בנין פון אינערלעכן פיינט האָבן מיר נישט אונטערמינירט“.

דער אומענדלעך-וויכטיקער סאָציאַלער פאַקט, אויף וועלכן לענין ווייזט דאָ אָן, קען נישט, ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, אַזוי פּשוט באַזייטיקט ווערן. אָבער מיר קענען אים גובר זיין. מיר קענען אים באַקעמפן דורך אַ ריכטיקע, גוט-דורכגעטראַכטע און סיסטעמאַטישע קלאַסן-פּאָליטיק, וועלכע שטיצט זיך אויף די קליינע פּויערים און גייט צוזאַמען מיט די מיטעלע פּויערים. אַזאַ פּאָליטיק איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער פאַרשטאַרקונג פון די סאָציאַלע פּאָזיציעס פון פּראָלעטאַריאַט אויף דער גאַנצער וועלט, מיט אַ וואָס מעגלעך שנעלערער העכערער אַנטוויקלונג פון די פירנדיקע סאָציאַליסטישע צענטערס, וועלכע אַרבעטן ביים צוגרייטן און דורכפירן די פּראָלעטאַרישע וועלט-רעוואָלוציע.

אַ ריכטיקע לעניניסטישע פּאָליטיק שליסט איין אין זיך אויך אַ געוויסע געשיקטע מאַנעווּרירונג. אין קאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטישע כּחות האָט לענין אָפטמאָל נאָכגעגעבן אין

איינצלנע טיילן, כדי איבערצוכיטרעווען דעם פיינט. אָדער ער פלעגט צייטווייליק אָפּטרעטן, כדי נאָכהער צו מאַרשירן פאָראויס מיט אַ גרעסערן דערפאָלג.

אויך הײַנט איז נויטיק צו מאַנעווורירן. אָבער ביים אויסווייכן און מאַנעווורירן פאַר אַ פיינט, איז לענין פונדעסטוועגן תמיד געבליבן שטיין אויף דער ליניע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. אונטער זיין אָנפירונג פלעגט די פּאַרטיי וויסן די טעמים פון יעדן מאַנעוור, זי האָט געוווּסט זיין באַדייטונג, זיין ציל, די גרעניץ, וועלכן זי טאָר נישט אַריבערטרעטן, און די פּאָזיציע, ביי וועלכער עס וועט זיך ווידער אָנהויבן דער פּראָלעטאַרישער אָנגריף. אין יענע טעג, אין לענינס צייטן, האָט אָפּטרעטן געהייסן — אָפּטרעטן, נאָכגעבן — נאָכגעבן. אַ דאַנק דעם פלעגט די מאַנעווורירנדיקע פּראָלעטאַרישע אַרמיי תמיד אויפהיטן איר איינהייט, איר קאַמפגייסט, איר קלאָרע דערקענטעניש פון ציל.

אין דעם לעצטן פּעריאָד האָבן אונזערע פירער אַנטשיידן פאַרלאָזן דעמדאָזיקן לעניניסטישן מעטאָד. פון דער סטאַלינגרופּע ווערט די פּאַרטיי געפירט מיט צוגעבונדענע אויגן. דורכדעם, וואָס דידאָזיקע גרופּע באַהאַלט אויס דעם פיינטס כחות און פאַרשפרייט אומעטום און אין יעדער זאַך אַן אָפּיציעלן שיין פון דערפאָלג — גיט זי נישט דעם פּראָלעטאַריאַט קיין פאָרשטעלונג וועגן דער לאַגע, אָדער, — און דאָס איז נאָך ערגער, — זי גיט אים אַ פאַלשע פאָרשטעלונג. זי באַוועגט זיך אין זיגזאַגליניעס, פּאַסט זיך צו צו פיינטלעכע עלעמענטן און חנפעט זיך אַפילו צו זיי. זי שוואַכט אָפּ און צעטומלט די כחות פון דער פּראָלעטאַרישער אַרמיי, זי שאַפט אַ באָדן פאַר אומטעטיקייט, פאַר אומצוטרוי צו דער פירערשאַפט און טויט אָפּ די זיכערקייט אין דער מאַכט פון דער רעוואָלוציע. זי פאַרווישט, זיך פאַררופנדיק כסדר אויף לענינס מאַנעווורירן, איר גרונדלאָזע וואַקלעניש אַהין און אַהער, וואָס קיינער פאַרשטייט נישט און דעריבער שוואַכט עס נאָר אָפּ די כחות פון דער פּאַרטיי. דער איינציקער רעזולטאַט איז, אַז דער שונא געווינט דערביי צייט און גייט פאָראויס. די „קלאַסישע“ ביישפּילן פון דעם מין מאַנעווורירן האָבן סטאַלין, בוכאַרין

און ריקאָוו געליפערט אויפן אינטערנאַציאָנאַלן באָדן אין זייער כינעפּאָליטיק און אין זייערע אונטערהאַנדלונגען אין אַנגלאָ-רוסישן קאָמיטעט, און אין אינלאַנד אין זייער באַציאונג צום „קולאַק". אין דידאָזיקע אַלע פראַגעס האָבן די פּאַרטיי און דער אַרבעטערקלאַס אויסגעפונען דעם אמת אָדער אַ טייל אמת, אָבער ערשט נאָכדעם, ווי די שווערע פאָלגן פון דער דורך-און-דורך פאַלשער פּאָליטיק זענען געפאַלן אויף זייערע קעפּ.

צום סוף פון דידאָזיקע צוויי יאָר, אין וועלכע די סטאַלינגרופּע האָט באַמת באַשטימט די פּאָליטיק פון אונזער פּאַרטיי, קענען מיר באַטראַכטן אַלס דערוויזן, אַז דידאָזיקע גרופּע האָט נישט געקענט פאַרמיידן פאָלגנדיקע זאַכן:

1. דעם צו גרויסן וווּקס פון יענע כחות, וואָס באַמיען זיך אַריינצופירן די אַנטוויקלונג פון אונזער לאַנד אין די קאַפּיטאַליסטישע קאַנאַלן.

2. די אָפּשוואַכונג פון דער לאַגע פון אַרבעטנדיקן קלאַס און פון די אָרעמסטע פּויערים לגבי דער וואַקסנדיקער מאַכט פון „קולאַק", נעפּמאַן און ביוראָקראַט.

3. די אָפּשוואַכונג פון דער אַלגעמיינער לאַגע פון דער אַרבעטער-מלוכה אין קאַמף מיטן וועלט-קאַפּיטאַליזם, די דעגראַדירונג פון אינטערנאַציאָנאַלן פּרעסטיזש פון ראַטנפאַרבאַנד.

דער קאַרדינאַלער פעלער פון דער סטאַלינגרופּע איז דער, וואָס אַנשטאָט צו זאָגן דער פּאַרטיי, דעם אַרבעטנדיקן קלאַס און די פּויערים דעם פולן אמת וועגן דער לאַגע, האָבן זיי פּאַרטייעט פאַקטן, געמאַכט צו קליינגעלט דעם וווּקס פון די פיינטלעכע כחות און פאַרמאַכט דאָס מויל ביי די, וואָס האָבן פאַרלאַנגט דעם אמת און אים געוואָלט אַרויסזאָגן.

דער דעוויז „געפאַר פון לינקס", אין אַ צייט, ווען די גאַנצע לאַגע ווייזט אויף אַ געפאַר פון רעכטס, די גראָבע, מעכאַנישע אונטערדריקונג פון יעדער קריטיק, וואָס איז דאָך נאָר אַ באַרעכטיקטער ווערקרוף צום פּראָלעטאַריאַט וועגן גורל פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, דאָס שטילשווייגנדיקע, אָפענע דולדן דעם רוק אויף רעכטס, דאָס אונטערגראָבן דעם איינפלוס פון פּראָלעטאַרישן און אַלטבאָלשעוויסטישן קערן אין

דער פּאַרטיי — . אָט אַליין שוואַכט אָפּ און אַנטוואָפּנט דעם אַרבעטערקלאַס אין אַ אויגנבליק, וואָס פּאָדערט מער ווי ווען נישט איז אַקטיוויטעט פון פּראָלעטאַריאַט, וואַכזאַמקייט און איינהייט אין דער פּאַרטיי און טרייע צוגעבונדנקייט צו דער אמתער ירושה פון לעניניזם.

די פּאַרטייפירער שטיצן זיך אויף לענינען, קאָמענטירן פריי זיינע ווערטער און גיבן אים צו אַזעלכע הוספות, וואָס זענען זיי נויטיק, כדי צו פאַרדעקן זייערע כסדרדיקע פעלערן. זייט לענינס טויט האָט מען דערפונדן אַ גאַנצע ריי נייע טעאָריעס, און טאַקע נאָר צו דעם צוועק, כדי צוצוגעבן דער סטאַליניסטישער אַראָפּגליטשונג פון וועג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אַ טעאָרעטישע רעכטפאַרטיקונג. די מענשעוויקעס און די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע קוקן זיך צו און באַגריסן אין דער פּאָליטיק און אין די נייע טעאָריעס פון סטאַלין, בוכאַרין, מאַרטינאָוו אַ באַוועגונג „אַוועק פון לענינען“ (אוסטריאַלאָוו), „מלוכהמענישעס דענקען“ „רעאַליזם“. אַן אָפּקער פון די „אוטאָפּיעס“ פון רעוואָלוציאָנערן באָלשעוויזם. אין באַזייטיקן אַ מחנה באָלשעוויקעס — לענינס קאַמפסחברים — פון דער פּאַרטייאָנפירונג זעען זיי און באַגריסן אָפן אַ פאַקטישן טריט פאָראויס צו אַ גרינטלעכער ענדערונג פון פּאַרטיי-קורס.

דערווייל גרייטן צו די אינערלעכע פּראָצעסן אין דער גרופּע פון די נעפּלייט, פון די נייע פּריוואַטקאַפּיטאַליסטן ווייטערע געפאַרן פון זעלבן מין (ווייל זיי ווערן נישט אָפּגעהאַלטן און רעגולירט דורך קיין שום פעסטער קלאַסנפּאָליטיק).

פינאַנצוואַנציק מיליאָן קליינע פויערים-ווירטשאַפטן בילדן די הויפּטקוועלע פאַר די קאַפּיטאַליסטישע שטרעבונגען אין רוסלאַנד. די קולאַקנקאַסטע, וואָס בילדעט זיך ביסלעכווייז אַרויס פון דערדאָזיקער מאַסע חזרט איבער דעם פּראָצעס פון אַ פּרימיטיווער קאַפּיטאַל-אָנזאַמלונג און גראָבט אונטער די סאָציאַליסטישע פּאָזיציע מיט אַ ברייטן מינעגאַנג. דער ווייטערדיקער גורל פון דאָזיקן פּראָצעס הענגט אָפּ אין לעצטן סך הכל פון וווקס פון די מלוכהפאַבריקן אין פאַרהעלטעניש צום וווקס פון די פּריוואַטע אונטערנעמונגען. די לאַגזאַמע

אַנטוויקלונג פון אונזערע אינדוסטריען פאַרשטאַרקט געוואַלדיק דעם טעמפּ פון דער אויסבילדונג פון קלאַסנאונטערשיידן ביי די פויערים, און דערפון נעמען זיך די פּאָליטישע סכּנות.

„אין דער געשיכטע פון אַנדערע לענדער", האָט לענין געשריבן, „האָבן די „קולאַקעס" נישט איינמאָל ווידער צוריקגעשטעלט די מאַכט פון גוטבאַזיצער, פון די צאַרן, פריסטער און קאַפּיטאַליסטן. אַזוי איז געווען ביי אַלע פריערדיקע אייראָפּעאישע רעוואָלוציעס, ווו דעם קולאַק איז געלונגען — צוליב דער שוואַכקייט פון אַרבעטער — זיך אומצוקערן פון אַ רעפּובליק צו אַ מאָנאַרכיע, פון דער הערשאַפט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן צו דער אַלמעכטיקייט פון די עקספּלואַטאַטאָרס, די רייכע, די פּאַראַזיטן... דעם קולאַק קען מען לייכט אויסגלייכן מיט דעם גרויסגרונדבאַזיצער, מיטן צאַר און דעם פריסטער, אפילו דאַן ווען זיי האָבן געפירט צווישן זיך אַ קאַמף, אָבער קיינמאָל נישט מיט דעם אַרבעטערקלאַס".

ווער עס פאַרשטייט דאָס נישט, און עס גלויבט אין „דער אַנטוויקלונג פון די קולאַקעס צום סאָציאַליזם", דער טויג נאָר דערצו, ער זאָל דערלאָזן, אַז די רעוואָלוציע-שיף זאָל צעשמעטערט ווערן אין אַ אונטערוואַסער-פעלז.

אין אונזער לאַנד זענען דאָ צוויי עיקרדיקע פּאָזיציעס, וואָס שליסן זיך קעגנזייטיק אויס. איינע איז די פּאָזיציע פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס בויט אויף דעם סאָציאַליזם. די צווייטע איז די פּאָזיציע פון דער בורזשואַזיע, וואָס שטרעבט אַריבערצופירן אונזער אַנטוויקלונג אויף די קאַפּיטאַליסטישע רעלסן.

דער לאַגער פון דער בורזשואַזיע און פון קליינבירגערטום, וואָס שלעפּט זיך נאָך איר, לייגט זיין גאַנצע האָפנונג אויפן פּריוואַטן אונטערנעמונגסגייסט און אויף די איינצלאינטערעסן פון די אינדוסטריעלער. ער לייגט זיין האָפנונג אויפן פאַרמעגלעכן פויער און ער שטרעבט דערצו, אַז די קאָאָפּעראַטיוון, די אינדוסטריען און אונזער אויסערלעכער האַנדל זאָלן דינען די אינטערעסן פון דאָזיקן פויער. דערדאָזיקער לאַגער גלויבט, אַז די סאָציאַליסטישע אינדוסטרי האָט קיין שום ווערט

נישט אין דער מלוכהווירטשאַפט, אַז זי קען זיך נישט אַנט־ וויקלען אַזוי שנעל, כדי צו ברענגען שאָדן די אינטערעסן פון קאַפּיטאַליסטישן פויער. אין קאַמף פאַר אַ גרעסערער פּראָדוק־ טיווקייט פון דער אַרבעט זעט דער שטאַרקער־ווערנדיקער קליינ־ בירגער בלויז אַן אָנשטאַנונג פון ארבעטערס מוסקולן און נערוון. אין קאַמף פאַר נידעריקע פּרייזן זעט ער אַן אָרומ־ שניידן פון די אָנוואַקסנדיקע סאָציאַליסטישע אינדוסטריען אין אינטערעס פון קאַפּיטאַליסטישן האַנדל, און אין קאַמף מיט דער ביוראָקראַטיע — אַ צעטרייסלונג פון דער אינדוסטרי, אַן אָפּשוואַכונג פון די אָרגאַניזאַציע־צענטרען. ער זעט אין דעם אַן אָפּשטויסונג פון דער גרויסאינדוסטרי — דאָס הייסט, ווי־ דער אַן ענדערונג לטובת דעם פאַרמעגלעכן פּויער, — מיט דער באַנטער האָפנונג אויף אַנולירן דעם מלוכה־מאָנאָפּאָל אויפן אויסלענדישן האַנדל. דער ציל פון דאָזיקן גאַנצן קורס איז דער תחית המתים פון קאַפּיטאַליזם אין מלוכהשן פאַרטיילונגס־ פּלאַן. אין אונזער לאַנד הערשט אַ שטאַרקע טענדענץ אין דערדאָזיקער ריכטונג, און זי האָט אויך אַ השפעה אויף געווי־ סע קרייזן פון אונזער פאַרטיי.

דעם פּראָלעטאַרישן קורס האָט לענין באַשריבן אין פאָלגנ־ דיקע ווערטער:

„דעם זיג פון סאָציאַליזם און זיין דויער דאַרפן מיר ערשט דאַן האַלטן פאַר געזיכערט, ווען נאָכדעם, ווי די פּראָ־ לעטאַרישע מלוכהמאַכט וועט ענטגילטיק האָבן געבראָכן דעם ווידערשטאַנד פון די עקספּלואַטאַטאָרן און זי וועט זיין זי־ כער אין זייער פולער אונטערגעוואָרפנקייט און לאָיאַליטעט, וועט זי אָרגאַניזירן פונסניי די גאַנצע אינדוסטרי אויפן באַזיס פון אַ גרויס־מאַסשטאַביקער קאָלעקטיוופּראָדוקציע און דער נייסטער טעכניק, וואָס באַזירט אויף דער עלעקטריפיקאַציע פון דער גאַנצער ווירטשאַפט. נאָר אויפן דאָזיקן וועג וועלן די שטעט זיין אימשטאַנד צו געבן דעם אָפּגעשטאַנענעם און אומ־ דיפערענצירטן לאַנד אַזאַ שטאַרקע, טעכנישע און סאָציאַלע הילף, אַז דורכדעם וועט געשאַפן ווערן דער מאַטעריעלער באַ־ זיס פאַר אַן אומגעהייערן פּראָדוקטיוויטעט־אָנוווקס פון דער

אַגראַר- און קלײנפּויערלעכער אַרבעט, און די מאַכט פון בײשפּיל און דער אײגענער אינטערעס װע'ן צװינגען דעם קלײנעם לאַנדבאַזיצער ער זאָל איבערגײן צו אַ גרױסער קאָלעקטיװער מאַשין-לאַנדװירטשאַפט".

די גאַנצע פּאָליטיק פון אונזער פּאַרטײ-ביודזשעט, שטײערן, אינדוסטרי, לאַנדװירטשאַפט, אינערלעכער און אױסערלעכער האַנדל — אַלץ דאַרף אױפגעבױט װערן אױפן דאָזיקן באַזיס. דאָס איז דער פּרינציפּיעלער שטאַנדפּונקט פון דער אָפּאָזיציע. דאָס איז דער װעג צום סאָציאַליזם.

צװישן דידאָזיקע בײדע פּאָזיציעס — מיט יעדן טאָג דערנענטערן מיר זיך אַלץ מער צו דער ערשטער — מאַרשירן די סטאַליניסטן אין אַ ליניע, װאָס באַשטײט פון קורצע זיגזאַגבאַװעגונגען אױף לינקס און גרױסע — אױף רעכטס. דער לעניניסטישער קורס איז אַ סאָציאַליסטישע אַנטװיקלונג פון די פּראָדוקטיװע כּחות אין אַ כּסדרדיקן קאַמף מיטן קאַפּיטאַליסטישן עלעמענט. דער פּאַרבאַהאַלטענער בײבירגערלעכער קורס איז אַ אַנטװיקלונג פון די פּראָדוקטיװע כּחות אױף קאַפּיטאַליסטישע יסודות דורך אַ ביסלעכװײזער פּאַרצערונג פון די אָקטאָבער-דעראָבערונגען. דער סטאַלינקורס פּאַרלאַנגזאַמט פּאַקטיש די אַנטװיקלונג פון די פּראָדוקטיװע כּחות, ער שלאָגט אַראָפּ דעם רעלאַטיװן אײנפלוס פון סאָציאַליסטישן עלעמענט און גרײט אַזױאַרום צו דעם ענדלעכן דערפאָלג פון נײ-בירגערלעכן קורס. דער סטאַלינקורס איז נאָך געפערלעכער און פּאַרניכטנדיקער דערפאַר, װײל ער באַהאַלט די פּאַקטישע אָפּװײכונג פון סאָציאַליזם אונטער דער מאַסקע פון געװױנטע סאָציאַליסטישע װערטער און פּראַזעס. די ענטגילטיקע דורכפירונג פון אונזער װידעראױפבױפּראָצעס װאָלט באַלױכטן אַלע פּרינציפּיעלע פּראַגעס פון אונזער װירטשאַפטלעכער אַנטװיקלונג און במילא אונטערגעגראָבן סטאַלינס פּאָליטיק, װאָס איז אין קײן הינזיכט נישט דערװאַקסן צו די גרױסע פּראָבלעמעס — נישט פון דער כינעזישער רעװאָלוציע, נישט פון אַרבעטנדיקן קאַפּיטאַל אין װאַשנפּאַרבאַנד.

נישט געקוקט אױף דעם, װאָס די גראָבע פעלערן פון דער איצטיקער פירערשאַפט האָבן געבראַכט צו אַן אומענדלעך-

שווערער לאַגע, קען נאָך אַלץ געבראַכט ווערן אין אָרדענונג. עס איז אָבער אומבאַדינגט נויטיק צו ענדערן דעם קורס פון דער פּאַרטייאָנפירונג, אים שאַרף אומצוקערן אין דער ריכטונג, ווי לענין האָט זי אָנגעצייכנט.

# די לאַגע פון אַרבעטערקלאַס און די פּראָפאַראיינען

**די** אָקטאָבעררעוואָלוציע האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע געמאַכט אַ פּראָלעטאַריאַט צום הערשנדיקן קלאַס אין אַ ריזיקער מלוכה. דאָס פאַרמלוכהשן די פּראָדוקציע-מיטלען איז געווען אַ אַנטשיידנדיקער טריט אין דער ריכטונג צו דער סאָציאַליזאַציע פון יענער גאַנצער סאָציאַלער סיסטעם, וואָס האָט באַזירט אויף דער עקספּלואַטאַציע פון איין מענטשן דורכן צווייטן. דאָס איינפירן דעם אַכטשעהדיקן אַרבעטסטאָג איז געווען דער ערשטער טריט צו אַ געוואַלטיקן וווקס פון די מאַטעריעלע און קולטורעלע עקזיסטענצבאַדינגונגען פון אַרבעטערקלאַס. נישט געקוקט אויף דער אָרעמקייט פון לאַנד האָבן אונזערע אַרבעטסגעזעצן געגעבן די אַרבעטער — אַפילו די אָפּגעשטאַנענסטע, וואָס האָבן פריער נישט גענאָסן פון דער מינדעסטער גרופּנפאַרטיידיקונג — געזעצלעכע גאַראַנטיעס, וועלכע די רייכסטע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות האָבן קיינמאָל נישט געגעבן און וועלן זיי קיינמאָל נישט געבן. די פּראָפאַראיינען, וואָס זענען איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אומענדלעך וויכטיקע ווערקצייג אין דער האַנט פון אַ רעגירנדיקן קלאַס, האָבן באַקומען די מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן מאַסן, — וועלכע וואָלטן ביי אַנדערע אומשטענדן געבליבן לגמרי אָפּגעשלאָסן פאַר זיי, — און גלייכצייטיק צו באַאיינפלוסן דירעקט דעם גאַנצן פּאָליטישן קורס פון דער אַרבעטערמלוכה.

די פּאַרטיי האָט די אויפגאַבע צו זיכערן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דידאָזיקע גרעסטע געשיכטלעכע דערגרייכונגען — דאָס הייסט, זיי אָנפילן מיט אַן עכטן סאָציאַליסטישן גייסט. אונזער דערפאָלג אויפן דאָזיקן וועג וועט אָפּהענגען פון די פּאַקטישע נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע באַדינגונגען, דורך דעם ריכטיקן אופן פון אונזער האַנדלען און דורך די פּראַקטישע פעאיקייטן פון אונזער פירערשאַפט.

דער אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר ביים אָפּשאַצן דעם פּראָגרעס פון אונזער לאַנד אויפן וועג צום סאָציאַליזם מוז קודם כּל זיין — לעבן דעם וווקס פון אונזערע פּראָדוקטיוו-כּחות און דער הערשאַפט פון די סאָציאַליסטישע עלעמענטן איבער די קאַפּיטאַליסטישע — אַ אַנטשיידנדיקע פאַרבעסערונג פון די עקזיסטענצבאַדינגונגען פון אַרבעטערקלאַס. דידאָזיקע פאַרבעסערונג וואָלט געמוזט קומען צום אויסדרוק אויפן מאַטעריעלן געביט (די צאָל אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט אין דער אינדוסטריע, דער וווקס פון די רעאַלע לוינען, דער כאַראַקטער פון אַרבעטערביודזשעט, מעדיצינישע הילף און אַז. ווייט.), אויפן פּאָליטישן געביט (פּאַרטיי, פּראָפּאַראייניען, ראַטן, קאָמוניסטישע יוגנטאָרגאַניזאַציעס) און ענדלעך אויפן קולטורעלן געביט (שולן, ביכער, צייטונגען, טעאַטער). די באַמיאונגען צו פאַררוקן די אמתע קאָנקרעטע אינטערעסן פון די אַרבעטער אין הינטערגרונט און אונטערן פאַראַכטנדיקן נאָמען פון אַ „גילדענסאָציאַליזם” אַנטקעגנשטעלן זיי דעם אַלגעמיינעם היסטאָרישן אינטערעס פון אַרבעטערקלאַס, איז טעאָרעטיש פאַלש און פּאָליטיש געפערלעך.

דאָס, וואָס אַן אַרבעטערמלוכה נעמט צו דעם מערווערט איז, נאַטירלעך, קיין עקספּלואַטאַציע נישט. אָבער ערשטנס האָבן מיר אַן אַרבעטערמלוכה אין אַ ביוראָקראַטישער פאַרקריפּלונג. דער אָנגעשוואָלענער און פּריווילעגירטער פאַרוואַלטונגס-אַפּאַראַט פאַרשלינגט אַ גאַנץ חשובע טייל פון אונזער מערווערט. און צווייטנס: דורך דעם צווישנהאַנדל און דער שפּעקולאַציע מיט די אומנאָרמאַלע פּרייזאונטערשיידן, לייגט אַריין די אָנוואַקסנדיקע בורזשואַזיע צו זיך אין קעשענע אַ גרויסע טייל פון מערווערט, וועלכער ווערט געשאַפן דורך אונזער מלוכה-אינדוסטריע.

אין אַלגעמיין האָבן זיך געהויבן אין משך פון דאָזיקן ענדערונגס-פעריאָד סיי די צאָל און סיי די עקזיסטענצבאַדינגונגען פון די אַרבעטער נישט נאָר אַבסאָלוט, נאָר אויך רעלאַטיוו — דאָס הייסט אין שייכות מיטן וווקס פון די אַנדערע קלאַסן. אָבער אין דער לעצטער צייט איז דאָ אַריינגעטראָטן אַ שאַרפע ענדערונג. עס האָט זיך כמעט ווי אָפּגעשטעלט סיי דער ציפערמעסיקער וווקס פון אַרבעטערקלאַס, סיי די פאַרבעסערונג פון זיין לאַגע, בעת דער וווקס פון זיינע פיינט דויערט און נעמט אפילו אָן אַ שנעלערן טעמפּ. דאָס פירט אומפאַרמיידלעך נישט נאָר צו אַ פאַרערגערטער לאַגע פון די פאַבריק-אַרבעטער, נאָר אויך צו אַ פאַרמינערונג פון פּראָלעטאַריאַטס רעלאַטיווער באַדייטונג אין דער ראַטנגעזעלשאַפט.

די מענשעוויקעס, די שפּיאָנען פון דער בורזשואַזיע צווישן די אַרבעטער, ווייזן טריאומפירנדיק אָן אויף דעם מאַטעריעלן עלנט צווישן אונזערע אַרבעטער. זיי באַמיען זיך אויפצוהעצן דעם פּראָלעטאַריאַט קעגן דער ראַטנמלוכה און ברענגען אונזערע אַרבעטער דערצו, זיי זאָלן אָננעמען דעם בירגערלעך-מענשעוויסטישן דעוויז: „צוריק צום קאַפּיטאַליזם”. דער זעלבסטצופרידענער מלוכהבאַאַמטער, וועלכער זעט איין „מענשעוויזם” אין דער פאָדערונג פון דער אָפּאָזיציע צו פאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון די אַרבעטער, טוט דערמיט דעם מענשעוויזם די גרעסטע טובה. ער טרייבט די אַרבעטער אונטער זיין געלע פאָן.

כדי גובר צו זיין שוועריקייטן, איז נויטווענדיק זיי צו קענען. עס איז נויטווענדיק גערעכט און ערלעך צו קאָנטראָלירן אונזערע דערפאָלגן און מפּלות אין ליכט פון דער אמתער לאַגע פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן.

## די לאַגע פון די אַרבעטער

אונזער ווידעראויפבוי-פעריאָד האָט ביז האַרבסט 1925 געבראַכט מיט זיך אַ גענוג שנעלן וווקס פון די לוינען. אָבער די באַדייטנדיקע איינשרומפּונג פון די רעאַללוינען, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1926, האָט זיך איינגעגעבן גובר צו זיין ערשט אין אָנהויב פון יאָר 1927. די מאָנאַטסלוינען

אין די ערשטע צוויי קוואַרטאַלן פון שטייער-יאָר 1926—1927 האָבן אין דורכשניט אויסגעמאַכט אין דער גרויס-אינדוסטרי אין מאָסקווער רובלס: 30 רובל 67 קאָפּ. און 30 רובל 33 קאָפּ — קעגן 29 רובל 68 קאָפּ. אין האַרבסט 1925. אין דריטן קוואַרטאַל האָט דער לוין — לויט דערווײַליקע אויסרעכענונגען — באַטראָפן 31 רובל 62 קאָפּ. אַזוי אַרום זעען מיר, אַז די רעאַל-לוינען זענען אין איצטיקן יאָר געבליבן שטיין אומגעפער אויף דער הויך פון האַרבסט 1925.

די לוינען און די אַלגעמיינע מאַטעריעלע לאַגע פון באַזונדערע אַרבעטערקאַטעגאָריעס און אין באַזונדערע קרייזן — קודם כל אין מאָסקווע און לענינגראַד — זענען אָן שום ספק העכער ווי זייער, דורכשניט. אָבער דערפאַר בלייבט די מאַטעריעלע לאַגע פון אַנדערע זייער פאַרשפּרייטע אַרבעטערשיכטן, באַדייטנדיק נידעריקער ווי דידאָזיקע דורכשניטסצאָלן.

חוצדעם ווייזן אויף אַלע סטאַטיסטיקעס, אַז דער וווקס פון די לוינען בלייבט הינטערשטעליק לגבי דער פאַרגרעסערטער פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט. די אינטענסיווקייט פון דער אַרבעט ווערט פאַרמערט — די שלעכטע אַרבעטסבאַדינגונגען בלייבן דיזעלבע.

די העכערונג פון די לוינען ווערט אַלץ מער און מער פאַרבונדן מיט דעם תנאי פון אַ גרעסערער אַרבעטס-אינטענסיווקייט. דידאָזיקע נייע טענדענץ, וואָס שטייט אין שאַרפער סתירה צו אַ סאָציאַליסטישן אַנטוויקלונגסגאַנג, האָט נאָך דער צענטער-אויספיר-קאָמיטעט פאַרשטאַרקט דורך זיין באַקאַנטער רעזאָלוציע וועגן ראַציאָנאַליזאַציע פון דער פּראָדוקציע. דער פערטער ראַטנקאָנגרעס האָט אויך אָנגענומען דידאָזיקע רעזאָלוציע. אָבער אַזאַ פּאָליטיק באַדייט נישט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר, אַז דער ווילשטאַנד (פאַרגרעסערטע פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט), וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך דער טעכנישער אַנטוויקלונג, פירט נישט אויטאָמאַטיש צו אַ פאַרגרעסערונג פון די לוינען.

דער קליינער צאָל-אָנוווקס פון די אַרבעטער באַדייט די פאַרמינערונג פון דער צאָל אַרבעטנדיקע גלידער פון יעדער פאַמיליע. אין רעאַלע רובלס האָט זיך דער הוצאות-ביודזשעט

פון דער אַרבעטערפאַמיליע פאַרמינערט זייט 1924—1925. דער וווּקס פון דירה־געלט האָט דעם אַרבעטער געצוווּנגען צו פאַר־דינגען אַ טייל פון זיין וווינונג. די אַרבעטסלאָזע באַלאַסטן דירעקט אָדער אומדירעקט דעם ביודזשעט פון די אַרבעטער. דער שנעלער וווּקס פון אַלקאָהאָל־געברויך באַלאַסטעט זיין ביודזשעט. אין דער אַלגעמיינער סומע האָבן מיר אַ בולטע זינקונג פון זיין לעבנס־ניוואָ. די ראַציאָנאַליזאַציע פון דער פּראָדוקציע, וואָס איז איצט איינגעפירט געוואָרן, וועט אומ־פאַרמיידלעך נאָך מער אַראָפּדריקן די לאַגע פון אַרבעטער־קלאַס, אויב זי וועט נישט ווערן באַגלייט דורך אַ פאַרברייטערונג פון דער אינדוסטרי און האַנדל, וועלכע זאָלן אויפנע־מען די אָפּגעזאָגטע אַרבעטער. אין דער פּראַקטיק ענדיקט זיך אָפט די „ראַציאָנאַליזאַציע" מיט „ארויסוואַרפן" אַרבעטער און מיט פאַרערגערן די מאַטעריעלע לאַגע פון די איבעריקע. דאָס ברענגט צום אומפאַרמיידלעכן רעזולטאַט, אַז די אַרבעטערמאַסע ווערט אָנגעפילט מיט אומצוטרוי קעגן דער ראַציאָנאַליזאַציע גופא.

ביי אַ פאַרערגערונג פון די אַרבעטסבאַדינגונגען, ליידט תמיד אַמעיסטן די שוואַכסטע גרופּע: נישט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער, סעזאָן־אַרבעטער, פרויען און יוגנטלעכע.

אין יאָר 1926 איז בולט געזונקען דער לוין פון פרויען, אין פאַרגלייך מיטן לוין פון די מענער, און דערביי כמעט אין אַלע אינדוסטרי־צווייגן. צווישן די נישט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער פון דריי פאַרשיידענע אינדוסטרי־צווייגן, האָט דער פאַרדינסט פון די פרויען אויסגעמאַכט אין מערץ 1926 בלויז 51,8 פּראָצענט, 61,7 פּראָצענט און 83 פּראָצענט פון מענער־פאַרדינסט. בויטעוודיקע מאָסמיטלען אויף צו פאַרבעסערן די אַרבעטסבאַדינגונגען פאַר פרויען אין אַזעלכע צווייגן ווי די טאָרפאינדוסטרי, דאָס אָנלאָדן און אויסלאָדן און אַז. וו. זע־נען נישט דורכגעפירט געוואָרן. די דורכשניטסלוינען פון יוגנט־לעכן האַלטן כסדר אין איין פאַלן אין פאַרגלייך צו די אַל־געמיינע אַרבעטערלוינען. אין יאָר 1923 האָבן זיי אויסגעמאַכט 47,1 פּראָצ., 1924 — 45 פּראָצ., 1925 — 43,4 פּראָצ. 1926— 40,5 פּראָצ., 1927 — 39,5 פּראָצ.

אין מערץ 1926 האָבן 49,5 פּראָצענט יוגנטלעכע באַקו־מען ווייניקער ווי 20 רובל. דאָס אַנולירן די פאַראָרדענונג, אַז אין יעדער אינדוסטריאונטערנעמונג מוז אויף אַ באַשטימטער צאָל אַרבעטער באַשעפטיקט ווערן אַ באַשטימטע צאָל יוגנטלעכע, איז גע־ווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר דער אַרבעטנדיקער יוגנט און פאַר די אַרבעטערפאַמיליעס. די צאָל אַרבעטסלאָזע יוגנטלעכע וואַקסט בסדר גאַנץ שטאַרק.

## לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט

פון די קרוב פערטהאַלבן מיליאָן לוינאַרבעטער אויפן לאַנד זענען 1.600.000 לאַנדווירטשאַפטלעכע הילפסאַרבעטער, מענער און פרויען. בלויז 20 פּראָצענט פון דידאָזיקע הילפס־אַרבעטער זענען אָרגאַניזירט אין פּראָפאַראיינען. די מלוכהשע רעגיסטראַציע פון לוינקאָנטראַקטן, וואָס זענען אָפט אזוי בי־דעריק, אַז פאַקטיש באַדייטן זיי — שקלאַפעריי, האָט זיך נאָך קוים אָנגעהויבן: די לוינען פון די לאַנדאַרבעטער שטייען געוויינלעך נידעריקער פאַרן געזעצלעכן מינימום — און דאָס אָפטמאָל אַפילו אויף די ראַטנגיטער. די רעאַלע לוינען שטייגן דורכשניטלעך נישט איבער 63 פּראָצ. פון פאַרמלחמהדיקע לוי־נען. דער אַרבעטסטאָג דויערט בלויז זעלטן ווייניקער ווי צען שעה. אין רוב פאַלן איז ער פאַקטיש אומבאַגרענעצט. לוינען ווערן אומרעגלמעסיק געצאָלט, אָפט ערשט נאָך אַן אומדער־טרעגלעכן אָפּשלעפּן. דידאָזיקע עלנטע לאַגע פון די לוינאַר־בעטער איז נישט נאָר אַ רעזולטאַט פון די שוועריקייטן, וואָס נעמען זיך פון בויען דעם סאָציאַליזם אין אַ אָפּגעשטאַנענעם, פויערישן לאַנד. זי איז אָן שום ספק אויך אַ רעזולטאַט פון פאַלשן קורס, וואָס אין זיין פּראַקטישער טעטיקייט לייגט ער דער עיקר אַכט אויף די אויבערשטע שיכטן פון דאָרף און נישט אויף די אונטערשטע. מיר מוזן איינשטעלן אַן אַלזיי־טיקן סיסטעמאַטישן שוץ פון די לוינאַרבעטער נישט נאָר קעגן דעם „קולאַק”, דעם רייכן פויער, נאָר אויך קעגן דעם אַזוי־גערופענעם פאַרמעגלעכן מיטלפויער

## די וווינונגספראגע

דער נאָרמאַלער וווינשטח פאַר די אַרבעטער איז בדרך כלל באַדייטנדיק קלענער, ווי דער דורכשניטלעכער שטח פון דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג. די אַרבעטער אין די גרויסע אינדוסטרישטעט זענען אין דערדאָזיקער הינזיכט דער צום ערגסטן באַהאַנדלטער טייל באַפעלקערונג. די אונטערזוכונג פון אַ ריי שטעט האָט אויפגעוויזן פאָלגנדיקע פאַרטיילונג פון וווינשטח פאַר די איינצלנע סאָציאַלע גרופּעס:

פאַר די אינדוסטרי־אַרבעטער 5,6 קוואַדראַטמעטער, פאַרן גייסטיקן אַרבעטער 6,9, פאַרן קינסטלער 7,6, פאַרן קוואַליפיצירטן אַרבעטער 10,9 און פאַרן נישט־אַרבעטנדיקן עלעמענט 7,1 קוואַדראַטמעטער. די אַרבעטער פאַרנעמען דעם לעצטן פּלאַץ. חוצדעם פאַרקלענערט זיך פון יאָר צו יאָר די גרויס פון די אַרבעטערוווינונגען, אָבער די וווינונגען פון די נישט־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פאַרגרעסערן זיך. די אַלגעמיינע לאַגע אויפן געביט פון וווינונגס־צובוי באַדראָט די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטרי. נישט געקוקט אויפן דאָזיקן פאַקט גיט אָן דער פינפיאָרפּלאַן פון דער קאָמיסיע פאַר מלוכה־אונטערנעמונגען אַזאַ ביודזשעט אויף בויען וווינהייזער, וואָס לויט אים וועלן די וווינונגספאַרהעלטענישן צום סוף פון דידאָזיקע פינף יאָר זיין ערגער, ווי זיי זענען איצט. די קאָמיסיע אָנערקענט עס אַליין. פון 11,3 קוואַדראַטאַרשין צום סוף פון יאָר 1926 וועט דער געוויינלעכער דורכשניט נאָך דעם פינפיאָרפּלאַן אַראָפּפאַלן ביז סוף 1931 אויף 10,6 קוואַדראַטאַרשין.

## אַרבעטסלאָזיקייט

די לאַנגזאַמע אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע גיט אין קיין אָרט נישט אַזאַ אומגעזונט בילד, ווי אין דער אַרבעטסלאָזיקייט, וואָס האָט אָנגעגריפן די שטאַרקסטע רייען פון אינדוסטריפּראָלעטאַריאַט. די אָפיציעלע צאָל רעגיסטרירטע אַרבעטסלאָזע איז געווען אין אַפּריל 1927 — 1.478.000. די פאַקטישע צאָל אַרבעטסלאָזע איז געווען אַרום 2 מיליאָן. די צאָל אַר־

בעטסלאַזע וואַקסט אומפאַרגלייכלעך שנעלער ווי די אַלגעמיינע צאָל באַשעפטיקטע אַרבעטער. לויטן פינפיאָרפּלאַן פון דער קאָמיסיע פאַר מלוכה-אונטערנעמונגען וועלן אונזערע אינדוסטריען אין משך פון די גאַנצע פינף יאָר נויטיק האָבן עפּעס מער ווי 400.000 שטענדיק-באַשעפטיקטע אַרבעטער. ביים כסדרדיקן אַרבעטער-צושטראָם פון דאָרף מיינט דאָס צו זאָגן, אַז סוף 1931 וועט די צאָל אַרבעטסלאָזע מענער און פרויען שטייגן נישט ווייניקער ווי ביז 3 מיליאָן. דער רעזולטאַט פון אַזאַ צושטאנד וועט זיין די וואַקסנדיקע צאָל היימלאָזע קינדער, בעטלער און פּראָסטיטוטקעס. די קליינע אונטערשטיצונג, וועלכע מ'צאָלט אַרבעטסלאָזע, רופט אַרויס אַ באַרעכטיקטע אומצופרידנקייט. זיי באַקומען דורכשניטלעך 11,9 רובל מאָנאַטלעך, דאָס הייסט 5 פּאַרקריגסרובל. די פּראָפּאַראייניגן צאָלן אַן אַרבעטסלאָזנרענטע פון דורכשניטלעך 5,6 ביז 7 רובל. אָבער דידאָזיקע רענטעס באַקומען אומגעפער 20 פּראָצ. פון די אַרבעטסלאָזע פּראָפאַראיינסמיטגלידער.

דאָס אַרבעטסגעזעצבוך איז דורך אַ סך קאָמענטירנדיקע הוספות טאַקע שטאַרק פאַרגרעסערט, אָבער אויך פאַרערגערט געוואָרן. געוויסע שוצמיטלען זענען דורך אַזעלכע הוספות און אויסטייטשונגען ווידער אַנולירט געוואָרן. באַזונדערס איז פאַרניכטעט געוואָרן דער געזעצלעכער שוץ פון די צייטווייליק- און סעזאָנמעסיק-באַשעפטיקטע אַרבעטער.

די לעצטע פאַראָרדענונגען פון מלוכהשן האַנדל איז כאַראַקטעריזירט געוואָרן דורך אַ כמעט אַלגעמיינער אָפּשוואַכונג פון די געזעצלעכע באַשרענקונגען און דורך אַראָפּדריקן דעם לעבנס-ניוואָ און די לוינען. אין דער צייט, וואָס מען האָט דער ווירטשאַפטלעכער אָנפירונג געגעבן די רעכט פון אַ צוואַנגסאָנטשיידונג, האָט מען פשוט אָפּגעשאַפט דעם געמיינזאַמען אָפּמאַך, פאַרוואַנדלענדיק אים פון אַ קעגנזייטיקן הסכם אין אַ אַמטלעכער פאַראָרדענונג. די אַנטשעדיקונגען, וועלכע די אַרבעטער באַקומען אין אומגליקספאַלן, זענען לחלוטין אומגעניגנדיק. לויט די ציפערן פון פאָלקסקאָמיסאַריאַט פאַר אַרבעט האָט פאַר די יאָרן 1925—1926 אויף יעדע טויזנט אַרבעטער אויסגעמאַכט 97,6 אומגליקספאַלן, וואָס האָבן געהאַט אַלס רע-

וועלטאַט אַרבעטסאומפעאיקייט. מיט יעדן צענטן אַרבעטער קומט פאָר יערלעך אַן אומגליקספאַל.

די פאַרגאַנגענע יאָרן זענען כאַראַקטעריזירט געווען דורך אַ שאַרפן וווקס פון אַרבעטס-קאָנפליקטן, וואָס זענען מייסטנס באַזייטיקט געוואָרן דורך צוואַנגס-מאָסמיטלען, אנשטאט דורך קעגנזייטיקן הסכם.

די אָנפירונג פון די אונטערנעמונגען איז ערגער געוואָרן. די אַדמיניסטראַציע-אָרגאַנען שטרעבן אַלץ מער צו לאָזן פילן זייער אומבאַגרעניצטע הערשאַפט. דאָס צונעמען און אָפּזאָגן אַרבעטער געפינט זיך אינגאַנצן אין זייערע הענט. פאַררעוואָלוציאָנערע פאַרהעלטענישן צווישן מייסטער און אַרבעטער זענען גאָרנישט קיין זעלטנהייט.

די פאַבריקסראַטן האָבן ביסלעכווייז פאַרלאָרן יעדע באַדייטונג. די מערהייט פראַקטישע פאָרשלאָגן, וועלכע ווערן אָנגענומען דורך די אַרבעטער, ווערט קיינמאָל נישט אויסגעפירט. ביי אַ סך אַרבעטער ווערט אַרויסגערופן אַ קעגנערשאַפט צו די פאַבריקסראַטן דורכדעם, וואָס די פאַרבעסערונגען, וועלכע זיי פירן דורך, ברענגען אָפט צו אַ פאַרקלענערונג פון דער צאָל אַרבעטער. צוליב דעם ווערן די פאַבריקסראַטן זייער ווייניק באַזוכט.

אויפן קולטורעלן געביט איז באַזונדערס נויטווענדיק צו באַטאָנען די שולפּראָבלעם. דעם אַרבעטער ווערט אַלץ שווערער צו געבן זיינע קינדער אַפילו בלויז אַן עלעמענטאַרע דערציאונג, שוין אָפּגערעדט פון אויסבילדן זייערע באַזונדערע פעאיקייטן. כמעט אין אַלע קרייזן מיט אַן אַרבעטערבאַפעלקערונג פעלן שולעס, און די צוצאָלונגען, וועלכע מ'פאָדערט אין די בעסערע שולעס, מאַכן אוממעגלעך פאַר די עלטערן צו זאָרגן פאַר די קינדער אַזוי, ווי זיי וואָלטן דאָס זייער גערן געוואָלט. דער מאַנגל אין שולעס און די נישט-גענוגנדיקע פאַרזאָרגונג פון די קינדערהיימען, טרייבט אַ גרויסע טייל אַרבעטערקינדער אויף דער גאַס.

# די פּראָפאַראײנען און די ארבעטער

דער קאַמף פאַר די אַרבעטסבאַדינגונגען אין די פאַבריקן, וועלכער ווערט דערמאָנט אין אַ רעזאָלוציע פון עלפטן פאַרטייקאָנגרעס, איז אין די לעצטע יאָרן באַדייטנדיק אָנגעוואָקסן. נישט געקוקט אויף דעם, האָט די גאַנצע לעצטע פאַרטייפּאָליטיק בנוגע דער פּראָפאַראײנבאַוועגונג צוזאַמען מיט די אינטריגעס פון די פּראָפאַראײנפירער געפירט דערצו, אַז דער פערצנטער קאָנגרעס איז מודה: „די פּראָפאַראײנען האָבן אָפט נישט געקענט דערפילן זייערע אויפגאַבעס, ווייל זייער ערשטע און וויכטיקסטע אויפגאַבע — פאַרטיידיקן די ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן פון די מאַסן, וועלכע זיי פירן, הויבן וואָס העכער זייער מאַטעריעלע און קולטורעלע לאַגע — האָבן זיי אָפּגערוקט אין הינטערגרונט”. נאָך דעם פערצנטן קאָנגרעס זענען די באַדינגונגען געוואָרן נישט בעסער, נאָר ערגער. די ביוראָקראַטיזירונג פון די פּראָפאַראײנען איז אַלץ געשטיגן און געשטיגן.

אין שטאַב פון די געווײלטע אויספירבאַאַמטע פון די פּראָפאַראײנען איז דער פּראָצענט פון די פאַבריקאַרבעטער, און פון די ארבעטער, וואָס געהערן נישט צו דער פאַרטיי — זייער אַ קליינער (12—13 פּראָצ.). די אומגעהייערע מערהייט פון די דעליגירטע אויף די פּראָפאַראײנקאָנפערענצן זענען מענטשן אָן דער מינדסטער באַציאונג צו דער אינדוסטריע. קיינמאָל זענען נאָך די פּראָפאַראײנען און די אַרבעטנדיקע מאַסן נישט געווען אַזוי ווייט פון דער אָנפירונג מיט דער מלוכהאינדוסטריע, ווי איצט. די זעלבסטטעטיקייט פון די אַרבעטערמאַסן, וואָס זענען אָרגאַניזירט אין די פּראָפאַראײנען, איז פאַרביטן געוואָרן דורך פאַרהאַנדלונגען צווישן די לאָקאַלע סעקרעטאַרן, די פאַבריקדירעקטאָרן און די פאַרזיצערס פון די פאַבריק- און באַטריבפאַרוואַלטונגען (דעם „דרייעק”). די האַלטונג פון די אַרבעטער לגבי די פאַבריק- און באַטריבפאַרוואַלטונגען זאָגט עדות אויף אומצוטרוי. דער אָנטייל אין די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען איז אַ קליינער.

די אומצופרידנקייט פון די אַרבעטער, וואָס געפינט נישט

קיין אויסדרוק אין די פּראָפאַראייַנען, פאַרשפּרייט זיך אונטערער־דיש. „מען דאַרף זיך נישט צופיל וואַרפן אין די אויגן. אויב דו ווילסט בלייבן ביים שטיקל ברויט, טאָ רייד נישט קיין סך״. אַזעלכע ווערטער הערט מען זייער אָפט, און ס׳איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די אַרבעטער געפינען פאַר פּאַסיקער צו פאַרבעסערן זייער לאַגע דורך אַ טעטיקייט מחוץ דער פּראָפאַראייַנ־אָרגאַניזאַציע. דאָס אַליין פאָדערט באַפעלעריש אַ פולשטענדיקע ענדערונג אין דער איצטיקער פּראָפאַראייַנפּאָליטיק.

## די וויכטיקסטע פּראַקטישע פאָרשלאָגן

### א. אויפן געביט פון מאַטעריעלע באַדינגונגען

1. רייסט אויס מיטן וואָרצל יעדע טענדענץ צו פאַרלענגערן דעם אַכטשעהדיקן אַרבעטסטאָג. דערלויבט איבערשעהן נאָר אין דעם פאַל, ווען זיי זענען אַבסאָלוט נויטווענדיק. דערלויבט נישט קיין שום מיסברויך מיט באַשעפטיקן געילפסאַרבעטער, זעט מ׳זאָל נישט באַהאַנדלען קיין דויערנדיקאַשעפטיקטע אַלס סעזאָנאַרבעטער. שאַפט תּיכף אָפּ יעדע אַרלענגערונג פון אַרבעטסטאָג, וואָס איז לעצטנס איינגעפירט געוואָרן אין באַטריבן, וואָס זענען שעדלעך פאַרן געזונט.

2. די דרינגנטסטע פּראָבלעם איז די לוין־העכערונג לכל הפּחות אין דער מאָס, אין וועלכער ס׳האָט זיך געהויבן די פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט. אין דער צוקונפט דאַרף יעדער אָנוווקס פון דער אַרבעטס־הכנסה פּרינציפּיעל פאַרבונדן זיין מיט דער העכערונג פון די רעאַלע לוינען. ס׳איז אויך נויטווענדיק צו פּרוּוון אויסגלייכן די לוינען פון די פאַרשיידענע אַרבעטערגרופּעס, דורך סיסטעמאַטיש הייבן די לוינען פון די נידעריק־באַצאָלטע גרופּעס; אָבער פאַר קיין פאַל נישט דורך פאַרערגערן די בעסער־באַצאָלטע.

3. מיר מוזן באַזייטיקן יעדן ביוראָקראַטישן מיסברויך מיט די ראַציאָנאַליזאַציע־מאָסמיטלען. דידאָזיקע וואָלטן געדאַרפט איינגעפירט ווערן בלויז אין ענגער פאַרבינדונג מיט אַ

אנטשפּרעכנדיקער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריִ, מיט אַ פּלאַנפולער פאַרטיילונג פון דער אַרבעטסמאַכט און אַ קאַמף קעגן פאַרשווענדן די פּראָדוקטיווע כּחות פון אַרבעטנדיקן קלאַס — באַזונדערס פון די קוואַליפיצירטע אַרבעטער.

4. כּדי צו לינדערן די שלעכטע ווירקונגען פון דער אַרבעטסלאָזיקייט, מוזן די רענטעס פאַר די אַרבעטסלאָזע זיך צופּאַסן צום דורכשניטלעכן לוין אין אַ באַשטימטער געגנט. דער רענטעפּעריאָד ביי אַרבעטסלאָזיקייט מוז פאַרלענגערט ווערן פון איין יאָר אויף אנדערטהאַלבן יאָר. אַ ווייטערדיקע פאַרמינערונג פון די אויסצאָלונגען אין דער סאָציאַלפאַרזיכערונג דאַרף נישט געדולדעט ווערן, און עס דאַרף אנגעהויבן ווערן אַן ערנסטער קאַמף קעגן דער פּראַקטיצירטער נישט-אויסצאָלונג פון דידאָזיקע פאַרזיכערונגסרענטעס. עס מוז געמאַכט ווערן אַ סוף צום פאַרווענדן די אָנגעזאַמלטע פאַרזיכערונגסגעלטער אויף צוועקן פון עפנטלעכער געזונטפּלעגע. מיר מוזן אָפּשאַפן אַלע פאַראָרדנונגען, וואָס רויבן צו אונטער פאַרשיידענע אויסריידן ביי אמתע אַרבעטסלאָזע זייער רעכט אויף רענטעס און אויף רעגיסטרירט צו ווערן אין די באַשעפטיקונגסרשימהס. עס מוז געזאָרגט ווערן פאַר פאַרגרעסערן די רענטעס פאַר אַרבעטסלאָזע, קודם כּל ביי די אינדוסטריאַרבעטער. מיר מוזן אויסאַרבעטן ברייטע, אויף אַ לאַנגער צייט באַרעכנטע פּלענער פאַר סאָציאַלע אונטערנעמונגען, כּדי צו פאַרווענדן מיט נוצן די אַרבעטסלאָזע פאַר דעם ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן אויפבוי פון לאַנד.

5. אַ סיסטעמאַטישע פאַרבעסערונג פון די לעבנסבאַדינגונגען פאַר די אַרבעטער. אַ פעסטע דורכפירונג פון אַ קלאַסנמעסיקער פּאָליטיק אין אַלע וווינונגס-אָנגעלעגנהייטן. עס טאָר נישט דערלאָזן ווערן קיין שום פאַרבעסערונג פון די וווינונגסבאַדינגונגען פון נישט-פּראָלעטאַרישן עלעמענט אויפן חשבון פון די אַרבעטער. מ'טאָר נישט עקסמיסירן קיין אָפּגעזאָגטע אַרבעטער און אַרבעטער מיט פאַרקירצטער אַרבעטסצייט.

עס מוזן אָנגענומען ווערן ענערגישע מאָסמיטלען פאַר אַ געזינטערער אַנטוויקלונג פון בוי-קאָאָפּעראַציע. זיי מוזן געמאַכט ווערן צוטריטלעך אויך פאַר די נידעריקער באַצאָלטע

אַרבעטער. עס טאָר נישט דערלויבט ווערן, אַז די העכערע שיכטן פון די גייסטיקע אַרבעטער זאָלן זיכערן פאַר זיך די וווינונגען, וואָס זענען באַשטימט פאַר די אינדוסטריאַרבעטער.

דער וווינונגסבויפּלאַן פון דער קאָמיסיע פאַר מלוכהשע אונטערנעמונגען דאַרף אָפּגעוואָרפן ווערן אַלס אַזאַ, וואָס שטייט אין סתירה צו יעדער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק. געשעפטלעכע אונטערנעמונגען מוזן געצוווּנגען ווערן דערצו, אַז זייערע הוצאות פאַרן וווינונגסבוי, זייערע פאַרן דאָזיקן צוועק באַשטימטע לאַנדפּאַרצעלן און דעם דאַצו געהעריקן קרעדיט זאָלן זיי אַזוי פאַרטיילן, אַז אין די נאָנטסטע פינף יאָר זאָל קענטיק זיין אַ אַנטשיידענע פאַרבעסערונג אין די וווינונגספאַרהעלטענישן פון אַרבעטערקלאַס.

6. קאָלעקטיווע אָפּמאַכן דאַרפן באַשטעטיקט ווערן דורך אַרבעטערפאַרזאַמלונגען אויפן גרונט פון אמתע און נישט פּלומרשט געפירטע אונטערהאַנדלונגען. דער קומענדיקער פאַרטייקאָנגרעס דאַרף אַנולירן די אַנטשיידונג פון פערצנטן קאָנגרעס, וואָס האָט געגעבן די פאַבריקפאַרוואַלטונגען דאָס רעכט פון צוואַנגסאַנטשיידונג. דער אַרבעטסגעזעץ מוז גילטן אַלס דער מינימום, און נישט אַלס דער מאַקסימום פון די רעכט, אויף וועלכע מ׳קען פּרעטענדירן. קאָלעקטיווע אָפּמאַכן מוזן אַנטהאַלטן גאַראַנטיעס קעגן פאַרמינערן די צאָל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע בעתן דויער פון אָפּמאַך (דערלויבטע אויסנאַמען מוזן אויסדריקלעך באַגרינדעט ווערן). די הויך פון דער אַרבעטסלייסטונג מוז באַרעכנט ווערן לויט די דורכשניטסלייסטונגען פון אַ אַרבעטער און פאַרן גאַנצן דויער פון אַרבעטסאָפּמאַך. יעדנפאַלס דאַרפן פאַרבאַטן ווערן אַלע פאַרענדערונגען אין די אָפּמאַכן, וואָס דריקן אַראָפּ די לוינשטופע פון אַרבעטער לגבי די פריערדיקע אָפּמאַכן.

7. די ביוראָ פאַר לוינען און לויננאָרמען מוז געשטעלט ווערן אונטער אַווירקזאַמערער קאָנטראָל פון די אַרבעטער און פּראָפּאַראייִנען און די כּסדרדיקע פאַרערגערונג פון די לוינען און לויננאָרמען מוז אָפּגעשטעלט ווערן.

8. די הוצאות אויף זיכערקייטאייִנריכטונגען און בעסערע פאַבריקצושטאַנדן מוזן פאַרמערט ווערן. די, וואָס זענען

עובר אויף די שוצפאָרשריפטן פאַר די אַרבעטער מוזן באַקו־מען גרעסערע שטראָפן.

9. אַלע אויסטייטשונגען פון אַרבעטסגעזעצבוך מוזן קאָנ־טראָלירט ווערן און די־יעניקע, וועלכע פאַרערגערן די אַרבעטס־באַדינגונגען, דאַרפן אומבאַדינגט באַזייטיקט ווערן.

10. פאַר די ווייבלעכע אַרבעטער דאַרף גילטן די פאָר־שריפט: „גלייכע באַצאָלונג פאַר גלייכער אַרבעט". אין הסכם מיט דעם מוז דורכגעפירט ווערן אַ העכערע אָפּשאַצונג פון דער פרויענאַרבעט.

11. נישטבאַצאָלטע אַרבעט פון לערן־ייִנגלעך מוז פאַר־באָטן ווערן; דאָסזעלבע אויך דער פּרווו אַראָפּצודריקן די לוינען פון די יוגנטלעכע. עס מוזן אָנגענומען ווערן מאָס־מיטלען, כדי צו פאַרבעסערן זייערע אַרבעטסבאַדינגונגען.

12. די שפּאָרסיסטעם דאַרף פאַר קיין פאַל נישט דורכ־געפירט ווערן אויפן חשבון פון אַרבעטערס לעבנס־אינטערעסן. מיר מוזן צוריקגעבן די אַרבעטער די „קליינע פּריווילעגיעס", וועלכע מיר האָבן צוגענומען ביי זיי (קינדערהיימען, אומזיס־טע רייזע־בילעטן, לענגערע פעריען און אַז. וו.).

13. די פּראָפּאַראיינען מוזן אָן אויפהער ווענדן זייער אויפמערקזאַמקייט אויף דער פּראָבלעם פון דער סעזאָנבאַ־שעפטיקונג.

14. די מעדיצינישע הילף פאַר די אַרבעטער מוז אין די באַטריבן פאַרבעסערט ווערן (סאַניטאַרוואַגנס, סטאַציעס פאַר ערשטער מעדיצינישער הילף, שפּיטאָלן און אז.וו.).

15. אין די קוואַרטאַלן פון אַרבעטער־קלאַס מוזן פאַרמערט ווערן די שולעס פאַר קינדער.

16. עס מוזן אָנגענומען ווערן אַ גאַנצע ריי מלוכהשע מאָסמיטלען, כדי צו שטאַרקן די אַרבעטער־קאָאָפּעראַציוון.

## ב. אין די פּראָפּאַראיינען.

1. די טעטיקייט פון די פּראָפּאַראיינען דאַרף אין דער ערשטער ליניע באַאורטיילט ווערן לויט דער מאָס, אין וועלכער זיי פאַר־טיידיקן די עקאָנאָמישע און קולטורעלע אינטערעסן פון די אַרבעטער.

2. די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ווילן אָננעמען מאַס־מיטלען אויף צו שיצן די עקאָנאָמישע און קולטורעלע אַרבעטער־אינטערעסן, מוזן דערביי ערנסט נעמען אין אַכט די מיי־נונגען פון די קאָמוניסטישע גרופּעס אין די פּראָפאַראיינען.

3. ריכטיקע וואַלן, עפנטלעכקייט, דין־וחשבון פאַר די מיטגלידער מוזן זיין דער באַזיס פאַר דער פּראָפאַראיינאַרבעט.

4. אַלע אַדמיניסטראַציע־אָרגאַנען דאַרפן געבילדעט ווערן אין אמתן, נישט אין כלומרשטן הסכם מיט די אַנטשפּרעכנדיקע פּראָפאַראיינאָרגאַנען.

5. אויף יעדן פּראָפאַראיינקאָנגרעס און אין אַלע וואַלקאָמיטעטן פון די פּראָפאַראיינען מוז די מערהייט באַשטיין פון אַרבעטער, וואָס זענען פּאַקטיש באַשעפטיקט אין דער אינדוס־טרי. דער פּראָצענט אַרבעטער, וואָס זענען נישט אָרגאַניזירט אין דער פּאַרטיי, מוז אין די דאָזיקע קאָמיטעטן געהעכערט ווערן לכל הפחות ביז א דריטל.

אין רעגלמעסיקע צווישנצייטן מוז אַ באַשטימטע צאָל באַאַמטע פון פּראָפאַראיינאַפּאַראַט ווידער באַשטימט ווערן אויף פאַבריק־אַרבעטן.

אַ שטאַרקערע צוציאונג פון פרייוויליקער אַרבעט אין דער פּראָפאַראיינטעטיקייט, מער דערמוטיקן די אַרבעטער אין די באַטריבן זיך צו באַטייליקן אין איר.

6. עס דאַרף נישט דערלויבט זיין צו באַזייטיקן איינמאָל־געוויילטע קאָמוניסטישע פּראָפאַראיינמיטגלידער צוליב אינערלעך־פּאַרטייאישע קריגערייען.

7. עס מוז געזיכערט ווערן די פולשטענדיקע אומאָפּהענ־גיקייט פון די באַטריבס־און לאָקאַלע קאָמיטעטן פון די אָנפירנ־דיקע אָרגאַנען. דאָס אָננעמען אָדער באַזייטיקן אַרבעטער, אָדער איבערפירן אַרבעטער פון איין אַרבעט צו אַנדערע אויף אַ צייט פון מער ווי צוויי וואָכן — קען געשען ערשט נאָכדעם, ווי עס ווערט פריער געמאָלדן דעם פאַבריקקאָמיטעט. אַ פאַבריק־קאָמיטעט, וואָס קעמפט קעגן מיסברויכן אויפן דאָזיקן געביט, דאַרף באַנוצן זיין רעכט צו אַפּעלירן קעגן דער אַנטשיידונג פון דער פאַרוואַלטונג צום אַנטשפּרעכנדיקן פּראָ־פאַראיין און צום אָנקלאָגראַט.

8. עס מוזן געשיצט ווערן די רעכט פון די קאָרעספּאָנדענטן פון דער אַרבעטערפּרעסע, און די יעניקע, וועלכע פאַרפאָלגן קאָרעספּאָנדענטן צוליב זייערע פאַרעפנטלעכונגען, דאַרפן שטרענג באַשטראָפט ווערן.

9. די אויפגאַבעס פון דער קאָנטראָל - קאָמיסיע פון די פאַבריק-קאָמיטעטן מוזן פאַרברייטערט ווערן אין דעם זין, זיי זאָלן אויך אַכטונג געבן צי מ'פירט דורך זייערע באַשלוסן, און קאָנטראָלירן, ווי ווייט עס ווערן דערביי אָפּגעהיט די אינטערעסן פון די אַרבעטער.

10. אין דער פראַגע וועגן שטרייקן אין די מלוכה-אינדוסטריען בלייבט אין קראַפט די אַנטשיידונג פון עלפטן פאַרטייקאָנגרעס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן נאָך אין לענינס צייטן.

אין פאַל פון שטרייקן אין די קאָנצעסיע - אינדוסטריען דאַרפן דידאָזיקע באַטראַכט ווערן אַלס פּריוואַטאינדוסטריען.

11. עס מוז גרינדלעך רעווידירט ווערן די גאַנצע סיסטעם פון דער אַרבעטערסטאַטיסטיק, ווייל אין איר איצטיקער פאָרם גיט זי אַ פאַלש און בולט צוגעפּאַרבט בילד פון דער ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער לאַגע פון אַרבעטער-קלאַס און שטערט אַזוי ארום אין אַ גרויסער מאָס יעדע בעסערונג אויפן דאָזיקן געביט.

די שלעכטע לאַגע פון אַרבעטערקלאַס איצט אין צענטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע דערקלערט זיך, נאַטירלעך, מיט דער אָרעמקייט פון לאַנד, מיט די איפּנטערווענצן און דער בלאָקאַדע, ווי אויך מיט דעם, וואָס די ערשטע פּראָלעטארישע מלוכה ווערט אומאויפהערלעך באַקעמפט מצד איר קאַפּיטאַליסטישער סביבה. דידאָזיקע לאַגע קען נישט געענדערט ווערן פאַר איין מאָל. אָבער זי קען און מוז געענדערט ווערן דורך אַ ריכטיקער פּאָליטיק, אָבער דערביי איז נישט די אויפגאַבע פון די באָלשעוויקעס צו געבן שיין-געפאַרבטע בילדער פון זייערע באַמיאונגען — די דאָזיקע באַמיאונגען זענען נאַטירלעך געווען גענוג ערנסט, — נאָר קלאָר און באַשטימט צו שטעלן די פראַגע, וואָס עס בלייבט צו טאָן, וואָס עס מוז געטאָן ווערן, און וואָס עס קען געטאָן ווערן מיט דער הילף פון אַ ריכטיקער פּאָליטיק.

## די אַגראַרפראַגע און איר סאָציאַליסטישע אויסטייטשונג

פּראָדוקציע אין קליינעם מאָסשטאַב שאַפט, ווי לענין זאָגט, אָן אויפהער, טעגלעך, פון שעה צו שעה, אומפאַרמיידלעך און אין ריזיקן פאַרנעם קאַפּיטאַליזם און בורזשואַזיע. ענטוועדער דער פּראָלעטאַרישער מלוכה וועט געלינגען — געשטיצט אויף אַ הויכע אַנטוויקלונג און אויף דער עלעקטריפיקאַציע פון דער אינדוסטרי—גובר צו זיין די טעכנישע אָפּגעשטאַנענקייט פון מיליאָנען קליינע אינדוסטריען און זיי אויפצובויען אויף דער באַזיס פון קאָלעקטיוויזם און אויסגעשפּרייטע פאַרבאַנדן, אָדער דער קאַפּיטאַליזם, וואָס שעפּט זיין קראַפט פון דאָרף, וועט אונטערמינירן דעם באַזיס פון סאָציאַליזם אין די שטעט.

פון לעניניסטישן שטאַנדפּונקט איז דאָס פּויערטום — דאָס הייסט די גרויסע פּויערישע מאַסע, וואָס עקספּלואַטירט נישט קיין אַרבעט — יענער פאַרבינדעטער, וואָס אויב ער וועט ווי געהעריק מיטאַרבעטן מיט אונז, וועט ער גאַראַנטירן די זיכערקייט פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און במילא אויך דעם גורל פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. פאַרן עטאַפּ, וועלכן מיר לעבן איצט איבער, האָט לענין גאַנץ גענוי פאָרמולירט אונזערע אויפגאַבעס לגבי די פּויערים אין פאָלגנדיקע ווערטער: „עס מוז אונז געלינגען צו שאַפן אַ בונד מיט די מיטלפּויערים, נישט אויפהערנדיק אָבער אויף קיין איין מאָמענט דעם קאַמף קעגן קולאַק און נישט פאַרלירנדיק דערביי די פעסטע שטיצע מצד די אָרעמע פּויערים".

דער אָפּנויג פון לעונינס שטאַנדפּונקט אין דער פּויערים-פראַגע, ווי זי איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער סטאַלין-בוכאַרין-גרופּע, קען כאַראַקטעריזירט ווערן אין די פאָלגנדיקע אַכט הויפּטפּונקטן:

1. דאָס פאַרנאַכלעסיקן דעם מאַרקסיסטישן הויפּטפּרינציפּ, אַז נאָר אַ שטאַרקע, סאָציאַליסטישע אינדוסטריע קען העלפן די פּויערים אַריבערצופירן די לאַנדווירטשאַפט צו אַ קאָלעקטיוויסטישער פאָרם.

2. דאָס נישט-דערשאַצן די לוינאַרבעטער און די אָרעמע פּויערים אַלס סאָציאַלע באַזע אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע געגנטן פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה.

3. די האָפנונג אויף דעם פאַרמעגלעכן פּויער אין דער פראַגע פון אָרגאַניזירן די לאַנדווירטשאַפטלעכע אינדוסטריע, ד. ה. אין אַלעם ווענטלעכן די האָפנונג אויפן קולאַק.

4. דאָס איגנאָרירן אָדער דאָס אָפענע לייקענען דעם קליינבירגערלעכן כאַראַקטער פון פּויערישן אייגנטום און פון דער פּויערישער טעטיקייט — אַן איבערגאַנג פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט צו די טעאָריעס פון די סאָציאַלרעוואָלוציאָנערן.

5. דאָס נישט-דערשאַצן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין דער איצטיקער אַנטוויקלונג פון לאַנד און די פאַרווישונג פון די פּויערישע קלאַסנאונטערשיידן.

6. דאָס שאַפן צעשטערערישע טעאָריעס, וועלכע (כדי צו ציטירן בוכאַרינס אַ וואָרט) פאַרטיידיקן די מיינונג: „דער קולאַק און די קולאַק-אָרגאַניזאַציעס האָבן בכלל קיין שום אויסזיכט נישט, ווייל די ראַם פון דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג ווערט אין אונזער לאַנד באַשטימט דורך דער סטרוקטור פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור".

7. דאָס דערמוטיקן „דעם אריינפירן די ערשטע התחלות פון קולאַק-קאָאָפּעראַטיוון אין אונזער סיסטעם". „די פּראָבלעם קען אַזוי פאָרמולירט ווערן, אַז עס איז נויטיק צו געבן פרייע הענט די ווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן פון פאַרמעגלעכן פּויער און די ווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן פון קולאַק".

8. דער פּרוּוו אַנטקעגנצושטעלן לענינס „קאָאָפּעראַטיוון פּלאַן" זיין פּלאַן פון עלעקטריפיקאַציע. לויט לענינס אייגע-

בער מיינונג וואָלט בלויז די פאַרבינדונג פון דידאָזיקעביידע פּלענער געקענט גאַראַנטירן די דורכפירונג פון סאָציאַליזם.

געשטיצט אויף דידאָזיקע רעוויזיאָניסטישע טענדענצן פון דער רעגירנדיקער גרופּע האָבן די רעפּרעזענטאַנטן פון דער נייער בורזשואַזיע זיך פאַרבונדן מיט געוויסע גלידער פון אונזער מלוכהשן אַפּאַראַט און באַמיען זיך אָפּן אַריבערצופירן אונזער גאַנצע פּאָליטיק אין דאָרף אויף די קאַפּיטאַליסטישע רעלסן. דערביי באַהאַלטן, נאַטירלעך, די קולאַקעס און זייערע אידעאָלאָגישע פאַרטיידיקער זייערע פּלענער אונטער דעם אויסרייד פון דער זאָרג פאַר דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות, פאַר דעם וווּקס פון דער „סחורות-פּראָדוקציע אין אַלגעמיין” און אַז. וו. אינדעראמתן אָבער אונטערדריקט און שטערט די קולאַקאַנטוויקלונג די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות פון דער גאַנצער איבעריקער מאַסע פון דער פּויערישער ווירטשאַפט.

נישט געקוקט אויף אונזער לפי-ערכדיק שנעלן ווידעראויפבויפּראָצעס אין דער לאַנדווירטשאַפט איז די סחורות-פּראָדוקציע פון דער פּויערישער ווירטשאַפט זייער אַ קנאַפּע. 1925—1926 האָט דער אַלגעמיינער סכום פּראָדוקטן, וואָס איז ארויסגעוואָרפן געוואָרן אויפן מאַרק, אויסגעמאַכט 64 פּראָצ. פון פאַרמלחמה-שטאַנד, דער עקספּאָרטירטער סכום—בלויז 24 פּראָצ. פון עקספּאָרט אין 1913. די סיבה דערפון ליגט—אַ חוץ דעם פאַרגרעסערטן אלגעמיינעם פאַרברויך אין דאָרף גופא—אין דעם חילוק צווישן די לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע פּרייזן און אינשנעלן אָנזאַמלען פון נאַרונגס-שטאָפן דורך די קולאַקעס. אפילו דער פינפיאָרפּלאַן מוז מודה זיין, אַז דער „מאַנגל פון אינדוסטרי-פּראָדוקטן בכלל שאַפט אַ געוויסע גרעניץ פאַרן אויסטויש פון גלייכוועטיקע פּראָדוקטן צווישן שטאָט און דאָרף און עס פאַרמינערט דעם סכום לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, וועלכער וואָלט געקענט געבראַכט ווערן אויפן מאַרק”. אזוי אַרום שטערט די אָפּגעשטאַנענקייט פון דער אינדוסטרי דעם וווּקס פון דער לאַנדווירטשאַפט און באַזונדערס דעם וווּקס פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער סחורות-פּראָדוקציע. די גראָבט אונטער די צוזאַמענאַרבעט פון שטאָט און דאָרף און

פירט צו א שנעלער קלאַסנדיפערענציאַציע צווישן די פויערים.

דער שטאַנדפונקט פון דער אָפּאָזיציע אין די דעבאַטן ארום די פראַגעס פון דער פויערים-פּאָליטיק, איז פולשטענדיק באַשטעטיקט געוואָרן. די איינצלנע פאַרבעסערונגען אין אונזער אַלגעמיינעם האַנדלונגס - אופן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אונטערן דרוק פון דער שאַרפער אָפּאָזיציע-קריטיק, האָבן נישט אָפּגעהאַלטן דעם ווייטערדיקן אפּנויג פון דער רעגירנדיקער גרופּע אין דער זייט צו די פאַרמעגלעכע פויערים. אַלס באַווייז דערפאַר איז גענוג צו דערמאָנען, אַז דער פערצנטער קאָנגרעס האָט נאָך קאַלינינס באַריכט נישט געהאַט צו זאָגן קיין איין איינציק וואָרט וועגן דער קלאַסנדיפערענציאַציע אין דאָרף אָדער דעם וווקס פון די קולאַקעס.

אַזאַ פּאָליטיק קען פירן בלויז צו איין רעזולטאַט: די אָרעמע פויערים וועלן מיר פאַרלירן און די מיטעלע — נישט געווינען.

## קלאַסנדיפערענציאַציע צווישן די פויערים

אין די לעצטע יאָרן איז אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע געגנטן פאָרגעקומען אַ שטאַרקע קאַפּיטאַליסטישעק לאַסנאַנטוויקלונג.

די ערדלאָזע און ערדאָרעמע גרופּעס האָבן זיך אין משך פון די לעצטע פיר יאָר פאַרמינערט אויף 35 — 45 פּראָצענט. די גרופּע, וואָס באַזיצט 6 — 10 דעסיאַטין (7 — 11 העקטאַר), האָט זיך אין דער גלייכער צייט פאַרמערט אויף 100 ביז 120 פּראָצענט. די גרופּע מיט 10 דעסיאַטין און מער האָט זיך פאַרמערט אויף 150 — 200 פּראָצ. דער פאַרקלענערטער פּראָצ. ערדלאָזע און ערדאָרעמע גרופּעס איז אין דער גרעסטער מאָס צוצושרייבן זייער חורבן און ליקווידירונג. אַזוי, למשל, איז אין סיביר אין משך פון איין יאָר אונטערגעגאַנגען 15,8 פּראָצ. פון די ערדלאָזע פאַמיליעס און 3,8 פון די, וואָס האָבן געהאַט ווייניקער ווי 2 דעסיאַטין. אין צפון-קאַווקאַז זענען אונטערגעגאַנגען 14,1 פּראָצ. פון די ערדלאָזע און 3,8 פּראָצ. פון די, וואָס האָבן געהאַט ווייניקער ווי 2 דעסיאַטין.

דער ארויפשטייג פון די ערד-באַזיצער, וואָס האָבן נישט קיין פערד און מכשירים, צום קלאַס פון אונטערשטע מיטל-

פויערים גייט צו זייער לאַנגזאַם. ביים איצטיקן מאָמענט איז אין גאַנצן פאַרבאַנד דאָ 30 — 40 פּראָצענט נחלות אָן פערד און מכשירים, און אַ גרויסע טייל דערפון פאַלט אַרונטער אונטער דער גרופּע פון די ערדאָרעמע.

די פאַרטיילונג פון די וויכטיקע פּראָדוקציע-מיטלען איז אין צפון-קאַווקאַז פאָלגנדיקע: 15 פּראָצ. פּראָדוקציע-מיטלען געהערן אומגעפער 50 פּראָצ. פון די אָרעמסטע ערדבאַזיצער, צו דער מיטלגרופּע, וואָס באַשטייט פון 35 פּראָצ. ערדבאַזיצער געהערן 35 פּראָצ. פון די וויכטיקסטע פּראָדוקציע-מיטלען. און צו דער העכסטער גרופּע, וואָס באַשטייט פון 15 פּראָצ. פון די ערד-באַזיצער, געהערן 50 פּראָצ. פון די פּראָדוקציע-מיטלען. דאָס זעלבע פאַרטיילונגס-בילד פון די פּראָדוקציע-מיטלען ווייזן אויך אויף אַנדערע פּראָווינצן (אין סיביר, אין דער אוקראַינע און אז. וו.).

דער דאָזיקער רעקאָרד פון אַן אומגלייכער פאַרטיילונג פון לאַנד און פּראָדוקציע-מיטלען ווערט פאַרשטאַרקט דורך אַן אומגלייכער פאַרטיילונג פון די תבואה-רעזערוון צווישן די פאַרשיידענע גרופּעס פויערים-באַזיצער. דעם 1-טן אַפּריל 1926 האָבן זיך 58 פּראָצ. פון גאַנצן תבואה-איבערפלוס פון לאַנד געפונען אין די הענט פון 6 פּראָצ. פויערים-באַזיצער.

דאָס פאַרפאַכטן ערד נעמט אָן מיט יעדן יאָר אַלץ אַ גרעסערן פאַרנעם. די פאַרפאַכטנדיקע אייגנטימער זענען מיינסטנס גרויסע לאַנדבאַזיצער, וואָס האָבן אין זייערע הענט די פּראָדוקציע-מיטלען. דער פאַקט, אַז די ערד איז פאַרפאַכטעט, ווערט אין גרעסטן רוב פאַלן געהאַלטן בסוד, כּדי אויסצומיידן דאָס צאָלן שטייערן. דער ערדאָרעמער פויער, וואָס האָט נישט קיין געצייג, נישט קיין בהמות, באַארבעט געוויינלעך זיין נחלה מיט געדונגענע געצייג און בהמות. סיי ביים ערדפאַרפאַכטן, סיי ביים פאַרדינגען געצייג און בהמות זענען די תנאים נישט קיין סך ווייט פון שקלאַפעריי. האַנט ביי האַנט מיט דערדאָזיקער מאַטעריעלער שקלאַפעריי גייט אַ פינאַנסיעלער וווכער.

די פּראַקטיצירטע פאַרטיילונג פון פויערים-גיטער שוואַכט נישט אָפּ דעם פּראָצעס פון קלאַסנדיפערענצירונג, נאָר אדרבה, זי שטאַרקט זי. אַנשטאָט צו דינען דער סאָציאַליזאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט, פאַלן אַריין די מאַשינעס און די

קרעדיט-הילף אין די הענט פון די קולאַקעס און פאַרמעגלעכע פויערים און העלפן אזויאַרום צו עקספּלואַטירן די לאַנדאַרבעטער, די אָרעמע פויערים און די שוואַכערע מיטל-פויערים.

אַ חוץ דעם, וואָס דידאָזיקע העכסטע גרופּעס קאָנצענטרירן אין זייערע הענט דעם באָדן און די אינסטרומענטן, באַשעפטיקן זיי אויך אַלץ אין אַ תמיד וואַקסנדיקער מאָס געדונגענע אַרבעטער.

פון דער צווייטער זייט פאַרמערן כסדר די אונטערשטע און צום טייל אויך די מיטעלע גרופּעס פון די פויערישע בעל-נחלות די צאָל לאַנדאַרבעטער ענטוועדער דורך זייער פולשטענדיקער רואין און אונטערגאַנג אָדער דורך אָפּגעבן פון זיך איינצלנע פאַמיליענמיטגלידער. דידאָזיקע איבעריקע אַרבעטער פאַלן אַריין אין קנעכטשאַפט צום קולאַק אָדער צום פאַרמעגלעכן מיטלפויער, אָדער זיי עמיגרירן אין די שטעט, און אין אַ סך פאַלן געפינען זיי בכלל קיין באַשעפטיקונג נישט.

נישט געקוקט אויף דידאָזיקע פּראָצעסן, וואָס זענען שוין זייער ווייט דערגאַנגען און וואָס פירן צו אַ פאַרמינערונג פון דער רעלאַטיווער ווירטשאַפטלעכער באַדייטונג פון מיטלפויער, בילדעט נאָך אַלץ דער דאָזיקער מיטעלער פויער לויט דער צאָל די גרעסטע לאַנדווירטשאַפטלעכע גרופּע. און צו ברענגען דידאָזיקע מיטעלע פויערים אויף דער זייט פון דער סאָציאַליסטישער אַגראַרפּאָליטיק, איז איינע פון די הויפּטפּראָבלעמען פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. אויב מען לייגט אָבער די האָפענונג אויף דעם פאַרמעגלעכן פויער, גייט מען איין אויף אַ ווייטערדיקער צעפאַלונג פון דעם דאָזיקן מיטלשיכט.

בלויז אַ ריכטיקע אויפמערקזאַמקייט אויף די לאַנדאַרבעטער, בלויז אַ פּאָליטיק, וואָס שטיצט זיך אויפן אָרעמען פויער און זיין פאַרבינדונג מיטן מיטלפויער, גאַר אַן אַנטשיידענער קאַמף קעגן קולאַק, נאָר אַ פּאָליטיק פון אינדוסטריאַליזאַציע, נאָר אַ פּאָליטיק פון קלאַסנקאָאָפּעראַציע און פון קלאַסנקרעדיטסיסטעם אין דאָרף, וועט מעגלעך מאַכן צוצוציען די מיטעלע פויערים צו דער אַרבעט פאַר אַ סאָציאַליסטישן אויפבוי פון דער לאַנדווירטשאַפט.

# פּראַקטישע פאָרשלאָגן

אין קלאַסנקאַמף, וואָס קומט איצט פאָר אין דאָרפן־לאַנד, מוז די פּאַרטיי — נישט מיט ווערטער, נאָר דורך מעשים — שטיין אויפן צד פון די לאַנדאַרבעטער, פון די אָרעמע פּויערים און פון דער גרויסער מאַסע מיטלפּויערים און זיי שיצן קעגן די עקספּלואַטאַטאָרישע גלוסטונגען פון קולאַק.

כּדי צו שטאַרקן און צוריק אויפצובויען די קלאַסנפּאָזיציע פון לאַנדפּראָלעטאַריאַט — וואָס בילדעט אַ טייל פון אַרבעטערקלאַס — איז נויטיק אַ גאַנצע ריי מאָסמיטלען, וועלכע מיר האָבן אויסגערעכנט אין קאַפּיטל וועגן דער לאַגע פון אַרבעטערקלאַס.

לאַנדווירטשאַפטלעכע קרעדיטן מוזן אויפהערן צו זיין אין דער מערהייט פאַלן אַ פּריווילעג פון די פאַרמעגלעכע דאָרף־קרייזן. מיר מוזן אַ סוף מאַכן צו די איצטיקע פאַרהעלטענישן, וואָס מאַכן מעגלעך, אַז די אַזוי שטאַרק געזונקענע אַפּשפּאָרונגען פון די אָרעמע זאָלן גיין נישט פאַרן געפּלאַנטן צוועק, נאָר לטובת די פאַרמעגלעכע און מיטלעגרופּעס.

דורך אַ שנעלערער אַנטוויקלונג פון דער קאָלעקטיווער לאַנדווירטשאַפט מוז געשאַפן ווערן אַ קעגנגעוויכט פאַרן וווּקס פון פּריוואַטאייגנטום אין דאָרף. עס איז נויטיק פּלאַנמעסיק צו אונטערשטיצן די באַמיאונגען פון די אָרעמע פּויערים צו אָרגאַניזירן זיך אין קאָאָפּעראַטיוון.

גלייכצייטיק מוזן מיר העלפן אויף אַ מער באַרעכנטן אופן די אָרעמע אייגנטימער, וועלכע געהערן נישט צו די קאָלעקטיוו־ווירטשאַפטן: דורך פולשטענדיק באַפרייען זיי פון שטייערן, דורך אַ אַנטשפּרעכנדיקער אגראַר־פּאָליטיק, דורך קרעדיט אויף לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע־מיטלען, און דורך אָנשליסן זיי אין די פּויערישע קאָאָפּעראַטיוון. אָנשטאָט דער פּראָגראַם, „שאַפט מחוץ דער פּאַרטיי אַקטיווע פּויערים־צענטרס דורך אַריינגיסן אַ ניי לעבן אין ראַטן־סיסטעם", ד. ה. אַ פּראָגראַם אָן יעדן קלאַסנאינהאַלט, וואָס וועט אין דער ווירקלעכקייט בלויז שטאַרקן די באַהערשנדיקע ראָלע פון די

אויבערשטע שיכטן אין די דערפער, מוזן מיר אָננעמען פאָלגנדיקע פראָגראַם: שאַפן מחוץ דער פאַרטיי אַקטיווע צענטערס, וואָס שטעלן זיך צונויף פון לוינאַרבעטער, אָרעמע פויערים און צו זיי נאָנטשטייענדיקע מיטעלע פויערים.

מיר מוזן האָבן אַ באמת פלאַנפולע, אַלגעמיינע און דווערהאַפטיקע אָרגאַניזאַציע פון די אָרעמע פויערים, וואָס שטיצט זיך אויף די איצטיקע פאָליטישע אוןווירטשאַפטלעכע פראָבלעמען פון לעבן, ווי דאָס זענען וואַלן, שטייערקאַמפן, איינפלוס אויף דער פאַרטיילונג פון קרעדיט, מאַשינען און אַז. וו., באָדנפאַרטיילונג און באָדנבאַנוצונג, גרינדונג פון קאָאָפעראַטיווע ווירטשאַפטן, וואָס פאַרגרינגערן דעם אָרעמען צו שאַפן געלט-אָפּשפּאָרונגען און אַז. וו.

די פאַרטיי וואָלט פאַר יעדן פרייז געמוזט אונטערשטיצן די ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון די מיטעלע פויערים דורך אַ קלוגער פרייזפּאָליטיק אויף תבואה, דורך פאַרברייטערן די קרעדיט-סיסטעם, דורך אויסבויען קאָאָפעראַטיון, וועלכע זענען צוגענגלעך פאַר זיי, דורך אַ גוט-דורכגעטראַכטן און בהדרגהדיקן איבערגאַנג פון דידאָזיקע צאָלרייכע גרופּעס צו אַ מאַשינעלן און קאָלעקטיוון גרויסבאַטריב.

די אויפגאַבע פון דער פאַרטיי לגבי דעם וווקס פון קולאַקנקלאַס וואָלט געמוזט באַשטיין אין אַ אַלזייטיקער באַגרענעצונג פון זייערע עקספּלואַטאַציע-באַמיאונגען. מיר טאָרן מער נישט דולדן די אָפּווייכונג פון דעם פּאַראַגראַף פון אונזער קאָנסטיטוציע, וואָס נעמט צו ביי די עקספּלואַטירנדיקע קלאַסן יעדע וואַלרעכט אין די ראַטן. פאָלגנדיקע מאָסמיטלען זענען נויטיק: אַ שאַרף-פּראָגרעסיווע שטייער-סיסטעם, מלוכהשע געזעצמאָסמיטלען צו שיצן לוינאַרבעט און רעגולירן די לוינען פון די לאַנדאַרבעטער; אַ ריכטיקע קלאַסנפּאָליטיק ביי דער באָדנפאַרטיילונג און באָדנבאַנוצונג ווי אויך ביים פאַרזאָרגן דעם דאָרף מיט טראַקטאָרן און אַנדערע באַטריבסווערקצייג.

די וואַקסנדיקע סיסטעם פון באָדנפאַרפאַכטונג צווישן די פויערים, די הערשנדיקע אופנים פון באָדנבאַנוצונג דורך לאַנדווירטשאַפטלעכע געמיינדעס, וואָס שטייען מחוץ פון יעדער פירערשאַפט און קאָנטראָל פון די ראַטן און פאַלן אַלץ

מער אַרונטער אונטערן איינפלוס פון קולאַק, דאָס אַלץ גראָבט אונטער די יסודות פון באָדן־נאַציאָנאַ־זאַציע.

איינע פון די וויכטיקסטע מאָסמיטלען אויף צו שטאַרקן די נאַציאָנאַליזאַציע פון באָדן איז דאָס אונטערוואַרפן דידאָזיקע לאַנדגעמיינדעס די אָרטיקע מלוכה־אָרגאַנען און אַ פעסטע קאָנטראָל פון די אָרטיקע ראַטן — וואָס זענען געריניקט פון אַלע קולאַקעלעמענטן — אין אַלע פראַגעס פון פאַרטיילן און באַנוצן דעם באָדן.

דער צוועק פון דערדאָזיקער קאָנטראָל דאַרף זיין אַ וואָס גרעסערע שוץ פון די אינטערעסן פון די אָרעמע און שוואַכע קליינפויערים קעגן דער צו גרויסער מחנה קולאַקעס. אויפן גרונד פון אונזערע ביז־איצטיקע דערפאַרונגען איז נויטיק אויסצואַרבעטן אַ גאַנצע ריי דערגענצונגסמאָסמיטלען, כּדי נישט צוצולאָזן, אַז די קולאַקעס זאָלן שאַפן אַן איבערגעוויכט אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע געמיינדעס.

עס איז באַזונדערס נויטיק, אַז דער קולאַק אַלס לאַנדפאַרפאַכטער זאָל אין יעדער הינזיכט, נישט נאָר אויפן וואָרט, נאָר פאַקטיש, שטיין אונטער דער אויפזיכט און קאָנטראָל פון די אָרגאַנען פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער ראַטנמאַכט.

אַלע טענדענצן צו אַנולירן אָדער אונטערצוגראָבן די נאַציאָנאַליזאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט, וואָס איז איינע פון די הויפטזיילן פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, מוזן אָנטרעפן אויף אַ פאַרניכטנדיקן ווידערשטאַנד מצד דער פּאַרטיי.

די הערשנדיקע סיסטעם פון אַ אַלגעמיינעם לאַנדווירטשאַפטלעכן שטייער דאַרף געענדערט ווערן אין דעם זין, אַז 40—50 פּראָצענט פון די אָרעמסטע פויערים־פאַמיליעס דאַרפן אינגאַנצן באַפרייט ווערן פון שטייער, אָבער דערביי טאָר דערדאָזיקער בלויז נישט פאַרפולט ווערן דורך אַ גרעסערער באַשטייערונג פון דער גרויסער מאַסע מיטעלע פויערים. די ציפערן פון דער שטייער־הכנסה דאַרפן צוגעפאַסט ווערן צו די אינטערעסן פון די אינטערשטע גרופּעס שטייערצאָלער.

אויף שאַפן ראַטן־ און קאָלעקטיוו־ווירטשאַפטן דאַרף באַשטימט ווערן אַסך אַ גרעסערע סומע. די ניי־געשאַפענע קאָ־

לעקטיוו-ווירטשאַפטן און די אַנדערע פאָרמען פון קאָלעקטיוויזם וועלן געדאַרפט אָנטרעפן אויף דער גרעסטער אונטערשטיצונג. מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין וואַלרעכט, קענען נישט זיין קיין מיטגלידער פון קאָלעקטיוו-ווירטשאַפטן. די גאַנצע קאָאָפּעראַטיווע אַרבעט וואָלט געדאַרפט אויסגעפילט זיין מיט דער פאַרשטענדעניש פאַר דער פּראָבלעם, צו פאַרוואַנדלען דעם קליינבאַטריב אין אַ קאָלעקטיוויסטישן גרויסבאַטריב. אַ פעסטע קלאַסנפּאָליטיק וואָלט געדאַרפט געפירט ווערן אויפן געביט פון מאַשינענפאַרטיילונג, און אַ באַזונדער קאַמף דאַרף געפירט ווערן קעגן די שווינדלערישע מאַשינענגעזעלשאַפטן.

די אַרבעט פון דער באָדנפאַרטיילונג מוז אינגאַנצן דורכגעפירט ווערן אויפן חשבון פון דער מלוכה און דערביי זאָל מען וואָס מער נעמען אין אַכט די אינטערעסן פון די קאָלעקטיווע ערדשטחים און די נחלות פון די אָרעמע.

די פרייזן פאַר תבואה און אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן זאָלן לכל הפחות שאַפן די מעגלעכקייט פאַר די אָרעמע און פאַר דער הויפּטמאַסע פון די מיטעלע פויערים איינצוהאַלטן זייער ווירטשאַפטלעכע לאַגע אויף דעם איצטיקן שטאַנד און זי ביסלעכווייז פאַרבעסערן. עס דאַרפן אָנגענומען ווערן מאָסמיטלען, כדי צו באַזייטיקן די אומגלייכקייט צווישן די האַרבסט- און פרילינגספּרייזן אויף תבואה, ווייל דידאָזיקע אומגלייכקייט דריקט שווער אויף די דאָרפישע אָרעמע און גיט גרויסע יתרונות די אויבערשטע שיכטן.

עס איז נויטיק נישט נאָר באַדייטנדיק צו פאַרגרעסערן די באַשטימטע סומען פאַר די אָרעמע, נאָר מ׳דאַרף אויך ענדערן די גאַנצע ריכטונג פון אונזער לאַנדווירטשאַפטלעכן קרעדיטוועזן אויף אַזאַ אופן, אַז דער אָרעמער פויער און דער שוואַכער מיטלפויער זאָל באַקומען ביליקע און לאַנגטערמיניקע קרעדיטן און עס זאָל געמאַכט ווערן אַ סוף צו דער איצטיקער סיסטעם פון ערבות און פאַרזיכערונגען.

## קאָאָפּעראַציע-וועזן

די פּראָבלעם פון סאָציאַליסטישן אויפבוי אין דאָרף איז די רעפאָרם פון דער לאַנדווירטשאַפט אויפן באַזיס פון אַ מאַ-

שינעלן, קאָאָפּעראַטיוון גרויסבאַטריב. פאַר דער ברייטער מאַסע
פויערים באַשטייט דער איינפאַכסטער וועג צו קאָאָפּעראַציע אין
דעם, וואָס לענין האָט געזאָגט אין זיין ווערק „וועגן קאָאָפּע-
ראַציע". דאָס איז דער גרויסער נוצן, וואָס די פּראָלעטאַרישע
דיקטאַטור און די ראַטנסיסטעם ברענגען דעם פויער.
בלויז די וואַקסנדיקע אינדוסטריאַליזאַציע פון דער לאַנדווירט-
שאַפט קען שאַפן דעם ברייטן באַזיס פאַרן דאָזיקן סאָציאַליס-
טישן קאָאָפּעראַציע-וועזן, פאַרן דאָזיקן קאָלעקטיוויזם. אָן אַ
טעכנישער רעוואָלוציע אין גאַנצן אופן פון דער פּראָדוקציע —
ד. ה. אָן לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס, אָן אַ וועקסלווירט-
שאַפט פון די פרוכטמינים, אָן קינסטלעכער באַמיסטיקונג און
אַז. וו. — איז אוממעגלעך אַ דערפאָלגרייכע און ארומנעמענ-
דיקע אַרבעט אין דער ריכטונג צו אמתער קאָאָפּעראַציע אין
דער לאַנדווירטשאַפט.

דער קאָאָפּעראַטיווער קויפן און פאַרקויפן וועט אָבער
נאָר דאַן זיין אַ וועג צום סאָציאַליזם, ווען 1. דערדאָזיקער
פּראָצעס וועט פאָרקומען אונטערן אוממיטלבאַרן ווירטשאַפט-
לעכן און פּאָליטישן איינפלוס פון די סאָציאַליסטישע עלע-
מענטן, באַזונדערס פון די גרויס-אינדוסטריען און פּראָפאַראיי-
נען, און ווען 2. דערדאָזיקער פּראָצעס פון קאָאָפּעראַטיוון קויפן
און פאַרקויפן אין דער לאַנדווירטשאַפט וועט ביסלעכווייז פירן
אויך צו אַ קאָאָפּעראַטיווער ווירטשאַפט. דער קלאַסנכאַראַקטער
פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון ווערט באַשטימט
נישט נאָר דורך דעם ציפערישן געוויכט פון די פאַרשיידענע
גרופּעס פון צוזאַמענאַרבעטנדיקן פויערטום, נאָר אַסך שטאַר-
קער דורך דער רעלאַטיווער עקאָנאָמישער געוויכט פון דעמ-
זעלבן פויערטום. די אויפגאַבע פון דער פאַרטיי באַשטייט אין
דעם, אַכטונג צו געבן, אַז לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַציע
זאָל זיין אַן אמתער פאַרבאַנד פון די אָרעמע און מיטעלע
פויערים-גרופּעס און זי זאָל זיין אַ כלי-זין אין קאַמף פון
דידאָזיקע עלעמענטן קעגן דער וואַקסנדיקער ווירטשאַפטלעכער
מאכט פון קולאַק. מיר מוזן פלאַנפול, מיט אויסדויער שטויסן
דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן פּראָלעטאַריאַט אויפן וועג פון קאָאָפּע-
ראַציע-אויפבוי.

אַ דערפאָלגרייכער קאָאָפּעראַטיווער אויפבוי לאָזט זיך בכלל דענקען בלויז אויפן באַזיס פון אַ וואָס גרעסערער אומאָפּהענגיקייט פון דער צוזאַמענאַרבעטנדיקער באַפעלקערונג. אַן אמתער פאַרבאַנד פון די קאָאָפּעראַטיוון מיט די גרויסע אינדוסטריען און מיט דער פּראָלעטאַרישער מלוכה פאַרלאַנגט אַ רעגולירטע אָנפירונג פון די קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס, ביי דער באַזייטיקונג פון אַלע ביוראָקראַטישע פאַרוואַלטונגס-מעטאָדן.

צוליב דעם, וואָס די פּאַרטייאָנפירונג האָט בולט אָפּגעוויכן פון עכטן באָלשעוויסטישן קורס אין דאָרף און זי באַמיט זיך צו אונטערשטיצן דעם פאַרמעגלעכן פויער און דעם „קולאַק", — איז נויטיק מער ווי ווען נישט איז צו דערמאָנען די ווערטער פון אונזער פּאַרטייפּראָגראַם. נאָכדעם, ווי זי באַטאָנט אומצווייזדייטיק די וויכטיקייט, וואָס עס האָט פאַר אונז אַ פאַרבאַנד מיט די מיטלפויערים, שטעלט אונזער פּראָגראַם קלאָר און דייטלעך פעסט: „אין איר גאַנצער אַרבעט אין דאָרף שטיצט זיך די רוסישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, ווי פריער, אויף די פּראָלעטאַרישע און האַלב פּראָלעטאַרישע פויערים-כחות. זי אָרגאַניזירט זיי קודם כל אַלס אומאָפּהענגיקע כחות, דורך שאַפן אין די דערפער פּאַרטייקערנס אָרגאַניזאַציעס פון די אָרעמע, אַ באַזונדער אַרט פּראָפּאַרייען פאַר די פּראָלעטאַרישע און די האַלב-פּראָלעטאַרישע בירגערלעכע עלעמענטן און אַז. וו.; גלייכצייטיק פאַרבינדט זי זיי דורך אַלע מעגלעכע מיטלען שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט און ציט זיי אָפּ פון איינפלוס פון דער פויערישער בורזשואַזיע און פון די קליינבאַזיצער־אינטערעסן".

# מלוכה-אינדוסטריע און דער אויפבוי פון סאָציאַליזם

## דער טעמפּ פון דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג

„דער איינציקער מאַטעריעלער באַזיס פאַרן סאָציאַליזם“, זאָגט לענין, „איז אַ גרויסע מאַשינענאינדוסטריע, וואָס זאָל זיין אימשטאַנד צו פאָרמירן אויפסניי די לאַנדווירטשאַפט“.

די גרונדבאַדינגונג פאַר אַ סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג אויף דער איצטיקער, צוגרייטנדיקער שטופע און אין דער איצט-געגעבענער געשיכטלעכער סיטואַציע — ביי אַן איינקרייזונג דורך קאַפּיטאַליסטישע מלוכות און ביי אַ פאַרשפּעטיקונג פון דער וועלט-רעוואָלוציע — איז אַ געניג שנעלער אינדוסטריאַליזירונגס-טעמפּ, וואָס זאָל אין נאָנטער צוקונפט קענען זיכערן, לכל הפחות, די ליזונג פון די פאָלגנדיקע פּראָבלעמען:

1. די מאַטעריעלע לאַגע פון פּראָלעטאַריאַט מוז אַבסאָלוט און רעלאַטיוו געבעסערט ווערן (פאַרגרעסערן די צאָל באַשעפטיקטע אַרבעטער, פאַרמינערן די צאָל אַרבעטסלאָזע, פאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון אַרבעטנדיקן קלאַס און באַזונדערס פאַרגרעסערן זייער ווינשטח אין אַזאַ מאָס, וואָס זאָל באַפרידיקן די היגיענישע פאָדערונגען).

2. די אַרבעט אין דער אינדוסטריע, אין טראַנספּאָרטוועזן און אויף די עלעקטרישע סטאַנציעס מוז וואַקסן, לכל הפחות, אין דער גלייכער מאָס מיט די באַדערפענישן פון גאַנצן לאַנד.

3. די לאַנדווירטשאַפט מוז האָבן די מעגלעכקייט איבערצוגיין ביסלעכווייז צו אַ העכערער טעכנישער שטופע און זיכערן

דער אינדוסטרי אַ וואַקסנדיקן צושטראָם פון רוימאַטעריאַל.

4. אין דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כּחות, אין דער טעכניק און אין דער פאַרבעסערונג פון די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון ארבעטערקלאַס און פון די געדריקטע מאַסן טאָר דער ראַטן-פאַרבאַנד לענגער נישט בלייבן הינטערשטעליק לגבי די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, נאָר אַדרבה אין דער נאָנטער צוקונפט זיי אַריבעריאָגן.

5. די אינדוסטריאַליזירונג מוז זיין גענוג שטאַרק, כּדי צו גאַראַנטירן די פאַרטיידיקונג פון לאַנד און באַזונדערס אַ אַנטשפּרעכנדיקן וווּקס פון די קריגסאינדוסטריען.

6. די סאָציאַליסטישע, מלוכהשע און קאָאָפּעראַטיווע עלעמענטן מוזן בפירוש פאַרמערט ווערן, כּדי זיי זאָלן קענען ארויסשטויסן נישט-סאָציאַליסטישע ווירטשאַפטלעכע עלעמענטן, אַנדערע באַהערשן אָדער אומפאָרמירן (די קאַפּיטאַליסטן און אַזעלכע, וואָס זענען דאָס ביכלל צו ווערן).

נישט געקוקט אויף אונזער באַדייטנדיקן דערפאָלג אויף די געביטן פון אינדוסטרי, טראַנספּאָרט און עלעקטריפיקאַציע, איז נאָך די אַנטוויקלונג פון אונזער אינדוסטרי גאַנץ ווייט פון דעם, וואָס עס איז נויטיק און מעגלעך. דער איצטיקער טעמפּ פון דער אינדוסטריאַליזירונג און דער טעמפּ, וועלכער איז פאָראויסגעזען פאַר די קומענדיקע יאָרן, שטייען אין אַבסאָלוטער סתירה איינער צום צווייטן.

עס איז נישטאָ און עס קען נאַטירלעך נישט זיין אַזאַ פּאָליטיק, וואָס זאָל באַזייטיקן מיט איין קלאַפּ אַלע אונזערע שוועריקייטן, אָדער וואָס זאָל אונז דערלויבן איבערשפּרינגען אַ לענגערן פּעריאָד פון פּלאַנמעסיקער אַנטוויקלונג פון אונזער אינדוסטרי און קולטור. אָבער גראָד אונזער אָפּגעשטאַנענקייט אין אינדוסטרי און קולטור פאָדערט אַן אויסערגעוויינלעכע אָנשפּאַנונג פון כּוחות און מיטלען, פּליסיק מאַכן אונזער גאַנצן פאָלקספאַרמעגן, כּדי צו אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד אַזוי שנעל ווי נאָר מעגלעך. כראָנישע אָפּגעשטאַנענקייט פון דער אינדוסטרי, טראַנספּאָרטוועזן, עלעקטריפיקאַציע און בוי-וועזן לגבי די פאָדערונגען און באַדערפענישן פון דער באַפעלקערונג האַלט די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג פון לאַנד

ווי אין אַן אייזערנעם פּרעס; דאָס פאַרקלענערט די פּאַקטישע פּראָדוקציע אין דער לאַנדווירטשאַפט און איר עקספּאָרט. עס באַשרענקט דעם אימפּאָרט אויף זייער ענגע גרעניצן, עס שרויפט אַרויף די פּרייזן און די קאָסטן פון דער פּראָדוקציע, עס רופט אַרויס די וואַקלעניש פון אונזער וואַלוטע און פאַרלאַנגזאַמט די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כוחות. עס האַלט אויף יעדע פאַרבעסערונג פון דער מאַטעריעלער לאַגע פון פּראָלעטאַריאַט און פון די פּויערישע מאַסן, עס פירט צו אַ באַאומרואיקנדיקן וווקס פון די אַרבעטסלאָזע און צו אַ פאַרערגערונג פון די לעבנסבאַדינגונגען. עס גראָבט אונטער די איינהייט פון אינדוסטרי און לאַנדווירטשאַפט און שוואַכט אָפּ די פאַרטיידיקונגס-פעאיקייט פון לאַנד.

דער אומגעניגנדיקער אַנטוויקלונגס-טעמפּ פון דער אינדוסטרי פאַרלאַנגזאַמט פון זיין זייט די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג. אָבער אין דער זעלבער צייט איז די אינדוסטרי-אַליזירונג אוממעגלעך אָן אַ אַנטשיידנדיקן וווקס פון די פּראָדוקטיווע כוחות פון דער לאַנדווירטשאַפט און פון דער קוואַליטעט פון אירע פּראָדוקטן.

## פּרייזן

די אומבאַדינגט-נייטיקע פאַרשנעלערונג פון אינדוסטרי-אוי[illegible]י איז אוממעגלעך אָן אַ פּלאַנמעסיקער און אַנטשלאָסענער פאַרקלענערונג פון די פּראָדוקציע-קאָסטן און פון די גרויס- און קליין-האַנדלספּרייזן פון די אינדוסטרי-פּראָדוקטן און אָן זייער אויסגלייכונג מיט די פּרייזן פון וועלט-מאַרק. נאָר דורכדעם קען דערגרייכט ווערן אַן אמתע אַנטוויקלונג פון אונזער אַרבעט צו אַ העכערער טעכנישער מדרגה און אַ בעסערע באַפרידיקונג פון די באַדערפענישן פון דער אַרבעטנדיקער מאַסע.

עס איז שוין ענדלעך צייט אַ סוף צו מאַכן צו דער זינלאָזער און אומאָנשטענדיקער פּלוידעריי, אַז די אָפּאָזיציע וויל העכערן די פּרייזן. די פּאַרטיי איז לחלוטין איינהייטלעך אין דעם ווונש אַראָפּצודריקן די פּרייזן. אָבער דער ווונש אַליין איז נישט גענוג. פּאָליטיק טאָר נישט באַאורטיילט ווערן לויט דער כוונה, נאָר לויט דעם רעזולטאַט. דער רעזולטאַט פון אונ-

זערע איצטיקע באַמיאונגען אַראָפּצודריקן די פּרייזן האָט אַפילו פּראָמינענטע מיטגלידער פון דער הערשנדיקער גרופּע באַוויגן אויפצוהויבן די פראַגע: צי דען פאַרלירן מיר נישט דורך דערדאָזיקער פּאָליטיק גרויסע געלטסומעס? „ווהין איז אַהינגעקומען דער ביליאָן?" האָט בוכאַרין געפרעגט אין יאַנואַר פון דעם יאָר. „וואָס געשיט מיט דער דיפערענץ צווישן די פּרייזן פון גרויס- און קליינהאַנדל?" האָט זיך אָנגעפרעגט רודזוטאַק, וואָס האָט נאָך אים גערעדט אויף דערזעלבער טעמע. מיט אַ כראָנישן סחורות-מאַנגל, מיט אַ פאַריבערגייענדיקער און אומגעשיקט-ביוראָקראַטישער אַראָפּדריקונג פון די אַנגראָפּרייזן, וואָס אין דער מערהייט פאַלן קומט עס גאָרנישט צו צום אַרבעטער און פויער, איז פאַרבונדן אַ היזק פון הונדערטער מיליאָנען רובל פאַר דער מלוכהאינדוסטרי. דער חלוק, וואָס נעמט זיך דערפון אין די פּרייזן צווישן גרויס- און קליינהאנדל איז, — באַזונדערס אין פּריוואַטהאַנדל, — אַזוי געוואַלדיק גרויס, אַז ער באַרעכטיקט אומבאַדינגט דעם פּלאַן, איבערצולאָזן אַ טייל פון דאָזיקן האַנדלס-ריוח אין די הענט פון דער מלוכה-אינדוסטרי. דער אומבאַשטריטענער אויספיר פון גאַנצןווירטשאַפטלעכן עקספּערימענט פון די פאַרגאַנגענע יאָרן איז די פאָדערונג, מ'זאָל שנעל באַזייטיקן דידאָזיקע באַדינגונגען, מ'זאָל פאַרגרעסערן דעם סכום אינדוסטרי-סחורות, מ'זאָל פאַרשנעלערן דעם טעמפּ פון דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. דאָס איז דער איינציקער וועג צו אַ באמתער פאַרקלענערונג פון די גרויס- און קליינהאַנדלספּרייזן און קודם כל צו אַ פאַרמינערונג פון די פּראָדוקציעקאָסטן, וואָס האָט אין לעצטן יאָר גיכער אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ צו גיין אינדערהויך ווי אונטן

## דער פינפיאָרפּלאַן פון דער קאָמיסיע פאַר מלוכה-אונטערנעמונגען

(1931—1930 ביז 1927—1926)

די פראַגע פון פינפיאָרפּלאַן וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער עפנטלעכער ווירטשאַפט, וואָס וועט שטיין פאַרן קומענדיקן פופצנטן פאַרטייקאָנגרעס, דאַרף באמת שטיין אין מיטלפּונקט פון דער פאַרטיי-אויפמערקזאַמקייט. דערדאָזיקער פינפ-

יאָרפּלאַן איז נאָך ביז איצט אָפיציעל נישט אָנערקענט און ס'איז נאָך אַ פראַגע, צי ער וועט אין דערדאָזיקער פאָרם אָנגענומען ווערן. אָבער נישט געקוקט אויף דעם גיט ער אַ גרונטלעכן אַריינבליק אין די אידעען פון אונזערע איצטיקע ווירטשאַפטלעכע פירערס.

די קאַפּיטאַל-אינוועסטיציעס אין דער אינדוסטרי וועלן לויטן דאָזיקן פּלאַן זייער ווייניק וואַקסן אין די נאָנטסטע יאָרן (פון 1142 מיליאָן אין נאָנטסטן יאָר אויף 1205 מיליאָן אין 1931). און אין פּראָפּאָרץ צו דער אַלגעמיינער סומע, וואָס איז אינוועסטירט אין דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט, וועלן זיי זינקען פון 36,4 פּראָצ. אויף 27,8 פּראָצ. די ריינע געלט-אינוועסטיציעס אין דער אינדוסטרי פון דער מלוכה-ווירטשאַפט וועלן, לויט דערדאָזיקער פּראָגראַם, אין די דערמאָנטע יאָרן זינקען פון אומגעפער 200 מיליאָן אויף 90 מיליאָן. פון דער פּראָדוקציע ווערט אָנגענומען, אַז זי שטייגט מיט יעדן יאָר אויף 4—9 פּראָצ. אין פאַרגלייך מיטן פריערדיקן — אַן אָנ-ווקס-טעמפּ, וואָס קומט פאָר אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער בלויז אין פעריאָדן פון שטאַרקסטער אַנטוויקלונג. די אומגע-הויערע פּריווילעגיעס, וואָס ליגן אין דער נאַציאָנאַליזאַציע פון באָדן, פון די פּראָדוקציע-מיטלען, פון די בענק און פון די צענטראַלע פאַרוואַלטונגסאָרגאַנען — אַלזאָ אַלע פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע שטאַמענדיקע פּריווילעגיעס — געפינען קוים אַן אויסדרוק אין דאָזיקן פינפיאָרפּלאַן.

דער פּריוואַטער פאַרברויך פון אינדוסטריאַרטיקלען, וואָס איז ביי היינטיקס טאָג אַ נישטיקער, זאָל אין משך פון די פינף יאָר שטייגן בסך הכל נישט מער ווי אויף 12 פּראָצ. דער פאַרברויך פון באַוולפאַבריקאַטן, וואָס זאָל אין יאָר 1931 דערגרייכן 97 פּראָצ. פון פאַרמלחמה-סכום, וועט נאָך דאַן זיין פינפמאָל קלענער, ווי דער פאַרברויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין יאָר 1923. דער קוילן-פאַרברויך וועט זיין זיבנמאָל קלענער ווי דער דייטשער אין יאָר 1926 און זיבעצנמאָל קלע-נער ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין יאָר 1923. דער פאַרברויך פון רויאייזן וועט דיין מער ווי פירמאָל קלענער ווי אין דייטשלאַנד און עלף-אַ-האַלב מאָל קלענער ווי אין די

פאַראייניקטע שטאַטן. די פּראָדוקציע עלעקטרישער קראַפט וועט זיין דריימאָל קלענער ווי אין טשלאַנד און זיבנמאָל קלענער ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער פּאַפּיר-פאַרברויך וועט צום סוף פון די פינף יאָר באַטרעפן 83 פּראָצענט פון פאַרמלחמה-סכום. און דאָס אַלץ פופצן יאָר נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע!

קומען אין יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע מיט אַזאַ נעבעכדיקן, דורך-און-דורך פּעסימיסטישן פּלאַן, הייסט באמת אַרבעטן קעגן סאָציאַליזם. די פּראַקטישע פאַרקלענערונג פון די לאַחדים-פּרייזן, וועלכע עס זעט פאָר דער פינפיאָרפּלאַן, וועט (אויב מ'וועט זי אפילו דורכפירן) קוים האָבן אַ השפעה אויף דער פּראָפּאָרץ צווישן אונזערע פּרייזן און די וועלט-פּרייזן, וואָס זענען דריטהאַלבן- ביז דריימאָל קלענער ווי אונזערע.

אָבער אפילו ביי דערדאָזיקער אומבאַדייטנדיקער פאַרקלענערונג פון די פּרייזן (וואָס איז נאָך אגב ביז איצט נישט מער ווי אַ פּראָיעקט) רעכנט זיך דער פינפיאָרפּלאַן מיט דעם, אַז די אינדוסטרי-סחורות וועלן נישט זיין אימשטאַנד צו דעקן די מעגלעכע פינאַנסיעלע באַדערפעניש לאַנד אין דער סומע פון 400 מיליאָן רובל אַ יאָר. ווען מען נעמט אין אַכט, אַז די איצטיקע אומגעהייערע אַנגראָפּרייזן אַרבן אין משך פון פינף יאָר פאַרקלענערט ווערן אויף 22 פּראָצ. — אַ זייער באַשיידענע פאַרקלענערונג — וועט דאָס אַליין אַרויסרופן אַ סחורות - מאַנגל אויף דער סומע פון אַ גאַנצן ביליאָן. אַזוי אַרום וועט דער איצטיקער מאַנגל אין סחורות אויך אויף ווייטער בלייבן און דינען אַלס שטענדיקער מקור פון וווקס פון די קליינפאַרקויפּסטפּרייזן. דער פינפיאָרפּלאַן זאָגט צו די פויערים פאַרן 1931-טן יאָר אומגעפער דעם פאַרמלחמה-סכום פון אינדוסטרי-סחורות צו אַן אַנדערטהאַלבנמאָל העכערן פּרייז. דעם אַרבעטער אין די גרויסע אינדוסטריען זאָגט ער צו צום סוף פון די פינף יאָר אַ העכערונג פון די נאָמינאַללוינען אויף 33 פּראָצ., נישט נעמענדיק אין באַטראַכט די שלעכטבאַגרינדעטע האָפנונג אויף דער פּרייזן-פאַרקלענערונג. די געשטערטע גלייכגעוויכט צווישן אָנבאָט און נאָכפרעג דאַרף לויט

דעם פּלאַן פון דער ווירטשאַפטלעכער מלכה־קאָמיסיע באַזייטיקט ווערן דורך אַ דריטהאַלבנמאָליקער העכערונג פון דירהגעלט, וועלכע עס צאָלן איצט די אַרבעטער, וואָס דאָס וועט אויסמאַכן אומגעפער 400 מיליאָן רובל. אין דער צייט, וואָס די באַאַמטע פון דער ווירטשאַפטלעכער קאָמיטיע באַמערקן ביי די בעסער־סיטואירטע באַפעלקערונגס־שיכטן אן איבערפלוס פון קויפקראַפט, ווילן זיי ברענגען אין אָרדנונג דידאָזיקע לאַגע דורכדעם, וואָס זיי שניידן אַרום די רעאַלע לוינען פון די אַרבעטער. עס איז שווער צו גלויבן, אַז אַזאַ מעטאָד פון צוריקאויפשטעלן דעם גלייכ:עוויכט אויפן ווירטשאַפטסמאַרק ווערט פאָרגעשלאָגן דורך פאַראַנטוואָרטלעכע אָרגאַנען פון אַ אַרבעטער־מלוכה!

דידאָזיקע גאַנצע פאַלשע שטעלונג צווינגט דעם קאָנסומענט ער זאָל זוכן אַן אויסוועג פון דער פאַטאַלער לאַגע אין צעשטערן דעם מאַגאַזין פון אויסלענדישן האַנדל.

דער אויסבוי פון זעקס־ ביז זיבנטויזנט וויאָרסט נייע רעלסנוועגן, וועלכע דער פינפיאָרפּלאַן זעט פאָראויס — לגבי פערצנטויזנט, כדי צו ברענגען אַ ביישפּיל, וועלכע זענען אויסגעבויט געוואָרן אין משך פון די פינף יאָר פון 1895—1900, — באַדייט אַ געפערלעכע פאַרקירצונג נישט נאָר פון די אויסגאַבן אויף דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזירונג, נאָר אויך פון די דרינגנדיקסטע ווירטשאַפטלעכע באַדערפענישן פון די הויפּטפּראָווינצן.

אויף אַזאַ אופן, אָפּווייכנדיק דאָ אין איינער, דאָ אין דער צווייטער זייט, באַמיט זיך אונזער מלוכהפאַרוואַלטונג צו שטיצן די ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג. דאָס איז דאָס אמתע בילד פון דער פּאָליטישער ריכטונג פון אונזער איצטיקער פירערשאַפט.

## דער ראַטנפאַרבאַנד און די אינטערנאַציאָנאַלע קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט

אין דעם לאַנגן קאַמף צווישן צוויי אומאויסגלייכלעכע פיינטלעכע ווירטשאַפטס־סיסטעמען — דעם קאַפּיטאַליזם און דעם סאָציאַליזם — וועט זיגן דער צד, וואָס וועט זיין אימשטאַנד

צו שאַפן אַ ביליקערע פּראָדוקציע. די ביליקייט פון דער
פּראָדוקציע ווערט אָפּגעשאַצט דורך דער פאַרהעלטעניש צווישן
אונזערע היימישע פּרייזן און די פּרייזן אויפן וועלטמאַרק.

דעמדאָזיקן עיקרדיקן פאַקט האָט לענין געהאַט אין זי-
נען, ווען ער האָט אין איינער פון זיינע לעצטע רעדעס גע-
וואָרנט די פּאַרטיי פאַר דער קומענדיקער „פּראָבע", „פאַר
וועלכער עס וועלן אונז שטעלן דער רוסישער מאַרק און דער
וועלטמאַרק, וועלכער הערשט איבער אונז און פון וועלכן מיר
קענען זיך נישט באַפרייען". צוליבן דאָזיקן טעם איז בוכאַרינס
אידייע, אַז מיר קענען זיך אַנטוויקלען צום סאָציאַליזם אין
וואָסער טעמפּ עס זאָל נישט זיין, אַפילו אין אַ „שילדקרעט-
טעמפּ", — נישט מער ווי אַ קליינבירגערלעכע שפּילעריי.

מיר קענען זיך נישט אויסבאַהאַלטן פון דער קאַפּיטאַ-
ליסטישער סביבה אונטער אַן אויסשליסלעך-נאַציאָנאַלער ווירט-
שאַפט. גראָד צוליב איר אָפּגעשלאָסנקייט וועט זיך אַזאַ ווירט-
שאַפט קענען אַנטוויקלען בלויז אין אַ אומענדלעך-לאַנגזאַמען
טעמפּ און צוליב דעם וועט איר פאַרשטיין די סכנה נישט פון
אַ אָפּגעשוואַכטן, נאָר פון אַ פאַרשטאַרקטן דרוק סיי מצד די קאַ-
פּיטאַליסטישע אַרמייען און פלאָטן (די אינטערווענצן), און סיי
(קודם כל) מצד די ביליקע קאַפּיטאַליסטישע סחורות.

דער מאָנאָפּאָל פון אויסערלעכן האַנדל איז אַ נויטווענ-
דיקער כּלי-זין, כּדי עס זאָל לעבעדיק בלייבן די סאָציאַליס-
טישע אַנטוויקלונג, כּל זמן די קאַפּיטאַליסטישע לענדער באַ-
זיצן אַ העכערע טעכניק. אָבער די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט,
וואָס געפינט זיך איצט אין סטאַדיום פון אויסבילדן זיך, קען
דעמדאָזיקן מאָנאָפּאָל נאָר דאַן פאַרטיידיקן, ווען זי דערנענ-
טערט זיך בסדר צו דער וועלטווירטשאַפט אין דער טעכניק,
אין די פּראָדוקציע-קאָסטן, אין דער קוואַליטעט און אין די פּרייזן
פון אירע פּראָדוקטן. דער ציל פון דער ווירטשאַפטלעכער פי-
רערשאַפט דאַרף נישט זיין קיין אָפּגעשלאָסענע ווירטשאַפט,
וואָס באַפרידיקט זיך אַליין און וואָס מוז צוליב דעם אומפאַר-
מיידלעך אַראָפּנידערן אין איר ניוואָ און אין איר אַנטוויק-
לונגסטעמפּ, נאָר אין קעגנטייל — זי מוז שטרעבן צו אַן אַל-
זייטיקן וווקס פון אונזער רעלאַטיווער באַדייטונג אין דער וועלט-

סיסטעם, און דערדאָזיקער באַדייטונג מוז פּאָראויסגיין אַ מעג-לעך-הויכע פאַרשנעלערונג פון דאָזיקן טעמפּ.

דערצו איז נויטווענדיק: 1. צו פאַרשטיין די אומגעהייערע באַדייטונג פון אונזער עקספּאָרט, וואָס שטייט איצט אָפּ אויף אַזאַ סכנהדיקן אופן פון אונזער גאַנצער אינדוסטרי-אַנטוויקלונג. (דער אָנטייל פון ראַטנפאַרבאַנד אין אַלגעמיינעם אומזאַץ פון וועלטהאַנדל האָט זיך פאַרמינערט פון 4,22 פּראָצ. אין יאָר 1913 אויף 0,97 פּראָצ. אין יאָר 1926). 2. צו פאַרענדערן גרינדלעך אונזער פּאָליטיק לגבי דעם „קולאַק”, וואָס זאָל אים מאַכן אוממעגלעך אונטערצוגראָבן אונזער סאָציאַליסטישן עקספּאָרט דורך אַן אומגעזעצלעכער אָנזאַמלונג פון רוי-פּראָדוקטן. 3. צו שטאַרקן אונזערע פאַרבינדונגען מיט דער וועלטווירטשאַפט דורך פאַרשנעלערן די אינדוסטריאַליזאַציע און דורך שטאַרקן די סאָציאַליסטישע עלעמענטן לגבי די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין אונזער ווירטשאַפט; ביסלעכווייז און לויט אַ גוט-דורכגעטראַכטן פּלאַן איבערפירן אונזערע באַגרענעצטע כחות צו אַ נייער פּראָדוקציע-פאָרם, וואָס זאָל אונז קודם כל זיכערן אַ מאַסנפּראָדוקציע פון די נויטווענדיקסטע און נוץ-עכסטע מאַשינעס.

ווען מיר לייגן אונזער האָפנונג אויף אַן איזאָלירטער סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג און אויף אַ טעמפּ, וואָס איז אומאָפּהענגיק פון דער וועלטווירטשאַפט, פעלשן מיר דורכדעם די גאַנצע פּערספּעקטיוו. אונזער ווירטשאַפטלעכע אָנפירונג פאַרלאָזט דורכדעם די ריכטיקע רעלסן און פאַרלירט די פעדים, וואָס פירן צו אַ גינסטיקער רעגולירונג פון אונזערע וועלטווירטשאַפטלעכע באַציאונגען. מיר קענען שוין גאָר נישט אַנטשיידן, וואָס מיר זאָלן אליין פאַבריצירן און וואָס מיר זאָלן אַריינפירן פון אויסלאַנד. אַ אַנטשלאָסענער אָפּקער פון דער טעאָריע פון אַ איזאָלירטער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, פירט אין משך פון וויניקע יאָרן צו אַן אומפאַרגלייכלעך שנעלערער אויסנוצונג פון אונזערע נאַטירלעכע כחות, צו אַ שנעלערער אינדוסטרי-אַנטוויקלונג, צו אַ פּלאַנפולן און שטאַרקן וווקס פון אונזער אייגענער מאַשינען-פּראָדוקציע. זי פירט אויך צו אַ שנעלערער פאַרמערונג פון דער צאָל באַשעפטיקטע אַרבע-

טער און צו אַ ווירקלעכער פאַרמינערונג פון די פּרייזן — מיט איין וואָרט צו אַן אמתער פאַרשטאַרקונג פון ראַטנפאַרבאַנד אין דער קאַפּיטאַליסטישער סביבה.

צי וועט אָבער דער וווקס פון די פאַרבינדונגען מיטן וועלט-קאַפּיטאַליזם נישט פירן צו אַ סכנה אין פאַל פון אַ בלאָקאַדע און אַ קריג? דער ענטפער אויף דערדאָזיקער פראַגע דרינגט שוין אַרויס פון פריער-געזאָגטן:

די צוגרייטונג צום קריג פאָדערט נאַטירלעך, עס זאָל געשאַפן ווערן אַ רעזערוו פון אויסלענדישן רוימאַטעריאַל, אויף וויפל דאָס איז נויטיק פאַר אונז און פאַר דער שנעלער אַנטוויקלונג פון לעבנס-וויכטיקע אינדוסטריען — ווי צום בייש-פּיל די פּראָדוקציע פון אַלימיניום. אָבער די וויכטיקסטע זאַך אין פאַל פון אַ לאַנגדויערנדיקן און ערנסטן קריג איז דאָך דער באַזיץ פון אַ אייגענער, אַ וואָס מער אנטוויקלטער אינדוסטרי, וואָס איז פעאיק סיי צו אַ מאַסנפּראָדוקציע, סיי צו אַ שנעלן איבערגאַנג פון איין פּראָדוקציע צו אַ צווייטער. די נאָנטסטע פאַרגאַנגענהייט האָט געוויזן, אַז אַזאַ הויכאַנטוויקלט אינדוס-טרי-לאַנד ווי דייטשלאַנד, וואָס איז געבונדן געווען מיטן וועלט-מאַרק מיט טויזנט פעדים, האָט געקענט אַנטוויקלען אַ ריזיקע לעבנס-קראַפט און ווידערשטאַנדספעאיקייט, ווען דער קריג און די בלאָקאַדע האָבן עס מיטאַמאָל אָפּגעשניטן פון דער גאַנ-צער וועלט.

ווען מיר וועלן איצט באַנוצן דעם וועלט-מאַרק—שטיצנדיק זיך אויף די אומפאַרגלייכלעכע מעלות פון אונזער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור—כדי צו פאַרשנעלערן אונזער אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג, וועלן מיר אַ שפּעטערדיקע בלאָקאַדע אָדער אינטערווענץ קענען באַגעגענען נישט דער ערך בעסער צוגעגרייט און באַוואָפנט.

קיין שום אינערלעכע פּאָליטיק קען אונז דורך זיך אַליין נישט באַפרייען פון דער ווירטשאַפטלעכער, פּאָליטישער און מיליטערישער געפאַר פון דער קאַפּיטאַליסטישער איינקרייזונג. די אינערלעכע פּאָ-ליטישע פּראָבלעם באַשטייט אין דעם, מיר זאָלן דורך אַ אמתער פאַרבינדונג פון די אַרבעטער און פויערים אַזוי שטאַרק ווערן, מיר זאָלן ווי ווייטמעגלעך קענען גיין פאָראויס אויפן וועג צום סאָציא-ליסטישן אויפבוי. די אינערלעכע הילפסקוועלן פון ראַטנ-

פאַרבאַנד זענען געוואַלדיק און זיי מאַכן דאָס דורכאויס מעג־לעך. דורכדעם וואָס מיר באַנוצן צום דאָזיקן צוועק דעם וועלט־קאַפּיטאַליסטישן מאַרק, פאַרבינדן מיר אונזערע אַנטשיידנדיקע היסטאָרישע אויסרעכענונגען אויף דער קומענדיקער אַנטוויק־לונג פון דער פּראָלעטאַרישער וועלט־רעוואָלוציע. איר זיג אין פאַרשיידענע פירנדיקע לענדער וועט צעברעכן דעם רונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער איינקרייזונג און אונז באַפרייען פון דער שווערער מיליטערישער לאַסט. זי וועט אונז געוואַלדיק שטאַרקן אויפן געביט פון טעכניק, זי וועט פאַרשנעלערן אונזער גאַנצע אַנטוויקלונג אין שטאָט און אין דאָרף, אין די פאַבריקן און שולן. זי וועט אונז געבן די מעגלעכקייט צו שאַפן אמתן סאָציאַליזם — דאָס הייסט אַ קלאַסנפרייע געזעל־שאַפט, אויפגעבויט אויף אַ העכסט־אַנטוויקלטער טעכניק און אויף אן אמתער גלייכקייט פון אַלע אירע מיטגלידער אין דער אַרבעט און ביים געניסן פון די אַרבעטס־פּראָדוקטן.

## ווו זאָלן מיר נעמען די מיטלען?

אויף דער פראַגע, ווו מיר זאָלן נעמען די מיטלען, כדי צו לייזן אויף אַ מער געוואַגטן און רעוואָלוציאָנערן אופן די פּראָבלעם פון אַ אמתער אינדוסטריאַליזירונג און פון אַ שנע־לערער אַנטוויקלונג פון דער מאַסנקולטור — צוויי פראַגעס, וואָס פון זייער לייזונג העגנט אָפּ דער גורל פון דער פּראָלעטאַרי־שער דיקטאַטור— ענטפערט די אָפּאָזיציע פאָלגנדיקס:

דער הויפּטמיטל באַשטייט אין אַ נייער פאַרטיילונג פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה דורך ריכטיק אָנווענדן דעם ביודזשעט, קרעדיט און פרייזן. אַ שפּעטערדיקער מיטל געפינט זיך אין ריכטיק אויסנוצן אונזערע פאַרבינדונגען מיט דער וועלט־ווירטשאַפט.

1. לויט דעם פינפיאָרפּלאַן דאַרף זיך דער מלוכהשער און לאָקאַלער ביודזשעט הויבן אין משך פון פינף יאָר פון 6 אויף 8,9 ביליאָן רובל און 1931 זאָל ער באַטרעפן 16 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער הכנסה. ער וועט אויסמאַכן אַ קלענערע טייל פון דער אַלגעמיינער הכנסה, ווי דאָס איז געווען אין צאַריס־טישן רוסלאַנד, ווו ער האָט באַטראָפן 18 פּראָצ. דער ביודזשעט

פון אַ אַרבעטער-מלוכה וואָלט נישט נאָר געקענט, נאָר אויך געדאַרפט פאַרנעמען אַ גרעסערן פּלאַץ אין דער אַלגעמיינער הכנסה, ווי אַ בירגערלעכער ביודזשעט. נאַטירלעך איז דאָס גערעדט נאָר דאַן, ווען ער איז באמת אַ סאָציאַליסטישער און לעבן די וואַקסנדיקע הוצאות פאַר פאָלקסדערציאונג גיט ער אויס אומפאַרגלייכלעך גרעסערע סומעס פאַר דער אינדוסטריאַליזירונג פון לאַנד. בלויז פאַר די צוועקן פון דער דאָזיקער אינדוסטריאַליזירונג דאַרף דער ביודזשעט אין משך פון די פאָרשטייענדיקע פינף יאָר אויסוואַקסן פון 500 ביז 1000 מיליאָן אַ יאָר.

2. די שטייער-סיסטעם שטייט אָפּ פון דער פאַרמעגנאָנזאַמלונג אין די אויבערשטע שיכטן פון די פּויערים און פון דער נייער בורזשואַזיע אין אַלגעמיין. עס איז דעריבער נויטיק, אַז אַלערליי צו גרויסע פאַרדינסטן ביי פּריוואַט-אונטערנעמונגען זאָלן באַשטייערט ווערן אויף אַ סומע פון נישט ווייניקער ווי 150 — 200 מיליאָן רובל, אָנשטאָט די איצטיקע 5 מיליאָן. כדי צו שטאַרקן אונזער עקספּאָרט, דאַרפן ביי די פאַרמעגלעכע קולאַק-שיכטן, וואָס מאַכן אויס אומגעפער 10 פּראָצ. פון די פּויערישע נחלות, געזאַמלט ווערן נישט ווייניקער ווי 150 מיליאָן פּוד תבואה. די אויפמאָנונג זאָל פאָרקומען אין דער פאָרם פון אַ מלוכה-הלוואה אין זייערע לאַגערן, וואָס האָבן אנטהאַלטן אין 1926 — 1927 800 — 900 מיליאָן פּוד — און האָבן זיך צום גרעסטן טייל געפונען אין די הענט פון די אויבערשטע פּויערים-שיכטן.

3. עס איז נויטיק דורכצופירן אַ באמת אַנטשלאָסענע פּאָליטיק פון אַ גוטדורכגעטראַכטער פאַרקלענערונג פון די פּרייזן אין גרויס- און קליינהאַנדל און פאַרמינערן די דיפערענץ צווישן זיי. און דערביי מוז דאָס געשען אויף אַזאַ אופן, אַז די פּרייזנפאַרקלענערונג זאָל אַרומנעמען קודם כל די אַרטיקלען פון ערשטן געברויך. (דאָס מוז געשען אָן דער איצט פּראַקטיצירטער פאַרערגערונג פון דער קוואַליטעט, וועלכע איז גענוג שלעכט.) דידאָזיקע פּרייזנפאַרקלענערונג דאַרף אָבער נישט צורויבן ביי דער מלוכה-אינדוסטרי די נויטווענדיקע רעזערוון, נאָר זי זאָל דערעיקר אויסגעפירט ווערן דורכדעם, וואָס מען וועט פאַרגרעסער'ן דעם סחורה-סכום, פאַרקלענערן די פּראָדוק-

ציע-קאָסטן און די „נישט פּראָדוקטיווע" הוצאות און דורך רעדוצירן דעם ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט.

אַן עלאַסטישע פּאָליטיק פון פּרייזפעסטשטעלונג, וואָס וועט זיך ביז אין די קלענסטע פּרטים צוגעפּאַסט צו די מאַרק-באַדינגונגען, וועט איבערגעלאָזן אין די הענט פון דער מלוכה-אינדוסטריע די ריזיקע סומעס, וועלכע שפּייזן איצט אין אַלגעמיין דעם פּריוואַט-קאַפּיטאַל און די האַנדלספּאַראַזיטן.

4. די ווירטשאַפטלעכע אָנפירונג, וואָס האָט לויט דעם לעצטן יאַרמאַניפעסט פון סטאַלין און ריקאָוו געזאָלט איינ-ברענגען 300—400 מיליאָן רובל אַ יאָר, האָט פּאַקטיש גע-בראַכט נישטיקע רעזולטאַטן. אַ ווירטשאַפטלעכע אָנפירונג איז די זאַך פון קלאַסנפּאָליטיק און זי קען דורכגעפירט ווערן נאָר דורך אַ דירעקטן דרוק פון די מאַסן. די אַרבעטער מוזן האָבן דעם מוט אויסצואיבן דעמדאָזיקן דרוק. עס איז דורכאויס מעגלעך צו פאַרמינערן די אומפּראָדוקטיווע הוצאות אויף 400 מיליאָן רובל אַ יאָר.

5. אַ געשיקטע באַנוצונג פון אַזעלכע וואָפן, ווי דער מאָנאָפּאָל פון אויסלענדישן האַנדל, פון אויסלענדישן קרעדיט, פון קאָנצעסיעס, פון אָפּמאַכן אויף צושטעלן טעכנישע הילף און אַז. וו., וועט איינברענגען צוגאָב-הכנסות. זי וועט אויך פאַרמערן אין אַ גרויסער מאָס דעם נוצן פון אונזערע אייגע-נע הוצאות, זי וועט באַפרוכטן אונזער גאַנצן אַנטוויקלונגס-שטייגער מיט אַ נייער טעכניק און אים פאַרשנעלערן, כּדי צו שטאַרקן אַזוי אַרום אונזער אמתע סאָציאַליסטישע אומאָפּהענ-גיקייט לגבי דער קאַפּיטאַליסטישער סביבה.

6. די פּראָבלעם פון אויסוויילן דעם פּערסאָנאַל — און טאַקע פון סאַמע אונטן ביז צום העכסטן שפּיץ — און זיי-ערע קעגנזייטיקע באַציאונגען איז ביז צו אַ געוויסן גראַד אַ פינאַנסיעלע פּראָבלעם. וואָס ערגער עס איז דער פּערסאָנאַל, אַלץ מער קאַפּיטאַל פאַרשלינגט ער. אַ ביוראָקראַטישע אָנפי-רערשאַפט וויל גאָר נישט הערן און געדענקען וועגן אַ גוטן פּערסאָנאַל און נאָרמאַלע אַרבעטס-באַדינגונגען.

7. די ביוראָקראַטישע סיסטעם פון אונזער איצטיקער ווירטשאַפטלעכער אָנפירערשאַפט ברענגט אין דער פּראַקטיק

דעם פאַרלוסט פון אַסך צענדליקער מיליאָנען. דאָס איז דער פּרייז, וועלכן מיר באַצאָלן פאַר מאַנגל אין פּראָדוקציעסווידריקייט, פאַר דער נישט-איינהייטלעכקייט פון די פּראָיעקטן, קליינלעכער כבוד-זוכעריי און אייביקן אָפּשלעפּן.

8. בלויזע שטייער-הכנסות קענען נישט דעקן די אומאויפהערלעך-וואַקסנדיקע פאָדערונגען פון אונזער עפנטלעכער ווירטשאַפט. קרעדיטן מוזן אַלץ מער און מער ווערן אַ וויכטיקער הויבשטאַנג ביים פאַרטיילן די עפנטלעכע הכנסה — פאַרשטייט זיך, אַז אויף דער ליניע פון אַ סאָציאַליסטישן אויפבוי, וועלכער פאָדערט אַ פעסטע וואַלוטע און אַ געזונטע געלט-צירקולאַציע.

9. אַ מער אנטשלאָסענע קלאַסנפּאָליטיק אין אונזער ווירטשאַפט, וואָס מאַכט ענגער די גרעניצן פון שפּעקולאַציע און וווכער, וואָלטן לייכטער געמאַכט דער רעגירונג און דער קרעדיטמאַכט צו לאָזן צירקולירן פּריוואַטע ווערטאָנזאַמלונגען. זי וואָלט מעגלעך געמאַכט אַן אומפאַרגלייכלעך-ברייטערע פינאַנסירונג פון דער אינדוסטרי דורך לאַנגטערמיניקע קרעדיטן.

10. דער מלוכהפאַרקויף פון בראָנפן איז צוערשט איינגעפירט געוואָרן אַלס פּרווו מיט דער כוונה, אַז דאָס געלט, וואָס וועט דורכדעם איינפליסן, זאָל דער עיקר פאַרווענדט ווערן אויף אינדוסטריאַליזירונג, און אין דער ערשטער ליניע פאַר דער מעטאַלאינדוסטרי. פאַקטיש אָבער האָט די אינדוסטריאַליזירונג בלויז פאַרלוירן דורך דעם מלוכהשן בראָנפןפאַרקויף. עס איז נויטיק מודה צו זיין, אַז דער עקספּערימענט האָט זיך אינגאַנצן נישט איינגעגעבן. ביי אַ ראַטנסיסטעם איז דער מלוכהשער בראָנפן-פאַרקויף נישט נאָר, ווי ביים צאַריזם, אַ חסרון פון שטאַנדפּונקט פון דער פּריוואַטאינדוסטרי, נאָר אויך, בעיקר, אַ חסרון פון שטאַנדפּונקט פון דער מלוכהאינדוסטרי. די פאַרמערונג פון טעג, אין וועלכע מען אַרבעט נישט, נאַכלעסיקייט ביי דער אַרבעט, שלעכטע פּראָדוקטן, צעבראָכענע מאַשינעס, עפּטערע אומגליקספאַלן אין פאַבריק, שׂרפות, געשלעגן, באַליידיקונגען און אַז. וו. — דער שאָדן פון דידאָזיקע אַלע זאַכן באַטרעפט הונדערטער מיליאָנען רובל אַ יאָר. די מלוכה-אינדוסטרי פאַרלירט דורכן בראָנפן נישט

ווייניקער, ווי דער ביודזשעט געווינט דורך אים, זי פארלירט אָבער דורך אים אומענדלעך מער, ווי זי באַקומט פאקטיש פון ביודזשעט. ווען מ׳שאַפט אָפּ דעם מלוכהשן בראָנפן-פאַרקויף אין אַ וואָס נעענטערן טערמין (אין צוויי ביז דריי יאָר) וואָלטן זיך פון זיך אַליין פארגרעסערט די מאַטעריעלע און גייסטיקע הילפסקוועלן פון דער אינדוסטרי-אַנטוויקלונג.

אַזוי אַרום גיבן מיר פאָלגנדיקן ענטפער אויף דער פראַגע: ווו געפינען מיר די מיטלען? עס איז נישט אמת, אַז דער לאַנגזאַמער טעמפּ פון דער אינדוסטריאַליזאַציע נעמט זיך אוממיטלבאַר פון דעם מאַנגל אין מיטלען. די מיטלען זענען קנאַפּע, אָבער זיי עקזיסטירן דאָך. דאָס ריכטיקע איז אויסצוגעפינען, וואָס עס איז נויטיק צו טאָן.

דער פינפיאָריפלאַן פון ראַט פאַר מלוכה-אונטערנעמונגען דאַרף מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט אָפּגעוואָרפן ווערן, ווייל ער שטייט אין אַ שאַרפער סתירה צום פאַרלאַנג „צו פאַרוואַנדלען דאָס רוסלאַנד פון דער פּריוואַטאינדוסטרי, פון נעפּ, אין אַ סאָציאַליסטישן רוסלאַנד”. מיר מוזן קומען צו אַ פּאַקטישער נייער פאַרטיילונג פון די שטייער-לאַסטן אויף די איינצלנע קלאַסן — אַרויפלאָדן זיי אויפן קולאַק און דעם נעפּמאַן, אויפן רייכן פּויער און דעם פּריוואַטקאַפּיטאַליסט און באַפרייען פון זיי די אַרבעטער און אָרעמע.

מיר מוזן פאַרקלענערן די רעלאַטיווע לאַסט פון די אומדירעקטע שטייערן. מיר מוזן אין דער נאָענטער צוקונפט באַזייטיקן דעם בראָנפן-פאַרקויף.

מיר מוזן ברענגען אין אָרדנונג די פינאַנסן פון אייזנבאַנטראַנספּאָרט.

מיר מוזן ברענגען אין אָרדנונג די פינאַנסן פון דער מלוכה-אינדוסטרי.

מיר מוזן סאַנירן די פאַרהעלטענישן אין דער פאַרנאַכלעסיקטער וואַלד-אינדוסטרי, וואָס קען און דאַרף ווערן אַ קוועלע פון ריזיקער הכנסה.

מיר מוזן גאַראַנטירן די אומבאַדינגטע סטאַבילקייט פון אונזער געלט איינהייט, דעם טשערוואָנעץ. דידאָזיקע סטאַביליזאַציע פאָדערט פון איין זייט צו פאַרקלענערן די פּרייזן

און פון דער צווייטער זייט — אַ ביודזשעט אָן דעפיציט. עס דאַרף פאַרוועדט ווערן אַרויסצולאָזן פאַפירגעלט אויף צו דעקן דעם ביודזשעט־דעפיציט.

מיר מוזן האָבן אַ באמת פּלאַנמעסיק־אויסגעאַרבעטן ביודזשעט, אָן אַ דעפיציט, וואָס שליסט אויס שטרענג און אומברחמנותדיק יעדע צופּוצונג און ענלעכעס.

אין דעם ביודזשעטיאָר 1927—1928 מוזן מיר באַדייטנדיק פאַרמערן די הוצאות פאַר לאַנדפאַרטיידיקונג (קודם כּל פאַר דער קריגסאינדוסטרי), פאַר אינדוסטרי בכלל, פאַר עלעקטריפיקאַציע, פאַרן טראַנספּאָרטוועזן, פאַר וווינונגען־בוי, פאַר מאָסמיטלען, וואָס פירן צו דער בילדונג פון קאָאָפּעראַטיוון אין דער לאַנדווירטשאַפט.

מיר מוזן שטעלן אַ אַנטשלאָסענעם ווידערשטאַנד יעדן פּרווו צו באַזייטיקן דעם מלוכה־מאָנאָפּאָל פאַרן אויסלענדישן האַנדל.

מיר מוזן נעמען אַ פעסטן קורס אין דער ריכטונג צו אינדוסטריאַליזאַציע, עלעקטריפיקאַציע און ראַציאָנאַליזאַציע און דערביי דאַרפן מיר זיך שטיצן אויפן וווקס פון די טעכנישע כּחות און אויף דער פאַרבעסערונג פון דער מאַטעריעלער לאַגע פון די מאַסן.

# די ראַטן

דער ביוראָקראַטישער אַפּאַראַט פון יעדער בירגערלעכער מלוכה שטייט איבער דער באַפעלקערונג און פאַרפעסטיקט זיין הערשאַפט דורכדעם, וואָס ער העלפט דעם הערשנדיקן קלאַס אין זיין קעגנזייטיקער פאַרבונדנקייט און פרעדיקט פאַר די מאַסן מורא און אונטערטעניקייט לגבי די הערשנדיקע. ווען די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט פאַרביטן די אַלטע מלוכהמאַשין דורך די אַרבעטער- פויערים- און זעלנערראַטן, דורך דער ראַטנסיסטעם, — האָט זי דעם אַלטן געטש פון דער ביוראָקראַטישער מלוכה געגעבן דעם שווערסטן קלאַפּ אין דער געשיכטע.

אונזער פאַרטייפּראָגראַם זאָגט וועגן דערדאָזיקער פראַגע:

„אין דעם פאַרביטערטן קאַמף, וועלכן די רוסישע קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט אָנגעהויבן קעגן ביוראָקראַטיזם, עצהט זי פאָלגנדיקע מאָסמיטלען, כדי פולשטענדיק גובר צו זיין די דאָזיקע בייז: 1. יעדער מיטגליד פון די ראַטן מוז אָבליגאַטאָריש איינגעגלידערט ווערן אין אַ באַשטימטער אַרבעט אין דער מלוכה-אַדמיניסטראַציע. 2. כסדר בייטן דידאָזיקע טעטיקייטן, אַזוי, אַז יעדער מיטגליד וועט ביסלעכווייז זיך באַטייליקן אין אַלע טיילן פון דער אַדמיניסטראַציע. 3. בהדרגהדיק אַריינציען די גאַנצע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג ביז צום לעצטן מענטשן אין דער אַרבעט פון דער מלוכה-אַדמיניסטראַציע. דורך אַ פּאַקטישער און אַלזייטיקער דורכפירונג פון דידאָזיקע מאָסמיטלען — וואָס זענען אַ ווייטערדיקער טריט אויפן ווע-

אויף וועלכן די פּאַריזער קאָמונע איז בשעתו די ערשטע אַרויסגעגאַנגען — וועט דערגרייכט ווערן אַ פאַראייַנפאַכונג פון דער אַדמיניסטראַציע-טעטיקייט און אַ אַלגעמיינע העכערונג פון דער קולטורעלער לאַגע פון די אַרבעטער".

די פּראָבלעם פון אַ ראַטנביוראָקראַטיע איז נישט בלויז אַ פראַגע וועגן רויטע לאַצן און וועגן אָנגעשוואָלענעם אַמטלעכן אַפּאַראַט. אין גרונד גענומען איז עס אַ פראַגע וועגן דער קלאַסנראָלע, וועלכע די ביוראָקראַטיע שפּילט, וועגן אירע סאָציאַלע פאַרקניפּונגען און סימפּאַטיעס, וועגן איר מאַכט און פּריווילעגירטער לאַגע, וועגן איר האַלטונג לגבי דעם נעפּמאַן און דעם נישט-קוואַליפיצירטן אַרבעטער, לגבי דער אינטעליגענץ און דעם אַנאַלפאַבעט, לגבי דער פרוי פון דעם ראַטן-„עקסעלענץ" און דער אומוויסנדיקער פּויערנפרוי און אַז. וו.

אויף וועלכער זייט שטייט דער באַאַמטער? אָט דאָס איז די עיקרדיקע פראַגע, וועלכע עס פאָרשן טאָג-טעגלעך מיליאָנען אַרבעטער דורך די דערפאַרונגען פון טאָג-טעגלעכן לעבן.

ערב דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט לענין, פאַררופנדיק זיך אויף מאַרקס' אַנאַליז פון דער פּאַריזער קאָמונע, אַנטשידן באַטאָנט די איבערציַיגונג, אַז „ביי אַ סאָציאַליסטישער פאַרוואַלטונג וועלן די מענטשן אויפהערן צו זיין ביוראָקראַטן, „טשינאָווניקעס". זיי וועלן דאָס אויפהערן צו זיין אויף אַזוי ווייט, אויף וויפל מיר וועלן איינפירן ביי זיי נישט נאָר דעם וואַלפּרינציפּ, נאָר אויך די באַזייטיקונג, דעם פּרינציפּ צו באַצאָלן לויט דעם דורכשניטלוין פון די אַרבעטער און ענדלעך דאָס פאַרבייטן פּאַרלאַמענטאַרישע אינסטיטוטן דורך אַרבעטנדיקע אינסטיטוטן, דאָס הייסט, דורך אַזעלכע, וואָס גיבן געזעצן און פאַרקערפּערן זיי דאַן אויך אין דערווירקלעכקייט".

אין וועלכער ריכטונג אַנטוויקלט זיך דער אַפּאַראַט פון דער ראַטנמלוכה זייט אייניקע יאָר? אין דער ריכטונג פון פאַראייַנפאַכן די אַדמיניסטראַציע און פאַרמינערן די קאָסטן? פון פּראָלעטאַריזירונג? דערנענטערט ער זיך צו די אַרבעטנדיקע מאַסן אין שטאָט און דאָרף? מאַכט ער שמעלער דעם

תהום צווישן דעם הערשנדיקן און באהערשטן? ווי האלט עס מכּח דורכפירן אַ גרעסערע גלייכקייט אין די לעבנסבאַדינגונגען? פראַגרעסירן מיר אויפן דאָזיקן געביט? עס איז גאַנץ קלאָר, אַז אויף קיין איינער פון דידאָזיקע פראַגעס קען מען נישט געבן קיין פּאָזיטיוון ענטפער (עס איז, נאַטירלעך, איבעריק צו דערמאָנען, אַז אַ פּאַקטישע און פולשטענדיקע גלייכקייט קען דערגרייכט ווערן בלויז דורך אָפּשאַפן די קלאַסן.)

אין דער נעפּ-עפּאָכע, ווען עס איז מעגלעך אַ נייע פּריוואַטווירטשאַפט, איז די דערגרייכונג פון גלייכקייט באַשווערט און אָפּגעלייגט, אָבער זי איז נישט אוממעגלעך. פאַר אונז איז דער נעפּ נישט קיין וועג צום קאַפּיטאַליזם, נאָר אַ וועג צום סאָציאַליזם. דעריבער בלייבט די בהדרגהדיקע אַריינציאונג פון דער גאַנצער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג ביז צום לעצטן מאַן אין דער סיסטעם פון דער מלוכהפאַרוואַלטונג, דעריבער בלייבט דער פלאַנמעסיקער קאַמף פאַר אַ גרעסערער גלייכקייט, איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבעס פון דער פּאַרטיי אין דער עפּאָכע פון נעפּ. דערדאָזיקער קאַמף קען זיין דערפאָלגרייך נאָר דאַן, ווען ער וועט באַזירן אויף אַ כסדר וואַקסנדיקער אינדוסטריאַליזירונג פון לאַנד און אויף דער פאַרגרעסערטער הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט אין אַלע צווייגן פון מאַטעריעלן און קולטורעלן אויפבוי. דערדאָזיקער קאַמף פאַר אַ גרעסערער גלייכקייט שליסט לגמרי נישט אויס אין דער איבערגאַנגסצייט אַ העכערע באַלוינונג פאַר קוואַליפיצירטע אַרבעטער, אַ בעסערע מאַטעריעלע לאַגע פון די ספּעצן. פונקט אַזוי ווייניק שליסט ער אויס פאַר לערער און דעסגלייכן אַ בעסערע באַלוינונג, ווי זיי באַקומען געוויינלעך אין די בירגערלעכע מלוכות.

מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז די באַאַמטן-אַרמיי אין די דאָזיקע לעצטע יאָרן איז כסדר געוואָקסן אין צאָל. די באַאַמטע קאָנסאָלידירן זיך, הויבן זיך אויף איבער דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג און פאַרוועבן זיך מיט די פאַרמעגלעכע עלעמענטן אין שטאָט און אין דאָרף. די פאַראָרדנונגען פון 1925, דורך וועלכע אומצייליקע עקספּלואַטירנדיקע עלעמענטן האָבן באַקומען וואַלרעכט, זענען נאָר געווען אַ בולטער אויסדרוק

פון פאַקט, אַז דער ביוראָקראַטישער אַפּאַראַט הויבט אָן נאָכצוגעבן ביז צו זיינע העכסטע שפּיצן דעם דויערנדיקן דרוק פון די פאַרמעגלעכע, קאַפּיטאַליִזאַמלענדיקע עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט. די אַנולירונג פון דידאָזיקע אינסטרוקציעס וואָס זענען פאַקטיש עובר געווען אויף דער ראַטנקאָנסטיטוציע — איז געשען נאָר אַדאַנק דער קריטיק פון דער אָפּאָזיציע. אָבער די ערשטע וואַלן אויפן גרונט פון די נייע אינסטרוקציעס האָבן שוין אין אַ גאַנצער ריי געמיינדעס אַרויסגערופן אַ טענדענץ (וואָס איז דערמוטיקט געוואָרן פון הויבן) צו פאַרלייכטערן די פאַרמעגלעכע גרופּעס צו דערווערבן וואַל־רעכט.

אָבער נישט אין דעם ליגט דער קערן פון דערדאָזיקער פראַגע. ביי דעם כּסדרדיקן וווּקס פון דער נייער בורזשואַזיע און פון די קולאַקעס און זייער דערנענטערונג צו דער ביוראָקראַטיע, — ווי דאָס ברענגט מיט זיך דער פאַלשער קורס פון אונזער פירערשאַפט, — זענען דער קולאַק און דער נעפּמאַן אימשטאַנד, אפילו ווען זיי זענען באַרויבט פון וואַלרעכט, צו באַאיינפלוסן דעם פאַרוואַלטונגסשטאַב און די פּאָליטיק, לכל הפּחות, פון די אונטערשטע ראַטנאָרגאַנען, בלייבנדיק דערביי אַליין הינטער דער סצענע.

די דורכדרינגונג פון די ראַטן מיט די אונטערשטע קולאַק־עלעמענטן און מיטן שטאָטישן בירגערטום, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1925 און איז צום טייל, צוליב די אָנגריפן פון דער אָפּאָזיציע, ווידער אָפּגעהאַלטן געוואָרן, איז אַ טיפגייענדיקער פּראָצעס, און איגנאָרירן אים אָדער פאַרווישן הייסט שטעלן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור פאַר דער סכּנה פון זייער שלעכטע רעזולטאַטן.

די שטאָטראַטן, דער הויפּטמיטל, כּדי צו דערנענטערן די אַרבעטער און די אונטערשטע מאַסן ביז צום לעצטן מאַן צו די אויפגאַבעס פון דער מלוכהפאַרוואַלטונג, האָבן אין דידאָזיקע לעצטע יאָרן פאַרלאָרן יעדע באַדייטונג. דאָס איז דער אויסדרוק פאַר אַ אָנספּקדיקער איבערגרופּירונג פון די קלאַסנכּוחות נישט צום גונסטן פון פּראָלעטאַריאַט. אַזעלכע דערשיינונגען קען מען נישט גובר זיין דורך אַ פּשוטער, פון הויבן פאַראָרדנטער אַמטלעכער „נייער באַלעבונג". מען קען זיי נאָר

שטעלן אַ ווידערשטאַנד דורך אַ פעסטער קלאַסנפּאָליטיק — דורך אַ אַנטשידענעם קאַמף קעגן די נייע עקספּלואַטאַטאָרס און דורך אַ שטאַרקערער אַקטיווירונג פון פּראָלעטאַריאַט אין אַלע איינריכטונגען און אָרגאַנען פון דער ראַטנמלוכה אָן אַ אויסנאַם.

מאַלאָטאָווס „טעאָריע", אַז מיר קענען נישט פאָדערן מ'זאָל צוציען די אַרבעטער צו דער מלוכה און די מלוכה צו די אַרבעטער, ווייל די מלוכה איז דאָך ממילא אַן אַרבעטערמלוכה, איז די בייזוויליקסטע ביוראָקראַטישע פאָרמולע, וועלכע מ'קען זיך נאָר פאָרשטעלן, זי סאַנקציאָנירט פון פאָראויס יעדע מעגלעכע ביוראָקראַטישע פאַרערגערונג. יעדע קריטיק פון אַזאַ אַנטילעניניסטישער טעאָריע — אַ טעאָריע, וואָס געניסט די אָפענע אָדער געהיימע סימפּאַטיע פון ברייטע קרייזן פון דעם ראַטנבאַאַמטנטום — ווערט אונטער דער איצטיקער פירערשאַפט באַטראַכט אַלס אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַפּיקורסות. אָבער שאַרף פאַראורטיילן דידאָזיקע און ענלעכע טעאָריעס איז אַן אומפאַרמיידלעכע באַדינגונג פאַר יעדן אמתן קאַמף קעגן ביוראָקראַטישן בייז. אַזאַ קאַמף באַשטייט נישט אין מאכן פּשוט אַ באַשטימטע צאָל אַרבעטער פאַר באַאַמטע. ער באַשטייט אין דערנענטערן דעם גאַנצן מלוכהשן אַפּאַראַט מיט זיין גאַנצער טעגלעכער אַרבעט צו די אַרבעטער און די אָרעמע פּויערים.

דער איצטיקער אַמטלעכער קאַמף קעגן ביוראָקראַטיזם, וואָס באַזירט נישט אויף דער קלאַסנטעטיקייט פון די אַרבעטער, נאָר וויל פאַרבייטן דידאָזיקע דורך אַ טעטיקייט פון אַפּאַראַט גופא, קען נישט און וועט נישט ברענגען קיין אַנטשיידנדיקע רעזולטאַטן. אין אַ סך פאַלן וועט ער נאָך אַפילו שטיצן און פאַרשטאַרקן דעם עקזיסטירנדיקן ביוראָקראַטיזם.

אויך אין אינערלעכן לעבן פון די ראַטן קען מען אין די לעצטע יאָרן באַמערקן אַ ריי דורך-און-דורך רעאַקציאָנערע פּראָצעסן. די ראַטן האָבן אַלץ ווייניקער צו טאָן מיט אַנטשיידן וויכטיקע פּאָליטישע,ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע פראַגעס. זיי ווערן אַלץ מער און מער בלויז צוגאָבן צו די עקזעקוטיוו-קאָמיטעטן און דעם פּרעזידיום פון

דער פּאַרטיי. די אייגנטלעכע רעגירונג קאָנצענטרירט זיך פול־שטענדיק אין דער האַנט פון דאָזיקן פּרעזידיום. די דיסקו־סיע איבער פּראָבלעמען אויף די גרויסע ראַטנפאַרזאַמלונגען זענען בלויז פאַר דער אויסערלעכקייט וועגן. אין דערזעלבער צייט ווערט פאַרלענגערט דער פּעריאָד צווישן די וואַלן פון די ראַטנאָרגאַנען, און דורכדעם ווערט פאַרשטאַרקט די אומ־אָפּהענגיקייט פון דידאָזיקע אָרגאַנען פון די אַרבעטערמאַסן. דאָס אַלץ פאַרמערט אין אַ גרויסער מאָס דעם איינפלוס פון די אַמטלעכע עלעמענטן אויף דער אַנטשיידונג פון אַלע פראַגעס.

די אָנפירונג מיטן ריזיקן אַפּאַראַט פון דער שטאָטישער ווירטשאַפט ליגט אָפט אין די הענט פון איינעם אָדער צוויי קאָמוניסטן, וועלכע ווײלן אויס זייער אייגענעם שטאַב און זייערע אייגענע ספּעצן און ווערן אָפּטמאָל איגנאָרירן אָפּהענ־גיק פון זיי. עס איז נישטאָ קיין געהעריקע אויסבילדונג פון די ראַטנמיטגלידער. זיי באַקענען זיך נישט מיט דער אַרבעט פון פונדאַמענט ביזן דאַך־שפּיץ. דערפון נעמט זיך דאָס כסדר־דיקע קלאָגן זיך אויפן מאַנגל אין דערפאַרענע אַרבעטער אין ראַטנ־אַפּאַראַט. דערפון שטאַמט אויך די כסדר וואַקסנדיקע איבער־ענטפערונג פון דער מאַכט אין די הענט פון באַאַמטנטום.

די געוויילטע פירער און פאַרוואַלטער אויף וויכטיקע געביטן פון דער ראַטנאַרבעט ווערן באַזייטיקט ביים ערשטן קאָנפליקט מיטן פאָרזיצער פון ראַט. נאָך שנעלער ווערן זיי באַזייטיקט אין פאַל פון אַ קאָנפליקט מיטן סעקרעטאַר פון פראָווינץ־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי. צוליב דעם האָט דער וואַל־פּרינציפּ פאַרלאָרן די מינדסטע באַדייטונג, און די אחריות לגבי די ווײלער פאַרלירט יעדן זינען.

עס איז אומבאַדינגט נויטיק:

1. אָנהויבן אַ פעסטע פּאָליטיק פון קאַמף קעגן באַ־אַמטנטום. דעמדאָזיקן קאַמף דורכפירן, ווי לענין וואָלט דאָס געטאָן, דאָס הייסט פאַרוואַנדלען אים אין אַ אמתער מלחמה קעגן די עקספּלואַטאַציע־באַשטרעבונגען פון דער נייער בורזשו־אַזיע און פון קולאַק דורך אַ שטענדיקער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־דעמאָקראַטיע אין דער פּאַרטיי, אין די פּראָפאַר־איינען און אין די ראַטן.

2. אָננעמען די פּראָגראַם צו ברענגען אין ענגן קאָנ־טאַקט מיט דער מלוכה דעם אַרבעטער, דעם טאָגאַרבעטער, דעם אָרעמען און מיטעלן פּויער — קעגן קולאַק, און דעם גאַנצן מלוכהאַפּאַראַט אומבאַדינגט שטעלן אין דינסט פון די לעבנסאינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן.

3. הויבן די קלאַסנטעטיקייט פון די אַרבעטער, פון די טאָגאַרבעטער, פון די אָרעמע און מיטעלע פּויערים, אַלס יסוד פאַר דער נייבאַלעבונג פון די ראַטן.

4. פאַרוואַנדלען די שטאָטראַטן אין אמתע אָרגאַנען פון פּראָלעטאַרישער מאַכט און אין ווערקצייג אויף אַריינצופירן די ברייטע מאַסן אין דער רעגירונגסאַרבעט פון דער סאָציאַ־ליסטישער אונטערנעמונג; פאַרווירקלעכן במעשה און נישט נאָר אויף ווערטער די קאָנטראָל פון די שטאָטראַטן איבער דער אַרבעט פון די פּראָווינציעלע אויספיר־קאָמיטעטן ווי אויך איבער די אָרגאַנען, וואָס זענען זיי אונטערגעוואָרפן.

5. איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף מאַכן צום באַזייטיקן געוויילטע ראַטנבאַאמטע, סיידן עס איז דאָ דערצו אַן אמתע און אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט, אָבער אין דאָזיקן פאַל דאַרף די סיבה אויפגעקלערט ווערן פאַר די וויילער.

6. מיר מוזן דערפירן דערצו, אַז דער אָפּגעשטאַנענסטער נישט קוואַליפיצירטער אַרבעטער און די אומוויסנדיקסטע פּויערנפרוי זאָלן זיין איבערצייגט דורך אייגענער דערפאַרונג, אַז אין יעדן מלוכהשן אינסטיטוט קענען זיי געפינען אויפמערקזאַמקייט, אַן עצה און יעדע מעגלעכע הילף.

# די נאַציאָנאַלע פראַגע

דער פאַרלאַנגזאַמטער אַלגעמיינער טעמפּ פון דער סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג; דער וווּקס פון דער נייער בורזשואַזיע אין שטאָט און דאָרף; די פאַרשטאַרקונג פון די בירגערלעכע אינטעליגענץ־שיכטן; דער וווּקס פון ביוּראָקראַטיזם אין די מלוכה־אָרגאַנען; די שלעכטע פּאַרטייפירונג; און אין פאַרבינדונג מיט דעם אַלעמען דער וווּקס פון אַ גרויסמאַכטשאָוויניזם און אַ נאַציאָנאַליסטישער דענקען אין אַלגעמיין — דאָס אַלץ געפינט זייער העכסט־אומגעזונטן אויסדרוק אין דער פּראָבלעם פון די נאַציאָנאַליטעטן און פון די אויטאָנאָמע רעפּובליקן אין דעם ראַטנפאַרבאַנד. די שוועריקייטן פאַרטאָפּלען זיך דורכדעם, וואָס אין אייניקע פון די דאָזיקע רעפּובליקן זענען נאָך דאָ רעשטלעך פון אַ פאַרקאַפּיטאַליסטישער קולטור.

אונטער דער נייער ווירטשאַפטס־פּאָליטיק פאַרשטאַרקט זיך די ראָלע פון פּריוואַט־קאַפּיטאַל מיט אַ באַזונדערער שנעלקייט אין די אינדוסטריעל־אָפּגעשטאַנענע גרענעצגעביטן. דאָ פאַרלאָזן זיך אָפטמאָל די ווירטשאַפטלעכע אָרגאַנען כמעט אינגאַנצן אויף די פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטן. זיי שטעלן פעסט פּרייזן, נישט נעמענדיק דערביי אין אַכט די אמתע לאַגע פון די אָרעמע און מיטעלערע פּויערים־מאַסן. זיי דריקן קינסטלעך אַראָפּ די לוינען פון די לאַנדאַרבעטער. זיי פאַרשפּרייטן אַ מאָס די סיסטעם פון פּריוואַטע פאַרמיטלונגס־אַגענטורן צווישן די אינדוסטריען און די פּויערים, וועלכע נוציקן זיך

אין רוימאַטעריאַל. זיי פירן די קאָאָפּעראַטיוון אין דער ריכ-טונג צו טאָן גרעסערע טובות די רייכע שיכטן אין די דער-פער. זיי פאַרנאַכלעסיקן די אינטערעסן פון דער באַזונדערס אָפּגע-שטאַנענער גרופּע פּיצימטערס און קליינפּיציכטערס. די וויכ-טיקסטע אויפגאַבע — דורכפירן אַ פּלאַנמעסיקע אינדוסטרי-אַנטוויקלונג, באַזונדערס ביים באַארבעטן לאַנדווירטשאַפטלעכע רוישטאָפן בלייבט פולשטענדיק אין הינטערגרונט.

ביוראָקראַטיזם, געשטיצט אויף גרויסמאַכטשאָוויניזם, האָט דערפירט אַזוי ווייט, אַז די ראַטנצענטראַליזאַציע איז געוואָרן אַ מקור פון שטרייטן וועגן דער פאַרטיילונג פון אַמטלעכע שטעלעס צווישן די נאַציאָנאַליטעטן (די דרום-קאַווקאַזישע פע-דעראַציע). ער האָט פאַרדאָרבן די באַציאונגען צווישן דעם צענטער און די גרענעצגעביטן. ער האָט אָן שום ספק דערפירט צו אַ זעראָ-באַדייטונג דעם באַגריף פון די נאַציאָנאַליטעטן-ראַטן. ער האָט אַזוי ווייט דערפירט די ביוראָקראַטישע אַפּו-טרופּסות איבער די אויטאָנאָמע רעפּובליקן, אַז דידאָזיקע האָבן שוין מער נישט קיין רעכט צו אַנטשיידן באַדנקריגערייען צווישן דער היימישער און רוסישער באַפעלקערונג. דערדאָזי-קער גרויסמאַכטשאָוויניזם, באַזונדערס ווי אַזוי ער קומט צום אויסדרוק דורכן רעגירונגס-אַפּאַראַט, בלייבט ביז אויף הייַנטיקן טאָג דער הויפּטקעגנער, וואָס דערלאָזט נישט די אַרבעטער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן זיך דערנענטערן און פאַרשמעלצן צווישן זיך.

אַן אמתע אונטערשטיצונג פאַר די אָרעמע, אַן ענגערע פאַרבינדונג צווישן מיטעלע פּויערים, אָרעמע פּויערים און לאַנדאַרבעטער, אָרגאַניזירן דידאָזיקע לעצטע צו אַן אומאָפּ-הענגיקער קלאַסנמאַכט — דאָס אַלץ האָט אַ באַזונדערס וויכ-טיקע באַדייטונג אויף די נאַציאָנאַלע טעריטאָריעס און אין די רעפּובליקן. אָן אַן אמתער אָרגאַניזאַציע פון די לאַנדאַר-בעטער, אָן אַ קאָאָפּעראַטיווער און אָרגאַניזאַטאָרישער צוזאַמענ-בינדונג פון די אָרעמע, שטייען מיר פאַר דער סכּנה צו לאָזן אונזערע אָפּגעשטאַנענע מזרח-קאַנטן אין זייער געירשנטן שקלאַ-פערײַ-צושטאַנד און פאַריאָגן פון אונזערע פאַרטייצענטרען

אין דידאזיקע געביטן אלע ערלעכע מיטגלידער פון די אונטערשטע קלאסן.

די אויפגאבע פון די קאמוניסטן אין געביט פון די מער אפגעשטאנענע אדער גראד איצט דערוואכנדיקע נאציאנאליטעטן דארף באשטיין אין אפפירן דעם פראצעס פון נאציאנאלער דערוואכונג אין ראטנסאציאליסטישע קאנאלן. מיר דארפן צוציען די ארבעטנדיקע מאסע צו דערווירטשאפטלעכער און קולטורעלער אויפבוי-ארבעט, באזונדערס דורך אנטוויקלען די לאקאלע שפראכן און שולן און דורך נאציאנאליזירן דעם ראטנאפאראט.

אין געגנטן, אין וועלכע עס הערשן נאציאנאלע רייבונגען מיט אנדערע נאציאנאליטעטן אדער נאציאנאלע מינדערהייטן, ווערט דער נאציאנאליזם אפטמאל גאנץ אגרעסיוו, ווען ער ווערט באגלייט דורכן ווזקס פון בירגערלעכע עלעמענטן. אין אזעלכע פאלן ווערט די נאציאנאליזירונג על-פי-רוב דורכגעפירט אויפן חשבון פון די נאציאנאלע מינדערהייטן. גרעניצפראגן ווערן צום מקורפון נאציאנאלער נאה. די אטמאספער אין דער ארבעט פון דער פארטיי, פון ראט און פון די פראפאראיינען ווערט דאן פארסמט דורך נאציאנאליזם.

אוקראאיניזאציע, טורקמעניזאציע און אז. וו. קען דורכגעפירט ווערן אויפן ריכטיקן אופן נאר דאן, ווען עס וועלן אויסגעראטן ווערן די ביוראקראטישע טענדענצן און גרויסמאכטנייגונגען אין די איינריכטונגען און אין די ארגאנען פון פארבאנד. זי קען נאר דאן פראגרעסירן אויף א ריכטיקן אופן, ווען אין דער נאציאנאלער רעפובליק ווערט אויפגעהיט די באהערשנדיקע ראלע פון פראלעטאריאט, ווען מיר שטיצן זיך אויף די אונטערשטע קלאסן און פירן אן אומאויפהערלעכן און אומברחמנותדיקן קאמף קעגן קולאק און די שאוויניסטישע עלעמענטן.

דידאזיקע פראגעס זענען באזונדערס וויכטיק אין אזעלכע אינדוסטריעלע צענטרען ווי דער דאן-באסיין אדער באקו, וואס זייער פראלעטארישע באפעלקערונג געהער אין איר גרויסער מאסע צו אן אנדער נאציאנאליטעט, ווי דער ארומיקער דארף. אין אזעלכע פאלן פאדערט א ריכטיקע קולטורעלע און

פּאָליטישע באַציאונג צווישן שטאָט און דאָרף אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט און עכטע ברידערלעכקייט מצד די שטעט לגבי די מאַטעריעלע און גייסטיקע באַדערפענישן פון אַנדערש-אַרטיקן דאָרף, חוצדעם אַ אַנטשלאָסענעם ווידערשטאַנד קעגן יעדן בירגערלעכן פּרווו אַרייַנצושלאָגן אַ קלין צווישן שטאָט און דאָרף דורך ביוראָקראַטישער גאווה לגבי די דאָרפישע געביטן אָדער דורך דעם רעאַקציאָנערן האַס פון דעם קולאַק לגבי דער שטאָט.

די ראָלע, צוצוגעבן אַ שיין פון אויבערפלעכלעכער „נאַציאָנאַליזאַציע", לאָזט איבער אונזער ביוראָקראַטישע רעגירונג די באַאַמטע, אינזשיניערן און קליינבירגערלעכע לערערס, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט די אויבערשטע שיכטן פון שטאָט און דאָרף דורך אומצייליקע ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע פעדים. דאָס רייסט אַרויס דעם היימישן אַרעמען פון דער פּאַרטיי און פון ראַטנפאַרבאַנד און וואַרפט אים אין די אַרעמס פון דער האַנדלסבורזשואַזיע, וווכערער, רעאַקציאָנערע פּריסטער און פעאָדאַל-פּאַטריאַרכאַלישע עלעמענטן.

אין דערזעלבער צייט וואַרפט אַרויס אונזער ביוראָקראַטישע אָנפירונג די עכט-קאָמוניסטישע עלעמענטן פון דער באַטרעפנדיקער נאַציאָנאַליטעט, פאַראורטיילט זיי אַלס אַפּיקורסים און פאַרפאָלגט זיי אויף אַלערליי מעגלעכע אופנים. דאָס האָט, למשל, געהאַט איבערצולעבן אַ באַדייטנדיקע גרופּע אַלטע גרוזינישע באָלשעוויקעס, וועלכע זענען אַרייַנגעפאַלן אין אומחסד ביי דער סטאַלינגרופּע און וועלכע לענין האָט הייס פאַרטיידיקט אין זיין לעצטער לעבנסצייט.

די מעגלעכקייט, וועלכע די אָקטאָבער - רעוואָלוציע האָט געשאַפן פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן פון די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און טעריטאָריעס אַרויפצוקומען אויף דער אויבערפלאַך איז די סיבה, פאַרוואָס דידאָזיקע מאַסן שטרעבן צו אַן אוממיטלבאַרן און פרייען אָנטייל אין עפנטלעכן לעבן. אונזער ביוראָקראַטישע רעגירונג באַמיט זיך צו פאַראַליזירן דעמדאָזיקן אָנטייל דורך איבערשרעקן די מאַסן מיט איר געשריי וועגן לאָקאַלן נאַציאָנאַליזם.

דער צוועלפטער קאָנגרעס פון אונזער פּאַרטיי האָט באַ-

טאנט די נויטיקייט צו קעמפן קעגן „די רעשטלעך פון גרויס-מאכט-שאוויניזם", קעגן „דער ווירטשאַפטלעכער און קולטורע-לער אומגלייכקייט פון די נאַציאָנאַליטעטן אין די ראַמען פונם ראַטנפאַרבאַנד", קעגן „די רעשטלעך פון נאַציאָנאַליזם ביי א גאַנצער ריי פעלקער, וועלכע האָבן געהאַט איבערצו-טראָגן דעם שווערן יאָך פון רוסישער אונטערדריקונג". די פערטע קאָנפערענץ פון דער פאַרטיי מיט די פאַראַנטוואָרטלע-כע פירער פון די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און טעריטאָריעס (1923) האָט דערקלערט, אַז „בילדן און אַנטוויקלען קאָמוניס-טישע אָרגאַניזאַציעס צווישן די פּראָלעטאַרישע און האַלבפּראָ-לעטאַרישע עלעמענטן פון דער לאָקאַלער באַפעלקערונג אין די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און טעריטאָריעס איז אַ עיקר-פּראָבלעם פון דער פאַרטיי"... די קאָנפערענץ האָט איינשטימיק באַטאַנט, אַז די קאָמוניסטן, וועלכע ווערן געשיקט פון צענטער צו די אָפּגעשטאַנענע רעפּובליקן און טעריטאָריעס, דאַרפן נישט שפּילן די ראָלע פון „פּעדאַגאָגן און ניאַנקעס, נאָר פון העלפער".

אין משך פון די לעצטע יאָרן האָט זיך די גאַנצע זאַך אַנטוויקלט פונקט אין דער קעגנזעצלעכער ריכטונג. די פירער פון נאַציאָנאַלן פאַרטיי-אַפּאַראַט, וועלכע ווערן אָנגע-פירט דורכן סעקרעטאַריאַט פון צענטראַל-קאָמיטעט, נעמען אויף זיך די פאַקטישע אַנטשיידונג פון אַלע פאַרטיי- און ראַטנפראַ-געס. די אמתע ארבעטער פון די נאַציאָנאַליטעטן פאַרוואַנד-לען זיי אין אַ מין צווייטמדרגהדיקע קאָמוניסטן, וועלכע מ'לאָזט צו צום געשעפט נאָר דערפאַר, כּדי זיי זאָלן שפּילן אַ ריין-פאָרמעלע, רעפּרעזענטאַטיווע ראָלע (קרים, קאַזאַקסטאַן, טורק-מעניסטאַן, טאַרטאַריי, די באַרג-פּראָווינצן פון צפון-קאַווקאַז און אַז. וו.). די קינסטלעכע איינטיילונג פון אַלע לאָקאַלע פאַרטייאַרבעטער אויף „רעכטע" און „לינקע", וועלכע איז גע-מאַכט געוואָרן פון „אויבן", איז ספּעציעל געשאַפן געוואָרן צוליב דעם, כּדי דער סעקרעטאַר, וועלכער ווערט באַשטימט דורך דער צענטראַלאָנפירונג, זאָל קענען לויט זיין איינזען שאַפן איבער ביידע גרופּעס.

אויפן געביט פון אונזער נאַציאָנאַליטעטן-פּאָליטיק איז נויטיק, פונקט ווי אויף אַלע אַנדערע געביטן, זיך אומצוקערן צום לעניניסטישן שטאַנדפּונקט:

1. מען מוז זיך אַ סך גרינטלעכער באַמיען גובר צו זיין די נאַציאָנאַלע שטרייטן צווישן די אַרבעטער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן — קודם כּל דורך לייגן אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אויף ניי-אַנגעקומענע „נאַציאָנאַלע" אַרבעטער, דורך העלפן זיי אין דער אַרבעט און דורך פאַרבעסערן זייער לעבנס- און קולטורבאַדינגונגען. מען מוז שטענדיק האָבן אין אויג, אַז דער אמתער הויבשטאַנג אויף איבערפירן די אָפּגעשטאַנענע נאַציאָנאַלע געגנטן צום אויפבויווערק פון די ראַטן איז דאָס שאַפן און אַנטוויקלען פּראָלעטאַרישע קעמערלעך צווישן דער לאָקאַלער באַפעלקערונג.

2. אין דעםווירטשאַפטלעכן פינפיאָרפּלאַן מוז מען אַריינברענגען אַ שנעלערן טעמפּ פון אינדוסטריאַנטוויקלונג גראָד פאַר די אָפּגעשטאַנענע גרענעצגעביטן און מען מוז אויסאַרבעטן אַ פּופצניאָרפּלאַן, וואָס זאָל לייגן מער אַכט אויף די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און טעריטאָריעס. מען מוז זען, אַז אונזער האַנדלספּאָליטיק זאָל זיין מער צוגעפּאַסט פאַר די אינטערעסן פון ספּעציאַלקולטורן ביי די אָרעמע און מיטעלע ערדאייגנטימער (באוול אין צענטראַלאַזיע, טאַבאַק אין קרים, אין אַכבאַס און אַז. וו.). די פּאָליטיק פון קאָאָפּעראַטיוון קרעדיט און פון באָדנאַמעליאָראַציע (אין צענטראַלאַזיע, אין דרום-קאַווקאַז און אַז. וו.). דאַרפן שטרענג דורכגעפירט ווערן לויט די כּללים פון קלאַסנקאַמף און אין זינען פון סאָציאַליסטישן אויפבוי. עס דאַרף געשענקט ווערן אַ גרעסערע אויפמערקזאַמקייט דער אַנטוויקלונג פון די פּיציכטקאָאָפּעראַטיוון און דער פּראָבלעם פון פאַראַרבעטן דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן רוימאַטעריאַל. אונזער גאַנצע קאָלאָניזירונגס-פּאָליטיק דאַרף אויף אַן ערלעכן אופן נעמען אין אַכט די פראַגעס פון די נאַציאָנאַליטעטן.

3. אומעטום, אין די ראַטן, אין דער פּאַרטיי, פּראָפּאַראײנען און קאָאָפּעראַטיוון מוז מען דורכפירן די נאַציאָנאַליזירונג, נישט אַרויסלאָזנדיק אָבער דערביי פון אויג די באַדייטונג פון דער קלאַסנפּאָליטיק און פון די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען. מען מוז אויפהויבן אַן אמתן קאַמף קעגן דער שלעכטער לאַגע פון די קאָלאָניסטן אין די ווירקונגסקרייזן פון

די מלוכהשע, קאָאָפּעראַטיווע און אַנדערע אָרגאַנען און נישט דערלאָזן צו קיין שום ביוראָקראַטישע אַריינמישונגען אין די באַציאונגען צווישן צענטער און די גרענעצגעביטן.

4. יעדע שטערונג, וואָס שטייט אין וועג דער מעגלעך פולשטענדיקער פאַראייניקונג און פאַרשמעלצונג פון אַרבעטער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן אין ראַטנפאַרבאַנד אויפן באַזיס פון סאָציאַליסטישן אויפבוי און דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע, דאַרף פלאַנמעסיק באַזייטיקט ווערן און עס דאַרף אָנגעהויבן ווערן אַ אַנטשיידענער קאַמף קעגן מעכאַנישן דרוק פון דער הערשנדיקער נאַציאָנאַלער שפּראַך אויף די אַרבעטער און פויערים פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. אין שפּראַך-פראַגעס דאַרפן די אַרבעטנדיקע מאַסן האָבן די פולע פרייהייט אַליין צו דעצידירן, אין די פּראָווינצן פון יעדער נאַציאָנאַלער רעפּובליק דאַרפן גאַראַנטירט ווערן די פאַקטישע רעכט פון יעדער נאַציאָנאַלער מינדערהייט, און קודם כל וואָלט מען דערביי געמוזט לייגן אַכט אויף אויסערגעוויינלעכע באַדינגונגען, ווי זיי קענען זיך אויסבילדן צווישן פריער אונ-טערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן און די נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע זענען אַמאָל געווען זייערע אונטערדריקער.

5. אַ דעמאָקראַטישע פירונג אין אינערלעכן פאַרטיילעבן פון אַלע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און טעריטאָריעס; אומבאַדינגט אויסמיידן יעדע אַפּוטרופּסות איבער נישט-רוסן, באַזונדערס דורך דער מאַכט; זיך אָפּזאָגן פון דער פּאָליטיק, וואָס טיילט איין אויף אַ צוואַנגסאופן די נישט-רוסישע קאָמוניסטן אין רעכטע און לינקע; זאָרגעווודיק בילדן די פּאַרטיימיטגלידער פון די אונטערשטע פּראָלעטאַרישע און האַלב-פּראָלעטאַרישע שיכטן.

6. זיך אָפּזאָגן פון אַלע ניי-בירגערלעכע טענדענצן און גרויסמאַכט-שטרעבונגען — באַזונדערס אין צענטראַל-קאָמיסאַריאַט און ביי די מלוכהבאַאמטע אין אַלגעמיינעם. פירן אַ דערצי-אונגסקאַמף קעגן לאָקאַלן נאַציאָנאַליזם אויפן יסוד פון אַ קלאָ-רער און אויסגעהאַלטענער קלאַסנפּאָליטיק אין דער נאַציאָנאַ-לער פראַגע.

7. אומבילדן די נאַציאָנאַליטעטנראַטן אין באמת פונקציאָ-

ביידנדיקע אָרגאַנען, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן לעבן פון די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און טעריטאָריעס און זענען פאַקטיש אימשטאַנד צו פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן.

8. לייגן אַכט אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין דער פּראָפאַראייינאַרבעט און אויף דער פראַגע פון בילדן נאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע פאַרבאַנדן.

9. נישט אָנערקענען קיין שום וואַלרעכט פאַר עקספּלואַטירנדיקע עלעמענטן.

10. די פינפטע נאַציאָנאַליטעטנקאָנפערענץ וואָלט געדאַרפט צענויפגערופן ווערן אויפן יסוד פון אַ אמתער פאַרטרעטערשאַפט פון די אונטערשטע קלאַסן.

11. לענינס בריוו וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם, וואָס אַנטהאַלט אַ קריטיק פון סטאַלינס קורס אין דער גרוזינער פראַגע, דאַרף פאַרעפנטלעכט ווערן אין דער פּרעסע.

# די פּאַרטיי

קיין שום פּאַרטיי אין דער וועלטגעשיכטע האָט נאָך קיינמאָל נישט דערגרייכט אַזאַ זיג, ווי אונזער פּאַרטיי, וועלכע שטייט שוין זייט צען יאָר בראש פון אַ פּראָלעטאַריאַט און פירט דורך זיין דיקטאַטור. די רוסישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די פירנדיקע פּאַרטיי פון קאָמינטערן, פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. קיין שום אנדער פּאַרטיי האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָגן אויף זיך אַזאַ וועלטבאַדייטנדיקע, היסטאָרישע אחריות, ווי אונזערע. אָבער גראָד צוליבן דאָזיקן טעם און צוליב דער מאַכט, וועלכע זי פאַרמאָגט, דאַרף אונזער פּאַרטיי אָן מורא קריטיקירן אירע אייגענע פעלערן. זי דאַרף אויפדעקן אירע שוואַכע פונקטן און קוקן גלייך אין די אויגן דער געפאַר פון אַ פאַקטישער דעגענעראַציע, כדי נאָך באַצייטנס אָנצונעמען מאָסמיטלען זי צו פאַרמיידן. אַזוי איז תמיד געווען אין די צייטן פון לענינען, וועלכער האָט אונז תמיד געוואָרנט פאַר דער געפאַר צו ווערן „אַ פּאַרטיי פון איינגעבילדעטע פּעדאַנטן”. געבנדיק דאָס פאָלגנדיקע בילד פון דער איצטיקער לאַגע אין אונזער פּאַרטיי מיט אַלע אירע טונקעלע זייטן, דריקן מיר, די אָפּאָזיציע, גלייכצייטיק אויס די פעסטע האָפענונג, אַז די פּאַרטיי קען מיט אַן עכטער לעניניסטישער פּאָליטיק גובר זיין אירע שוואַכקייטן און זיך אויפהויבן צו דער הויך פון איר היסטאָרישער אויפגאַבע.

1. דער סאָציאַלער צוזאמענשטעל פון אונזער פּאַרטיי האָט זיך אין משך פון די לעצטע יאָרן כסדר פאַרערגערט.

צום 1 יאַנואַר 1927 האָבן מיר געהאַט אין דער פּאַרטיי אין קיילעכדיקע ציפערן:

| | |
|---|---|
| אַרבעטער, וואָס זענען פאַקטיש באַשעפטיקט אין דער אינדוסטרי און אין טראַנספּאָרטוועזן . . | 430.000 |
| אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט אין דער לאַנדווירטשאַפט און ביי די פּויערים . . . | 15.700 |
| פּויערים (פון זיי זענען איצט מער ווי די העלפט רעגירונגס-אָנגעשטעלטע) . . . . . . | 303.000 |
| באַאַמטע (פון זיי איז די העלפט געוועזענע אַרבעטער) . . . . . . . . . . | 462.000 |

אַזוי אַרום איז בלויז איין דריטל פון אונזער פּאַרטיי-באַשטאַנען דעם 1 יאַנואַר פון אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט אין באַטריבן און צוויי דריטל פון איר זענען באַשטאַנען פון פּויערים, באַאַמטע, געוועזענע אַרבעטער און „פאַרשיידענע”.

אין די לעצטע אנדערטהאַלבן יאָר האָט אונזער פּאַרטיי פאַרלאָרן אומגעפער 100.000 אַרבעטער פון די באַטריבן. די „אויטאָמאַטישע” אַרויסטרעטונגען פון דער פּאַרטיי האָבן אין 1926 באַטראָפן 25.000 קאָמוניסטישע מיטגלידער, פון זיי זענען 76,5 פּראָצ. געווען אינדוסטרי-אַרבעטער. דער אַזויגערופענער „דורכזיפּ-פּראָצעס”, וואָס איז פאַר קורצן פאָרגעקומען, און איז באַגלייט געוואָרן דורך אַ נייער רעגיסטראַציע פון מיטגלידער, האָט מיט זיך געבראַכט, לויט די אָפיציעלע ידיעות (וואָס שוואַכן אָפּ אָן ספק די פאַקטן), דעם אַרויסטריט פון דער פּאַרטיי פון אומגעפער 80.000 מיטגלידער, דער רוב אינדוסטרי-אַרבעטער. „אין רעלאַטיווע צאָלן נעמט אַרום די נייע רעגיסטראַציע צום אָנהויב פון איצטיקן יאָר 93,5 פּראָצ. פון די פּאַרטיימיטגלידער”. אַזוי אַרום איז דורכן איינפאַכן פּראָצעס פון אַ נייער רעגיסטראַציע „אויסגעזיפּט” געוואָרן 6,5 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיימיטגלידערשאַפט (דאָס הייסט אַרום 80.000 מיטגלידער). צווישן דידאָזיקע „אויסגעזיפּטע” האָבן זיך געפונען אַרום 50 פּראָצ. קוואַליפיצירטע און מער-

ווי אַ דריטל נישט-קוואַליפיצירטע אַרבעטער. דער פּרוּוו פוּן אַפּאַראַט פוּן צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט נאָך ווייטער אָפּצוּשוואַכן די אַזוי אויך שוין גענוג פאַרקלענערטע ציפערן, האָט נישט געהאַט קיין דערפאָלג. אַלס קעגנגעוויכט צו אונזער לעניניסטישן „פּאָראַויסגיין” האָבן מיר אַ סטאַליניסטישע „דורכציפונג”.

פוּן דער צווייטער זייט זענען דעם פערצנטן קאָנגרעס אויפגענומען געוואָרן אין דער פּאַרטיי 100.000 פּויערים, אין דער מערהייט מיטלפּויערים. דער פּראָצ. פוּן די לאַנדאַרבעטער איז זייער אַ נישטיקער.

2. דער סאָציאַלער צוזאַמענשטעל פוּן די אָנפירנדיקע פּאַרטיי - אָרגאַנען האָט זיך נאָך מער פאַרערגערט. אין די קרייזראַטן זענען 29,5 פּראָצ. פּויערים (לויט דער אָפּשטאַמונג); 24,4 פּראָצ. זענען גייסטיקע אַרבעטער און אז. וו. 81,8 פּראָצ. מיטגלידער פוּן דידאָזיקע ראַטן זענען אָנגעשטעלטע אין די מלוכהשע אינסטיטוציעס. די צאָל אינדוסטריע-אַרבעטער אין די שטאַבן פוּן דידאָזיקע רעגירנדיקע פּאַרטיי-אָרגאַנען איז כמעט גלייך זעראָ. אין די געגנט- און גובערניע-ראַטן באַטרעפט זי 13,2 פּראָצ.; אין די קרייזראַטן 9,8 ביז 16,1 פּראָצ.

אין דער פּאַרטיי גופא זענען אומגעפער אַ דריטל פוּן די מיטגלידער אינדוסטריע-אַרבעטער און אין די אַנטשיידנדיקע אָרגאַנען פוּן דער פּאַרטיי זענען עס נאָר אַ צענטל. דאָס שטעלט פאָר פאַר דער פּאַרטיי אַ שווערע געפאַר. די פּראָפּאַראייגען זענען געגאַנגען מיטן זעלבן וועג. דערפוּן איז צו זען סאַראַ ריזיקן טייל פוּן דער מאַכט עס האָבן שוין אַרויסגעריסן ביי אונז די „פּאַרוואַלטונגסבאַאַמטע” און אויך די „אַרבעטערביוראָקראַטן”, וועלכע קומען פוּן די קליינבירגערלעכע קרייזן. דאָס איז דער זיכערסטער וועג צו „אַנטפּראָלעטאַריזירן” די פּאַרטיי.

3. די באַדייטונג פוּן די סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן און מענשעוויקעס אין פּאַרטייאַפּאַראַט און אויף די אָנפירנדיקע פּאָסטנס אין אַלגעמיין איז געוואָקסן. צו דער צייט פוּן פערצנטן קאָנגרעס זענען 38 פּראָצענט פאַראַנטוואָרטלעכע און אָנפירנדיקע ערזאָנען אין אונזער פּרעסע געווען אַזעלכע, וועלכע זענען

געקומען צו אונז פון אַנדערע פּאַרטייען. איצט זענען די פּאַר-הערטעניש נאָך ערגער. די פּאַקטישע אָנפירונג פון דער באָל-שעוויסטישער פּאַרטייפּרעסע געפינט זיך ענטוועדער אין די הענט פון דער רעוויזיאָניסטישער שולע פון די „יונגע" (סלעפּ-קאָוו, סטעצקי, מאַריעצקי און אַנדערע) אָדער פון געוועזענע מיטגלידער פון אַנדערע פּאַרטייען. אומגעפער אַ פערטל פון דידאַזיקע, וועלכע געפינען זיך אין דער שפּיץ פון דער פּאַר-טייאָנפירונג, זענען געוועזענע סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן און מענ-שעוויקעס.

4. ביוראָקראַטיזם וואַקסט אויף אַלע געביטן, אָבער זיין חוקס איז באַזונדערס שעדלעך אין דער פּאַרטייאָנפירערשאַפט. דער היינטיקער פּאַרטייביוראָקראַט באַטראַכט די זאַכן אויפן פאָלגנדיקן אופן:

„מיר האָבן פּאַרטיי-מיטגלידער, וועלכע פאַרשטייען זייער ווייניק די פּאַרטיי, ווי זי איז אינדערעמתן. זיי גלויבן, אַז די פּאַרטיי וואַקסט אַרויס פון ישוב — דער ישוב איז דער ערש-טער שטיין, דאַן קומט דער ראַיאָנער אויספיר-קאָמיטעט, און אַזוי שטייגט עס כסדר העכער און העכער, ביז מען קומט צום צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט. דאָס איז נישט ריכטיק (!!!). אונזער פּאַרטיי מוז באַטראַכט ווערן פון שפּיץ אַראָפּ. ביים דאָזיקן שטאַנדפּונקט מוז מען זיך פעסט האַלטן ביי אַלע פּראַקטישע באַציאונגען און ביי דער גאַנצער פּאַרטייאַרבעט".

די דעפיניציעס וועגן אינערלעך-פּאַרטייאישער דעמאָקראַטיע, וועלכע עס האָבן געגעבן אונז חברים פון גרעסערער אחריות ווי אוליאַנאָוו, מאָלאָטאָוו, קאַגאַנאָוויטש און אַז. וו., קומען אין תוך געווענען צו דערזעלבער אויפפאַסונג.

דידאָזיקע נייע אויפפאַסונג איז אָבער אויסערגעוויינלעך געפערלעך. ווען אונזער פּאַרטיי וואָלט באמת „געדאַרפט באַ-טראַכט ווערן פון אויבן אַראָפּ", וואָלט זי בכלל מער נישט געווען קיין לעניניסטישע פּאַרטיי, קיין פּאַרטיי פון די אַרבע-טערמאַסן.

5. אין די לעצטע פּאָר יאָר האָבן מיר סיסטעמאַטיש צע-שטערט די אינערפּאַרטייאישע דעמאָקראַטיע און דערביי עובר געווען אויף דער גאַנצער טראַדיציע פון דער באָלשעוויסטי-

שער פּאַרטיי און אויף די דירעקטע באַשלוסן פון א ריי פּאַרטייקאָנגרעסן. דער פּאַקטישער אויסוויילן באַאמטע האַלט ביי דער איצטיקער פּראַקטיק אין פאַרשווינדן. די אָרגאַניזאַטאָרישע פּרינציפּן פון באָלשעוויזם ווערן געפּעלשט אויף יעדן שריט. די פּאַרטייקאָנסטיטוציע ווערט פּלאַנמעסיק געענדערט, כדי צו פאַרגרעסערן די מאַכט פון דער אָנפירערשאַפט און פאַרמינערן די רעכט פון די געוויינלעכע פּאַרטיי-חברים. די וואַלטערמינען פון די פאַרשיידענע קרייז-קאָמיטעטן זענען אָפּגעלייגט געוואָרן אויף איין, צוויי אָדער אפילו מער יאָרן.

די אָנפירער פון די העכערע קאָמיטעטן קען מען פּאַקטיש נישט אַראָפּזעצן, ווייל זיי ווערן געוויילט אויף פּעריאָדן פון דריי ביז פינף יאָר און מער נאָך. דאָס רעכט פון די פּאַרטיימיטגלידער „צו קענען אַפּעלירן ביי פּרינציפּיעלע שטרייטן צום טריבונאַל פון דער גאַנצער פּאַרטיי", איז אין דער פּראַקטיק אַנולירט געוואָרן. די קאָנגרעסן און קאָנפערענצן ווערן צונויפגערופן אָן א פריערדיקער פרייער באַהאַנדלונג פון אַלע פּראָגעס דורך דער גאַנצער פּאַרטיי (ווי דאָס פּלעגט תמיד פּאָרקומען אין לענינס לעבן). די פּאָדערונג פון אַזא דיסקוסיע ווערט באַהאַנדלט ווי אַ ברוך פון דער פּאַרטיידיסציפּלין. עס איז פולשטענדיק פאַרגעסן געוואָרן לענינס וואָרט אַז „דער באָלשעוויסטישער „שטאַב" דאַרף אין דער אמתן געטראָגן ווערן דורך דער ארמיי, וואָס גייט נאָך איר שטאַב, אָבער וואָס פירט אויך גלייכצייטיק אָן מיט איר שטאַב".

אַלס אַ נאַטירלעכע באַגלייטדערשיינונג פון איצטיקן אַלגעמיינעם קורס, ווערט די פּאַרטיי אַלץ מער פאַרכאַפּט פון באַראַקטעריסטישן פּראָצעס אויסצושליסן די אַלע פּאַרטיימיטגלידער, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט דעם צאַרישן פּעריאָד אָדער לכל הפּחות דעם בירגערקריג און זענען גענוג אומאָפּהענגיק, כדי צו האָבן אַן אייגענע מיינונג. מען פאַרבייט זיי דורך נייע עלעמענטן, וואָס צייכענען זיך דערעיקר אויס דורך אומבאַדינגטער געהאָרכזאַמקייט. דידאָזיקע געהאָרכזאַמקייט, וואָס ווערט קולטיווירט פון אויבן אַראָפּ אונטערן נאָמען פון אַ רעוואָלוציאָנערער דיסציפּלין, האָט אינדעראמתן קיין שום שייכות נישט מיט איר. נישט זעלטן ווערן

דיסגעוואיילט נייע קאָמוניסטן פון יענע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך תמיד אויסגעצייכנט דורך זייער אונטערטעניקייט לגבי די אַלטע צאַריסטישע אויטאָריטעטן, און דידאָזיקע שטייגן צו העכערע אָנפירנדיקע אַמטן אין די לאָקאַלפאַרבאַנדן פון אַרבעטערקלאַס און אין דער מלוכה־אַדמיניסטראַציע. זיי לעקן זיך אונטער דורך זייער שאַרף־פיינטלעכער האַלטונג לגבי די אַלטע אַרבעטערמיטגלידער, לגבי די פירער פון אַרבעטנדיקן קלאַס אין די שווערסטע מאָמענטן פון דער רעוואָלוציע.

דיזעלבע דערשיינונג קומט פאָר אין אַ סך אַ העכערער פאָרם אין מלוכהשן אַפּאַראַט, ווו מען טרעפט אָפט די פולקאָמענע געשטאַלט פון עכטן, קאַריעריסטישן ראַטנבאַאַמטן. ביי פייערלעכע געלעגנהייטן שווערט ער זיך ביים אָקטאָבערטאָג; ער צייכנט זיך אויס מיט אַ פולשטענדיקער גלייכגילטיקייט לגבי דער אויפגאַבע, וועלכע ווערט אים איבערגעגעבן; ער לעבט מיט אַלע וואָרצלען אין אַ בירגערלעכער סביבה, זידלט אין פּריוואַטלעבן דעם פּאַרטייפירער און אויף פּאַרטייפאַרזאַמלונגען „שענקט ער עס" אַוועק דער אָפּאָזיציע.

די אמתע רעכט פון אַ אָנפירנדיקן פּאַרטיימיטגליד, און אין דער ערשטער ליניע פון סעקרעטאַר, זענען אַ סך גרעסער, ווי די פּאַקטישע רעכט פון הונדערטער נידעריקערע מיטגלידער.

די אָפּשטאַרבונג פון די דעמאָקראַטישע באַציאונגען אין אינערלעכן פּאַרטיילעבן פירט צום טויט פון דער אַרבעטער־דעמאָקראַטיע בכלל אין די פּראָפאַראיינען, ווי אין אַלע אַנדערע נישט־פּאַרטייאישע מאַסנאָרגאַניזאַציעס.

אינערלעך־פּאַרטייאישע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן ווערן פאַרדרייט, אין משך פון חדשים און יאָרן ווערט געפירט אַ ביזוויליקע פּאָלעמיק קעגן די מיינונגען פון די באָלשעוויקעס, וועלכע ווערן פאַרמסרט אַלס די אָפּאָזיציע, און דידאָזיקע באָלשעוויקעס איז פאַרבאָטן צו פאַרעפנטלעכן זייערע אמתע מיינונגען אויף די שפּאַלטן פון דער פּאַרטיי־פּרעסע. אָבער „חברים", וועלכע זענען נאָך נעכטן געווען מענשעוויקעס, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, קאַדעטן און ציוניסטן, טרייבן רכילות אויף די שפּאַלטן פון דער „פּראַוודאַ" לגבי דאָקומענטן, וואָס

זענען פאַרגעלייגט געוואָרן דעם צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט דורך זיינע מיטגלידער. זיי רייסן ארויס פון דידאָזיקע דאָקומענטן איינצלנע זאצן פון זייער צוזאמענהאנג און פאַרדרייען זיי. אָבער די דאָקומענטן גופא ווערן קיינמאל נישט געדרוקט. אָרטיקע פארטייפארזאמלונגען ווערן געצוווּנגען ארויסצוטרעטן מיט אָנקלאגעס קעגן דאָקומענטן, וועלכע זענען זיי לחלוטין אומבאקאנט.

די פארטיי איז געצוווּנגען צו אורטיילן וועגן אונזערע שטרייטן אויפן יסוד פון אָפיציעלע „אויסטייטשונגען" און אויסצוגן, וואָס זענען אָפט פונקט אַזוי אומפארשטענדלעך, ווי פאלש, און רופן ארויס ביי אלעמען אן עקל. לענינס אויסדרוק „ווער עס גלויבט אין זאכן בלויז אויפן גרונד פון פלוידעריי, איז א האָפנונגסלאָזער אידיאָט", איז פארביטן געוואָרן דורך א נייער פאָרמולע: „ווער עס גלויבט נישט אין די אָפיציעלע פלוידערייען איז אַן אָפּאָזיציאָנער". אינדוסטרי-אַרבעטער, וועלכע האָבן א נייגונג צו דער אָפּאָזיציע, מוזן באצאָלן פאר זייער מיינונג מיט ארבעטסלאָזיקייט. די איינפאַכע פארטיי-מיטגלידער טאָרן נישט אויסדריקן אויפן קול זייערע מיינונגען. ביי אלטע פארטייארבעטער ווערט צוגערויבט זייער רעכט צו נעמען א וואָרט אין דער פרעסע אָדער אויף די פארזאמלונגען.

באָלשעוויקעס, וועלכע פארטיידיקן לענינס אידייען, ווערן געשטעלט אינטער דער פאלשער באשולדיקונג, אז זיי ווילן שאפן „צוויי פארטייען". דידאָזיקע באַשולדיקונג איז בכיון צוגעטראכט געוואָרן כדי אויפצוהעצן קעגן דער אָפּאָזיציע די ארבעטער, וועלכע פארטיידיקן, נאטירלעך, מיט ליידנשאפט די איינהייט פון זייער פארטיי. יעדעס קריטישע וואָרט קעגן סטאַלינס גראָבע מענשעוויסטישע פעלערן (ביי די פּראָבלעמען פון דער כינעזישער רעוואָלוציע, ביים ענגליש-רוסישן קאָמיטעט און אז. וו.) ווערט באצייכנט אלס „א קאמף קעגן דער פארטיי". און דאָס אלץ ווערט געטאָן, כאָטש סטאלין האָט פריער קיינמאָל נישט אָנגעפרעגט ביי דער פארטיי, נישט וועגן זיין פּאָליטיק אין כינע, נישט וועגן א וואָסער נישט איז אנדערער וויכטיקער פּראָבלעם. דידאָזיקע באשולדיקונג, אז די אָפּאָזיציע

שטרעבט צו שאפן „צוויי פּאַרטייען", ווערט טעגלעך איבערגעחזרט דורך מענטשן, וואָס זייער אמתע כוונה באַשטייט אין אַרויסצושטויסן פון דער פּאַרטיי די באָלשעוויסטיש-לעניניסטישע מיטגלידער, כּדי צו האָבן פרייע הענט דורכצופירן זייער אָפּאָרטוניסטישע פּאָליטיק.

6. כּמעט די גאַנצע דערציערישע אַרבעט פון דער פּאַרטיי און די גאַנצע אַרבעט פון פאַרשפּרייטן פּאָליטישע בילדונג איז איצט רעדוצירט געוואָרן צו אַן אַלגעמיינער העצע קעגן דער אָפּאָזיציע. דער מעטאָד פון איבערצייגונג איז נישט נאָר כּמעט אינגאַנצן פאַרביטן געוואָרן דורך אַ מעטאָד פון צוואַנג, — זי ווערט נאָך אויך דערגאַנצט דורך דעם מעטאָד אָפּצונאַרן די פּאַרטיי. זינט די פּאַרטיי-דערציאונג איז געזונקען צו אַן איינזאַכער אָפּיציעלער פּראָפּאַגאַנדע, גייט די אַלגעמיינע טענדענץ אין דער ריכטונג זי בכלל צו פאַרמיידן. דער באַזוך פון פאַרזאַמלונגען, פון די פּאַרטיישולן און קורסן, איז אויסערגעוויינלעך נידעריק, ווייל זיי דינען נישט מער ווי דער העצע קעגן דער אָפּאָזיציע.

7. אין דער פּאַרטיי וואַקסן אָבער נישט נאָר דער קאַריעריזם, ביוראָקראַטיזם, פּראָטעקציאָניזם, עס פליסן אויך אַריין שמוציקע שטראָמען פון פרעמדע און קלאַסנפיינטלעכע קוואַלן — צום ביישפּיל אַנטיסעמיטיזם. דער פּשוטער זעלבסטדערהאַלטונגסטריב פון דער פּאַרטיי פאָדערט אַן אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן אַזעלכע פאַרמיסטיקונגען.

8. אין קעגנזאַץ צו דידאָזיקע פאַקטן ווערן אָנגענומען אונטערדריקנדיקע מאָסמיטלען אויסשליסלעך קעגן די לינקע. עס איז געוואָרן אַן אַלגעמיינער מנהג פּשוט אויסצושליסן די אָנהענגער פון דער אָפּאָזיציע פאַר זייערע רעדעס אין די לאָקאַלע פאַרזאַמלונגען, פאַר שאַרפע צווישנרופן, פאַר פּרווון פאָרצולעזן לענינס צוואה. לויט דעם ניוואָ פון פּאָליטישער פאַרשטענדעניש און (וואָס וויכטיקער נאָך!) לויט דער איבערגעבנקייט דער פּאַרטייזאַך שטייען אָפט די אויסגעשלאָסענע אַ סך העכער פאַר די אויסשליסנדיקע.

9. דער איצטיקער האָגל פון אונטערדריקונגען און דראָאונגען, וואָס פאַרשטאַרקט זיך געוואַלטיק מיט דער דערנע-

טערונג פון פופצנטן קאָנגרעס, האָט דעם צוועק צו האַלטן די פּאַרטיי נאָך אין א גרעסערער מורא. א באַווייז דערפאַר איז אויך דער פאַקט, וואָס די פּאַראייניקטע גרופּע פון סטאַלין און ריקאָוו מוז אָנגעמען אויסערגעוויינטלעכע מיטלען, כדי צו פאַרטושן זייערע פּאָליטישע פעלערן; פאַר יעדן קאָנגרעס און פאַר יעדער קאָנפערענץ שטעלט זי די פּאַרטיי פאַר א געשעענעם פאַקט.

10. דער גאַנצער פּאָליטישער קורס פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט איז פאַלש. וואַקלענדיק זיך באַוועגט ער זיך אומאויפהערלעך אַלץ ווייטער אויף רעכטס, און די צעשטערונג פון דער אינערפּאַרטייאישער דעמאָקראַטיע איז אַן אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט דערפון. אויף וויפל דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט שפּיגלט אָפּ דעם דרוק פון די קליינבירגערלעכע עלעמענטן, דעם איינפלוס פון די נישט-פּראָלעטאַרישע שיכטן, וועלכע רינגלען אַרום אונזער פּאַרטיי, מוז ער אומפאַרמיידלעך ווייטער געפירט ווערן פון הויבן דורך געוואַלט.

אויף דעם טעאָרעטישן געביט האָט א מאָנאָפּאָל די אזוי גערופענע „שולע פון די יונגע". דאָס איז א שולע פון רעוויזיאָניסטן, וועלכע זענען צו יעדער מאָמענט גרייט אויסצופירן די ליטעראַרישע באַפעלן פון פּאַרטייאַפּאַראַט. די בעסטע עלעמענטן פון דער באָלשעוויסטישער יוגנט, וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט די עכטע טראַדיציעס פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, ווערן נישט נאָר אַרויסגעשטופּט, נאָר ממש פאַרפאָלגט.

אויפן אָרגאַניזאַטאָרישן געביט איז שוין פון לאַנג אַן אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט, אַז די פּאָליטישע ביוראָ איז פולשטענדיק אָפּהענגיק פון סעקרעטאַריאַט און דערדאָזיקער פון גענעראַלסעקרעטאַר. די ערגסטע זאָרג, וועלכע לענין האָט אויסגעדריקט אין זיין צוואה — די זאָרג, אַז סטאַלין וועט נישט זיין געטריי לאָיאַל, ער זאָל די „צו גרויסע מאַכט", וועלכע ער האָט „קאָנצענטרירט אין זיינע הענט", נישט אָנווענדן אין פּאַרטייזין — האָט זיך באַשטעטיקט.

אין איצטיקן מאָמענט זענען אין צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט און אין די אַלגעמיינע רעגירנדיקע אָרגאַנען פון דער פּאַרטיי דאָ דריי גרונד-שטרעמונגען.

די ערשטע שטרעמונג איז אַ פרייער און אָפענער דראַנג אויף רעכטס. דידאָזיקע שטרעמונג אַנטהאַלט אין זיך פון איר זייט אויך צוויי גרופעס. איינע פון זיי דריקט אויס אין איר אָפּאָרטוניזם און צופּאַסונגספעאיקייט דעם שטאַרקן איינפלוס פון די פאַרמעגלעכע מיטלפויערים. איר קורס ווערט אָנגעפירט דורך דעמדאָזיקן קלאַס און זיינע אידעאַלן. דאָס איז די גרופּע פון חבר ריקאָוו, סמירנאָוו, קאַלינין, פּעטראָווסקי, כובאַר, קאַמינסקי און אַנדערע. אַרום זיי און אין זייער אוממיטלבאַרער שכנות אַרבעטן גאָר די „אומפּאַרטייאישע״ פּאָליטיקער, די קאָנדראַטיעווס, סאַדירינס, טשאַיאַנאָווס און אַנדערע רעפּרעזענטאַנטן פון פאַרמעגלעכן פויערטום, פּרעדיקנדיק מער אָדער ווייניקער אָפן די ביבירגערלעכע לערעס פון אוסטריאַלאָון. די צווייטע גרופּע אין דערדאָזיקער אַלגעמיינער שטרעמונג שטעלט זיך צוזויף פון פּראָפּאַראיינפירער, וואָס רעפּרעזענטירן דעם בעסער באַצאָלטן קלאַס ארבעטער און האַנדלסאָנגעשטעלטע. דידאָזיקע גרופּע איז באַזונדערס כאַראַקטעריזירט דורך אַ פאַרלאַנג נאָך אַן ענגערן אָנשלוס אין דעם אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל. אירע פירער זענען די חברים טאָמסקי, מעלנישאַנסקי, דאָגאַדאָוו און אַנדערע. צווישן דידאָזיקעביידע גרופּעס קומען פאָר ביז אַ געוויסן גראַד רייבונגען, אָבער זיי זענען אייניק אין זייער שטרעבן צו קירעווען דעם קורס פון דער פּאַרטיי און פון דער ראַטנמלוכה אויף רעכטס סיי אין דער אינטערנאַציאָנאַלער, ווי אין דער היימישער פּאָליטיק. זיי צייכענען זיך ביידע אויס דורך פאַראכטן די לעניניסטישע טעאָריעס און דורך זייער נייגונג, זיך אָפּצוזאָגן פון דער טאַקטיק פון דער וועלטרעוואָלוציע.

די צווייטע שטרעמונג איז דער „צענטריזם״ פון אָפיציעלן פּאַרטיי-אַפּאַראַט. די פירער פון דער דאָזיקער שטרעמונג זענען די חברים סטאַלין, מאָלאָטאָוו, אוגלאַנאָוו, קאַגאַנאָוויטש, מיקאָיאַן, קיראָוו. זיי זענען אין דער אמתן די איצטיקע פּאָליטישע ביוראָ. בוכאַרין, וועלכער וואַקלט זיך פון איין זייט צו דער אַנדערער, פאַרוואַסערט נאָך די פּאָליטיק פון דערדאָזיקער גרופּע. דידאָזיקע צענטריסטיש-אָפיציעלע גרופּע, שפּאַרט זיך אָן צום ווינציקסטן פון אַלע אויף וועלכע נישט אַ! ברי-

טע מאַסן, אָבער נישט געקוקט אויף דעם פרובירט זי — און נישט אָן דערפאָלג — צו פאַרנעמען דעם אָרט פון דער פאַרטיי. די קאַסטע פון די „אַדמיניסטראַציע-באַאַמטע" באַטרעפט איצט — אין דער פאַרטיי, אין די פראָפפאַראיינען, אין די אינדוסטריע-אָנפירונגען, אין די קאָאָפעראַטיוון און אין מלוכה-אַפאַראַט — אין די צענער טויזנטער. צווישן דידאָזיקע געפינט זיך נישט קיין קליינע צאָל „אַרבעטער"-ביוראָקראַטן — געוועזענע אַרבעטער, דאָס הייסט אַזעלכע, וועלכע האָבן פאַרלאָרן יעדע פאַרבינדונג מיט די אַרבעטנדיקע מאַסן.

ס'איז נאַטירלעך איבעריק צו באַטאָנען, אַז אין די אָרגאַנען פון דער מלוכה-אַדמיניסטראַציע און פאַרטיי-פירערשאַפט, וואָס זענען אַזוי אומגעהייער וויכטיק פאַרן גורל פון דער רעוואָלוציע, געפינען זיך נאָך אַ סך טויזנטער אומבויגזאַמע רעוואָלוציאָנערן, אַרבעטער, וועלכע האָבן נישט איבערגעריסן זייערע פאַרבינדונגען מיט די מאַסן, נאָר זיי ווידמען זיך מיט האַרץ און נשמה דער זאַך פון אַרבעטער-קלאַס. זיי טוען די אמתע אַרבעט פון קאָמוניזם אין דידאָזיקע אינסטיטוציעס.

דאָס ענדערט אָבער נישט דעם פאַקט, אַז די דעגענעראַציע פון אונזער פאָליטישן קורס און פון אונזער פאַרטיי-אָנפירערשאַפט שאַפט אַן אומצייליקע קאַסטע עכטע ביוראָקראַטן.

די פאַקטישע מאַכט פון דערדאָזיקער קאַסטע איז געוואַלטיק. גראָד דידאָזיקע גרופע „אַדמיניסטראַציע-באַאַמטע", וואָס האַלט פון „רו", „ווייטערארבעטן" און קודם כל פון „נישט-דיסקוטירן", גראָד דידאָזיקע גרופע, וואָס גיט צווויסן מיט צופרידנקייט (און זי גלויבט דאָס אַמאָל אַפילו ערלעך), אַז מיר האָבן שוין „כמעט דערגרייכט דעם סאָציאַליזם", אַז „ניין צענטל פון דער פראָגראַם" פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע זענען שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן, — דידאָזיקע גרופע באַטראַכט „פון אויבן אַראָפ" די גאַנצע פאַרטיי, און נאָך מער באַטראַכט זי פון אויבן אַראָפ די נישט-קוואַליפיצירטע אַרבעטער, די אַרבעטסלאָזע, די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער. דידאָזיקע גרופע זעט איר הויפטפיינט אויף דער לינקער זייט — דאָס הייסט, צווישן די רעוואָלוציאָנערע לעניניסטן, דידאָזיקע גרופע גיט דעם לאָזונג: „געפאַר פון לינקס!"

די דריטע שטרעמונג איז די אַזױגערופענע אָפּאָזיציע. די איז דער לענינִיסטישער פליגל פון דער פּאַרטיי. די נע־געכדיקע פּרווון צו מאַכן פון איר אַן אָפּאָזיציע פון רעכטס, א סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַפּיקורסות, נעמען זיך פון פּאַרלאַנג פון דער הערשנדיקער גרופּע צו פּאַרדעקן איר אייגענעם אָפּאָרטוניזם. די אָפּאָזיציע איז פאַר אייניקייט אין דער פּאַר־טיי. סטאַלין פּרעדיקט זיין אייגענע פּראָגראַם — צו באַזייטיקן די אָפּאָזיציע — אונטער דער פאַלשער פאָן פון אויסרייד, אז די אָפּאָזיציע וויל גרינדן א „צווייטע" פּאַרטיי. די אָפּאָ־זיציע ענטפערט מיט איר לאָזונג: „אייניקייט פון דער לעני־ניסטישער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ביי אַלע אומשטאַנדן". די פּראָגראַם פון דער אָפּאָזיציע איז אַנטהאַלטן אין פּאָרליגנ־דיקן דאָקומענט. די אַרבעטערסעקציע פון דער פּאַרטיי און אַלע עכטע לענינִיסטישע באָלשעוויקעס וועלן זיין דערפאַר.

איינצלנע אַרויסטרעטונגען פון דער אָפּאָזיציע זענען אומ־פאַרמיידלעך צוליב די שווערע אומשטאַנדן אין וועלכע זי איז געצוווּנגען צו קעמפן פאַר דער זאַך פון לעניניזם. אומ־גרופּירונגען פון פּירערס פון דידאָזיקע דריי שטרעמונגען וועלן כסדר פאָרקומען, אָבער זיי וועלן אויף קיין האָר נישט ענ־דערן דעם פאַקטישן מאַטעריאַל, אויף וועלכן זיי באַזירן.

II. אַלע פאַקטן, וועלכע איך האָב דאָ געבראַכט, בילדן צוזאַמען א פּאַרטייקריזיס. די אינערלעך־פּאַרטייאישע שטרייטן האָבן זיך נאָך לענינס טויט כסדר פאַרטיפט, פאַרכאַפּנדיק אַלץ א גרעסערן קרייז פון זיך־פּאַרטיפנדיקע פּראָבלעמען.

די גרונדשטימונג פון די פּאַרטיי־מאַסן איז א פּאַרלאַנג נאָך אייניקייט. די איצטיקע אָנפירערשאַפט שטערט דער פּאַר־טיי צו דערקענען די ריכטונג, פון וועלכער עס דראָט א גע־פאַר איר אייניקייט. סטאַלינס טעטיקייט באַשטייט כסדר אין דעם, וואָס ביי יעדער געפערלעכער אָדער וויכטיקער פראַגע שטעלט ער די פּאַרטיימיטגלידער פאַר דער דילעמע, אָדער זיך אָפּצוזאָגן פון זייער אייגענער מיינונג אָדער אַרויסטערצו־פאַלן אונטער דער באַשולדיקונג פון שטרעבן צו פּאַרטיי־צעשפּלי־טערטקייט.

אונזער אויפגאַבע איז, אָפּצוהיטן סיי די אייניקייט פון

דער פּאַרטיי בײַ אַלע אומשטענדן, זיך אַנטקעגנשטעלן אַנט־שיידן דער פּאָליטיק פון צעשפּליטערונג, אַמפּוטירונג, אויסשלי־סונג, אַרויסשטויסונג און אַז. וו. — אָבער גלייכצייטיק גאַראַנ־טירן דער פּאַרטיי אין די ראַמען פון דערדאָזיקער אייניקייט דאָס רעכט אויף אַ פרייע דיסקוסיע און אויף אַנטשיידן אַלע פראַגעס, וואָס שטייען צו דיסקוסיע.

אַרויסשטעלנדיק קלאָר פאַר אַלעמענס אויגן די פעלערן און אומרעגלמעסיקייטן פון דער איצטיקער לאַגע אין דער פּאַרטיי, איז די אָפּאָזיציע טיף איבערצייגט, אַז די גרויסע מאַסע פון דער אַרבעטערסעקציע פון דער פּאַרטיי וועט, נישט געקוקט אויף אַלץ, זיין אימשטאַנד צוריקצופירן די פּאַרטיי אויפן לעניניסטישן וועג. צוצוהעלפן אין דערדאָזיקער באַמי־אונג איז די הויפּטאויפגאַבע פון דער אָפּאָזיציע.

## פּראַקטישע פאָרשלאָגן

**עס איז אומבאַדינגט נויטיק:**

1. אַנערקענען אַן אמתע אינערלעך־פּאַרטייאישע דעמאָ־קראַטיע און זיך באַוואָפנען צום פופצנטן קאָנגרעס, ווי מיר האָבן דאָס געטאָן אין לענינס צייטן. „יעדער מיטגליד פון דער פּאַרטיי", האָט לענין געשריבן, „דאַרף אָן ליידנשאַפט און מיט דער גרעסטער ערלעכקייט אָנהויבן צו שטודירן ערשטנס, דעם אייגנטלעכן מהות פון די שטרייטן און צווייטנס, דעם אַנטוויקלונגס־וועג פון פּאַרטיי־קאָנפליקט... עס איז נויטיק צו שטודירן סיי דאָס ערשטע און סיי דאָס צווייטע, און דערבײַ אומבאַדינגט פאָדערן, אַז עס זאָלן געדרוקט ווערן אַבסאָלוט גענויע דאָקומענטן, כּדי יעדער זאָל זיי פריי קענען קאָנטראָ־לירן". דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט דאַרף מעגלעך מאַכן יעדן מיטגליד פון דער פּאַרטיי צו שטודירן סיי דעם אייגנט־לעכן מהות פון די איצטיקע אינערלעך־פּאַרטייאישע שטרייטן, די אויך דעם אַנטוויקלונגס־וועג פון איצטיקן קאַמף. ער דאַרף וואָס טאָן דורך פאַרעפנטלעכן אין דער פּרעסע און אין באַ־זונדערע זאַמלונגען און פלוגבלעטער די אַלע דאָקומענטן, וועלכע ער האָט ביז היינט אויסבאַהאַלטן פון דער פּאַרטיי.

יעדער חבר און יעדע גרופּע חברים דאַרפן האָבן די

מעגלעכקייט צו פאַרטיידיקן פאַר דער פאַרטיי זייערע מיינונגען אין דער פּרעסע, אויף פאַרזאַמלונגען און אַז. וו. קורצע באַריכטן פון מיינונגען (פּראָגראַמדערקלערונגען פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט, פון די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס, פון איינצלנע מיטגלידער אָדער גרופּעס מיטגלידער) דאַרפן פאַרעפנטלעכט ווערן אין דער „פּראַוודאַ", אָדער אין ביילאַגעס צו דער „פּראַוודאַ", און פּונקט אַזוי אויך אין די לאָקאַלע פאַרטייבלעטער, לכל הפּחות צוויי חדשים פאַרן פופצנטן קאָנגרעס.

2. עס איז נויטיק תיכף אָנצונעמען אַ גאַנצע ריי מאָסמיטלען אויף צו פאַרבעסערן דעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון דער פאַרטיי און פון אירע אָנפירנדיקע אָרגאַנען. צום דאָזיקן צוועק מוזן מיר פונסניי באַטאָנען דעם באַשלוס פון דרייצנטן קאָנגרעס, אַז „אין דער נאָנטסטער צוקונפט דאַרף אַן אומגעהייערע מערהייט פון די פאַרטיימיטגלידער באַשטיין פון אַרבעטער, וואָס זענען דירעקט באַשעפטיקט אין דער אינדוסטריי". אין די נאָנטסטע צוויי אָדער דריי יאָר וואָלטן מיר אין אַלגעמיינעם געמוזט אויפנעמען אין דער פאַרטיי אויסשליסלעך באמת אַרבעטנדיקע מענער און פרויען. פון אַנדערע סאָציאַלע גרופּעס דאַרפן מיר אָננעמען מיטגלידער בלויז אויפן יסוד פון אַ שטרענג-פערזענלעכן אָפּקלייב: די רויטע אַרמייער אָדער מאַטראָסן נאָר דאַן, ווען זיי שטאַמען פון אַרבעטערקלאַס, פון לאַנדווירטשאַפטלעכן פּראָלעטאַריאַט אָדער פון אָרעמען פויערטום; די אָרעמע און קליינע פויערים נאָר דאַן, ווען זיי זענען דורכגעגאַנגען אַ פּראָבע פון מינדעסטנס צוויי יאָר סאָציאַל-פּאָליטישע אַרבעט. מ'דאַרף אויפהערן אָנצונעמען מיטגלידער, וועלכע קומען צו אונז פון אַנדערע פאַרטייען.

מיר מוזן דורכפירן דעם באַשלוס פון דרייצנטן קאָנגרעס— פאַקטיש איז ער ווידער אַנולירט געוואָרן דורכן פערצנטן קאָנגרעס קעגן ווילן פון דער אָפּאָזיציע — וואָס האָט געזאָגט, אַז אין די שטאַבן פון די קרייזקאָמיטעטן מוזן זיך געפינען נישט ווינציקער ווי 50 פּראָצ. אַרבעטער פון די באַטריבן. אין די אינדוסטריצענטרען וואָלטן מיר געמוזט האָבן אַ פעסטע מערהייט פון פאַבריק-אַרבעטער (פון נישט ווייניקער ווי דריי-פערטל פון גאַנצן שטאַב), אין די קלענערע קאָמיטעטן אַ

גלייכע מאַיאָריטעט פון אַרבעטער, לאַנדאַרבעטער און קליינע פויערים.

3. דעם באַשלוס וועגן אינער-פּאַרטייאישער דעמאָקראַטיע מוזן מיר באַשטעטיקן און באמת אויספירן אַזוי, ווי ער איז אָנגענומען געוואָרן דורכן צענטן פּאַרטיי-קאָנגרעס, דורך דעם צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט און דער צענטראַלער קאָנטראָל-קאָמיסיע דעם 5-טן דעצעמבער 1923 און איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דעם צוועלפטן און דרייצנטן פּאַרטיי-קאָנגרעסן.

מיר מוזן פאַרזיכערן אין נאָמען פון דער גאַנצער פּאַרטיי, אַז „אַרבעטערדעמאָקראַטיע באַדייט" — אין קעגנזאַץ צו די נייע אַנטילעניניסטישע דעפיניציעס פון דער אינערפּאַרטייאישער דעמאָקראַטיע — „די פרייהייט פון אַ אָפענעם אורטייל פאַר אַלע פּאַרטיימיטגלידער וועגן די וויכטיקע פראַגעס פון פּאַרטיילעבן, אַ פרייע דיסקוסיע און אַ אומבאַשרענקטן אויסוואַל פון פאַראַנטוואָרטלעכן רעגירנדיקן פּערסאָנאַל". מיר מוזן אָנווענדן שטראָפמאָסמיטלען קעגן יעדן איינעם, וועלכער איז עובר אויפן דאָזיקן עיקרדיקן רעכט פון יעדן פּאַרטיימיטגליד.

דער שטאַנדפּונקט פון דער פּאַרטיימינדערהייט אין יעדער פּרינציפּיעלער פראַגע דאַרף יעדעסמאָל מיטגעטיילט ווערן אַלע מיטגלידער דורך די פּאַרטייבלעטער און אַז. וו. אויסנאַמען דאַרפן דערלויבט זיין נאָר דאַן, ווען עס ווערן באַהאַנדלט ענינים, וואָס דאַרפן בלייבן געהיים. די נעץ פון דיסקוסיע-קלובן דאַרף אין דער פּאַרטיי פאַרברייטערט ווערן און עס דאַרף דערמעגלעכט ווערן אַן אמתע קריטיק פון די פעלערן פון דער פּאַרטייאָנפירערשאַפט אין די פּאַרטייאָרגאַנען (דורך דיסקוסיע-ביילאַגעס, געדרוקטע זאַמלונגען און אַז. וו.).

אַלע ענדערונגען צום ערגערן, וועלכע זענען דורכגעפירט געוואָרן אין דער פּאַרטיי-קאָנסטיטוציע זייט דעם פערצנטן קאָנגרעס, דאַרפן באַזייטיקט ווערן.

4. מיר מוזן אָננעמען אַ פעסטן קורס צו דער פּראָלעטאַריזירונג פון גאַנצן פּאַרטייאַפּאַראַט. פאַבריק-אַרבעטער, פּאַרגעשריטענע פּאַרטיי-קאָמוניסטן, וואָס שטייען אין נאָנטע פאַרבינדונגען מיט דער פּאַרטיי און מיט די מאַסן אויסער דער פּאַרטיי, דאַרפן בילדן די אַנטשיידענע מערהייט פון גאַנצן

פּאַרטיי־אַפּאַראַט. דער אַפּאַראַט טאָר בשום אופן נישט באַשטיין נאָר פון באַצאָלטע אָנגעשטעלטע און ער דאַרף רעגלמעסיק באַנייט ווערן דורך אַריינפירן אין אים אַרבעטער. דער ביוד־זשעט פון די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס דאַרף פּרינציפּיעל באַשטיין פון די מיטגלידס־אָפּצאָלונגען. די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן רעגלמעסיק אָפּגעבן אַ באַריכט פאַר די פּאַרטיי־מיטגלידער וועגן זייערע הכנסות און הוצאות. דער איצטיקער, געשוואָלענער עטאַט פון דער פּאַרטיי אין די שכירות, וועלכע ווערן אויסגעצאָלט דעם אַפּאַראַט, דאַרפן ענערגיש אַרומגעשניטן ווערן. אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער פּאַרטייאַרבעט וואָלט געקענט אויסגעפירט ווערן אָן באַצאָלט דורך פּאַרטיי־מיטגלידער, ווען מען זאָל זיי, אַחוץ זייער אינדוסטריעלער אָדער אַנדערער טעטיקייט, געבן אויף דעם צייט. אַ מיטל אויף צו באַלעבן דעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט וואָלט געווען דאָס סיסטעמאַטישע שיקן אַ טייל חברים פון פּאַרטיי־אַפּאַראַט אין די פאַבריקן און צו דער אַרבעט צווישן די אונטערשטע קלאַסן. מיר מוזן קעמפן קעגן דעם שטרעבן פון די סעקרעטאַרן, אַז מ׳זאָל זיי נישט טאָרן באַשטרעבן פון די סעקרעטאַרן, אַז מ׳זאָל זיי נישט טאָרן באַזייטיקן פון זייערע אַמטן. מיר מוזן פעסטשטעלן באַשטימטע צייט־גרענעצן פאַר סעקרעטאַרפּאָסטנס און אַנדערע וויכטיקע אַמטן. מיר מוזן פירן אַ אַנטשלאָסענעם קאַמף קעגן דער פּאַקטיש־עקזיסטירנדיקער קאָרופּציע און דעגענעראַציע אין דער מערהייט גרופּעס, קעגן פּראָטעקציע, „ביוראָ־סאָלידאַרישקייט“ און אַז. וו.

5. שוין אויפן צענטן קאָנגרעס זענען אונטער לעינינס פירונג אָנגענומען געוואָרן אַ ריי באַשלוסן, וועלכע האָבן באַטאָנט די נויטיקייט פון אַ גרעסערער גלייכקייט אין דער פּאַרטיי און צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן. שוין אויף דעם צוועלפטן קאָנגרעס האָט די פּאַרטיי געמאַכט אויפמערקזאַם אויף דער געפאַר, אַז פּאַרטיי־אַרבעטער קענען דעגענערירן דורך זייער באַרירונג מיט דער בורזשואַזיע. עס איז נויטיק „צו שאַפן באמת גענוגנדיקע מיטלען, כדי צו צעשטערן די אומגלייכקייטן (אין די לעבנסבאַדינגונגען, אין לוינען און אַז. וו.) צווישן די אינזשינירן און די פּריווילעגירטע אַרבעטער פון איין זייט און צווישן דער מאַסע אַרבעטער פון דער צווייטער, ווייל די־

דאָזיקע אומגלייכקייטן גראָבן אונטער די דעמאָקראַטיע און בילדן אַ מקור פון קאָרופּציע אין דער פּאַרטיי און שוואַכן אָפּ די אויטאָריטעט פון די קאָמוניסטן". נעמענדיק אין אַכט, אַז די אומגלייכקייט איז אין די לעצטע יאָרן געוואַקסן אין אַ אויסערגעוויינלעך שנעלן טעמפּ, מוזן מיר ווידער אויפהויבן דידאָזיקע פראַגע און זי לייזן אַלס רעוואָלוציאָנערן.

6. עס איז נויטיק צו באַלעבן פונסניי די פּאַרטיי-באַציאונגען אין דער ריכטונג, אַז עס זאָלן שטודירט ווערן די ווערק פון מאַרקס, ענגעלס און לענין און עס זאָלן באַזייטיקט ווערן די פאַלשע נאָכמאַכונגען פון מאַרקסיזם און לעניניזם, וועלכע מען פאַבריצירט איצט אַנגראָ.

7. עס איז נויטיק תיכּף ווידער אַריינצונעמען אין דער פּאַרטיי די אויסגעשלאָסענע אָפּאָזיציע-מיטגלידער.

8. עס איז נויטיק צו באַנייען די צענטראַלע קאָנטראָל-קאָמיסיע אין לענינס גייסט. די מיטגלידער פון דער קאָנטראָל-קאָמיסיע מוזן זיין ענג פאַרבונדן מיט די מאַסן, אומאָפּהענגיק פון פּאַרטיי-אַפּאַראַט און זיי דאַרפן האָבן אויטאָריטעט אין דער פּאַרטיי.

נאָר אויף אַזאַ אופן קען מען ווידער אויפריכטן דעם אמתן צוטרוי צו דער צענטראַלער קאָנטראָל-קאָמיסיע און אַרויספירן זיין אויטאָריטעט אויף דער נויטיקער הויך.

9. ביים אויסוויילן דעם שטאַב פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט און פון דער צענטראַלער קאָנטראָל-קאָמיסיע און זייערע אָרגאַנען מוזן מיר זיך ריכטן לויט לענינס עצה, ווי ער האָט זי אונז געגעבן אין זיינע בריוו פון 25-טן און 26-טן דעצעמבער 1922 און פון 4-טן יאַנואַר 1923 (אין זיין צוואה). דידאָזיקע בריוו וואָלטן געדאַרפט פאַרעפנטלעכט ווערן, כּדי אַלע פּאַרטיי-מיטגלידער זאָלן זיך לערנען אויף זיי. „פון די אַרבעטער, וועלכע זענען מיטגלידער פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט דאַרף זיך דער גרעסערער טייל געפינען אויף אַ נידעריקערער ווירטשאַפטלעכער שטופע, ווי די-יעניקע, וועלכע האָבן אין די לעצטע פינף יאָר זיך אַרויסגערוקט אויף ראַטן-שטעלעס" — אַזוי האָט געשריבן לענין אין זיין בריוו פון 26 דעצעמבער 1922 — „און זיי דאַרפן זיין ענגער פאַרבונדן

מיט דער מאַסע פון די אַרבעטער און פון די-יעניקע פויערים, וואָס געהערן נישט דירעקט און נישט אומדירעקט צום קלאַס פון די עקספּלואַטאַטאָרס... אַרבעטער, וואָס גייען אריין אין צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט, דאַרפן נישט, לויט מיין מיינונג, מערסטנטייל זיין אַזעלכע, וועלכע האָבן שוין פאַרנומען ראַטנשטעלעס זייט אַ לענגערער צייט... ווייל דידאָזיקע אַרבעטער האָבן שוין געוויסע געוווינהייטן און געוויסע פאָראורטיילן, קעגן וועלכע מיר ווילן גראָד קעמפן".

דידאָזיקע בריוו האָט לענין געשריבן אין אַ צייט, ווען ער האָט געגעבן דער פאַרטיי זיין לעצטע און העכסט-זאָרגעוודיק אָפּגעוויגענע עצה וועגן די גרונדפּראָבלעמען פון דער רעוואָלוציע.

אונזער פופצנטער פאַרטיי-קאָנגרעס דאַרף זיין צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט וויילן געננוי לויט די אָנווייזונגען פון דער באַר-וואָס ציטירטער לענינשער עצה.

## דער פאַרבאַנד פון דער קאָמוניסטישער יוגנט.

דער פאַלשער פּאָליטישער קורס און די אונטערדריקונג פון יעדער זעלבשטענדיקער מיינונג זענען באַזונדערס שטאַרק אריינגעטראָגן געוואָרן אויך אין פאַרבאַנד פון דער קאָמוניסטישער יוגנט. די אינטערנאַציאָנאַלע דערציאונג פון יונגן אַרבעטער איז אַלץ מער און מער אָפּגעטראָטן אין הינטערגרונט. יעדע שפּור פון קריטישן דענקען האָט מען אונטערדריקט און פאַרפאָלגט. פאַר אָנפירנדיקע אַמטן אין דער קאָמוניסטישער יוגנטאָרגאַניזאַציע פאָדערט דער פּאַרטיי-אַפּאַראַט קודם כל געהאָרכזאַמקייט און דאַן גרייטקייט צו באַטייליקן זיך אין פאַרפאָלגן די אָפּאָזיציע. די פאַלשע פּאָליטיק, וועלכע עס פירן די פּאַרטיישפּיצן, גרייטן דאָ צו דעם וועג, נאָכמער ווי אין דער פּאַרטיי גופא, פאַר אַלע קליינבירגערלעכע השפּעות.

אין די לעצטע יאָרן איז דער פאַרבאַנד פון דער קאָמוניסטישער יוגנט זייער שנעל געוואָקסן אין דער צאָל מיטגלידער, אָבער צום באַדויערן אויפן חשבון פון זיין סאָציאַלן צוזאַמענשטעל. זייט דער צייט פון דרייצנטן פּאַרטיי-קאָנגרעס איז דער פּראָלעטאַרישער קערן פון דערדאָזיקער אָרגאַניזאַציע

געזונקען פון 40,1 פראָצ. אויף 34,4 פראָצ. און די צאָל יונגע אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט אין די אינדוסטריען — פון 49,8 פראָצ. אויף 47 פראָצ. אויך די פּאָליטישע אַקטיווי־טעט פון די יונגע אַרבעטער ווערט שוואַכער:

ביי דידאָזיקע באַדינגונגען איז געווען אַן אויסערגע־וויינלעך-גראָבער פעלער, — וועלכן מ׳האָט געקענט באַגיין נאָר צוליב דעם אַלץ וואַקסנדיקן תהום צווישן פאַרבאַנד און דער מאַסע פון דער אַרבעטער-יוגנט — וואָס מ׳האָט דורך אַ גאַנצער ריי נייע פאַראָרדנונגען נאָכמער אַראָפּגעדריקט די סאָציאַלע לאַגע פון די יונגע אַרבעטער, עובר זייענדיק דער־ביי אויף די באַשלוסן פון פערצנטן קאָנגרעס (דורך אַרומשניידן די שוצפאַראָרדנונגען פאַר לערניינגלעך, דורך אַ באַזונדער לוינסקאַלא פאַר לערניינגלעך, דורך פאַרמינערן די צאָל לערנ־יינגלעך אין די אינדוסטרי-שולעס און דער פרווו — אויך דאָס געהער צום דאָזיקן געביט — איינצופירן אומבאַצאָלטע אַרבעט פון לערניינגלעך).

דער פאַרבאַנד פון דער קאָמוניסטישער יוגנט פאַרלירט אַלץ מער זיין פּראָלעטאַרישן און קליינפּויערישן צושטראָם. זיין קולטורעלע, ווירטשאַפטלעכע אַרבעט באַוועגט זיך אין דאָרף פּרינ־ציפּיעל אין דער ריכטונג צו שטיצן אינדיווידועלע אונטערנע־מונגען. די פאַרהעלטנישמעסיקע השפּעה פון די אָרעמע אין פאַרבאַנד זינקט אומעטום. פּאַראַלעל מיט דערדאָזיקער כסדר־דיקער השפּעה-פאַרמינערונג פון די יונגע שטאָטאַרבעטער, פּילט זיך אָן דער פאַרבאַנד אין דאָרף מיט מיטעלער און פאַרמעג־לעכער פּויערים-יוגנט.

פּונקט ווי אין שטאָט, וואַקסט אויך אין דאָרף די טענ־דענץ פון די קליינבירגערלעכע עלעמענטן אַריינצונעמען די אָנפירונג פון פאַרבאַנד אין זייערע הענט. די גרופּע פון די גייסטיקע אַרבעטער און פון די „פאַרשיידענע" שפּילט מער און מער אַ באַדייטנדיקע ראָלע, באַזונדערס אין די דאָרפישע אָר־גאַניזאַציעס.

זעקסאונדרייסיק פּראָצ. פון אַלע נייע פּאַרטיי-מיטגלידער קומען פון די רייען פון קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד. אָבער אין פּאַרטיי-קערן פון פאַרבאַנד געפינט זיך אַ פערטל ביז אַ

דריטל נישט-פראָלעטאַריער. אין די פּאַרטיי-קערנס פון די דאָרפישע אָרגאַניזאַציעס פאַרמערן זיך שנעל די מיטלפּויערים אויפן חשבון פון די לאַנדאַרבעטער און פון די אָרעמע פּויערים. אין 1925 זענען געווען 20 פּראָצענט מיטלפּויערים, אין יאָר 1927 32,5 פּראָצ.) אַזוי אַרום האָט זיך דער קאָמוניסטישער יוגנט-פאַרבאַנד פאַרוואַנד/ט אין אַ מקור אויף דורכצואָדערן די פּאַרטיי מיט קליינבירגערלעכע עלעמענטן. כדי די באַהערשנדיקע ראָלע פון פּראָלעטאַרישן קערן זאָל ווייטער נישט אָפּגעשוואַכט ווערן און ער זאָל נישט צוריקגעשטויסן ווערן דורך ניי-צוגעקומענע פון די קרייזן פון דער אינטעליגענץ, פון די גייסטיקע אַרבעטער און פון די פאַרמעגלעכע דאָרף-שיכטן, וואָס מוזן אומפאַרמיידלעך ברענגען מיט זיך אַ קליינבירגערלעכע דעגענעראַציע, זענען נויטיק פאָלגנדיקע מאָסמיטלען:

1. תיכף אָפּשטעלן די בהדרגהדיקע פאַרניכטונג פון אונזערע רעוואָלוציאָנערע דערגרייכונגען אויף די אַרבעטס- און דערציאונגסגעביטן פון יונגן פּראָלעטאַריאַט און באַזייטיקן די לעצטנס-איינגעטרעטענע פאַרענדערונג פון זייערע אַרבעטס-באַדינגונגען. דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע הנחות פאַרן קאַמף קעגן נישט-געזונטע טענדענצן אין קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד, קעגן שכרות, פאַרווילדונג און דאָסגלייכן.

2. גלייכצייטיק מיטן אַלגעמיין-וואַקסנדיקן וווילשטאַנד פון אַרבעטערקלאַס, דאַרף מען אויך הויבן די מאַטעריעלע און קולטורעלע לאַגע פון די יונגע אַרבעטער דורך העכערע לוינען, דורך פאַרמערן די אינדוסטריי-שולעס און האַנדלסקורסן.

3. אין פאַרלויף פון אייניקע יאָר דורכפירן די באַשלוסן פון די פריערדיקע קאָנגרעסן צו אָרגאַניזירן אין פאַרבאַנד די גאַנצע יוגנט פון שטאָטישן אַרבעטער און דאָרפישן פּראָלעטאַריאַט.

4. צוטרעטן מיט אַ באַזונדערער ענערגיע אַריינצוציען אין דעם פאַרבאַנד די אָרעמסטע פּויערים-יוגנט.

5. אַריינצונעמען אין פאַרבאַנד די אָרעמערע מיטלפּויערים און פון די איבעריקע מיטלפּויערים בלויז די-יעניקע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר נוציק אין דער סאָציאַלער אַרבעט און באַזונדערס אין קאַמף קעגן „קולאַק".

6. דער פאַרבאַנד דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פאַרטיידיקער פון דער דאָרפישער אָרעמקייט, דורך דערציִען אין דאָרף אַ נייע געזעלשאַפט, נישט אויפן יסוד פון אינדיווידועלער באַרייכערונג, נאָר פון געמיינזאַמער, קאָלעקטיוויסטישער אַרבעט אין דער לאַנדווירטשאַפט.

7. דער סאָציאַלער צוזאַמענשטעל פון פאַרטיי-קערן דאַרף פאַרבעסערט ווערן דורכדעם, וואָס אין די נאָענטסטע צוויי יאָר זאָלן ווערבירט ווערן מיטגלידער נאָר צווישן אַרבעטער, לאַנדאַרבעטער און אָרעמע פויערים.

8. פראָלעטאַריזירן די אָנפירערשאַפט פון די אָרגאַנען פון דער קאָמוניסטישער יוגנט דורכדעם, וואָס מ'וועט פלאַנמעסיק און אַנטשלאָסן איבערגעבן די פירעראַמטן בלויז אין די הענט פון לאַנדאַרבעטער און אָרעמע. מ'דאַרף פאַראָרדנען, אַז אין די גרויסע אינדוסטרי-צענטרען זאָלן די קרייזקאָמיטעטן מיט זייערע ביוראָען באַשטיין אין זייער איבערוויגנדיקער מערהייט פון פאַבריק-אַרבעטער און אַז מ'זאָל זיי איבערגעבן אמתע פירעראַרבעט.

9. אָנהויבן אַן ערנסטן קאַמף קעגן יעדע אַרט ביוראָקראַטיזם אין פאַרבאַנד און פאַרקלענערן דאָס באַצאָלטע באַאַמטנטום, רעדוצירנדיק עס ביז צו אַן אומבאַדינגט נויטווענדיקן מינימום. די אַרבעט פון פאַרבאַנד דאַרף אויסגעפירט ווערן לכל הפחות אויף דער העלפט און אין די אינדוסטרי-צענטרען ביז דריי פערטל דורך אומבאַצאָלטער הילף פון זיינע מיטגלידער און צוציען צו דער דאָזיקער אַרבעט גראָד די איינפאַכע מיטגלידער.

10. די קולטורעלע און דערציִערישע אַרבעט פון פאַרבאַנד דאַרף פאַרבונדן ווערן וואָס ענגער מיט אַן אַקטיוון טאָגטעגלעכן אָנטייל אין אַלגעמיינעם פּאָליטישן לעבן פון דער פאַרטיי, פון די ראַטן, פון די פראָפאַראיינען און קאָאָפעראַטיוון.

11. אַ סוף מאַכן צום ביוראָקראַטישן אַקטנרעזשים, צום טויטנדיקן רעזשים פון מאַכט-פאַראָרדנונגען, צום ליגנערישן און עם-האַרצישן רעזשים פון אָנווייזונגען צו פאַרפאָלגן די אָפּאָזיציע. אָנשטאָט אים און אויפן יסוד פון לעבעדיקן אור-

טייל, חבֿרישן מיינונגס-אויסטויש און אמתן לערנען דאַרף אויפֿגעשטעלט ווערן דער שטודיום פֿון מאַרקסיזם און לע-ניניזם.

12. אָננעמען במעשה, און נישט נאָר אין ווערטער, דעם דעמאָקראַטישן פּרינציפּ און אָפּשטעלן עגדלעך די פֿאַר-פֿאָלגונג און אונטערדריקונג פֿון די-יעניקע, וועלכע האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעזאָגט פֿון זעלבשטענדיקע מיינונגען אין פּאַרטיי-אַנגעלעגנהייטן.

# אונזער אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע און די קריגס־סכּנה

## דער ראַטנפאַרבאַנד אויף דער וועלטאַרענע

אַ קריג פון די אימפּעריאַליסטן קעגן ראַטנפאַרבאַנד איז נישט נאָר וואַרשיינלעך, נאָר אומפאַרמיידלעך.

איינע פון אונזערע עיקרדיקסטע באַמיאונגען דאַרף באַשטיין אין אָפּשטופּן אויף וואָס לענגער דידאָזיקע געפאַר, וואָס מער צייט געווינען אויף צו שטאַרקן דעם ראַטנפאַרבאַנד און צו פאַראייניקן דעם אינטערנאַציאָנאַלן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. נאָר אַ זיגרייכע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין די הערשנדיקע לענדער וואָלט געקאָנט באַזייטיקן דידאָזיקע געפאַר.

די געפאַר פון אַ וועלטקריג האַלט אין איין וואַקסן צוליב פאָלגנדיקע טעמים:

1. צוליב די אָנשטרענגונגען, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל האָט געמאַכט אין די לעצטע יאָרן, כדי צו קומען צו די כּחות, און צוליבן טיילווייזן דערפאָלג פון דידאָזיקע אָנשטרענגונגען, איז די פראַגע פון די אָפּזאַצמערק געוואָרן אַ ברענענדיקע פראַגע פאַר אַלע אָנפירנדיקע לענדער.

2. די אימפּעריאַליסטישע בורזשואַזיע האָט זיך איבערצייגט אין דעם אָן־ספּקדיקן וווּקס פון דערווירטשאַפטלעכער מאַכט פון ראַטנפאַרבאַנד, זי זעט אָבער אויך איין, אַז די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, געשטיצט אויפן מאָנאָפּאָל פון אויס-

לענדישן האַנדל, וועט קיינמאָל נישט געבן די קאַפּיטאַליסטן אַ פרייען מאַרק אין רוסלאַנד.

3. די אימפּעריאַליסטישע בורזשואַזיע שפּעקולירט אויף אינערלעכע שוועריקייטן אין ראַטנפאַרבאַנד.

4. דער צוזאַמענברוך פון ענגלישן גענעראַל-שטרייק און גלייך נאָכדעם דער צוזאַמענברוך פון דער כינעזישער רעוואָלוציע האָבן די אימפּעריאַליסטן אָנגעפילט מיט האָפנונגען, אַז זיי קענען אויך דערדריקן דעם ראַטנפאַרבאַנד.

דאָס איבעררייסן די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען צווישן ענגלאַנד און דעם ראַטנפאַרבאַנד האָט שוין געדראָט פון לאַנג; די מפּלה פון דער כינעזישער רעוואָלוציע האָט עס נאָר פאַרשנעלערט. אויף אַזוי ווייט איז עס דער רעזולטאַט פון דעם, וואָס אונזער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט האָט זיך אָפּגעזאָגט דורכצופירן אין כינע אַן אמת באָלשעוויסטישע פּאָליטיק. עס וואָלט געווען אַ גרויסער פעלער זיך איינצורעדן, אַז דער גאַנצער ענין וועט אויסגיין צו אַן אַנדער פאָרם פון האַנדלספאַרקער צווישן ענגלאַנד און אונז („מיר וועלן מיט זיי האַנדלען ווי מיט די אַמעריקאַנער"). עס איז איצט פולשטענדיק קלאָר, אַז די אימפּעריאַליסטישע ענגלאַנד האָט אַ סך ווייטגייענדיקערע פּלענער. באַזיצנדיק אַ „מאָראַלישן מאַנדאַט" פון דער בורזשואַזיע פון פאַרשיידענע לענדער גרייט זי צו אַ קריג קעגן ראַטנפאַרבאַנד און האָט בדעה אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן אַריינציען אין דאָזיקן קריג קעגן אונז פּוילן, רומעניען און די באַלטישע מלוכות, און אפשר אויך יוגאָסלאַוויע, איטאַליע און אונגאַרן.

פּוילן וואָלט גיכער געוואָלט האָבן אַ לענגערע צייט אויף צוצוגרייטן זיך צו אַ קריג קעגן אונז, אָבער עס איז נישט אוממעגלעך, אַז זי וועט דורך ענגלאַנד געצוווּנגען ווערן צום קאַמף אַ סך שנעלער, ווי זי וויל.

אין פראַנקרייך ווערט דער ענגלישער דרוק צו אַן איינהייטס-פראָנט קעגן ראַטנפאַרבאַנד אונטערשטיצט דורך איינפלוסרייכע טיילן פון דער בורזשואַזיע, זיי ווערן אַלץ ווילדער אין זייער האַנדלען און אין פאַסיקן מאָמענט וועלן זיי נאַטירלעך זיך נישט אָפּשרעקן אויף פאַר איבעררייסן די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען.

וואָס מער דײַטשלאַנדס דיפּלאָמאַטיע דעקט לעצטנס אָפּ איר אמתן פּנים, אַלץ קלאָרער ווערט איר אַלגעמײַנע אָריענטירונג אויפֿן מערב. די דײַטשע בורזשואַזיע דערקלערט שוין גאַנץ אָפֿן, אַז אין פֿאַל פֿון אַ קריג קעגן ראַטנפֿאַרבאַנד וועט דײַטשלאַנד צוערשט בלײַבן נייטראַל (ווי דאָס האָט געטאָן אַמעריקע אין 1914). זי רעכנט אויס אויף פֿאַרדינען פֿון קריג וואָס מער און נאָכדעם אָפּן פֿאַרקויפֿן איר נייטראַליטעט צו די מערבדיקע אימפּעריאַליסטן פֿאַר אַ וואָס העכערן פּרײַז. קיין שום זאַך קען נישט זײַן ערגער פֿאַר די עיקרדיקסטע אינטערעסן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, ווי דאָס נישט באַמערקן דעם איבערגאַנג פֿון דער דײַטשער בורזשואַזיע צו דער מערב-אָריענטאַציע. אַן אומדערוואַרטער קלאַפּ מצד דער דײַטשער בורזשואַזיע וועט אפֿשר האָבן פֿאַר אונדז אַ אַנטשיידנדיקע באַדײַטונג. בלויז דורכדעם, וואָס מיר וועלן גאַנץ אָפֿן „אָנרופֿן די זאַכן בײַ די ריכטיקע נעמען", וואָס די אַרבעטער אין ראַטנפֿאַרבאַנד און אין דײַטשלאַנד וועלן שטיין אויף דער וואַך — קענען מיר זיך שיצן קעגן דאָזיקן קלאַפּ, אָדער לכל הפּחות שווער מאַכן דער דײַטשער בורזשואַזיע אים צו דערלאַנגען.

די יאַפּאַנישע בורזשואַזיע מאַנעווירט קעגן ראַטנפֿאַרבאַנד נישט ווייניקער געשיקט ווי די דײַטשע. זי ווייס ווי אַזוי קלוג צו פֿאַרדעקן אירע שפּורן און זי מאַכט אַ פֿרײַנטלעכע מינע. זי האָט אַפֿילו אַ געוויסע צײַט נישט דערלאָזט, אַז טשאַנג טסאָלין זאָל באַזעצן די כינעזישע מזרח-באַן. אָבער אין געהיים האַלט זי אין כינע פֿעסט די לייטשעס און זי וועט אפֿשר גאָר באַלד אַראָפּוואַרפֿן די מאַסקע לגבי אונדז.

אין נאָענטן מזרח, אין טערקיי און אין פּערסיע האָבן מיר נישט דערגרייכט אַזעלכע באַציאונגען, וואָס זאָלן אונדז גאַראַנטירן אַ געוויסע נייטראַליטעט אין פֿאַל פֿון אַ אימפּעריאַליסטישן אָנגריף קעגן אונדז. עס וואָלט דעריבער געווען דאָס קליגסטע, ווען מיר גרייטן זיך דערצו, אַז די רעגירונגען פֿון די דאָזיקע מלוכות וועלן אין אַזאַ פֿאַל, אונטער אַ געוויסן דרוק, נאָכטאָן די אימפּעריאַליסטן.

אַמעריקע, וואָס האָט זיך ביז איצט נאָך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פֿון איר פֿײַנטלעכער האַלטונג לגבי דעם ראַטנפֿאַר-

באַנד, וועט ביי אַן אָנגריף אויף אונז שפּילן די ראָלע פון א אַריערגאַרד. די באַדייטונג פון דערדאָזיקער ראָלע וועט זיין גאָר גרויס, ווייל זי וועט באַדייטן די פינאַנסירונג פון דאָזיקן קריג.

אין סך הכל: איבער די יאָרן 1923 ביז 1925 זענען געווען יאָרן פון אָנערקענען דעם ראַטנפאַרבאַנד מצד א גאַנצע ריי בירגערלעכע מלוכות, וועט דער איצט-אַנטשטאַנענער פעריאָד זיך אויסצייכענען מיט איבעררייסן די באַציאונגען. די אָנערקענונגען פון פאַרגאַנגענעם פעריאָד האָבן נישט באַדייט אומבאַדינגט, אַז דער שלום איז געזיכערט, אַז די אָטעמפּויזע וועט לאַנג דויערן. דאָס איבעררייסן די באַציאונגען אין איצטיקן פעריאָד באַדייט נישט אומבאַדינגט, אַז דער קריג איז אין דער נאָנטסטער צוקונפט אומפאַרמיידלעך. עס איז אָבער קיין ספק נישטאָ, אַז מיר זענען אַריינגעטראָטן אין א נייער צייט פון א הכנות-געשפּאַנטער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע מיט מעגלעכע אָנגריפן קעגן ראַטנפאַרבאַנד.

די קעגנזאַצן אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט זענען זייער גרויס און דער וועלט-בורזשואַזיע וועט אָנקומען זייער און זייער שווער צוזאַמענצוהאַלטן א לאַנגע צייט אַן איינהייטלעכן פראָנט קעגן אונז, אָבער א צוזאַמענשלוס פון איינצלנע בירגערלעכע מלוכות קעגן אונז אויף א באַשטימטער צייט איז דורכאויס מעגלעך.

דאָס אַלץ דאַרף קלאָר מאַכן אונזער פּאַרטיי, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע איז געפערלעך. דאָס דאַרף ברענגען דערצו, אַז זי זאָל ווידער אַוועקשטעלן פאַר די ברייטע מאַסן פון אונזער באַפעלקערונג די פּראָבלעם פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק און צוגרייטן אַן ערנסטע און אַלזייטיקע פאַרטיידיקונג אין פאַל פון א קריג.

די בירגערלעכע פּאַרטייען און נאַטירלעך אויך די אָפּיציעלע סאָציאַלדעמאָקראַטיע וועלן אויף אַלערליי אופנים זיך באַמיען אָפּצונאַרן זייערע פעלקער וועגן אמתן כאַראַקטער פון קריג, וועלכן דער אימפּעריאַליזם גרייט צו קעגן ראַטנפאַרבאַנד. אונזער אויפגאַבע באַשטייט אין דעם, שוין איצט אויפצוקלערן אַלע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט, אַז דאָס איז

אַ קריג פון אימפּעריאַליסטין און עקספּלואַטאַטאָרן קעגן דער ערשטער פּראָלעטאַרישער מלוכה און איר דיקטאַטור — אַז דאָס איז אַ קריג פון קאַפּיטאַליזם קעגן דעם סאָציאַליזם. אין דאָזיקן קריג וועט די אימפּעריאַליסטישע בורזשואַזיע קעמפן פאַר דערהאַלטן די סיסטעם פון קאַפּיטאַליסטישער לוינשקלאַפעריי. אָבער דער ראַטנפאַרבאַנד וועט קעמפן פאַר דער זאַך פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, פאַר די קאָלאָניאַלע און אונטערדריקטע לענדער, פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע און דעם סאָציאַליזם.

כּדי דורכצופירן אונזער אויפגאַבע וואָלטן מיר געדאַרפט אויפשטעלן פאָלגנדיקע לאָזונגען:

1. נידער מיטן קריג פון די אימפּעריאַליסטן קעגן דער אַרבעטערמלוכה און דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

2. פאַרוואַנדלען דעם אימפּעריאַליסטישן קריג אין אַ בירגערקריג אין אַלע מלוכות, וואָס גרייפן אָן דעם ראַטנפאַרבאַנד.

3. קריג קעגן אַלע בירגערלעכע מלוכות, וואָס פירן קריג קעגן ראַטנפאַרבאַנד. יעדער ערלעכער פּראָלעטאַריער פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וואָלט געדאַרפט אַקטיוו אַרבעטן, כּדי אַראָפּצוּוואַרפן „זיין" רעגירונג.

4. יעדער אויסלענדישער זעלנער, וואָס וויל נישט העלפן די אַרבעטס־עקספּלואַטאַטאָרן פון „זיין" לאַנד, דאַרף אַריבערגיין צו דער רויטער אַרמיי.

5. דער לאָזונג „פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד" איז אַ גענאַרערישע פאַרקליידונג פון די אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן אין אַלע בורזשואַזע לענדער, אַחוץ אין די קאָלאָניאַלע און האַלבקאָלאָניאַלע לענדער, וווּ עס קומט פאָר אַ נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער קריג קעגן די אימפּעריאַליסטן. אין ראַטנפאַרבאַנד וועט דער לאָזונג „פאַרטיידיקונג פון פאָטערלאַנד" זיין אַן אויפריכטיקער דערפאַר, ווייל מיר פאַרטיידיקן אַ סאָציאַליסטיש פאָטערלאַנד און די גרינדונג פון אַן אַלוועלטלעכער אַרבעטער־באַוועגונג.

6. מיר זענען פאָטערלאַנד־פאַרטיידיקער זייט דעם 25־טן אָקטאָבער 1917. אונזער „פּאַטריאָטישער" קריג וועט זיין אַ קריג פאַר דער ראַטנרעפּובליק, פאַרן ערשטן „רעגימענט אין

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרמיי פון סאָציאַליזם". אונזער פּאַטריאָטישער קריג איז נישט קיין שטופּע צו אַ בירגערלעכער מלוכה, נאָר אַ שטופּע צו אַ אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע", (לענין). אונזער פּאָטערלאַנד-פאַרטיידיקונג איז די פאַרטיידיקונג פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. אונזער קריג וועט געפירט ווערן דורך אַרבעטער, לאַנדאַרבעטער און אָרעמע פּויערים קעגן די רייכע פּויערים, דער נייער בורזשואַזיע, די ביוראָקראַטן און די צאַריסטישע עמיגראַנטן. אונזער קריג וועט באמת זיין אַ גערעכטער. ווער עס איז נישט קיין פאַרטיידיקער פון ראַטנפאַרבאַנד, איז אומבאַדינגט אַ פאַררעטער פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט.

## דער דורכפאַל פון דער כינעזישער רעוואָלוציע און זיין סיבה

דער דורכפאַל פון דער כינעזישער רעוואָלוציע האָט — הגם נאָר צייטווייליק — פאַרענדערט דעם גלייכגעוויכט פון די כחות לטובת דעם אימפּעריאַליזם. אין כינע זענען אומפאַרמיידלעך נייע רעוואָלוציאָנערע קאָנפליקטן, אַ נייע רעוואָלוציע. דאָס דרינגט אַרויס מיט זיכערקייט פון דער גאַנצער לאַגע.

די אָפּאָרטוניסטישע פירער פּרובירן דערקלערן זייער מפּלה אַלס אומפאַרמיידלעכן רעזולטאַט פון די גאַנצע באַדינגונגען, זיי פאַרגעסן אָבער, אַז נעכטן נאָך האָבן זיי נביאות געזאָגט וועגן אַ שנעל זיך-אויסשפּרייטנדיקער רעוואָלוציע אַלס רעזולטאַט פון דיזעלבע באַדינגונגען.

די אַנטשיידנדיקע סיבה פון אומגליקלעכן סוף פון דער כינעזישער רעוואָלוציע איז געווען די לחלוטין פאַלשע פּאָליטיק פון די אָנפירער פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל. דידאָזיקע פּאָליטיק איז שולדיק אין דעם, וואָס גראָד אין אַנטשיידנדיקן מאָמענט איז אין כינע נישט געווען קיין אמת באָלשעוויסטישע פּאַרטיי. איצט אַרויפצולייגן די גאַנצע שולד אויף די כינעזישע קאָמוניסטן איז נאַריש און רופט אַרויס פאַראַכטונג.

דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אין כינע, איז געווען אַ קלאַסישער ביישפּיל פון אַ בירגערלעך-דעמאָקראַטישער רעוואָ-

לוציע, און דאָס איז אויך די סיבה, פאַרוואָס דער כינעזישער
פּראָלעטאַריאַט האָט נישט געקאָנט דערגרייכן קיין ערפאָלג,
ענלעך צו אונזערן, נאָר ער האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט
דער ראָלע, וועלכע דער אייראָפּעאישער פּראָלעטאַריאַט האָט
געשפּילט אין די רעוואָלוציעס פון 1848. אָבער נישט געקוקט
אויף דעם באַשטייט דאָס אייגנאַרטיקע פון דער כינעזישער רע-
וואָלוציע ביי די איצטיקע אינטערנאַציאָנאַלע אומשטאַנדן נישט
אינם באַשטיין פון אַ אַזוי גערופענער „רעוואָלוציאָנערער" לי-
בעראַלער בורזשואַזיע, אויף וועלכער די סטאַלינשע פּאָליטיק
האָט געלייגט איר האָפנונג, נאָר אויף גאַנץ אַנדערע געביטן.

דאָס כינעזישע פּויערטום, וואָס איז געווען אַ
סך מער אונטערדריקט ווי דאָס רוסישע ביים צאַריזם,
און וועלכעס האָט געליטן נישט נאָר אונטערן יאָך
פון היימישע, נאָר אויך פון פרעמדע עקספּלואַטאַטאָרס, האָט
ענדלעך געקענט אויפהייבן אַ מרידה און זי האָט דאָס געטאָן
מעכטיקער, ווי דאָס רוסישע פּויערטום אין דער רעוואָלוציע
פון 1905.

שוין אין 1920 האָט לענין פאָרגעשלאָגן די כינעזער צו
שאַפן ראַטן און אויך ווי ווייט ער איז געווען, באַ-
ווייזט די גאַנצע לאַגע פון די יאָרן 1926 און 1927, ווען אַ כינע-
זישע ראַטנסיסטעם וואָלט געבראַכט צו אַ פּויערים-הערשאַפט
אונטער דער פירונג פון פּראָלעטאַריאַט. די ראַטן וואָלטן גע-
ווען אמתע אָרגאַנען פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטי-
שער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום און וואָלטן
געוואָרן אַ אַנטשיידנדיקע הילף פאַר דער בירגערלעכער קוואָ-
מינטאַנג, פאַר דער בירגערלעכער רעוואָלוציע.

לענינס לערע, אַז אַ בירגערלעך-דעמאָקראַטישע רעוואָ-
לוציע קען נאָר דורכגעפירט ווערן דורך אַ צוזאַמענגיין פון
די אַרבעטער און פון די דורך זיי געפירטע פּויערים קעגן
דער אייגנטלעכער בורזשואַזיע, איז גילטיק נישט נאָר פאַר
כינע, נאָר אויך פאַר אַלע ענלעכע קאָלאָניאַלע און האַלב-קאָ-
לאָניאַלע לענדער און שטעלט פאָר מיט זיך דעם איינציקן
וועג, וואָס פירט צום זיג אין דידאָזיקע לענדער.

פון דעם אַלעם איז געדרונגען, אַז אַ רעוואָלוציאָנער-

דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום, וואָס שטיצט זיך אויף ראַטן, וואָלט אין כינע ביי די איצטיקע באַדינגונגען פון אימפּעריאַליסטישע מלחמות און פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס פאַרמאָגט אַלע מעגלעכקייטן צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

אויסער דערדאָזיקער פּאָליטיק איז געווען נאָר דער מענשעוויסטישער וועג פון אַ בונד מיט דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, וואָס פירט אָבער אומפאַרמיידלעך צו דער מפּלה פון אַרבעטערקלאַס. און דאָס האָט זיך טאַקע אָפּגעשפּילט אין כינע אין 1927.

אַלע באַשלוסן, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן ביי לעבנס לעבן דורכן צווייטן און פערטן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל — די באַשלוסן וועגן ראַטן אין אָריענט, וועגן דער פולשטענדיקער אומאָפּהענגיקייט פון די קאָמוניסטישע אַרבעטער-פּאַרטייען אין לענדער מיט אַ נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און וועגן דער צוזאַמענאַרבעט פון אַרבעטערקלאַס מיט די פּויערים קעגן זייער בורזשואַזיע און די אויסלענדישע אימפּעריאַליסטן — דידאָזיקע אַלע באַשלוסן זענען פולשטענדיק פאַרגעסן געוואָרן.

דער באַשלוס פון זיבעטן פאַרשטאַרקטן פּלענום פון אינטערנאַציאָנאַל פון נאָוועמבער 1926 האָט נישט נאָר אויסגעמיטן אַן עכט לענינסטישע באַאורטיילונג פון די כינעזישע באַדינגונגען, וועלכע האָבן זיך שוין דאַן געהאַט מעכטיק אַנטוויקלט, נאָר ער איז פּשוט איבערגעגאַנגען צו אַ פולשטענדיקן מענשעוויסטישן קורס. ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל נישט קלינגען, איז אָבער אַ פאַקט, אַז אין דאָזיקן באַשלוס איז קיין איין וואָרט נישטאָ וועגן דער ערשטער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער מלוכה-איבערקערעניש פון טשאַנג-קאַי-שעק פון מערץ 1926. קיין איין וואָרט נישט וועגן דערשיסן אַרבעטער און פּויערים און וועגן אַנדערע אונטערדריקונגס-מאַכמיטלען, וועלכע די קאַנטאָנער רעגירונג האָט דורכגעפירט אין משך פון פרילינג און זומער 1926 אין אַ גאַנצער ריי פּראָווינצן. קיין איין וואָרט נישט וועגן די צוואַנגס-אַנטשיידונגען, וואָס זענען געווענדט געווען קעגן די אַרבעטער. קיין איין וואָרט נישט וועגן אונטערדריקן

די אַרבעטערשטרייקן דורך דער קאַנטאָנער רעגירונג, וועגן
שוץ, וועלכן זי האָט געגעבן די געלע אַרבעטער-פּראָפּאַראייגען-
קיין איין וואָרט נישט וועגן די באַמיאונגען פון דער קאַנטאָ.
נער רעגירונג צו דערשטיקן די פּויערים-באַוועגונג און פאַר-
שפּרייטן וועגן איר רכילות. אין באַשלוס פון זיבעטן פּלענום
איז נישטאָ קיין אויפרוף צו באַוואָפּענען די אַרבעטער, צו
קעמפן קעגן דעם קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן גענעראַלשטאַב. טשאַנג-
קאַי-שעקס חיילות ווערן אָנגערופן אין דאָזיקן באַשלוס „אַ רע-
וואָלוציאָנערע אַרמיי”. עס איז נישטאָ אין אים קיין אויפפאָ-
דערונג צו שאַפן אַ טעגלעך-דערשיינענדיקע קאָמוניסטישע פּרע-
סע, און עס ווערט דאָרט נישט אפילו קלאָר געזאָגט, אַז מיר
מוזן האָבן אין כינע אַן ערלעכע און אומאָפּהענגיקע קאָמו-
ניסטישע פּאַרטיי. צו דעם אַלעם קומט נאָך צו דאָס, וואָס דער
זיבעטער פּלענום האָט געזאָגט די קאָמוניסטן אַריינצוטרעטן
אין דער נאַציאָנאַלער רעגירונג, וואָס ביי די דאַמאָלסטיקע
באַדינגונגען האָט דאָס געקענט ברענגען דעם גרעסטן שאָדן.

דער באַשלוס פון אינטערנאַציאָנאַל זאָגט: „די סיסטעם
פון דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג (דערמיט איז
געמיינט די רעגירונג פון טשאַנג-קאַי-שעק) שאַפט אַן אמתן
חעג צו סאָלידאַריטעט מיט די פּויערים”. ווייטער זאָגט ער
(אין נאָוועמבער 1926 !): „אַפילו געוויסע שיכטן פון דער
גרויסבורזשואַזיע קענען אַ צייטלאַנג מאַרשירן האַנט ביי האַנט
מיט דער רעוואָלוציע”.

דער באַשלוס פון זיבעטן פּלענום איז שווייגנדיק פאַר-
בייגעגאַנגען דעם פאַקט, אַז דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט
פון דער כינעזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט נאָך אין מערץ
1926 גענומען אויף זיך די פאַרפליכטונג נישט צו קריטיקירן דעם
סון-יאַטסעניזם; אַז ־־ר האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די עיקרדי-
קע רעכט פון אַן אומאָפּהענגיקער אַרבעטערפּאַרטיי, אַז ער
האָט אָנגענומען אַ רעאַקציאָנערע, ליבעראַלע פּויערים-פּראָגראַם
און צולעצט, אַז ער האָט דערלויבט דעם סעקרעטאַר פון זיין
צענטראַל-קאָמיטעט, דעם חבר טשען-דושיו, צו אָנערקענען דעם
סון-יאַטסעניזם אין אַ אָפענעם בריוו פון 4 יולי 1926 אַלס די

„אַלגעמיינע מיינונג" פון די אַרבעטער און פויערים אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

אומגעפער אין דער זעלבער צייט האָבן העכסט־פאַראַנטוואָרטלעכע רוסישע חברים דערקלערט, אַז די אויסשפּרייטונג פון אַ בירגערקריג אין כינע וועט אָפּשוואַכן די קאַמפּפעאיקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, מיט אַנדערע ווערטער, זיי האָבן אָפיציעל נישט דערלאָזן, אַז די אַגראַרישע רעוואָלוציע זאָל זיך אַנטוויקלען.

דעם 5 אַפּריל 1927, ווען די גאַנצע לאַגע האָט שוין געקענט זיין גענוג קלאָר, האָט חבר סטאַלין דערקלערט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער מאָסקווער פּאַרטייאָנפירערשאַפט, אַז טשאַנג־קאַי־שעק איז אַ קעמפער קעגן אימפּעריאַליזם, ער האָט זיך אונטערגעוואָרפן די פּרינציפּן פון דער קואָמינטאַנג־פּאַרטיי און מוז דעריבער באַטראַכט ווערן אלס פאַרבינדעטער, אויף וועלכן מ'קען זיך פאַרלאָזן. אין מיטן מאַי, ווען די לאַגע איז נאָך קלאָרער געוואָרן, האָט חבר סטאַלין דערקלערט, אַז דער קואָמינטאַנג אין ווהאַן איז אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, אַ רעוואָלוציאָנערער צענטער, וואָס איז אויסגערייניקט פון אַלע רעכטשטייענדיקע עלעמענטן.

דער אַכטער פאַרשטאַרקטער פּלענום פון אינטערנאַציאָנאַל פון מאַי 1927 האָט נישט געפונען אין זיך קיין קראַפט צו קאָריגירן דידאָזיקע מענשעוויסטישע טעותן.

די אָפּאָזיציע האָט אויפן דאָזיקן אַכטן פּלענום אַריינגעטראָגן פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„דער פּלענום וועט ריכטיק האַנדלען, ווען ער וועט אינגאַנצן אָפּוואַרפן בוכאַרינס רעזאָלוציע און אנשטאט דעם אָננעמען אַ רעזאָלוציע, וואָס גייט אַרויס פון פאָלגנדיקע שטאַנדפּונקטן: די פויערים און אַרבעטער זאָלן נישט טרויען די פירער פון קואָמינטאַנג, נאָר אין געמיינשאַפט מיט די זעלבער זאָלן זיי שאַפן זייערע אייגענע ראַטן. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי דאַרף זיין פולשטענדיק אומאָפּהענגיק, זי דאַרף גרינדן אַ טעגלעכע פּרעסע און איבערנעמען די אָנפירונג ביים איינאָרדנען די ראַטן. ביי די גוטבאַזיצער דאַרף תיכף אָפּגענומען ווערן דער באָדן. די רעאַקציאָנערע ביוראָקראַטיע דאַרף תיכף

באַזייטיקט ווערן. קעגן פּאַריטעטישע גענעראַלן און בכלל קעגן קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן דאַרף מען אַרויסטרעטן אומגעזאַמט. דער אַלגעמיינער ציל דאַרף זיין אַ דעמאָקראַטישע דיקטאַטור דורך די ראַטן פון די אַרבעטער- און פּויערים-פּאַרשטייער".

דעם פּרווו פון דער אָפּאָזיציע אויפמערקזאַם צו מאַכן דער פּאַרטיי אויף דעם, אַז די רעגירונג אין ווהאַן איז לגמרי נישט רעוואָלוציאָנער, האָבן סטאַלין און בוכאַרין באַצייכנט אַלס „אַ קאַמף קעגן דער פּאַרטיי", אַלס „אַ אָנגריף אויף דער כינעזישער רעוואָלוציע".

ידיעות, וועלכע האָבן כאַראַקטעריזירט דעם אמתן גאַנג פון דער רעוואָלוציע און קאָנטער-רעוואָלוציע אין כינע, זענען אויסבאַהאַלטן אָדער געפעלשט געוואָרן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער צענטראַלאָרגאַן פון אונזער פּאַרטיי האָט מודיע געווען וועגן דער אַנטוואָפנונג פון די אַרבעטער דורך די כינעזישע גענעראַלן אונטער דער איבערשריפט: „פּאַרברידערונג פון די זעלנער מיט די אַרבעטער". אָפּהוזקנדיק פון לעניניס לערע האָט סטאַלין פּאַרזיכערט, אַז פּאָדערן, מ'זאָל גרינדן אין כינע ראַטן, הייסט פּאָדערן אַ תיכּפדיקע דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. באמת אָבער האָט לענין שוין בעת דער רעוואָלוציע פון 1905 געפּאָדערט מ'זאָל איינפירן די ראַטן אַלס אָרגאַנען פון אַ דעמאָקראַטישער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פּויערים. אויף דער רעכטצייטיקער פּאָדערונג פון דער אָפּאָזיציע איינצואָרדענען אין כינע ראַטן האָבן סטאַלין און בוכאַרין געענטפערט מיט דער באַשולדיקונג פון „אונטערשטיצן די קאָנטער-רעוואָלוציע". ווען די הייזער פון די רעוואָלטירנדיקע פּויערים און אַרבעטער זענען צעשטערט געוואָרן דורך די „רעוואָלוציאָנערע" גענעראַלן, האָבן פּלוצלונג סטאַלין און בוכאַרין, — כּדי צו פּאַרשלייערן זייער באַנקראָט, — אַליין אויפגעהויבן די פּאָדערונג איינצופירן אין כינע ראַטן — און אויפן צווייטן טאָג האָבן זיי עס שוין ווידער געהאַט פּאַרגעסן.

צוערשט איז די כינעזישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַצייכנט געוואָרן אַלס „אַ מוסטער-סעקציע פון אינטערנאַציאָנאַל", און

די לייכטסטע קריטיק, וועלכע די אָפּאָזיציע פלעגט זיך דער־לויבן קעגן איר — אין אַ צייט ווען פעלערן האָבן נאָך געקענט קאָריגירט ווערן, — פלעגט אונטערדריקט און געזידלט ווערן אַלס „שענדלעכער אַנגריף" קעגן דער כינעזישער פּאַר־טיי. שפּעטער, ווען דער טרויעריקער טעות פון מאַרטינאָוו, סטאַלין און בוכאַרין איז פולשטענדיק קלאָר געוואָרן, האָט מען זיך באַמיט אַרויפצוואַרפן די גאַנצע שולד אויף דער יונגער כינעזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דידאָזיקע מענשעוויסטישע פּאָליטיק האָט באַקומען איר שאַרפסטן אויסדרוק דורך אַ פרייער און אָפענער פעלשונג פון לענינס רעוואָלוציאָנערע לערעס. סטאַלין, בוכאַרין און די „שולע פון די יונגע" באַמיען זיך איצט צו באַווייזן, אַז לע־נינס לערעס וועגן די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען עצהנען צוזאַמענצואַרבעטן מיט דער בורזשואַזיע.

אין יאָר 1920, אויפן צווייטן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָט לענין געזאָגט: „עס איז פאָרגעקומען אַ געוויסע דערנענטערונג צווישן די בירגערלעכע קלאַסן פון די אימפּעריאַליסטישע און די קאָלאָניאַלע לענדער, אַזוי, אַז זייער אָפט, מ׳קען אפילו זאָגן, אין דער מערהייט פאַלן, קעמפט די בורזשואַזיע פון אונטערדריקטן לאַנד צוזאַמען מיט דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע קעגן אַלע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען און רעוואָלוציאָנערע קלאַסן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס גלייכצייטיק פּראָטעזשירט זי די נאַציאָנאַלע באַ־וועגונג".

לענין וואָלט היינט פאַראורטיילט מיט דיזעלבע ווער־טער די־יעניקע, וועלכע פאַררופן זיך אויף אים, כדי צו רעכט־פאַרטיקן זייער מענשעוויסטישע פּאָליטישע צוזאַמענאַרבעט מיט טשאַנג־קאַי־שעק און אַנדערע. לענין האָט אין מערץ 1917 געזאָגט וועגן דערדאָזיקער פראַגע:

„אונזער רעוואָלוציע איז בירגערלעך און דעריבער דאַרפן די אַרבעטער אונטערשטיצן די בירגער", זאָגן פוסטע פּאָליטי־קער פון דעם לאַגער פון די רעוואָלוציע־פּאַראַזיטן. „אונזער רעוואָלוציע איז בירגערלעך", זאָגן די מאַרקסיסטן, „דעריבער דאַרפן די אַרבעטער עפענען די אויגן פון גאַנצן פאָלק אויף

די שווינדלעריי‍ען פון די בירגערלעכע פאָליטיקער און לערנען דאָס פאָלק נישט צו גלויבן די ווערטער פון די‌דאָזיקע פאָלי‑טיקער".

אין די אויגן פון אינטערנאַציאָנאַלן פראָלעטאַריאַט קען נישט זיין קיין גרעסער פאַרברעכן, ווי דערדאָזיקער פרווו אַרויסצושטעלן לעבינען אַלס אַפּאָסטאָל פון אַ בונד מיט דער בורזשואַזיע. אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג וועט מען קוים געפינען נאָך אַ פאַל, ווען מאַרקסיס‑טישע נביאות זאָלן זיך האָבן אַזוי שנעל דערפילט, ווי די נביאות פון דער אָפּאָזיציע וועגן די פראָבלעמען פון דער כי‑נעזישער רעוואָלוציע אין די יאָרן 1926 און 1927.

שטודירן דעם פאַרלויף פון די געשעענישן אין דער כינעזישער רעוואָלוציע און די סיבות פון איר דורכפאַל איז אַ וויכטיקע און דרינגנדיקע אויפגאַבע פאַר די קאָמוניסטן פון דער גאַנצער וועלט.

די‌דאָזיקע פראַגעס וועלן מאָרגן ווערן לעבנספראַגעס פאַר דער גאַנצער אַרבעטערבאַוועגונג נישט נאָר אין כינע, נאָר אויך אין אינדיע און אַנדערע מזרח‑לענדער — און במילא וועלן זיי ווערן לעבנספראַגעס פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן פראָלע‑טאַריאַט בכל. אין די דעבאַטן וועגן דערדאָזיקער פראַגע, וואָס באַרירן די יסודות פון דער מאַרקסיסטישער וועלטאַנשוי‑אונג, האַנדלט זיך וועגן אויסבילדן רעגימענטן עכטע באָלשע‑ויקעס פאַר דער קומענדיקער רעוואָלוציע.

# די פאַרשטאַרקונג פון קאַפּיטאַליזם און די טאַק-טיק פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל

איינע פון די באָלשעוויסטישע הויפּטהנחות זאָגט, אַז מיט דער וועלט-מלחמה און אונזער רעוואָלוציע זענען מיר אַריינגעטראָטן אין דער תקופה פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז געגרינדעט געוואָרן אַלס אַ „פּאַרטיי פון דער וועלטרעוואָלוציע”. די אָנערקענונג פון דאָזיקן פאַקט איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אין די „איינאונצוואַנציק פּונקטן”. און אין דער ערשטער ליניע איז טאַקע דער שטרייט צווישן די קאָמוניסטן מיט די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע און אומאָפּהענגיקע מענשעוויקעס פון אַלע שאַטירונגען פאָרגעקומען אויפן דאָזיקן געביט.

די אָנערקענונג פון פאַקט, אַז מיט דעם קריג און דעם אָקטאָבערטאָג האָט זיך אָנגעהויבן אַן עפּאָכע פון דער וועלט-רעוואָלוציע, באַדייטנאָך נישט באַטירלעך, אַז מיר שטימען צו יעדער צייט אוממיטלבאַר פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער סיטואַציע. אין געוויסע פּעריאָדן, אין איינצלנע לענדער און אין באַזונדערע פּראָדוקציע-צווייגן איז דער „גוססדיקער קאַפּיטאַליזם” (לענין) פעאיק צו פאַרבעסערן אין אַ געוויסער מאָס זיין ווירטשאַפט און אפילו ווייטעראַנטוויקלען זיינע פּראָדוקטיווע כחות. די עפּאָכע פון דער וועלטרעוואָלוציע וועט האָבן זיינע פּעריאָדן פון צופלוס און אָפּפלוס. דעריבער איז ביז גאָר וויכטיק פאַרן אַרבעטער-קלאַס און זיין פּאַרטיי צו זיין גרייט, נישט אַרונטערפאַלן אונטערן איינפלוס פון דער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל-

עמאָקראַטיע און באַזיצן אַ טיכטיקע פירערשאַפט אין אינטערנאַציאָנאַל. אָבער דערדאָזיקער אָפּפלוס און צופלוס אין דער רעוואָלוציע ענדערט אויף קיין האָר נישט לעניִנס פּרינציפּיעלע אָפּשאַצונג פון אונזער איצטיקער עפּאָכע אין אַלגעמיין. נאָר דידאָזיקע אָפּשאַצונג קען בילדן דעם יסוד פאַר דער רעוואָלוציאָנערער סטראַטעגיע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אָבער צוליב אַ גאַנצער ריי מפּלות פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און צוליב דער פּעסימיסטישער שטימונג, וואָס איז דערפון אַנטשטאַנען, איז די סטאַלין-גרופּע — אַליין נישט ווייסנדיק וועגן דעם — געקומען צו אַ פולשטענדיק „נייער" און אין תוך גענומען סאָציאַלדעמאָקראַטישער אָפּשאַצונג פון דער איצטיקער עפּאָכע. די נייע „טעאָריע", אַז דער סאָציאַליזם קען דורכגעפירט ווערן אויך אין איין באַשטימטן לאַנד אַליין, נעמט זיך נאַטירלעך פון דער הנחה, אַז די שטאַרקונג פון קאַפּיטאַליזם וועט נאָך דויערן אַ גאַנצע ריי יאָרצענדליקער. עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס די טעאָריע פון אַ סאָציאַליזם אין איין-איינצלנעם לאַנד איז וואַרעם באַגריסט געוואָרן דורך די סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן סיי פון רעכטן סיי פון לינקן פליגל. טשערנאָוו האָט אין שייכות מיט דערדאָזיקער טעמע געשריבן וועגן סטאַלינס און בוכאַרינס קאָמוניסטישער „נאַראָדניטשעסטוואָ". דער אָרגאַן פון די לינקע סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן האָט געשריבן: „סטאַלין און בוכאַרין פאַרזיכערן, גענוי ווי די „נאַראָדניקעס", אַז דער סאָציאַליזם קען זיגן אויך אין איין-איינצלנעם לאַנד". די סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן אונטערשטיצן דידאָזיקע טעאָריע דערפאַר, ווייל זיי זעען אין איר אַן אָפּזאָג פון דער טאַקטיק פון דער וועלטרעוואָלוציע.

אין אַ באַשלוס, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן דורכן פערצנטן קאָנגרעס אויפן גרונט פון סטאַלינס אַ באַריכט, געפינט זיך פאָלגנדיקע, בולט פאַלשע פעסטשטעלונג: „אויף דעם געביט פון די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען האָבן מיר צו פאַרצייכענען די פאַרשטאַרקונג און פאַרלענגערונג פון דער „אָטעמפּויזע", וואָס האָט זיך פאַרלענגערט צו אַ גאַנצן פּעריאָד". אויפן זיבעטן פאַרגרעסערטן פלענום האָט סטאַלין אין

זיין באַריכט פון 7־טן דעצעמבער 1926 די גאַנצע פּאָליטיק פון אינטערנאַציאָנאַל געבויט אויף דער גלייכער, פולשטענדיק־פאַלשער אָפּשאַצונג פון דער וועלטסיטואַציע. דידאָזיקע אָפּשאַצונג האָט זיך אָבער בולט אַרויסגעוויזן אַלס פאַלש.

די רעזאָלוציע פון פאַראייניקטן פּלענום פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט און פון דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע פון יולי און אויגוסט 1927 רעדט אָן דער מינדסטער באַהאָרעניש וועגן דער טעכנישער, ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער פאַרשטאַרקונג פון קאַפּיטאַליזם. דאָס דערנענטערט נאָך אַ סך מער סטאַלינס אָפּשאַצונג פון דער וועלטלאַגע צו דער אָפּשאַצונג פון די פירער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל (פון אָטאָ באַוער, הילפערדינג, קאַרל קאַוטסקי און אַנדערע).

זייט דעם פערצנטן קאָנגרעס איז פאַרגאַנגען עפּעס מער, ווי אַנדערטהאַלבן יאָר. אין משך פון דערדאָזיקער צייט האָבן מיר געהאַט — כדי נאָר צו ברענגען די סאַמע וויכטיקסטע געשעענישן — דעם גענעראַלשטרייק אין ענגלאַנד, די געוואַלטיקע געשעענישן פון דער כינעזישער רעוואָלוציע, דעם אַרבעטער־אויפשטאַנד אין ווין. דידאָזיקע געשעענישן, וואָס געפינען זיך מיט זייער גאַנצער עקספּלאָזיווער קראַפט הינטער דער „פאַרשטאַרקונג" ווייזן אונז, וויפל צעשטערערישן מאַטעריאַל דער קאַפּיטאַליזם האָט אָנגעזאַמלט, ווי שמאָל עס האַלט אין דעראמתן מיט זיין פאַרשטאַרקונג. דידאָזיקע געשעענישן שטייען אין דירעקטער סתירה צו דער טעאָריע פון סאָציאַליזם אין איין־איינצלנעם לאַנד.

אַנדערע טונקעלע זייטן פון דעם קאַפּיטאַליזמס פאַרשטאַרקונג זענען די 20 מיליאָן אַרבעטסלאָזע, די קאָלאָסאַלע אומשטעטיקייט פון פּראָדוקציע־אַפּאַראַט, דער אומגעזונטער וווּקס פון די מיליטערישע באַוואָפענונגען, די אויסערגעוויינלעכע אומזיכערקייט פון די אינטערנאַציאָנאַלע ווירטשאַפטלעכע באַציאונגען. קיין שום זאַך שטעלט נישט אַרויס אַזוי נאַקעט די פּוסטע האָפענונג אויף אַ לאַנגן שלום־פּעריאָד, ווי די קריגסגעפאַר, וואָס הענגט גראָד איצט ווידער איבער אייראָפּע. בלויז דער קליינבירגער, פאַרבלענדט דורך דעם זיג פון קאַפּיטאַליזם איבער די אַרבעטער, פאַרבלענדט דורך דעם טעכנישן, ווירט־

שאַפּטלעכן און פּאָליטישן דערפאָלג פון קאַפּיטאַליזם, טרוימט וועגן דער פאַרפעסטיקונג פון די איצטיקע באַדינגונגען אויף אַ משך פון יאָרצענדליקער. אָבער די אמתע ווירקלעכקייט, וואָס אַנטוויקלט זיך אין דער ריכטונג צו אַ קריג, וועט אויפרייסן אין דער לופט יעדע פאַרשטאַרקונג. חוצדעם וועלן די אַרבעטערקלאַסן און די אונטערדריקטע קאָלאָניאַלע מאַסן פון מזרח כסדר באַנייען די פּרוון צו פאַרניכטן מיט געוואַלט די דאָזיקע פאַרשטאַרקונג, דאָ אין ענגלאַנד, דאָ אין כינע, דאָ אין ווין. מיר האָבן געהאַט אַ גענעראַלשטרייק אין ענגלאַנד ביי אַ קאָמוניסטישער ענגלישער פאַרטיי פון נאָר 5000 מיטגלידער. מיר האָבן געהאַט אַן אַרבעטעראויפשטאַנד אין ווין ביי אַן עסטרייכישער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון נאָר 6000 מיטגלידער. מיר האָבן געהאַט אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד פון די ארבעטער- און פויערים-מאַסן אין כינע, בעת דער צענטראַלקאָמיטעט פון דער כינעזישער קאָמוניסטישער פאַרטיי איז בלויז געווען (ווי עס שטעלט זיך איצט אַרויס) אַ צוגאָב צו דער בירגערלעכער פירערשאַפט פון דער קואָמינטאַנג. דאָס זענען די שרייענדיקע סתירות פון דער איצטיקער וועלטלאַגע. דאָס זענען די פאַקטן, וואָס דאַרפן שטיצן און פאַרלענגערן די פאַרשטאַרקונג פון קאַפּיטאַליזם. אונזער גרעסטע פּראָבלעם באַשטייט ביי היינטיקן טאָג אין דעם, צו אַנטוויקלען די קאָמוניסטישע פאַרטייען צו דער הויך פון די ריזיקע פאָדערונגען, וועלכע די קעגנוואַרט שטעלט צו זיי. אָבער דאָס פאָדערט אין דער ערשטער ליניע, אַז דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל אַליין זאָל ריכטיק פאַרשטיין די גאַנצע וועלטלאַגע.

די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע פאַרטיי וואָלט זיך געדאַרפט שטעלן די אויפגאַבע צוזאַמענצושמידן דעם גאַנצן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטערקלאַס מיטן ציל צו פאַרמיידן דעם קריג, צו פאַרטיידיקן דעם ראַטנפאַרבאַנד און פאַרוואַנדלען דעם אימפּעריאַליסטישן קריג אין אַ קריג פאַרן סאָציאַליזם. דערצו דאַרף מען אָבער קודם כל צוציען אויך די רעוואָלוציאָנער-געשטימטע, נאָך נישט קאָמוניסטישע אַרבעטער, די נישט-אָרגאַניזירטע, די סינדיקאַליסטן, אַנאַרכיסטן, פּראָפאַראייןמיטגלידער און אַפילו די ערלעכע אַרבעטער, וואָס זענען נאָך מיטגלי-

דער פון ריין-בירגערלעכע אָרגאַניזאַציעס. „אונטער דעם איינהייטלעכן אַרבעטערפראָנט מוז מען פאַרשטיין די איינהייט פון אַלע אַרבעטער, וועלכע ווילן קעמפן קעגן קאַפּיטאַליזם, און דאָס נעמט אַרום אויך יענע אַרבעטער, וועלכע זענען אָרגאַניזירט ביי די אַנאַרכיסטישע סינדיקאַליסטן און אַז. וו. אין די ראָמאַנישע לענדער איז די צאָל אַזעלכע אַרבעטער גאַנץ באַדייטנדיק”.

אַזוי האָט געזאָגט די רעזאָלוציע פון פערטן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אונטער לענינס פירונג. זי פאַרמאָגט נאָך אויך היינט איר פולע קראַפט און באַדייטונג. די איצטיקע האַנדלונגען פון די פירער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און פון אמסטערדאַמער פראָפאַראייןאינטערנאַציאָנאַל באַווייזט גאַנץ בולט, אַז בעת אַ צוקונפטיקן קריג וועלן זיי מיט זייער אומערלעכקייט און געוויסנלאָזער בגידה נאָך איבערשטייגן די ראָלע, וועלכע זיי האָבן געשפּילט אין 1914 ביז 1918. דער פראַנצויז פאָל באָנקור האָט אַריינגעטראָגן אַ געזעץ-פּראָיעקט, וואָס זיכערט שוין איצט די בגידה לגבי דעם אַרבעטערקלאַס דורך אַ פאָראויסגעזעענעם בירגערלעכן דיקטאַטאָר בעת אַ קריג. דער גענעראַלקאָמיטעט פון די ענגלישע פראָפאַראייגען פאַרטיידיקט וואַקאָווס מערדערס און גיט די הסכמה צו שיקן מיליטערישע עקספּעדיציעס קיין כינע. אין דייטשלאַנד פרעדיקט קאַוטסקי אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער רוסישער ראַטנמאַכט, און דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער דייטשער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אָרגאַניזירט אַ „קריגסצוג מיט האַנטגראַנאַטן”. די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע מיניסטאָרן פון פינלאַנד און ליטע און די פירער פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זענען תמיד גרייט אונטערצושטיצן אַ קריג קעגן דער ראַטנמאַכט. די פירער פון דער אַמעריקאַנער געווערקשאַפטס-אוניאָן רעדן ווי די גימטיקסטע רעאַקציאָנערן און קעמפן אָפן קעגן אָנערקענען דעם ראַטנפאַרבאַנד. די „סאָציאַליסטן” פון די באַלקאַן-מלוכות אונטערשטיצן די תליגים פון זייערע אייגענע אַרבעטער און וועלן תמיד גרייט זיין מיטצומאַכן אַ קריג קעגן דעם פיינט, עכן ראַטנפאַרבאַנד. די עסטרייכישע סאָציאַלדעמאָקראַטישע פירער זענען אין ווערטער „פאַר דעם

ראַטנפאַרבאַנד״, אָבער מענטשן, וועלכע האָבן בײַ דעם אויפשטאַנד אין ווין געהאָלפן זייערע פאַשיסטן צו באָדן זיך אין אַרבעטער - בלוט, וועלן נאַטירלעך אין אַנטשיידנדיקן מאָמענט זיך שטעלן אויפן זײַט פון די קאַפּיטאַליסטן. די פירער פון דער אַזויגערופענער „לינקער סאָציאַלדעמאָקראַטיע״, וואָס האַלטן פאַרבאָרגן זייערע, אין תוך גענומען, קאָנטררעוואָלוציאָנערע מיינונגען, שטעלן פאָר מיט זיך די הויפּט-געפאַר, ווײַל זיי שטערן די אַרבעטער, וועלכע געפינען זיך נאָך אונטער דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פאָן, ענטגילטיק איבערצורייסן מיט דידאָזיקע אַגענטן פון דער בורזשואַזיע אין דער אַרבעטער-באַוועגונג. געוועזענע מיטגלידער פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל (ווי קאַץ, שוואַרץ, קאָרש און ראָזענבערג) שפּילן דיזעלבע פאַררעטער-ראָלע דורכדעם, וואָס זיי האָבן איבערגעריסן מיטן קאָמוניזם דורך אַ אולטראַלינקיזם.

אַ פלירט מיט דידאָזיקע סאָציאַלדעמאָקראַטישע פירער (וואָס זענען אין אַלע זייערע שאַטירונגען, פון די אָפן-רעכטסשטייענדיקע ביז צו די פלומרשטע לינקגעשטימטע, אַבסאָלוט אַנטירעוואָלוציאָנער) וועט ווערן כסדר געפערלעכער, וואָס נענטער עס וועט זיך אָנרוקן די מלחמה. די טאַקטיק פון אַ איינהייטלעכן פראָנט דאַרף פאַר קיין פאַל נישט פירן צו אַ פאַראייניקונג מיט די בוגדים פון גענעראַלקאָמיטעט פון די פראָפאַראייגען אָדער צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט אַמסטערדאַם. אַזאַ פּאָליטיק וועט צעטומלען און אָפּשוואַכן דעם אַרבעטערקלאַס, זי וועט שטאַרקן די שטעלונג פון די אָנספּקדיקע בוגדים און וועט אונז שטערן אָנצושפּאַנען אונזערע כחות אין דער העכסטער מאָס. דער פאַלשער קורס, וואָס האָט געפונען זײַן קולמינאַציע-פּונקט אין דער סטאַלינשער פראַזע „געפאַר פון לינקס!״, האָט אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר דערפירט דערצו, אַז די הערשנדיקע פירערשאַפט אין די וויכטיקסטע סעקציעס פון אינטערנאַציאָנאַל ליגט הײַנט, קעגן ווילן פון די אַרבעטער-קאָמוניסטן, אין די הענט פון רעכטן פליגל. (דאָס איז געשען אין דײַטשלאַנד, אין פּוילן, אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אין פראַנקרײַך, איטאַליע און ענגלאַנד.)

די פּאָליטיק פון דידאָזיקע הערשנדיקע רעכטע גרופּע

האָט דעם ציל אויסצושליסן דעם גאַנצן לינקן פליגל פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, און דורכדעם ווערט אָפּגעשוואַכט די מאַכט פון דער גאַנצער פּאַרטיי און עס ווערן אַרויסגערופן פאַטאַלע סכנות.

באַזונדערס שטאַרק איז געקו[illegible]ום אויסדרוק דידאָזיקע פּאָליטיק פון באַזייטיקן דעם גאַנצן לינקן פליגל פון אינטערנאַציאָנאַל ביים אויסשליסן די אורבאַנגרופּע אין דייטשלאַנד. אויסטיילנדיק אויף אַן אומפּאַסנדן אופן אייניקע שאַרפע, פּאָלעמישע אויסדרוקן, וועלכע עס האָבן באַנוצט אורבאַנס און מאַסלאָווס פּאַרטיי־חברים, כדי זיך צו באַשיצן קעגן אַזעלכע זידלערייען ווי „רענעגאַטן", „קאָנטררעוואָלוציאָנערן", „טשעמבערלענס אַגענטן" און אַז. וו. האָט די סטאַלינגרופּע געשטויסן מיט געוואַלד די דייטשע לינקע אויפן וועג צו גרינדן אַ צווייטע פּאַרטיי. זי טוט בכלל אַלדאָס מעגלעכע, כדי די שפּאַלטונג אין די רייען פון די דייטשע קאָמוניסטן זאָל זיין אַ דויערנדיקע דערשיינונג.

אין דער אמתן פּאַרטיידיקט די אורבאַנגרופּע אין אַלע עיקרדיקע פראַגעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערבאַוועגונג לענינס מיינונגען.

דער ערשטער שריט אויף גוטצומאַכן סטאַלינס האַנדלונג, וואָס צילט צו צעשפּליטערן די פּאַרטיי, דאַרף באַשטיין אין ווידער אויפנעמען אַלע אויסגעשלאָסענע חברים, — קודם כל די חברים פון דער אורבאַנגרופּע — וועלכע אָנערקענען די אויטאָריטעט פון אינטערנאַציאָנאַל־קאָנגרעס. אין זיין שריפט „קינדערקראַנקהייטן פון דער לינקער באַוועגונג", אין וועלכער לענין האָט געשילדערט די טעותן פון די אולטראַלינקע, האָט ער געזאָגט, אַז דער הויפּטשונא פון באָלשעוויזם אין דער אַרבעטערבאַוועגונג איז און בלייבט דער אָפּאָרטוניזם. „דערדאָזיקער שונא בלייבט דער הויפּטקעגנער אויך אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן געביט". צו דערדאָזיקער פעסטשטעלונג האָט לענין אויפן צווייטן קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל נאָך צוגעגעבן, אַז „אין פאַרגלייך מיט דערדאָזיקער פּראָבלעם וועט זיין זייער לייכט צו פאַריכטן די טעותן פון לינקן פליגל אין קאָמוניזם". ווען לענין האָט גערעדט וועגן די לינ-

קע, האָט ער געהאַט אין זינען די אולטראַלינקע, בעת סטאַלין מיינט די רעוואָלוציאָנערע לעניניסטן, ווען ער רעדט וועגן קאַמף קעגן די עקסטרעמע לינקע.

די מאַכט פון „סאָציאַליסטישן" אָפּאָרטוניזם איז אין לעצטן סך־הכּל די מאַכט פון קאַפּיטאַליזם. אין משך פון די ערשטע יאָרן פון נאָך־מלחמה־קריזיס (1918 ביז 1921), ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך שנעל דערנענטערט צום אָפּגרונט, איז מיט אים צוזאַמען געזונקען אויך די אָפּיציעלע סאָציאַלדעמאָקראַטיע. די מפּלה פון די איטאַליענישע אַרבעטער אין די יאָרן 1920 און 1921, די מפּלה פון דייטשן פּראָלעטאַריאַט פון 1921 ביז 1923, דער צוזאַמענבראָך פון גרויסן שטרייק אין ענגלאַנד אין 1926 און דער נצחון איבערן כינעזישן פּראָלעטאַריאַט אין 1927 האָבן גלהאַט אַלס רעזולטאַט די צייטווייליקע אונטערדריקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע אין די אויבערשטע שיכטן פון פּראָלעטאַריאַט. זיי האָבן אויף אַ געוויסע צייט געשטאַרקט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע אויפן חשבון פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. און אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי גופא גיבן זיי דעם רעכטן פליגל אַ פּאָריבערגייענדיקע הערשאַפט אויפן חשבון פון לינקן פליגל. אין אַזאַ צייט ווערט באַזונדערס שטאַרק אין באַזונדערס רעגרעסיוו די ראָלע פון דער אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע, פון דער אַרבעטער־ביוראָקראַטיע און זייערע קליינבירגערלעכע פאַרבינדעטע.

דאָס זענען די אַלגעמיינע סיבות, פאַרוואָס עס זינקט דער איינפלוס פון לעניניסטישן פליגל אויף דער פּאָליטיק פון אינטערנאַציאָנאַל, פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון דער ראַטנמלוכה. דער רעזולטאַט דערפון איז, וואָס די רעכטסשטייענדיקע, האַלב־סאָציאַלדעמאָקראַטישע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך נאָך לאַנג נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע געפונען אין די רייען פון אונזערע שונאים און זענען ענדלעך אויפגענומען געוואָרן אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ווי אויף פּראָבע (צו דידאָזיקע געהערן מאַרטינאָוו, שמעראַל, ראַפּיס, ד. פּעטראָווסקי, פּעפּער און אַנדערע), טרעטן איצט אַרויס אַלץ עפטער אין נאָמען פון אינטערנאַציאָנאַל. און צו זיי מוז מען נאָך מוסיף זיין די נעמען פון די הונדערטפּראָצענטיקע

אַוואַנטוריסטן, ווי דאָס זענען היינץ נוימאַן און ענלעכע מענטשן. אין די מאַסן אָבער שליסן זיך שוין די עלעמענטן צונויף צו אַ נייער באַוועגונג אויף לינקס, צו אַ נייער רעוואָלוציאָנערער דערהויבונג. די אָפּאָזיציע גרייט זיך צו טעאָרעטיש און פּאָליטיש צום דאָזיקן טאָג.

## די הויפּט־אויספירן

**1.** אונטערן איינפלוס פון אונזער איבעררייס מיט ענגלאַנד און אַנדערע אויסלענדישע און היימישע שוועריקייטן ווערן באַטראַכט אין די הערשנדיקע קרייזן פון אונזער מאַיאָריטעט פאָלגנדיקע פּלענער: מען וויל אָנערקענען די צאַריסטישע מלוכה־חובות. מען וויל מער אָדער ווייניקער אַנולירן דעם מלוכה־מאָנאָפּאָל אויפן אויסערלעכן האַנדל. מען וויל זיך צוריקציען פון כינע, דאָס הייסט, מען וויל אויף אַ געוויסע צייט זיך אָפּזאָגן פון אונטערשטיצן די כינעזישע רעוואָלוציע און די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלרעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. אין לאַנד גופא וויל מען זיך אַנטוויקלען אויף רעכטס און דערלויבן דעם נעפּ, דעם פּריוואַטקאַפּיטאַליזם אַ קליינע עקספּאַנסיע. פאַרן דאָזיקן פּרייז האָפט מען אָפּצווענדן די קריגסגעפאַר, פאַרבעסערן די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע פון ראַטנפאַרבאַנד און באַזייטיקן אויך די אינערלעכע שוועריקייטן, אָדער לכל־הפּחות זיי צו פאַרמינערן. דער גאַנצער פּלאַן באַזירט אויף דער איינציקער הנחה, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז געזיכערט אויף יאָרצענדליקער לאַנג.

ביי די איצטיקע אומשטענדן באַדייט פּאַקטיש דערדאָזיקער „מאַנעווער" אַ פולשטענדיקע קאַפּיטולאַציע פון דער ראַטנמאַכט, דאָס באַדייט דעם וועג פון נעפּ, פון קאַפּיטאַליסטישן איינצלאונטערנעמער צום קאַפּיטאַליזם בכלל. די אימפּעריאַליסטן וועלן אָננעמען אונזערע אַלע קאָנצעסיעס, כדי וואָס שנעלער צוצוטרעטן צו נייע אָנגריפן און אַפילו צום קריג. די קולאַקעס, די נעפּלייט און די ביוראָקראַטן וועלן אַלס ענטפער אויף אונזערע קאָנצעסיעס נאָך מיט אַ גרעסערן אויסדויער אָרגאַניזירן אַלע אַנטי־קאָמוניסטישע כחות קעגן אונזער פּאַרטיי. אונזער גאַנצע „טאַקטיק" וואָלט נאָר פאַרבונדן וואָס ענ־

גער אונזער נייע בורזשואזיע מיט דער אויסלענדישער בור־זשואזיע. די ווירטשאפטלעכע אנטוויקלונג פון ראטנפארבאנד וואלט ארונטערגעפאלן אונטער דער פולשטענדיקער קאנטראל פון אינטערנאציאנאלן קאפיטאל, און יעדן געליענעם פענס וואלטן מיר מוזן באצאלן מיט א רובל שקלאפעריי. און דער ארבעטערקלאס און די גרויסע מאסע פויערים וואלטן פארלארן זייער גלויבן אין דער מאכט פון דער ראטנמלוכה און אין איר פירערשאפט.

מיר מוזן נאטירלעך פרווון זיך „אויסצוקויפן" פון קריג, אויב דאס איז נאר מעגלעך. אבער גראד צוליבן דאזיקן טעם מוזן מיר בלייבן שטארק און איייניק, מוזן מיר פעסט פארטיי־דיקן די טאקטיק פון דער וועלטרעוואלוציע און זען שטארקן דעם קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל. נאר אויף אזא אופן האבן מיר אן ערנסטע מעגלעכקייט אפצושטופן דעם קריג געגוג לאנג, נישט באצאלנדיק דערפאר א פרייז, וואס צעשטערט דעם יסוד פון אונזער מאכט און אין פאל, ווען דער קריג זאל זיך ארויסווייזן אלס אומפארמיידלעך, נעמט עס צו ביי אונז די אונטערשטיצונג פון אינטערנאציאנאלן פראלעטאריאט און די מעגלעכקייט פון זיג.

לענין האט געגעבן די אימפעריאליסטן געוויסע ווירט־שאפטלעכע קאנצעסיעס, כדי זיך אויסצוקויפן פון קריג, אדער כדי צוצוציען אויף ביליקע באדינגונגען אינטערנאציאנאלן קא־פיטאל. אבער נישט ביי דידאזיקע אומשטענדן און נישט אין די שווערסטע מאמענטן פון דער רעוואלוציע האט לענין קיינ־מאל נישט געטראכט וועגן צעשטערן דעם מלוכה־מאנאפאל פון אויסלענדישן האנדל, וועגן געבן פאליטישע רעכט די פאר־מעגלעכע פויערים, וועגן אפזאגן זיך פון אונטערשטיצן די רעוואלוציע אין איר טאקטיק.

דעריבער מוזן מיר אין דער ערשטער ליניע אפן און מיט אלע כחות זען מוטיקן און שטארקן די אינטערנאציאנא־לע רעוואלוציע. מיר מוזן אנטשלאסן זיך קעגנשטעלן דידאזי־קע אלע פסיידא־מלוכהמענישע טענדענצן פון נאכגעבן, ווי זיי קומען צום אויסדרוק אין פאלגנדיקע באמערקונגען: מיר האבן נישט געהאט קיין רעכט זיך ארייננצומישן אין די כינעזישע

געשעעניש, מיר דאַרפֿן זיך בעסער וואָס שנעלער אַרויסציען פֿון כינע, ווען מיר וועלן זיך פֿאַרשטאַנדיק אויפֿפֿירן, וועלן אונז שוין די אַנדערע לאָזן צורו, און אַז. וו. די „טעאָריע" פֿון סאָציאַליזם אין איין־איינצלנעם לאַנד שפּילט איצט פּאַקטיש אַ צעשטערערישע ראָלע און זי שטערט דעם צוזאַמענשלוס פֿון די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע כּחות אַרום ראַטנ־פֿאַרבאַנד. זי וויגט איין די אַרבעטער פֿון די אַנדערע לענדער. אָפּטעמפּנדיק זייער געפֿיל פֿאַר די איצטיקע געפֿאַרן.

2. אַ צווייטע אויפֿגאַבע פֿון גלייכער וויכטיקייט איז דאָס פֿעסטיקן אונזערע פּאַרטיי־רייען, קלענער מאַכן די מעגלעכקייט פֿאַר די אימפּעריאַליסטן און די פֿירער פֿון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע צו האָפֿן ווייטער אָפֿן אויף דער צעשפּליטערונג פֿון דער פּאַרטיי און אויף ווייטערדיקע אויסשליסונגען. דאָס אַלץ האָט אַ דירעקטע שייכות מיט דער מלחמה־פֿראַגע, ווייל אַלע איצטיקע פּרוּוון פֿון די אימפּעריאַליסטן שטיצן זיך אויף אַזעלכע פּאָליטישע שטימונגסמאָמענטן. אַלע אָרגאַנען פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער בורזשואַזיע און סאָציאַלדעמאָקראַטיע ווייזן איצט אַרויס אַן אויסערגעוויינלעכן אינטערעס פֿאַר אונזערע אינערלעכע פּאַרטייסטרייטן. זיי דערמוטיקן און העצן אָפֿן אויף די איצטיקע מאַיאָריטעט פֿון צענטראַלן אויספֿיר־קאָמיטעט צו באַזייטיקן די אָפּאָזיציע פֿון די אָנפֿירנדיקע פּאַרטיי־אָרגאַנען און אויב מעגלעך, אויך פֿון דער פּאַרטיי גופֿא, יאָ, אפֿילו אינגאַנצן פּטור צו ווערן פֿון איר. פֿון דער רייכסטער בירגערלעכער צייטונג, דעם „ניו־יאָרק טיימס", ביז צום העכסט בויגזאַמען אָרגאַן פֿון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, דער „ווינער אַרבייטערצייטונג" פֿון אָטטאָ באַוער, באַגריסן אַלע אָרגאַנען פֿון דער בורזשואַזיע און פֿון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע „סטאַלינס רעגירונג" צו איר קאַמף קעגן דער אָפּאָזיציע. זיי טרייבן צו דידאָזיקע רעגירונג אַרויסצווייזן אויך ווייטער איר „מלוכהמענישע קלוגשאַפֿט" דורך באַזייטיקן גאַנץ אַנטשלאָסן דידאָזיקע אָפּאָזיציאָנעלע „פּראָפּאַגאַנדיסטן פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע". ביי גלייכע באַדינגונגען אויף אַלע אַנדערע געביטן וועט אַ מלחמה אַנטשטיין אַלץ שפּעטער, וואָס לענגער עס וועלן נישט דערפֿילט ווערן די האָפֿנונגען פֿון

שונא אויף דער אויסשליסונג פון דער אָפּאָזיציע. נאָכמער, מיר קענען זיך אפילו, ווען דאָס איז בכלל מעגלעך, אויסקויפן פון קריג, און, אויב מיר וועלן געצוווּנגען ווערן צו אים, אים ענדיקן אפילו מיט אַ נצחון — אָבער נאָר מיטן תנאי מיר זאָלן בלייבן אייניק, ווען מיר וועלן אָפּנאַרן די האָפנונג פון די אימפּעריאַליסטן אויף אַ שפּאַלטונג אָדער אויף אַ פאַרקריפּלונג פון דער פּאַרטיי, ווייל זיי קענען בלויז נוצן ברענגען די קאַפּיטאַליסטן.

3. עס איז נויטיק שטאַרקער צו באַטאָנען אונזער קלאַסנשטאַנדפּונקט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערבאַוועגונג, ענדיקן דעם קאַמף קעגן לינקן פליגל פון אינטערנאַציאָנאַל, אַריינגעמען צוריק אין דער פּאַרטיי די אויסגעשלאָסענע מיטגלידער, אויף וויפל זיי וואַרפן זיך אונטער די קאָנגרעס-באַשלוסן, און איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַראורטיילן די פּאָליטיק פון „האַרציקן הסכם" מיט די פאַררעטערישע פירער פון ענגלישן געווערקשאַפטס-קאָמיטעט. איבעררייסן מיט זיי וואָלט ביי דער איצטיקער לאַגע באַדייט דאָסזעלבע, ווי אין 1914 דער איבעררייס מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. לענין האָט דעמדאָזיקן איבעררייס געפאָדערט אולטימאַטיוו פון יעדן רעוואָלוציאָנער. ווייטער פאַרבלייבן אין פאַרבינדונג מיט דעמדאָזיקן געווערקשאַפטס-קאָמיטעט הייסט היינט ווי דעמאָלט: העלפן די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע פירער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.

4. מיר מוזן אומבאַדינגט פאַרבעסערן אונזער שטאַנדפּונקט אין דער נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — קודם כל אין כינע, אָבער אויך אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע לענדער. מיר מוזן זיך אָפּזאָגן פון דער פּאָליטיק פון מאַרטינאָוו, סטאַלין און בוכאַרין און אומקערן זיך צו דעם קורס, וועלכן לענין האָט פעסטגעשטעלט אין די באַשלוסן פון צווייטן און פערטן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אויב נישט וועלן מיר זיין אָנשטאָט אַ שטיצע — אַ שטערונג פאַר דער נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און מיר וועלן אומפאַרמיידלעך פאַרלירן די סימפּאַטיעס פון די אַרבעטער און פויערים פון מזרח. די כינעזישע

קאָמוניסטישע פּאַרטיי מוז באַזייטיקן יעדע אָרגאַניזאַטאָרישע און פּאָליטישע אָפּהענגיקייט פון דעם קאָמינטאַנג, זי מוז דערוויטערן דעם קאָמינטאַנג פון אירע אייגענע רייען.

5. מיר מוזן קעמפן עקשנותדיק, פּלאַנפול און אַנטשלאָסן פאַרן שלום. מיר מוזן אָפּרוקן דעם קריג וואָס ווייטער, „מיר מוזן זיך אויסקויפן פון דער קריגסדראָאונג“. אַלץ, וואָס אונז איז מעגלעך און דערלויבט, מוזן מיר טאָן פאַרן דאָזיקן צוועק. גלייכצייטיק מוזן מיר זיך אָבער אויך גרייטן צו אַ מלחמה און קיין איין מאָמענט נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. אָבער קודם כּל מוזן מיר אַ סוף מאַכן צו דער אומנוויטיקער, צע־שטערערישער פּלוידעריי וועגן דעם, צי עס דראָט אונז אַן אומ־מיטלבאַרע קריגסגעפאַר.

6. מיר מוזן אומבאַדינגט פאַרבעסערן אונזער קלאַסנ־שטאַנדפּונקט אין דאָרף. אויב אַ קריג איז אומפאַרמיידלעך, דאַן קען בלויז אַן אומבאַדינגט באָלשעוויסטישע פּאָליטיק אַרויס מיט אַ נצחון, אַ פּאָליטיק, ביי וועלכער אַרבעטער, לאַנדאַרבעטער און אָרעמע פּויערים קעמפן אין אַ בונד מיט די מיטלפּויערים קעגן רייכן פּויער, קעגן דעם פּריוואַטקאַפּיטאַליסט, קעגן ביו־ראָקראַט.

7. מיר מוזן צוגרייטן אונזער גאַנצעווירטשאַפט, אונ־זער ביודזשעט און אַז. וו. אויפן פאַל פון אַ קריג.

דער קאַפּיטאַליזם איז אַריינגעטראָטן אין אַ תקופה פון ערנסטע שוועריקייטן. אַ קריג מיטן ראַטנפאַרבאַנד וועט, פּונקט ווי אַ קריג מיט כינע, באַדייטן פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן קאַ־פּיטאַליזם אַ גאַנצע ריי קאַטאַסטראָפעס. דער קריג פון 1914 ביז 1918 איז געווען אַ געוואַלטיקער „פאַרשנעלערער“ (לענין) פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. נייע מלחמות, און באַזונדערס אַ קריג קעגן ראַטנפאַרבאַנד, וועלן אונז ברענגען — אויב מיר וועלן זיך באַמיען צו פירן אַ געהעריקע פּאָליטיק – די סימ־פּאַטיע פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון דער גאַנצער וועלט און וועלן זיך פאַרוואַנדלען נאָך אין אַ שטאַרקערן „פאַרשנעלערער“ פון דער ירידה פון וועלטקאַפּיטאַליזם. סאָציאַלע רעוואָלוציעס אַנטוויק־לען זיך אויך אָן נייע מלחמות, אָבער נייע מלחמות פירן אומפאַרמיידלעך צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע.

# די רויטע אַרמיי און דער רויטער פלאָט

די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע שטעלט אַלץ מער אין פאָדערגרונט די פאַרטיידיקונג פון ראַטנפאַרבאַנד. די פאַרטיי, דער אַרבעטערקלאַס און דאָס פויערטום וועלן אויפסניי מוזן ווענדן אַ גרעסערע אויפמערקזאַמקייט דער רויטער אַרמיי און דעם רויטן פלאָט.

אַלע איינצלהייטן פון אונזער ווירטשאַפטלעכן, פאָליטישן און קולטורעלן לעבן זענען פאַרקניפּט מיט דער פּראָבלעם פון פאַרטיידיקונג, און די אַרמיי שפּיגלט אָפּ אונזער גאַנצע סאָציאַלע סטרוקטור. זי ווייזט אָבער אויפן שאַרפסטן אופן נישט נאָר די שטאַרקע זייט פון אונזער רעגירונג, נאָר אויך איר שוואַכע זייט. די דערפאַרונג לערנט, אַז גראָד אויפן דאָזיקן געביט דאַרף מען זיך אַמווייניקסטן פאַרלאָזן אויפן אויסערלעכן איינדרוק. עס איז פאַרן דאָזיקן ענין אַ סך געזינטער, ווען מען טרייבט אַביסל איבער אין כסדרדיקן פאָרשן און קריטיקירן, איידער צו פאַרבלייבן אין אַ באַקוועמער זיכערקייט און צופרידנקייט.

די פראַגע וועגן די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון אונזערע פאָלקסקלאַסן און וועגן אַ ריכטיקער פּאָליטיק אויפן דאָזיקן געביט האָט אַ אַנטשיידנדיקע באַדייטונג פאַר דער אינערלעכער סאָלידאַריטעט פון דער אַרמיי און פאַר די באַציאונגען פון דיזעלנער צום קאָמאַנדירנדיקן שטאַב. די פראַגע פון אינדוסטריאַליזאַציע האָט אַ אַנטשיידנדיקע באַדייטונג פאַר די טעכנישע הילפסקוועלן פון אונזער פאַרטיידיקונג. אַלע מאָסמיטלען, וואָ-

ווערן געעצהט אָנצונעמען אין אונזער דאָזיקער פּראָגראַם — אויף די געביטן פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק און פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערבאַוועגונג, פֿון דער אינדוסטרי, דער לאַנדווירטשאַפֿט, פֿון ראַטנסיסטעם, פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, פֿון דער פּאַרטיי און דעם בונד פֿון קאָמוניסטישער יוגנט — דידאָזיקע אַלע פֿראַגעס זענען פֿון דער גרעסטער וויכטיקייט פֿאַר דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער רויטער אַרמיי און פֿון רויטן פֿלאָט.

אונזערע פּראַקטישע פֿאָרשלאַגן אויפֿן דאָזיקן געביט האָבן מיר איבערגעגעבן דעם פּאָליטישן ביוראָ.

# פּאַקטישע און כּלומרשטע חלוקי־דעות.

אין שום זאַך באַווייזט נישט אַזוי בולט דעם פֿאַלשן פּאָליטישן קורס פֿון דער סטאַלינגרופּע, ווי איר עקשנותדיקער קאַמף, נישט קעגן אונזערע פּאַקטישע מיינונגען, נאָר קעגן כּלומרשטע מיינונגען, וועלכע מיר האָבן נישט און מיר האָבן זיי קיינמאָל נישט געהאַט.

ווען די באָלשעוויקעס פֿלעגן די־ספּוטירן מיט די מענשעוויקעס, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן און אַנדערע קליינבירגערלעכע ריכטונגען, פֿלעגן זיי פֿאַר די אַרבעטער דערקלערן די אמתע סיסטעם פֿון זייערע קעגנערס מיינונגען. אָבער ווען די מענשעוויקעס און סאָציאַלרעוואָלוציאָנערן פֿלעגן דיספּוטירן מיט די באָלשעוויקעס, פֿלעגן זיי, אָנשטאָט צו דערווידערן די אמתע מיינונגען פֿון די באָלשעוויקעס, זיי אונטעררוקן זאַכן, וועלכע יענע האָבן גאָר קיינמאָל נישט געזאָגט. די מענשעוויקעס און סאָציאַלרעוואָלוציאָנערן האָבן גאָרנישט געטאָרט דערקלערן פֿאַר די אַרבעטער אויף אַ מער־ווייניקער ריכטיקן אופֿן די מיינונגען פֿון די באָלשעוויקעס, וואָרום אין דאָזיקן פֿאַל וואָלטן זיך די אַרבעטער געשטעלט אויף דער זייט פֿון די באָלשעוויקעס. בכלל האָבן דידאָזיקע קליינבירגערלעכע גרופּעס פֿאַרשטאַנען אונטער קלאַסנקאַמף נישט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר אָנצוגרייפֿן די באָלשעוויקעס און זיי אָנרופֿן פֿאַרשווערער, פֿאַרבינדעטע פֿון דער קאָנטער־רעוואָלוציע און שפּעטער אויך ווילהעלמס אַגענטן

גענוי איפן זעלבן אופן מוז איצט קעמפן קעגן אונזערע לעניניסטישע מיינונגען די קליינבירגערלעכע קליקע אין אונזער פּאַרטיי, אונטערדריקנדיק אונז ווערטער, וועלכע מיר האָבן קיינמאָל נישט געזאָגט. די סטאַלינגרופּע ווייס גאַנץ גוט, אַז ווען מיר זאָלן קענען אַרויסזאָגן אונזער אמתע מיינונג כאָטש מיט אַ שפּור פון פרייהייט, וואָלט זיך אַן אומגעהייערע מערהייט פּאַרטיימיטגלידער געשטעלט אויף אונזער זייט.

אפילו די איינפאַכסטע פּרינציפּן פון אַ ערלעכן אינערפּאַרטייאישן מיינונגס-אויסטויש ווערן נישט אָפּגעהיט. וועגן דער פראַגע פון דער כינעזישער רעוואָלוציע, אַ פראַגע פון וועלט-באַדייטונג, האָט דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט ביז איצט נישט געלאָזט דרוקן קיין איין וואָרט פון דעם אַלעם, וואָס די אָפּאָזיציע האָט וועגן דעם געזאָגט. נאָכדעם, ווי מען האָט די אָפּאָזיציע לגמרי אויסגעשלאָסן פון דער פּרעסע—און דער פּאַרטיי ווי געהעריק צוגעשלאָסן די אויגן, באַקעמפט מען אונז כּסדר מיטן גלייכן אַרגומענט, אונז פּאָרוואַרפנדיק אַ כּסדר וואַקסנדיקע רייע שטותערייען און פאַרברעכנס. די פּאַרטיימיטגלידער ווייזן אָבער מיט יעדן טאָג אַרויס אַלץ אַ קלענערע נייגונג צו גלויבן דידאָזיקע באַשולדיקונגען.

1. ווען מיר דערקלערן, אַז די איצטיקע פאַרשטאַרקונג פון קאַפּיטאַליזם איז נישט קיין פאַרשטאַרקונג אויף יאָרצענדליקער און אַז אונזער עפּאָכע, ווי לענין האָט דאָס געזאָגט, בלייבט אַן עפּאָכע פון אימפּעריאַליסטישע מלחמות און סאָציאַלע רעוואָלוציעס, וואַרפט אונז די סטאַלינגרופּע אונטער די מיינונג, אַז מיר לייקענען כּלומרשט בכלל די פאַרשטאַרקונג פון קאַפּיטאַליזם.

2. ווען מיר זאָגן — ווידעראַמאָל מיט לענינס ווערטער, — אַז כּדי באמת אויפצובויען אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אין אונזער לאַנד איז נויטיק דער זיג פון אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין איינעם אָדער אין עטלעכע פון די מער פאָרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער און אַז דער ענטגילטיקער זיג פון סאָציאַליזם אין איין איינציקן, דערצו נאָך אָפּגעשטאַנענעם לאַנד איז אוממעגלעך, ווי דאָס האָבן איבערצייגנדיק אויפגעוויזן מאַרקס, ענגעלס און לענין, — דאַן

פּאַרזיכערט פּאַלש די סטאַלינגרופּע, אַז מיר גלויבן בכלל נישט אין סאָציאַליזם און אין דער מעגלעכקייט אים אויסצובויען אין ראַטנפאַרבאַנד.

3. ווען מיר ווייזן אָן — גייענדיק אין לענינס פּוסטריט — אויף דעם וואַקסנדיקן ביוראָקראַטיזם אין אונזער פּראָלעטאַרישער מלוכה, דאַן וואַרפט אונז אונטער די סטאַלינגרופּע די מיינונג, אַז אונזער ראַטנמלוכה איז בכלל נישט פּראָלעטאַריש. ווען מיר דערקלערן אָפן פאַרן גאַנצן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אַז „יעדער פון אונזערע אָנהענגער, וואָס לייקנט דעם פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער פון אונזער פּאַרטיי און מלוכה און דעם סאָציאַליסטישן כאַראַקטער פון דער אויפבויאַרבעט פון ראַטנפאַרבאַנד, ווערט שאַרף דורך אונז באַקעמפט און מיר דערווייטערן אים פון אונזערע רייען", דאַן קאָנפיסקירט די סטאַלינגרופּע אונזער דערקלערונג און העצט נישט אויף צו העצן קעגן אונז.

4. ווען מיר ווייזן אָן אויף דעם, אַז די טערמידאָרישע, די אַנטירעוואָלוציאָנערע עלעמענטן וואַקסן צוזאַמען מיט דעם גאַנץ ערנסטן כאַראַקטער פון אונזערווירטשאַפטלעכער לאַגע אין לאַנד; ווען מיר פאָדערן, אַז די פּאַרטייאָנפירערשאַפט זאָל שטעלן אַן אַנטשלאָסענערן און פעסטערן ווידערשטאַנד דידאָזיקע דערשיינונגען און זייער איינפלוס אויף געוויסע מיטגלידער פון אונזער פּאַרטיי, דאַן מאַכט דערפון די סטאַלינגרופּע דעם אויספיר, אַז די פּאַרטיי איז טערמידאָריש און אַז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע איז דעגענערירט. ווען מיר זאָגן פאַרן גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל: „עס איז נישט אמת, אַז מיר וואַרפן פאָר דער מערהייט פון אונזער פּאַרטיי אַן אָפּנויג אויף רעכטס; מיר גלויבן נאָר, אַז אין אונזער פּאַרטיי זענען דאָ רעכטסגעריכטעטע טענדענצן און גרופּעס, וואָס האָבן אַ נישט-פּראָפּאָרציאָנעל גרויסן איינפלוס, אָבער די פּאַרטיי קען זיי גובר זיין" — דאַן קאָנפיסקירט די סטאַלינגרופּע אונזער דערקלערונג און העצט ווייטער קעגן אונז.

5. ווען מיר ווייזן אָן אויפן ריזיקן וווקס פון די רייכע פּויערים, די קולאַקעס; ווען מיר פאַרזיכערן אָן אויפהער — גייענדיק אין לענינס פּוסטריט, — אַז „דער קולאַק קען נישט

אַריינוואַקסן רואיק אין סאָציאַליזם", אַז ער איז אַ העכסט-גע־פערלעכער קעגנער פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע — דאַן באַשולדיקט אונז די סטאַלינגרופּע, אַז מיר ווילן באַרויבן דעם פּויער.

6. ווען מיר ציען צו די אויפמערקזאַמקייט פון אונזער פּאַרטיי אויף דער פאַרשטאַרקונג פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל, אויף זיין אַלץ גרעסערער אָנזאַמלונג און אויף זיין איינפלוס אין לאַנד, דאַן באַשולדיקט אונז די סטאַלינגרופּע אין אַ אָנגריף אויפן נעפּ, אויף דער ווירטשאַפט, וואָס דערלויבט די עקזיסטענץ פון פּריוואַט קאַפּיטאַל און אַז מיר פאַרלאַנגען מ'זאָל זיך אומקערן צום מיליטערישן קאָמוניזם.

7. ווען מיר ווייזן אויף, ווי פאַלש עס איז אונזער פּאַר־טיי-פּאָליטיק בנוגע דער מאַטעריעלער לאַגע פון אונזערע אַר־בעטער, ווי אומגעניגנדיק עס זענען די מאָסמיטלען קעגן אַר־בעטסלאָזיקייט און ווינונגסנויט; ווען מיר ווייזן אויף, אַז דער אָנטייל פון די נישט-פּראָלעטאַרישע עלעמענטן אין דער נאַציאָ־נאַל-הכנסה וואַקסט אומפּראָפּאָרציאָנעל — דאַן באַשולדיקן זיי אונז אין אַ גילדיעסאָציאַליסטישער אפּיקורסות און אין דע־מאַגאָגיע.

8. ווען מיר ווייזן אָן אויף דעם אַז די אינדוסטרי בלייבט הינטערשטעליק אויף אַלע געביטן לגבי די פּאָדערונ־גען פון אונזער עפנטלעכער ווירטשאַפט און מיר וואָרענען פאַר די אומפאַרמיידלעכע קאָנסעקווענצן פון דער דאָזיקער דערשיי־נונג — אויף דעם אומנאָרמאַלן אונטערשייד פון די פּרייזן, אויף דעם סחורות-הונגער, אויף די סכסוכים צווישן שטאָט און דאָרף — דאַן רופט זי אונז „איבעראינדוסטריאַליסטן".

9. ווען מיר באַלייכטן די פאַלשע פּרייז-פּאָליטיק, וואָס דערלויבט דעם פּריוואַט-קאַפּיטאַליסט צו באַקומען פאַנטאַסטישע רווחים, אָנשטאָט אַראָפּצודריקן די הויכע לעבנסקאָסטן, דאַן באַ־שולדיקט אונז די סטאַלינגרופּע, אַז מיר ווילן דערפירן צו אַ פּרייזהעכערונג. ווען מיר האָבן מיט אַ יאָר צוריק דערקלערט פאַרן גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל: „די אָפּאָזיציע האָט קיינמאָל נישט געפאָדערט אָדער פאָרגעשלאָגן העכערע פּרייזן, נאָר זי זעט דעם הויפּטפעלער פון אונזער ווירטשאַפטספּאָליטיק גראָד

אין פאַקט, וואָס מיר באַמיען זיך נישט מיט דער געהעריקער ענערגיע צו באַזייטיקן דעם מאַנגל אין סחורות און די דערמיט אומפאַרמיידלעך פאַרבונדענע הויכע דעטאַלפרייזן" — איז אונזער דערקלערונג קאָנפיסקירט און די העצע קעגן אונז ווייטער געפירט געוואָרן.

10. ווען מיר טרעטן אַרויס קעגן „האַרציקן הסכם" מיט די בוגדים פון גענעראַלשטרייק, קעגן די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן פון ענגלישן גענעראַלקאָמיטעט, וואָס שפילן אָפן די ראָלע פון טשעמבערלענס אַגענטן, דאַן קלאָגט מען אונז אָן אַלס קעגנער פון דער צוזאַמענאַרבעט צווישן קאָמוניסטן און פראָפאַראייגען, אַלס קעגנער פון דער טאַקטיק פון אַ געמיינזאַמען פראָנט.

11. ווען מיר פּראָטעסטירן קעגן אַריינטריט פון די פּראָפאַראייגען פון ראַטנפאַרבאַנד אין אַמסטערדאַמער געווערקשאַפטס-אינטערנאַציאָנאַל אָדער קעגן יעדע אַרט פלירט מיט די פירערס פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, דאַן באַשולדיקט מען אונז אין סאָציאַלדעמאָקראַטישער אפיקורסות.

12. ווען מיר פּראָטעסטירן קעגן אַ פּאָליטיק, וואָס שטיצט זיך אויף די כינעזישע גענעראַלן, ווען מיר פּראָטעסטירן קעגן דעם, וואָס דער כינעזישער אַרבעטערקלאַס איז אונטערגעוואָרפן דעם בירגערלעכן קואָמינטאַנג, ווען מיר פּראָטעסטירן קעגן דער מענשעוויסטישער טאַקטיק, וואָס אונזער איצטיקע רעגירונג פירט אין כינע, דאַן וואַרפט מען אונז פאָר, אַז מיר זענען קעגן דער אַגראַר-רעוואָלוציע אין כינע, אַז מיר זענען טשאַנג קאַי-שעקס מיטהעלפער.

13. ווען מיר קומען, — אויפן סמך פון אונזער מיינונג וועגן דער וועלטלאַגע, — צום אויספיר, אַז עס דערנעענטערט זיך אַ מלחמה, און מיר וואָרענען רעכטצייטיק די פּאַרטיי, קלאָגן אונז די סטאַליניסטן אָן אויף אַ שענדלעכן אופן, אַז מיר בענקען נאָך אַ קריג.

14. ווען מיר דערמאָנען — געטריי צו לענינס לערעס — אַז: גראָד די קריגסגעפאַר פאָדערט דרינגנדיק אַ פעסטע און גולטע קלאַסנפּאָליטיק, פאַרזיכערן די סטאַליניסטן אָן בושה

אַז מיר ווילן בכלל נישט פאַרטיידיקן די ראַטנרעפּובליק, אַז מיר זענען פּחדנותדיק ווי האָזן און דעפּעטיסטן.

15. ווען מיר ווייזן אָן אויף דעם אומצווייפלהאַפטן פאַקט, אַז די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע און סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּרעסע פון גאָר דער וועלט שטייט אויף סטאַלינס זייט אין זיין קאַמף קעגן דער אָפּאָזיציע אין דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַז זיי האָבן סטאַלינען געלויבט פאַר זיין אונטערדריקן דעם לינקן פליגל און האָבן אים צוגעגעבן מוט אים אויסצושליסן פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט און פון דער פּאַרטיי, דאַן פאַרזיכערט פאַלש די „פּראַוודאַ" און די גאַנצע פּאַרטייפּרעסע, אַז די בורזשואַזיע און די סאָציאַלדעמאָקראַטיע זענען פאַר דער אָפּאָזיציע.

16. ווען מיר שטעלן אַ ווידערשטאַנד קעגן דעם, אַז די פירערשאַפט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל זאָ, איבערגיין אין די הענט פון רעכטן פליגל, ווען מיר שטעלן אַ ווידערשטאַנד קעגן אויסשליסן הונדערטטויזנטער אַרבעטער-באָלשעוויקעס, באַשולדיקט אונז סטאַלין אין אַ פּרווו צו שפּאַלטן דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

17. ווען אָפּאָזיציאָנערן, וואָס זענען הייסע אָנהענגער פון דער פּאַרטיי, ווילן אונטער דעם איצטיקן פאַרדאָרבענעם פּאַרטיי-רעזשים אויפקלערן די איבעריקע מיטגלידער וועגן זייערע מיינונגען, דאַן ווערן זיי אַרויסגעוואָרפן פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מען באַשולדיקט זיי, אַז זיי פאַרשפּרייטן קריגערייען און מען הויבט זיי אָן צו פאַרפאָלגן געריכטלעך פאַר ווען שפּאַלטן די פּאַרטיי. די וויכטיקסטע פּאַרטיי-פּראַגעס ווערן אָפּגעלייגט אין אַ זייט אונטער אַ כאַאָס פון פּראַזעס, אָנשטאָט מען זאָל זיי באַהאַנדלען.

18. אָבער די ליבלינגס-באַשולדיקונג פון די לעצטע יאָרן באַשטייט אין דעם, אַז מיר גלויבן אין „טראָצקיזם". מיר האָבן געזאָגט פאַר דעם גאַנצן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל: „עס איז נישט אמת, אַז מיר פאַרטיידיקן דעם טראָצקיזם. טראָצקי האָט דערקלערט דעם אינטערנאַציאָנאַל, אַז אין אַלע פּרינציפּיעלע פּראַגעס, איבער וועלכע ער האָט געפירט אַ קאַמף מיט לענינען, האָט לענין געהאַט רעכט — באַזונדערס אין דער

פראַגע וועגן דער שטענדיקער רעוואָלוציע און וועגן פויער־טום". דידאָזיקע, פאַר דעם גאַנצן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל באַשטימטע דערקלערונג זאָגט זיך די סטאַלינגרופּע אָפּ צו דרוקן. זי באַשולדיקט אונז אויך ווייטער אין טראָצקיזם. נאַטירלעך באַציט זיך דידאָזיקע דערקלערונג אויף לאַנג־פאַר־גאַנגענע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן מיט לענינען און נישט אויף די כלומרשטע שטריטן, וועלכע סטאַלין און בוכאַרין האָבן געוויסנלאָז אויסגעטראַכט. אַלץ, וואָס זיי האָבן כלומרשט אַנט־דעקט וועגן אונזערע אַמפּערייען אין דער נאָנטער פאַרגאַנ־גענהייט, באַזונדערס פון דער צייט פון דער אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע, איז אויסגעטראַכט.

די סטאַלינגרופּע רייסט אַרויס פון צוזאַמענהאַנג אונזערע איינצלנע זאַצן, זי מיסברויכט אויף אַ ברוטאַלן און אומער־לעכן אופן לענינס פאַלש־אויסגעקליבענע, אַלטע פּאָלעמישע באַמערקונגען, דערביי באַהאַלט זי אויס פון דער פאַרטיי אַנ־דערע און שפּעטערע באַמערקונגען, זי פעלשט דירעקט די פאַרטייגעשיכטע און די פאַקטן פון דער פאַרגאַנגענהייט, און וואָס נאָך וויכטיקער — זי פאַרדרייט און ענדערט פּשוט אַלץ, וואָס מיר שרייבן וועגן די פראַגעס, וועגן וועלכע מ'דעבאַטירט איצט. דורכדעם דערווייטערט זיך אַלץ מער די סטאַלין־בוכאַ־רין־גרופּע פון לענינס פּרינציפּן און באַמיט זיך גלייכצייטיק צו האַלטן די פאַרטיי אין גלויבן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ קאַמף צווישן לעניניזם און טראָצקיזם. פאַקטיש אָבער האַנדלט זיך וועגן אַ קאַמף צווישן לעניניזם און סטאַלינס אָפּאַרטוניזם. אונזער געמיינזאַמער קאַמף קעגן דעם סטאַלינקורס איז מעגלעך געוועזן בלויז דערפאַר, ווייל מיר זענען אַלע געוועזן אייניק אין אונזער ווונש און אַנטשלאָסנקייט, צו פאַר־טיידיקן דעם עכט־לעניניסטישן פּראָלעטאַרישן קורס.

די פאָרליגנדיקע פּראָגראַם איז דער בעסטער ענטפער אויף דער באַשולדיקונג אין „טראָצקיזם". יעדער, ווער עס לייענט זי דורך, ווייס, אַז פון ערשטן ביז צום לעצטן וואָרט באַזירט זי אויף לענינס לערעס. עס איז דורכגעזאַפּט מיטן עכטן באָלשעוויסטישן גייסט.

זאָל די פּאַרטיי זיך דערוויסן אונזערע אייגענע מיינונ־
גען. זאָל זי דערקענען די אמתע סיבות פון אונזערע שטרייטן — קודם כל פון אונזערע שטרייטן אין דער פראַגע פון אינטער־
נאַציאָנאַלער היסטאָרישער וויכטיקייט, פון דער כינעזישער רעוואָלוציע. לענין האָט אונז געלערנט, אז אין פאַל פון חלוקי־דעות זאָל מען נישט גלויבן סתם אַ פּלוידעריי, נאָר פאָדערן דאָקומענטן, אויסהערן ביידע צדדים, אָפּוואַרפן פוסטע באַהויפּטונגען און גענוי אויסגעפינען, ווי עס זעט אויס דער גוף הענין. מיר, די אָפּאָזיציע, חזרן איבער לענינס עצה.

מיר מוזן איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן אוממעגלעך, אַז צוויי אָדער דריי טעג פאַרן אָנהויב פון קאָנגרעס זאָלן דער פאַרטיי פלוצלונג פאָרגעלייגט ווערן חלוקי־דעות (ווי דאָס איז געשען אויף דעם פערצנטן קאָנגרעס). מיר מוזן מעגלעך מאַכן אַן ערלעכע דיסקוסיע און אַ ערלעכע אַנטשיידונג וועגן מהות פון די חלוקי־דעות, ווי דאָס איז תמיד געווען דער פאַל ביי לענינס לעבן

# קעגן אָפּאָרטוניזם — פאַר דער איינהייט פון דער פּאַרטיי

מיר האָבן פריי און אָפן אַרויסגעזאָגט אונזער מיינונג וועגן די שווערע פעלערן, וועלכע די מערהייט פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט איז באַגאַנגען אויף אַלע וויכטיקע געביטן פון דער אויסערלעכער און אינערלעכער פּאָליטיק. מיר האָבן אויפגעוויזן, ווי אַזוי דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט פון אונזער פּאַרטיי, וואָס איז דאָך דער הויפּטווערקצייג פון דער רעוואָלוציע, איז דורך דידאָזיקע פעלערן אָפּגעשוואַכט געוואָרן. מיר האָבן אויפגעוויזן, ווי אַזוי אונזער פּאַרטיי קען פונדעסטוועגן פאַרבעסערן איר פּאָליטיק, אָבער דערצו איז נויטיק, מיר זאָלן קלאָר און דייטלעך באַשרייבן דעם כאַראַקטער פון די פעלערן, וועלכע די פּאַרטיי-אָנפירערשאַפט איז באַגאַנגען.

די פעלערן, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן, זענען געווען אָפּאָרטוניסטישע פעלערן. אָפּאָרטוניזם איז אין זיין אַנטוויקלטער פאָרם, לויט לענינס קלאַסישער דעפיניציע, אַ בלאָק פון די אַרבעטערפירער מיט דער בורזשואַזיע, וואָס איז געווענדט קעגן דער גרויסער אַרבעטערמאַסע. ביי די באַדינגונגען, וועלכע הערשן איצט אין ראַטנפאַרבאַנד, וועט אַן אָפּאָרטוניזם אין זיין אַנטוויקלטער פאָרם זיין דאָס שטרעבן פון די אַרבעטער-פירער צו שליסן אַ קאָמפּראָמיס מיט דער פונסניי-זיך-אַנטוויקלענדיקער בורזשואַזיע (די קולאַקעס און נעפּלייט) און דעם וועלטקאַפּיטאַליזם אויפן חשבון פון די ברייטע מאַסן פון אַרבעטער און אָרעמע פּויערים.

ווען מיר שטעלן פעסט די עקזיסטענץ פון אַזעלכע טענ־דענצן אין געוויסע קרייזן פון אונזער פּאַרטיי — אין אייניקע הויבן זיי זיך אָן אַרויסצווייזן, אין אַנדערע זענען זיי שוין פולאַנטוויקלט —, איז לעכערלעך אונז צו באַשולדיקן דערפאַר אין וואַרפן רכילות אויף דער פּאַרטיי. מיר ווענדן זיך דאָך טאַקע גראָד צו דער פּאַרטיי קעגן דידאָזיקע טענדענצן, וואָס שטעלן זי אין סכנה. פּונקט אַזוי לעכערלעך איז צו באַהויפּטן, אַז מיר באַשולדיקן די אָדער יענע סעקציע פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט אָדער פון דער פּאַרטיי אין אומערלעכקייט לגבי דער רעוואָלוציע, אין בגידה לגבי די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט. אַ פאַלשער פּאָליטישער קורס קען דיקטירט ווערן דורך דער אויפריכטיקסטער זאָרג פאַר די אינטערעסן פון אַרבעטערקלאַס. אפילו די עקסטרעמסטע פאָרשטייער פון רעכטן פליגל זענען איבערצייגט, אַז די קאָמפּראָמיסן, אויף וועלכע זיי האָבן בדעה איינצוגיין מיט די בירגערלעכע עלע־מענטן, זענען נויטווענדיק פאַר די אינטערעסן פון די אַרבע־טער און פויערים, אַז זיי זענען בלויז איינס פון יענע מאַ־נעווערס, וועלכע לענין האָט באַטראַכט פאַר דורכאויס ערלויבט. אפילו יענע רעכטע גרופּע, וואָס ווייזט אַרויס אַן אָפענע טענ־דענץ צו פאַרראַטן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, — אַפילו דידאָזיקע גרופּע ווינשט נישט באַוווסטזיניק דעם טערמידאָר, דעם צוזאַמענבראָך פון דער רעוואָלוציע. און דאָס איז נאָך מער גילטיק פאַר דעם צענטער, וואָס פירט אַ טיפּישע פּאָליטיק פון אילוזיע און זעלבסטנאַרעריי.

סטאַלין און זיינע נאָנטסטע אָנהענגער זענען איבערצייגט, אַז מיט זייער מעכטיקן אַפּאַראַט וועלן זיי לכל הפּחות קענען איבערכיטרעווען די כּחות פון דער בורזשואַזיע מיט וועלכע זיי פילן זיך נישט בכּוח צו פאַרמעסטן אָפן. סטאַלין און די סטאַליניסטן האָבן אָן ספק געגלויבט מיט דער גרעסטער אויפ־ריכטיקייט, אַז אַ געוויסע צייט וועלן זיי זיך שפּילן מיט די כינעזישע גענעראַלן און נאָכהער, ווען זיי וועלן זיי שוין האָבן אויסגענוצט פאַר די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע, וועלן זיי זיי קענען אַוועקוואַרפן ווי אויסגעזויגענע אַפּעלסי־נען. סטאַלין און די סטאַליניסטן גלויבן נאָך איצט מיט דער

גרעסטער אויפריכטיקייט, אַז זיי קענען רואיק מאַכן קאָנצעסיעס זייער בורזשואַזיע און שפּעטער פּונקט אַזוי רואיק אָפּנעמען די דאָזיקע קאָנצעסיעס.

אין זייער ביוראָקראַטישער זעלבסטזיכערקייט פאַרלייכטערן זיך די סטאַליניסטן זייער מאַנעוור דורכדעם, וואָס זיי האַלטן ווייט די פּאַרטיי פון אַלע פּאַקטישע אַנטשיידונגען און מיידן אויס אַזויאַרום איר וויד׳ערשטאַנד. אָבער דורכדעם שוואַכן זיי אָפּ אָדער זיי פּאַראַליזירן גראָד די־יעניקע כחות, וואָס קענען אַנטוויקלט ווערן מיט נוצן ביי אַ גוטן מאַנעוור, און ביי אַ שלעכטן מאַנעוור וואָלטן זיי געקענט שיצן די פירער פון די שלעכטע רעזולטאַטן פון זייער האַנדלונג. אָבער דער אַלגעמיינער רעזולטאַט פון די קאָ־פּראָמיס־טענדענצן פון רעכטן פליגל פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט און פון זיין מאַנעווירן קען זיין בלויז די אָפּשוואַכונג פון פּראָלעטאַריאַטס ווירטשאַפטלעכער לאַגע אין דער ראַטנמלוכה, אַן אָפּשוואַכונג פון זיין בונד מיט די אָרעמע פּויערים און מיטל־פּויערים, די באַדראָאונג פון זיין לאַגע אין מלוכה־באַטריב און די פאַרלאַנגזאַמונג פון דער אינדוסטרי־אַנטוויקלונג. ווען די אָפּאָזיציע האָט אָנגעוויזן אויף דער געפאַר פון אַ טערמידאָר — דאָס הייסט, אויף אַן אָפּנויג פון וועג פון פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע צום קליינבירגערלעכן, האָט זי געהאַט אין זינען נישט די כוונות פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט, נאָר דידאָזיקע רעזולטאַטן פון זיין פּאָליטיק. דער געוואַלדיקער אונטערשייד צווישן דער געשיכטע און דעם כאַראַקטער פון אונזער פּאַרטיי און די פּאַרטייען פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל איז יעדן קלאָר. די רוסישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געהאַרטעוועט געוואָרן אין די פייערן פון דריי רעוואָלוציעס. זי האָט אַרויסגעריסן די מאַכט און זי פּאַרטיידיקט קעגן אַ וועלט מיט פיינט. זי האָט געגרינדעט דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל; איר גורל איז דער גורל פון דער ערשטער נצחונדיקער רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע באַשטימט דעם טעמפּ פון איר אינערלעכן לעבן. היות ווי אַלע אינטעלעקטועלע פּראָצעסן אין דער פּאַרטיי וויקלען זיך אָפּ אונטער דעם שטאַרקן דרוק פון אַ קלאַסנבאַוועגונג, האָבן זיי אַ טענדענץ זיך שנעל צו אַנטוויקלען און רייף ווערן. אָבער גראָד דעריבער מוזן מיר אין אונזער פּאַרטיי רעכטצייטיק און ענער־

גיש קעמפן קעגן די ערשטע טענדענצן אָפּצוווייכן פון דער לעניניסטישער ליניע.

די אָפּאָרטוניסטישע טענדענצן אין דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן טיפגרייכנדיקע וואָרצלען:

1. די אינטערנאַציאָנאַלע איינקרייזונג דורך בירגערלעכע מלוכות און די פּאָריבערגייענדיקע קרעפּטיקונג פון קאַפּיטאַליזם פירן צום פאַלשן גלויבן, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז געקומען צו די כּחות אויף אַ לאַנגער צייט.

2. די נייעווירטשאַפטס-פּאָליטיק, וואָס דערלויבט בײַ אונז אַ געוויסן פּריוואַט-קאַפּיטאַליזם און איז געווען אומבאַדינגט נויטיק אַלס איבערגאַנג צום סאָציאַליזם, האָט דורך דעם ביַיגעשאַפענעם קאַפּיטאַליזם אַריינגעגאָסן אַ ניי לעבן אויך אין די כּחות, וואָס זענען פיינטלעך צום סאָציאַליזם.

3. אין אַ לאַנד, וואָס באַשטייט פון אַ קאָלאָסאַלער מערהייט פּויערים, מוזן די קליינבירגערלעכע עלעמענטן אַריינדרינגען נישט נאָר אין די ראַטן, נאָר אויך אין דער פּאַרטיי.

4. דער פאַקט (דאָס איז אומבאַדינגט נויטיק פאַר דער רעוואָלוציע), וואָס די פּאַרטיי האָט דעם מאָנאָפּאָל אויפן פּאָליטישן געביט, שאַפט נאָך אַ ווייטערע ריי סכּנות. דער עלפטער פּאַרטיי-קאָנגרעס האָט אונטער לענינס פירונג דירעקט און אָפן אָנגעוויזן אויף דעם, אַז אין אונזער פּאַרטיי געפינען זיך שוין גאַנצע גרופּעס פערזאָנען (פון די שיכטן פון פאַרמעגלעכע פּויערים און פון דער אינטעליגענץ), וועלכע וואָלטן זיך געפונען אין די סאָציאַלרעוואָלוציאָנערע און מענשעוויסטישע פּאַרטייען, ווען דידאָזיקע פּאַרטייען וואָלטן נישט געווען פאַרבאָטן.

5. דער מלוכהשער אַפּאַראַט העלפט די בירגערלעכע און קליינבירגערלעכע עלעמענטן אַריינצודרינגען אין דער פּאַרטיי און שאַפט אַזוי אַרום אַ באָדן פאַר אָפּאָרטוניזם.

6. דורך די אינזשעניערן, ספּעצן און גייסטיקע אַרבעטער, וועלכע זענען נויטיק פאַר אונזער אויפבוי-אַרבעט, פליסט אַריין אין אונזער מלוכהשן, ווירטשאַפטלעכן און פּאַרטייאישן אַפּאַראַט אַן אומאויפהערלעכער שטראָם פון נישט-פּראָלעטאַרישער השפּעה.

דאָס זענען די טעמים, פאַרוואָס די לעניניסטישע אָפּאָ־זיציע ווייזט אָן מיט אַזאַ אויסדויער אויף דעם אָפּנויג פון דער סטאַלינגרופּע, וואָס ווערט אַלץ בולטער פון טאָג צו טאָג. עס איז אַ פאַרברעכערישע לייכטזיניקייט צו פאַרזיכערן, אַז די גרויסע פאַרגאַנגענהייט פון דער פּאַרטיי און אירע אַלטע באָלשעוויסטישע מיטגלידער שאַפן אַן אייביקע און ביי אַלע באַדינגונגען גילטיקע גאַראַנטיע קעגן דער סכנה פון אַ אָפּאָר־טוניסטישער דעגענעראַציע. אַזאַ שטאַנדפּונקט האָט נישט קיין שום שייכות מיטן מאַרקסיזם.

נישט אַזעלכע געדאַנקען האָט אונז לענין געלערנט. אויפן עלפטן פּאַרטייקאָנגרעס האָט לענין געזאָגט: „די געשיכ־טע קען אַלערליי דעגענעראַציעס. זיך פאַרלאָזן אויף דער אי־בערצייגונג, טריישאַפט און ענלעכע שיינע אייגנשאַפטן פון די אינדיווידוען — הייסט פירן נישט קיין ערנסטע פּאָליטיק".

די אַרבעטער, וועלכע האָבן געבילדעט די אומגעהייערע מערהייט פון די סאָציאַליסטישע מערב־פּאַרטייען אין דער צייט פאַרן אימפּעריאַליסטישן קריג, זענען געווען אַנטשיידענע קעג־נער פון אָפּאָרטוניזם. זיי האָבן זיך אָבער פון אָנהויב נישט אָנטקעגנגעשטעלט די אָפּאָרטוניסטישע פעלערן פון זייערע פי־רערס, ווייל דידאָזיקע פעלערן זענען צוערשט נישט געווען גרויס. זיי האָבן נישט דערשאַצט די באַדייטונג פון דידאָזיקע פעלערן, זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז נאָך דעם לאַנגן פרידלעכן אַנטוויקלונגס־פּעריאָד, וואָס האָט געשאַפן אין די אַר־בעטער־רייען אַזאַ מעכטיקע ביוראָקראַטיע און אַריסטאָקראַטיע, ווער דער ערשטער ערנסטער קריטישער אויגנבליק צווינגען צו קאַ־פּיטולירן פאַר דער בורזשואַזיע נישט נאָר די אָפּאָרטוניסטן, נאָר אויך די פאָרשטייער פון צענטער.

אויב מ'קען מאַכן אַ פאָרוואורף די רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטן, וועלכע האָבן פאַר דעם קריג געבילדעט דעם לינקן פליגל פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל איז נישט דערפאַר, ווייל זיי האָבן איבערגעטריבן די געפאַר פון אָפּאָרטוניזם, נאָר דער־פאַר, ווייל זיי האָבן זיך צו פיל פאַרלאָזן אויף די אַרבעטער־מיטגלידער פון די דעמאָקראַטיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. זיי האָבן זיך פאַרלאָזן אויף די רעוואָלוציאָנערע אינסטינקטן פון

פּראָלעטאַריאַט און אויף דער פאַרשאַרפונג פון די קלאַסנאונטערשיידן. זיי האָבן נישט־דערשאַצט די אמתע געפאַר און האָבן מיט צו ווייניק ענערגיע מאָביליזירט קעגן איר די רעוואָלוציאָנערע אונטערשטע קלאַסן. מיר ווילן נישט איבערחזרן דעמדאָזיקן פעלער, מיר ווילן רעכטצייטיק פאַרבעסערן דעם קורס פון די פּאַרטייפירער. און דאָס דאַרף אויך זיין אונזער ענטפער אויף דער באַשולדיקונג, אַז מיר האָבן די כוונה צו שפּאַלטן די פּאַרטיי און בילדן אַ נייע.

די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט פאָדערט אומבאַדינגט די איינציקע און איינהייטלעכע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי אַלס פירערין פון די אַרבעטנדיקע מאַסן און פון די אָרעמע. כדי דער פּראָלעטאַריאַט זאָל קענען דערפילן זיין היסטאָרישע מיסיע, נויטיקט ער זיך אומבאַדינגט אין אַ איינהייט, וואָס איז נישט אָפּגעשוואַכט דורך קיין שום פראַקציאָנעלע קריגערייען. די דאָזיקע איינהייט קען אָבער פאַרווירקלעכט ווערן בלויז אויפן יסוד פון מאַרקס' און לענינס לערעס, אויב זיי ווערן נאָר נישט פאַרוואַסערט און פאַרדאָרבן דורך פּערזענלעכע אויסטייטשונגען און דורכן רעוויזיאָניסטישן גייסט.

דורכדעם, וואָס די אָפּאָזיציע קעמפט פאַר אַ אָנטשלאָסענעם טעמפּ פון אונזער אינדוסטרי־אַנטוויקלונג אַלס דעם פאָרבאַדינג פון אונזער אויפבוי, דורכדעם, וואָס זי קעמפט קעגן ווּקס פון די פאַרמעגלעכע פויערים און זייערע הערשאַפטסטענדענצן אין דאָרף, דורכדעם, וואָס זי קעמפט פאַר אַ רעכטצייטיקע פאַרבעסערונג פון די לעבנסבאַדינגונגען פון אונזערע אַרבעטער, פאַר דעמאָקראַטיע אין דער פּאַרטיי, אין די פּראָפאַראיינען, אין די ראַטן — קעמפט זי לחלוטין נישט פאַר אידייען, וועלכע דערווייטערן די אַרבעטער פון דער פּאַרטיי, נאָר פאַרקערט — פאַר אַ נייער קרעפטיקונג פון דער אמתער איינהייט פון דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

כל זמן מ'פאַרבעסערט נישט די אָפּאָרטוניסטישע פעלערן איז דאָ בלויז אַ שאָטן פון איינהייט, וואָס שוואַכט אָפּ די פּאַרטיי פאַרן אָנגריף פון דער וואַקסנדיקער בורזשואַזיע און וואָס צווינגט זי אין פאַל פון אַ קריג אומצופאָרמירן אירע רייען אין מיטן מאַרש און אונטער דעם פייער פון שונא: ווען

דער פראָלעטאַרישער קערן פון אונזער פּאַרטיי וועט זיך דער־וויסן אונזערע אמתע מיינונגען און פּאָרשלאָגן, דאַן וועט ער — מיר זענען זיכער אין דעם — זיי אָננעמען און קעמפן פאַר זיי, נישט ווי פאַר פּאַרטייאישע לאָזונגען, נאָר ווי פאַר דער אמתער פאָן פון פּאַרטייאיינהייט.

אונזער פּאַרטיי האָט נאָך ביז איצט נישט דערקענט ווי געהעריק די פעלערן פון איר פירערשאַפט און דעריבער זיי אויך נישט פאַרבעסערט. דער אויסעראָרדנטלעך-שנעלער וווקס פון אונזער אינדוסטרי בעת דעם רעסטאַווראַציע-פּעריאָד איז געווען איינע פון די גרונדסיבות פון יענער אָפּאָרטוניסטישער זעלבסטגענאַרעריי, וואָס די מערהייט פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט האָט סיסטעמאַטיש געפלאַנצט אין דער פּאַרטיי און צווישן די אַרבעטער. די שנעלע התחלה פון פאַרבעסערן די אַרבעטער - לאַגע לגבי די באַדינגונגען אין משך פון בירגערקריג האָט אין ברייטע אַרבעטער-קרייזן געוועקט די האָפנונג אויף אַ שנעלער און שמערצלאָזער באַזייטיקונג פון די שלעכטע צושטאַנדן, וועלכע דער פּריוואַט-קאַפּיטאַליזם האָט מיט זיך געבראַכט. דאָס האָט אָבער אויך געשטערט דער פּאַרטיי, זי זאָל רעכטצייטיק דערקענען די געפאַר פון אַ אָפּאָרטוניסטישן אָפּנויג.

דער וווקס פון דער לעניניסטישער אָפּאָזיציע אין דער פּאַרטיי האָט די ערגסטע ביוראָקראַטישע עלעמענטן געשטויסן צו באַנוצן מיטלען, וואָס זענען ביז איצט נישט געהערט גע־וואָרן אין דער טעטיקייט פון באָלשעוויזם. היות ווי דורך פאַראָרדנונגען האָבן זיי לענגער נישט געקענט שטערן די פּאַרטייפאַרבאַנדן צו באַהאַנדלען פּאָליטישע פראַגעס, האָבן זיי איצט — פּונקט פאַר דעם פופצנטן קאָנגרעס — אָרגאַניזירט באַזונדערע באַנדעס, וואָס מאַכן אוממעגלעך יעדע דיסקוסיע דורך שרייען, פייפן, אויסלעשן דאָס ליכט און דעסגלייכן.

דערדאָזיקער פּרווו אַריינצופירן אין אונזער פּאַרטיי די־רעקטע פיזישע געוואַלטמעטאָדן, וועט אַרויסרופן די אומצו־פרידנקייט פון אַלע אָנשטענדיקע פּראָלעטאַרישע עלעמענטן און זיי וועלן זיך אומפאַרמיידלעך ווענדן קעגן זייערע אייגע־נע שעפער. אָבער די כיטרעסטע געוואַלטמאָסמיטלען פון פּאַר־

טייאַפּאַראַט וועלן נישט אָפּרייסן די פּאַרטיי־מאַסע פון דער אָפּאָזיציע. הינטער דער אָפּאָזיציע שטייען די לעניניסטישע טראַדיציעס פון אונזער פּאַרטיי, שטייט די דערפאַרונג פון דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערבאַוועגונג, שטייט דער איצטיקער צושטאַנד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק און פון אונזער ווירטשאַפטלעכער אויפבוי־אַרבעט, ווי דער פּראָלעטאַריאַט זעט זי.

די קלאַסנאונטערשיידן, וואָס ווערן אומפאַרמיידלעך אַלץ שאַרפער אין רעסטאַווראַציע־פּעריאָד, וועלן באַשטעטיקן אונזערע מיינונגען וועגן אַן אויסוועג פון איצטיקן קריזיס. זיי וועלן פאַראייניקן די פּאָרקעמפער פון פּראָלעטאַריאַט אין דעם קאַמף פאַרן לעניניזם.

די וואַקסנדיקע קריגסגעפאַר צווינגט שוין די אַרבעטער צו פאַרטראַכטן זיך טיפער איבער די גרונדפּראָבלעמען פון דער רעוואָלוציע. זייערע געדאַנקען וועלן זיי אומפאַרמיידלעך דערפירן דערצו, זיי זאָלן צוטרעטן אַקטיוו צו פאַרבעסערן די אָפּאַרטוניסטישע פעלערן.

די אייגנטלעכע אַרבעטער אין אונזער פּאַרטיי זענען אין די לעצטע יאָרן אַרויסגעשטויסן געוואָרן אין אַ גרויסער מאָס פון דער פּאַרטיי־אָנפירערשאַפט. מען האָט זיי געשטעלט אונטער דעם פאַרגיפטנדיקן איינפלוס פון אַ לאַנגער רכילותקאָמפּאַניע, וואָס איר ציל איז געווען צו באַווייזן, אַז לינקס איז רעכטס, און רעכטס — לינקס. אָבער די אַרבעטער אין דער פּאַרטיי וועלן זיך אָריענטירן אין דער לאַגע; זיי וועלן זיך דערוויסן, וואָס עס קומט באמת פאָר און זיי וועלן נעמען אין דער אייגענער האַנט דעם גורל פון דער פּאַרטיי. צו העלפן די פאַרקעמפער פון דערדאָזיקער אַרבעט איז די אויפגאַבע פון דער אָפּאָזיציע, די אויפגאַבע פון דערדאָזיקער פּראָגראַם.

די וויכטיקסטע און טיפסטע פראַגע, די פראַגע, וואָס באַאומרואיקט אַלע מיטגלידער פון אונזער פּאַרטיי, איז די פראַגע פון דער פּאַרטייאייניקייט. און באמת: גראָד פון דערדאָזיקער פראַגע הענגט אָפּ דער גורל פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. אומצייליקע קלאַסנפיינט פון פּראָלעטאַריאַט באַאָבאַכטן געשפּאַנט אונזערע אינערפּאַרטייאישע חלוקי־דעות.

און וואַרטן מיט אַנטציקונג און אומגעדולד אויף אַ שפּאַלטונג אין אונזער פּאַרטיי. אַזאַ פּאַרטיישפּאַלטונג, די בילדונג פון צוויי פּאַרטייען וואָלט באַדייט אַן אומגעהייערע סכּנה פאַר דער רעוואָלוציע.

מיר, די אָפּאָזיציע, פאַראורטיילן אָן באַוואָרענישן יעדן פּרווו צו גרינדן אַ צווייטע פּאַרטיי. פון דער צווייפּאַרטייען-פּראָגראַם רעדט די סטאַלינגרופּע, וועלכע באַמיט זיך אַרויסצושטויסן די לעניניסטישע אָפּאָזיציע פון דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מיר ווילן אָבער נישט שאַפן קיין נייע פּאַרטיי, נאָר אומקערן אין דער געהעריקער ריכטונג דעם קורס פון דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין ראַטנפאַרבאַנד קען אין לעצטן סך-הכּל מנצח זיין נאָר דורך אַן איינהייטלעכער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. מיר קעמפן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פאַר אונזערע מיינונגען און פאַראורטיילן אַנטשידן די צווייפּאַרטייען-סיסטעם אַלס אַן אַוואַנטוריסטישע פּאָליטיק.

דער לאָזונג „צוויי פּאַרטייען" דריקט אויס פון איין זייט דעם ווונש פון געוויסע עלעמענטן אין פּאַרטייאַפּאַראַט ברענגען צו אַ שפּאַלטונג און פון דער צווייטער זייט — אַ פאַרצווייפלטע שטימונג און די אומפעאיקייט צו פאַרשטיין, אַז די אויפגאַבע פון די לעניניסטן מוז זיין אויסצוקעמפן אַ זיג פאַר לענינס אידייען אין דער פּאַרטיי, נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן. קיינער, וואָס שטייט ערנסט אויפן לעניניסטישן באָדן, קען נישט טראַכטן וועגן אַ צווייפּאַרטייענסיסטעם אָדער וועגן אַ שפּאַלטונג. נאָר דער, וואָס וויל פאַרבייטן לענינס קורס אויף אַ צווייטן, קען זיך שפּילן מיטן דאָזיקן געדאַנק.

מיר וועלן מיט אַלע כּחות קעמפן קעגן דער בילדונג פון צוויי פּאַרטייען, ווייל די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט האָט נויטיק אַלס איר אינערלעכסטן קערן אַ איינהייטלעכע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי. זי פאָדערט אַן אייניקע פּאַרטיי. זי פאָדערט אַ פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי — אַ פּאַרטיי, וואָס איר פּאָליטיק ווערט באַשטימט דורך די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט און ווערט דורכגעפירט דורך אַ פּראָלעטאַרישן קערן. די פאַרבעסערונג פון אונזער פּאַרטייריכטונג און פון איר סאָ-

ציאַלן צוזאַמענשטעל — דאָס איז נישט דער וועג צו אַ צוויי־פּאַרטייענסיסטעם, נאָר אַ פאַרשטאַרקונג און אַ בעסערע גאַראַנטיע פאַר דער איינקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט.

אין צענטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע דריקן מיר אויס אונזער טיפע איבערצייגונג, אַז דער אַרבעטער־קלאַס האָט נישט צוליב דעם פאַרלאָרן זיינע צאָלרייכע קרבנות און צעשמעטערט דעם קאַפּיטאַליזם, כדי צו באַווייזן איצט, אַז ער איז אומפעאיק צו פאַרבעסערן די פעלערן פון זיין פירערשאַפט, צו פירן ווייטער מיט אַ שטאַרקער האַנט די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און צו פאַרטיידיקן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, דעם צענטער פון דער וועלט־רעוואָלוציע.

נידער מיטן אָפּאָרטוניזם! נידער מיט דער שפּאַלטונג!
זאָל לעבן די איינהייט פון דער לעניניסטישער פּאַרטיי!

## דריטע טייל:

# סטאַלין פעלשט געשיכטע

אין ביוראָ פאַר פאַרטיי-געשיכטע ביים צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פאַרטיי: וועגן פעלשן די געשיכטע פון דעם אָקטאָבער-אויפשטאַנד, די געשיכטע פון דער רעוואָלוציע און די געשיכטע פון דער פאַרטיי.

ווערטע חברים!

איר האָט מיר צוגעשיקט אַן [illegible] לעבן אַנקעטע-בויגן וועגן מיין אָנטייל אין דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע און איר פאָדערט אַן ענטפער. איך ווייס נישט, צי איך וואָלט נאָך געקענט צוגעבן אַ סך צו דעם, וואָס עס איז שוין געדרוקט אין דאָקומענטן, רעדעס און ביכער, שוין אַריינגערעכנט אין דעם מיינע אייגענע. אָבער איך וויל זיך קודם כל אַליין דערלויבן צו שטעלן אַ פראַגע: וואָס פאַרא זין האָט עס אויסצופרעגן מיך וועגן מיין אָנטייל אין דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, בעת דער גאַנצער אָפיציעלער אַפּאַראַט, אויך אייערער, באַשעפטיקט זיך בלויז מיט אויסבאַהאַלטן, צעשטערן, אָדער לכל הפחות צו פאַרדרייען יעדן שפּור פון דאָזיקן אָנטייל?

הונדערטער חברים האָבן מיר שוין נישט איינמאָל געפרעגט, פאַרוואָס איך שווייג נאָך אַלץ בנוגע דער קעגן מיך געווענדערטער, ממש שענדלעכער פעלשונג פון דער געשיכטע פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע און פון דער פאַרטיי-געשיכטע.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, נישט בדעה צו באַהאַנדלען דאָ אויסשעפּנדיק די טעמע פון דידאָזיקע פעלשונגען. דאָס וואָלט געפאָדערט מערערע בענד. אָבער אַלס ענטפער אויף אייער אַנקעטע-בויגן וויל איך דאָ ברענגען אַ פּאָר טוץ ביישּ-

פילן פון דערדאָזיקער באַוווּסטזיניקער נידערטרעכטיקער פאַר-דרייאונג פון דער פאַרגאַנגענהייט; דידאָזיקע פאַרדרייאונגען ווערן איצט פראָדוצירט אין אַ ריזיקן מאָסשטאַב, זיי ווערן גע-שטיצט דורך דער אויטאָריטעט פון אַלע מעגלעכע אינסטיטו-ציעס און מ׳טראָגט זיי אַפילו אַריין אין די מלוכהשע דאָקו-מענטן-זאַמלונגען.

# די מלחמה און מייַן קומען קיין פּעטראָגראַד

איך בין געקומען קיין פּעטראָגראַד פון אַ קאַנאַדישער תּפיסה אָנהויב מאַי 1917, אויפן צווייטן טאָג נאָך דעם אַריינטריט פון די מענשעוויקעס און סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן אין דער קאָאַליציע-רעגירונג.

די אָרגאַנען פון אייער ביוראָ, ווי אויך אַ סך אַנדערע פּובליקאַציעס, באַמיען זיך, — צוליב דערדאָזיקער שפּעטער דאַטע, — פאָרצושטעלן מיין אַרבעט בעתן קריג אַלס אַ מין „סאָציאַל-פּאַטריאָטיזם”. ביים דאָזיקן פּרווו „פאַרגעסן” זיי אָבער, אַז אַ זאַמלונג אַרטיקלען, וועלכע איך האָב געשריבן אין משך פון קריג איז ביי לעבנס לעבן פאַרעפנטלעכט געוואָרן אונטערן נאָמען „קריג און רעוואָלוציע” און איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַ סך אויפלאַגעס. מען האָט זי שטודירט אין די מלוכהשע פּאַרטיי-שולעס און זי איז דערשינען אין פרעמדע איבערזעצונגען צווישן די פּובליקאַציעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

איר באַמיט זיך אַריינצופירן אין טעות די ייִנגערע געבוירענע וועגן מיין האַלטונג בעתן קריג, הגם עס איז אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז צוליב מיין רעוואָלוציאָנערן, אינטערנאַציאָנאַליסטישן קאַמף קעגן דעם קריג בין איך שוין סוף 1914 פאַרפאָלגט געוואָרן אין דייטשלאַנד מיט „שטעקבריוו”. דאָס איז געשען צוליב מיין דייטשן בוך „דער קריג און דער אינטערנאַציאָנאַל”. פון פראַנקרייך, וווּ איך האָב צוזאַמענגעאַרבעט מיט די צוקונפטיקע גרינדער פון דער קאָמוניסטישער

פּאַרטיי, בין איך אַרויסגעשיקט געוואָרן. אין שפּאַניע, וווּ איך האָב אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט די צוקונפטיקע קאָמוניסטן, בין איך אַרעסטירט געוואָרן. מען האָט מיך אַריבערטראַנספּאָר־טירט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וווּ איך האָב אָנגעהויבן אין ניו־יאָרק די אינטערנאַציאָנאַלע, רעוואָלוציאָנערע אַרבעט, כ'האָב מיט באָלשעוויקעס אָנגעפירט מיט דער צייטונג „נאָווי מיר" און דאָרט געשריבן אין לעניניסטישן גייסט וועגן די ערש־טע התחלות פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע. ביי מיין פּרווו צו־ריקצוקערן זיך פון אַמעריקע קיין רוסלאַנד, בין איך דורך דער ענגלישער מאַכט אַראָפּגענומען געוואָרן פון שיף, כ'האָב פאַר־בראַכט אַ חודש צייט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַ־נאַדע, וווּ איך האָב געלעבט צוזאַמען מיט זעקס־זיבן הונדערט דייטשע מאַטראָסן און זיי ביסלעכווייז דערנענטערט צו ליב־קנעכטס און לענינס געדאַנקענגאַנג. (אַסך פון זיי האָבן שפּע־טער אָנטייל גענומען אין בירגערקריג אין דייטשלאַנד און איך באַקום פון זיי בריוו ביז צום היינטיקן טאָג.)

אין שייכות מיט אַ דעפּעשע וועגן דער סיבה פון מיין אַרעסט אין קאַנאַדע האָט לענינס „פּראַוודאַ" פון 16־טן אַפּריל 1917 געשריבן פאָלגנדיקס:

„איז דען מעגלעך כאָטש אויף איין מאָמענט צו גלויבן דער פאַרזיכערונג פון דער דעפּעשע, וועלכע איז אָנגעקומען צום ענגלישן קאָנסול, אַז טראָצקי, דער געוועזענער פּרעזידענט פון די ראַטן פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן אין פּעטראָגראַד אין יאָר 1905 — אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס איז זייט יאָרצענד־ליקער איבערגעגעבן דער אַרבעט פאַר דער רעוואָלוציע, — אַז דערדאָזיקער מאַן זאָל האָבן געהאַט אַ וועלכע נישט איז פאַרבינדונג מיט אַ פּלאַן, וועלכן די דייטשע רעגירונג האָט אונטערגעשטיצט מיט געלט? דאָס איז אָן ספק אַ שרעקלעכע און פּרעכע „רכילות אויף אַ רעוואָלוציאָנער".

ווי פּריש עס קלינגען איצט אַזעלכע ווערטער אין אַ עפּאָכע פון נידערטרעכטיקע רכילותן קעגן דער אָפּאָזיציע, וואָס אונטערשיידן זיך נישט אויף קיין האָר פון די רכילותן קעגן די באָלשעוויקעס אין יאָר 1917.

„פון סאַמע אָנהויב פון אימפּעריאַליסטישן קריג האָט (טראָצקי) אָנגענומען אַ אינטערנאַציאָנאַלע שטעלונג".

אַזעלכע אורטיילן און נאָך אַסך אַנטשיידענערע וואָלט דאָ מעגלעך געווען צו ברענגען אין וואָסער צאָל מ׳זאָל וועלן. די מיטאַרבעטער פון דער רוסישער און אויסלענדישער פּאַרטיי־פּרעסע האָבן אין שייכות מיט מיין בוך „קריג און רעוואָלוציע" הונדערטער מאָל אָנגעוויזן אויף דעם, אַז ווען מען באַטראַכט מיין אַרבעט בעתן קריג אין גאַנצן, מוז מען מודה זיין, אַז מיינע חלוקי־דעות מיט לענינען זענען געווען אינגאַנצן צווייטראַנגיק און אַז איך האָב זיך אַלס אַ אַנטשידענער רעוואָלוציאָנער אַלץ מער אַנטוויקלט — און נישט נאָר מיט ווערטער, נאָר אויך מיט מעשים — צום באָלשעוויזם. איך וויל זיך נישט באַמיען צו נישטערן אין די פּאָליטישע ביאָגראַפיעס פון מיינע איצטיקע באַשולדיקער — און קודם כל אין זייער טעטיקייט בעתן קריג.

זיי באַמיען זיך איצט צו שטיצן זייערע באַשולדיקונגען אויף לענינס פּאַראייניצלטע, שאַרף־פּאָלעמישע אויסדריקן קעגן מיך, וואָס אַ טייל פון זיי זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אויך בעתן קריג. לענין האָט קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרטראָגן האַלב־אַרויסגערעדטע זאַכן און אומקלאָרקייטן. ווען אַ פּאָליטישער געדאַנק פלעגט אים פאַרקומען אומבאַשטימט אָדער אומפולשטענדיק, פלעגט ער מיט רעכט אָנגרייפן אָן אויפהער דעם קעגנער. אָבער אַ שאַרפע פּאָליטישע באַמערקונג אין אַ באַשטימטן אויגנבליק האָט גאָרנישט צו טאָן מיטן אורטייל, וואָס מען טראָגט אַרויס וועגן דער גאַנצער פּאָליטישער טעטיקייט פון צווייטן.

אין יאָר 1918 אָדער 1919 האָט אַ געוויסער פ. אין אַמעריקע פאַרעפנטלעכט אַ זאַמלונג פון לענינס און מיינע אַרטיקלען פון דער צייט פון קריג; צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען מיינע אַרטיקלען וועגן דער דעמאָלט דעבאַטירטער פראַגע פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע. און ווי איז געווען לענינס שטעלונג דערצו? ער האָט געשריבן:

„דער אַמעריקאַנער חבר פ. האָט גוט געטאָן, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אַ דיק בוך מיט טראָצקיס און מיינע אַר־

טיקלען און אזוי ארום געגעבן אַן איבערבליק איבער דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע".

איך וויל דאָ נישט אָנווייזן אויף דער האַלטונג פון דער מערהייט פון מיינע איצטיקע באַשולדיקער בעתן אָנהויב פון דער פעברואַר-רעוואָלוציע, הגם מען וואָלט דערביי געקענט דערציילן אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן וועגן סקוואָרצאָוון, סטעפּאַנאָוויטשן, יאַראָסלאַווסקין און אַ סך, אַ סך אַנדערע. איך באַנוגן זיך בלויז מיט אַ פּאָר ווערטער וועגן חבר מעלנישאַנסקי, וועלכער האָט פּרובירט וואַרפן אויף מיר רכילות אין דער פּרעסע פאַר דער האַלטונג אין ניו-יאָרק אין יאָר 1917.

יעדער אין אַמעריקע האָט געקענט מעלנישאַנסקין אַלט אַ מענשעוויק. אין קאַמף פון די באָלשעוויקעס און די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערן קעגן סאָציאַל-פּאַטריאָטיזם מיט זיין פּאָזיטיווער שטעלונג צום קריג, האָט זיך מעלנישאַנסקי אָפּגעהאַלטן צו שטעלן זיך אויף עמיצנס צד. ער האָט אויסגעמיטן אַלע ענלעכע פראַגעס. דאָסזעלבע האָט ער אויך געטאָן אין קאַנאַדישן לאַגער, ווו ער איז, ווי אַ סך אַנדערע, צופעליק אַריינגעפאַלן צוזאַמען מיט מיר און טשודנאָווסקין. ס'איז גענוג צו לייענען, וואָס מעלנישאַנסקי האָט געשריבן אין די יאָרן 1924 און 1927. יעדער איינער, ווער עס האָט געקענט מעלנישאַנסקין אין אַמעריקע, וועט לאַכן דערפון. אָבער צוואָס גיין אַזש קיין אַמעריקע? אין מעלנישאַנסקיס יעדער רעדע דערקענט מען דעם אָפּאָרטוניסטישן ביוראָקראַטישן קאַריעריסט, וואָס פונצעלס בירגערלעכער שטאַנדפּונקט איז אים אַ סך נענטער ווי דער לעניניזם.

בעת אונזער גרופּע איז אָנגעקומען אין לענינגראַד האָט אונז אויפן וואָקזאַל באַגריסט חבר פעדאָראָוו, אַ דעמאָלטיקער מיטגליד פון באָלשעוויסטישן צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט, און אין זיין באַגריסונגס-רעדע האָט ער באַרירט די פראַגע וועגן די ווייטערדיקע שטופּעס פון דער רעוואָלוציע, פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און פון סאָציאַליסטישן אַנטוויקלונגס-גאַנג.

אין מיין ענטפער האָב איך לגמרי מסכים געווען מיט דער רעוואָלוציע-פּראָגראַם, וועלכע ער האָט פאָרמולירט. פּע-

דאָראָוו האָט מיר נאָכהער דערציילט, אַז די הויפּט-פּונקטן פון זיין רעדע האָט ער אָנגעוואָרפן צוזאַמען מיט לענינען — אָדער ריכטיקער: לויט לענינס אָנווייזונגען. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז לענין האָט דידאָזיקע פּונקטן באַטראַכט אַלס אַ אַנטשיידנדיקן פאַקטאָר פאַר דער מעגלעכקייט פון אונזער צוזאַמענאַרבעט.

איך בין נישט אַריינגעטראָטן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אוממיטלבאַר נאָך מיין אָנקומען פון קאַנאַדע. פאַרוואָס? אפשר דערפאַר, ווייל עס זענען געווען חלוקי-דעות? איצט, לאחר המעשה באַמיט מען זיך אויסצוגעפינען אַזעלכע. אָבער יעדער, ווער עס האָט דורכגעלעבט דאָס יאָר 1917 אַלט מיטגליד פון באָלשעוויסטישן קערן, דער ווייס, אַז גלייך פון ערשטן טאָג אָן האָט נישט עקזיסטירט אפילו קיין שאָטן פון שטרייט צווישן לענינען און מיר. ביי מיין אָנקום אין פּעטראָגראַד, אָדער ריכטיקער אויף דער גרענעץ-סטאַנציע, האָב איך זיך דערוווסט פון די חברים, וועלכע מ'האָט אַרויסגעשיקט אַנטקעגן, אַז אין פּעטראָגראַד עקזיסטירט אַן אָרגאַניזאַציע פון רעוואָלוציאָנערע אינטערנאַציאָנאַליסטן (די אַזויגערופענע מעזשראַיאָנצי), וואָס באַהאַנדלען די פראַגע וועגן פאַראייניקן זיך מיט די באָלשעוויקעס, אָבער מיט דער אַנטשיידונג ווילן זיי וואַרטן ביז מיין קומען. אין שטאַב פון דער מעזשראַיאָנצי-אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַרומגענומען אומגעפער 3000 פּעטראָגראַדער אַרבעטער, האָבן זיך געפונען אוריצקי, אַ. אַ. יאָפע, לונאַטשאַרסקי, יורענעוו, קאַראַכאַן, וולאַדימיראָוו, מאַנואילסקי, פּאָזערן, ליטווענס און אַנדערע.

ס'איז אפשר נישט איבעריק צו ברענגען דאָ די פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון די „מערשראַיאַנצעס", וועלכע געפינט זיך אין פערצנטן באַנד פון לענינס ווערק.

„אין דער קריגספראַגע האָבן די „מעזשראַיאַנצעס" אָנגענומען אַ אינטערנאַציאָנאַלע שטעלונג, און אין זייער טאַקטיק זענען זיי געווען ענג פאַרבונדן מיט די באָלשעוויקעס".

גלייך אין די ערשטע טעג נאָך מיין קומען קיין פּעטראָגראַד האָב איך געזאָגט צוערשט צום חבר קאַמענעוו און נאָכהער אין קעגנוואַרט פון לענין, זינאָוויעוו און קאַמענעוו

צום רעדאַקטאָר פון דער „פּראַוודאַ“, אַז צוליב דעם, וואָס עס זענען נישטאָ קיין שום חלוקי־דעות, בין איך תּיכּף גרייט אַרײַנצוטרעטן אין דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע, אָבער איך האַלט פאַר נויטיק צו אַנטשיידן וואָס שנעלער די פראגע וועגן אַרײַננעמען די מעזשראַיאַנצי־אָרגאַניזאַציע אין דער פּאַרטיי. איך דערמאָן זיך, אַז אייניקע פון די אָנוועזנדיקע האָבן מיך געפרעגט, ווי אַזוי איך שטעל זיך פאָר די דורכפירונג פון דער דאָזיקער פּאַראייניקונג, וועלכע קאָמיטעט־מיטגלידער פון די מעזשראַיאַנצי זאָלן אַרײַן אין דער פאַרוואַלטונג פון דער „פּראַוודאַ“, וועלכע אין צענטראַל־קאָמיטעט און אַז. וו. איך האָב געענטפערט, אַז צוליב דעם, וואָס עס זענען נישטאָ קיין שום חלוקי־דעות האָט נישט פאַר מיר די דאָזיקע פראגע קיין שום פּאָליטישע באַדײַטונג.

אין קאָמיטעט פון די מעזשראַיאַנצעס האָבן זיך אָבער געפונען עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך באַמיט אָפּצושלעפּן די פאַראייניקונג, ארויסשטעלנדיק אַלערליי באַדינגונגען. צווישן דעם פּעטראָגראַדער פּאַרטיי־קאָמיטעט און די מעזשראַיאַנצעס איז געלעגן ווי אַ תּהום אַלטע שנאה, אומצוטרוי און דאָסגלייכן. נאָר דאָס אַליין האָט אויפגעהאַלטן אונזער פאַראייניקונג.

# ראַסקאָלניקאָווס צוויי מיינונגען

חבר ראַסקאָלניקאָוו האָט אין דער לעצטער צייט פאַרשריבן אַ סך פּאַפּיר, כּדי אויפצווייזן דעם קעגנזאַץ פון מיין שטעלונג צו לענינס אין 1917-טן יאָר. עס איז נישט נויטיק צו ברענגען ביישפּילן, בפרט אַז דאָס, וואָס ער שרייבט, אונטערשיידט זיך נישט אויף קיין האָר פון די איבעריקע פעלשונגען וועגן דאָזיקן פּעריאָד. עס וועט זיין גענוג, ווען איך וועל איבערחזרן אייניקע ווערטער, וועלכע דערדאָזיקער זעלבער ראַסקאָלניקאָוו האָט אַרויסגעזאָגט וועגן יענעם פּעריאָד מיט אַ שטיקל צייט פריער.

ער האָט אין 1923 געשריבן אין דער „פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע” אין אַ אַרטיקל „קערענסקיס תּפיסה”: „די פריערדיקע חלוקי-דעות פון פאַרמלחמה-פּעריאָד זענען פולשטענדיק פאַרשווונדן געוואָרן. צווישן לענינס און טראָצקיס טאַקטישער שטעלונג איז מער נישט געווען קיין חלוק. די פאַראייניקונג, וואָס האָט זיך שוין געלאָזט מערקן בעתן קריג, איז געווען אַ פולשטענדיקע און ענטגילטיקע פון דעם מאָמענט אָן, ווען טראָצקי האָט זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד. ביי זיין ערשטער עפנטלעכער רעדע האָבן מיר, אַלע אַלטע לעניניסטן, געפילט, אַז ער איז געווען איינער פון אונזערע”.

דידאָזיקע ווערטער זענען געשריבן געוואָרן נישט כּדי צו באַווייזן עפּעס אָדער כּדי אָנצוגרייפן עמיצן, נאָר פשוט, כּדי צו דערציילן, ווי עס איז געווען. שפּעטער האָט ראַסקאָלניקאָוו באַוויזן, אַז ער קען אויך דערציילן, ווי עס איז נישט

געווען. ווען ער האָט פונסניי אָפּגעדרוקט זיינע אַרטיקלען אין אָרגאַן פון ביוראָ פאר פּאַרטייגעשיכטע, האָט ער זאָרגעוודיק דערוויייטערט פון זיי אַלץ, וואָס עס איז געווען, פּדי דאָס צו פאַרבייטן מיט דעם, וואָס עס איז נישט געווען.

ס'לוינט זיך אפשר נישט אָפּצושטעלן ביים חבר ראַסקאָלניקאָוו, אָבער זיין ביישפּיל איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש. אין זיין רעצענזיע וועגן דריטן באַנד פון מיינע ווערק פרעגט ראַסקאָלניקאָוו: „און וועלכע שטעלונג האָט טראָצקי אָנגענומען אין יאָר 1917?" און ער ענטפערט אויף דעם: „חבר טראָצקי האָט זיך נאָך אַלץ באַטראַכט אַלס מיטגליד פון דער זעלבער אַלגעמיינער פּאַרטיי פון די מענשעוויקעס, מיט צערעטעלין און סקאָבעלעוון". און ווייטער זאָגט ער: „חבר טראָצקי האָט נאָך אַלץ נישט געוווסט, וואָס ער זאָל אויסקלייבן: דעם באָלשעוויזם צי דעם מענשעוויזם. צו יענער צייט האָט נאָך חבר טראָצקי אַלץ פאַרנומען א וואַקלדיקע, אומאַנטשלאָסענע און נישט-אַנטשיידענע שטעלונג".

ווי אַזוי קען מען ברענגען אין הסכם דידאָזיקע באמת אומפאַרשעמטע פאַרזיכערונגען מיט די אויבנגעבראַכטע ווערטער פון זעלבן ראַסקאָלניקאָוו: „די פריערע חלוקי-דעות פון פאַרמלחמה-פּעריאָד זענען פולשטענדיק פאַרשוווּנדן געוואָרן"? אויב טראָצקי האָט נאָך נישט געוווסט, וואָסער שטעלונג ער זאָל אָננעמען לגבי דעם באָלשעוויזם און מענשעוויזם, טאָ ווי איז דאָס מעגלעך געווען, אַז „מיר, אַלע אַלטע לעניניסטן, האָבן געשפּירט, אַז ער איז געווען איינער פון אונזערע"?

אָבער דאָס איז נישט אַלץ. אין דעם אַרטיקל: „יולי-טעג" אין דער „פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע" האָט דערדאָזיקער זעלבער ראַסקאָלניקאָוו געשריבן אין 1923:

„לעוו דאַווידאָוויטש (טראָצקי) איז צו יענער צייט נישט געווען פאָרמעל קיין מיטגליד פון אונזער פּאַרטיי, אָבער פאַקטיש האָט ער געאַרבעט אין איר אָן א הפסק פון דעם טאָג אָן, זינט ער איז געקומען פון אַמעריקע. יעדנפאַלס האָבן מיר אים אַלע באַטראַכט אַלס איינעם פון אונזערע פּאַרטייפירער גלייך נאָך זיין ערשטער רעדע אין ראַט".

דאָס קלינגט קלאָר און דייטלעך, און עס זעט אויס

פּמעט ווי אוממעגלעך, אַרייַנצוּבּרענגען אַ פאַלשע אויסטייטשונג אין דידאָזיקע ווערטער. אָבער האָט קיין מורא נישט, פאַר פעלשער, וואָס אַרבעטן לויט אַ געגויעם פּלאַן און ווערן געשטיצט דורך אָנווייַזונגען מצד דער מאַכט, איז אַלץ מעגלעך.

אָבער, כּדי ראַסקאָלניקאָווס האַנדלונג, — וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש נישט נאָר פאַר אים פערזענלעך, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער איצטיקער סיסטעם פון אונזער פירערשאַפט,— זאָל אַרויסטרעטן אין איר גאַנצן גלאַנץ, מוז איך ציטירן אַ לענגערע שטעלע פון זיין אַרטיקל וועגן „קערענסקיס תּפיסה”. ער זאָגט:

„טראָצקיס האַלטונג לגבּי וולאַדימיר איליטשן האָט עדות געזאָגט אויף דער העכסטער פאַרערונג. ער האָט לענינען געשטעלט העכער פאַר אַלע צייטמענטשן, וועלכע ער האָט געקענט אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד. אין דעם טאָן, מיט וועלכן טראָצקי האָט גערעדט וועגן לענינען, האָט מען געפילט דעם יראת-הכּבוד פון אַ תּלמיד. צו יענער צייט האָט שוין לענין געהאַט געאַרבעט פאַרן פּראָלעטאַריאַט דרייסיק יאָר און טראָצקי— צוואַנציק, די פריערדיקע חלוקי-דעות פון פאַרמלחמה-פּעריאָד זענען פולשטענדיק פאַרשווונדן געוואָרן. צווישן לענינס און טראָצקיס טאַקטישער שטעלונג זענען מער נישט געווען קיין אונטערשיידן. די פאַראייניקונג, וואָס האָט זיך שוין געלאָזט מערקן בעתן קריג, איז געוואָרן אַ פולשטענדיקע און ענטגילטיקע פון דעם מאָמענט אָן, זינט טראָצקי האָט זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד. ביי זיין ערשטער רעדע האָבן מיר, אַלע אַלטע לעניניסטן, געפילט, אַז ער איז איינער פון אונזערע”.

ראַסקאָלניקאָווס דאָזיקע אַטעסטאַציע וועגן די באַציאונגען צווישן לענינען און טראָצקין שטערט אים נישט באַטירלעך צו ציטירן אויף אַ נידערטרעכטיקן אופן אַ בריוו צו שיידזע, אַ פירער פון די מענשעוויקעס, אין וועלכן איך האָב שאַרף אָנגעגריפן לענינען — דאָס איז געווען אין 1912, אין דער צייט פון מיין העפטיקסטן דיספּוט מיט אים.

איך מוז נאָך צוגעבן, אַז ראַסקאָלניקאָוו פלעגט זיך אָפט טרעפן מיט מיר בעת זיין טעטיקייט אין די זומער-חדשים פון יאָר 1917. ער פלעגט מיר צופירן אין אַ אויטאָמאָביל קיין

קראנשטאט, פלעגט זיך אָפט ווענדן צו מיר נאָך אַן עצה,
פלעגט פירן מיט מיר לאַנגע שמועסן אין תפיסה און אַז. וו.
זיינע דערינערונגען האָבן דעריבער אַן אומשעצבאַרע איבער־
צייגונגס־קראַפט, בעת זיינע שפּעטערדיקע „פאַרבעסערונגען"
זענען נישט מער, ווי די אַרבעט פון אַ פעלשער, וואָס דער־
פילט זיין אויפגאַבע לויט אַ באַפעל.

# פון מאַי ביז אָקטאָבער 1917

א גאַנצע רייע דאָקומענטן, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן אַרויסגעגעבן אין מאַי, יוני און יולי 1917, זענען געשריבן געוואָרן דורך מיר אָדער צוזאַמען מיט מיר. דערצו געהערן, צום ביישפּיל, די דערקלערונג פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע פון ערשטן ראַטנקאָנגרעס וועגן דער געפּלאַנטער אַקציע אויפן פראָנט, דעם בריוו צום אויספיר-קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אין די טעג פון דער יולי-דעמאָנסטראַציע און אַנדערע. איך האָב זיך צופעליק אָנגעשטויסן אויף א גאַנצער ריי באָלשעוויסטישע רעזאָלוציעס פון יענער צייט, וועלכע איך האָב געשריבן אינגאַנצן אָדער טיילווייז. אין אַלע מיינע רעדעס, אויף אַלע פאַרזאַמלונגען האָב איך דערקלערט מיין סאָלידאַריטעט מיט די באָלשעוויקעס.

איינער פון די „מאַרקסיסטישע היסטאָריקער" פון נייעם סטיל האָט נישט לאַנג צוריק געפּרוווט אַנטדעקן קריגערייען צווישן מיר און לענינען צוליב דעם דורכגעפאַלענעם יולי-אויפשטאַנד. אַזעלכע לייט ווילן נאַטירלעך ברענגען זייער צושטייער צום אַלגעמיינעם רכילות-קריגסצוג, ווייל זיי האָפן אויף אַ הונדערטפאַכער באַלוינונג דערפאַר. מען מוז גובר זיין אַ געפיל פון עקל, כדי בלויז אָפּצוואַרפן אַזעלכע פעלשונגען. איך וועל נישט ציטירן קיין שום דערינערונגען. איך באַנוגן זיך מיט דאָקומענטן. אין מיין דערקלערונג צו דער דעמאָלטיקער צייטווייליקער רעגירונג האָב איך געשריבן:

„איך בין מסכים מיט די פּרינציפּיעלע מיינונגען פון

לענינען, זינאָוויעוון און קאַמענעוון און כ׳האָב זיי פּאַרטיידיקט אין מיין צייטונג און אין אַלע מיינע עפנטלעכע רעדעס...

דאָס, וואָס איך נעם נישט קיין אָנטייל אין דער רע־דאַקציע פון „פּראַוודאַ" און כ׳געהער נישט צו דער באָלשע־וויסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט גאָרנישט צו טאָן מיט פּאָליטי־שע חלוקי־דעות, נאָר דאָס נעמט זיך פון די באַדינגונגען פון אונזער פּאַרטיי־געשיכטע, וואָס האָבן איצט פאַרלאָרן יעדע באַדייטונג".

אין שייכות מיטן יולי־אויפשטאַנד האָט דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער־מענשעוויסטישער קאָמיטעט צונויפגערופן אַ פאַר־זאַמלונג פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט. די באָלשעוויסטישע פראַקציע האָט מיך איינגעלאַדן איך זאָל אָפּגעבן איר דער־קלערונג וועגן דער נייער לאַגע און וועגן די פּראָבלעמען פון דער פּאַרטיי. דאָס איז געשען פאַר מיין פאָרמעלן אריינ־טריט אין דער פּאַרטיי און נישט געקוקט אויפן פאַקט, וואָס סטאַלין, צום ביישפּיל, האָט זיך דאַן געפונען אין פּעטראָגראַד. די „מאַרקסיסטישע היסטאָריקער" פון נייעם סטיל האָבן נאָך דעמאָלט נישט עקזיסטירט, און די פאַרזאַמלטע באָלשעוויקעס זענען איינשטימיק מסכים געווען מיטן גרונדגעדאַנק פון מיין דערקלערונג וועגן יולי־אויפשטאַנד און וועגן די פּראָבלעמען פון דער פּאַרטיי. עס זענען דאָ אויף דעם געדרוקטע גביות־עדות, באַזונדערס אין די דערינערונגען פון נ. א. מוראַלאָוו.

ווי באַקאַנט האָט לענין נישט געליטן אויף אַ גוטמוטיקן צוטרוי צו מענטשן, ווען ער איז ביי שווערע באַדינגונגען געווען אָנגעוויזן אויף זייערע פּאָליטישע אָנשויאונגען אָדער האַנדלונגען, און אַזאַ גוטמוטיקייט איז אים לגמרי פרעמד געווען לגבי רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן זיך אין אַ פריערן פּעריאָד געפונען מחוץ די רייען פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. דער יולי־אויפשטאַנד האָט צעריסן די רעשטלעך פון די אַלטע, צעשיידנדיקע ליניעס. אין זיין בריוו וועגן דער רשימה פון די באָלשעוויסטישע קאַנדידאַטן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, האָט וולאַדימיר איליאיטש געשריבן:

„מיר קענען זיך נישט דערלויבן אַזאַ צו גרויסע צאָל

קאַנדידאַטן מיט אַ קלײנער דערפאַרונג, וואָס האָבן זיך, ווי לאַרין, ערשט איצט אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי. מיר מוזן די רשימה נאָכאַמאָל דורכקוקן און פאַרבעסערן...

פאַרשטייט זיך, אַז קיינער וועט, צום ביישפּיל, נישט אַרויסטרעטן קעגן אַזאַ קאַנדידאַטור, ווי ל. ד. טראָצקיס, ווייל ערשטנס האָט טראָצקי פון ערשטן טאָג פון זיין אָנקום תיכף אָנגענומען אַן אינטערנאַציאָנאַלע שטעלונג; צווייטנס האָט ער געקעמפט צווישן די „מעזשראַיאָנצי״ פאַר אַ פאַראייניקונג מיט די באָלשעוויקעס; און דריטנס האָט ער זיך אין די שווערע יולי-טעג אַרויסגעוויזן אויף דער הויך פון זיין אויפגאַבע אַלס אַ גלייענדיקער פאַרטייידיקער פון דער פּאַרטיי פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. עס איז קלאָר, אַז דאָס קען נישט געזאָגט ווערן וועגן דער מערהייט פון די יינגערע פּאַרטיימיטגלידער, וועלכע געפינען זיך אין דער רשימה״.

די פראַגע פון אונזער שטעלונג צו דער קאָנסטיטואַנטע. צו דעם פּרווו פון דער צעפאַלנדיקער האַלב-בירגערלעכער רעגירונג פון די מענשעוויקעס און סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן זיך נאָכאַמאָל צו שטיצן אויף אַ קאָמפּראָמיס פון אַלע פּאַרטייען (דורך אַ אַנטשיידונג פון דער דעמאָקראַטישער קאָנפערענץ), איז באַשלאָסן געוואָרן אין לענינס אָפּוועזנהייט. איך בין אַרויסגעטראָטן אַלס רעדנער מצד די-יעניקע באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן געוואָלט באָיקאָטירן די קאָנסטיטואַנטע. די מאַיאָריטעט פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע אויף יענער דעמאָקראַטישער קאָנפערענץ האָט, ווי ס'איז באַקאַנט, געשטימט קעגן באָיקאָט. לענין האָט זיך אַנטשידן געשטעלט אויף דער זייט פון דער מינדערהייט. וועגן דאָזיקן ענין האָט ער געשריבן פאָלגנדיקס:

„מיר מוזן באָיקאָטירן די קאָנסטיטואַנטע. מיר מוזן פאַרלאָזן דעם ראַט פון די אַרבעטער-זעלנער- און פּויערים-דעפּוטאַטן און גיין צו די פּראָפאַראייגען, צו די מאַסן בכלל. מיר מוזן זיי רופן צום קאַמף. מיר מוזן זיי געבן דעם קלאָרן און ערלעכן לאָזונג: צעיאָגט קערענסקיס באָנאַפּאַרטיסטישע באַנדע מיט זיין פאַלשער קאָנסטיטואַנטע, מיט זיין צערעטעלי-בולי-גינסקי-דומע. די מענשעוויקעס און סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן

האָבן אָפּגעהאָרכט אונזער קאָמפּראָמיספאָרשלאָג וועגן פרידלעך איבערגעבן די מאַכט די ראַטן, הגם מיר האָבן דאָרט דאָן בישט געהאַט קיין מערהייט. זיי זענען ווידער פאַרזונקען אין זומפּ פון שמוציקע אונטערהאַנדלונגען מיט די קאַדעטן. נידער מיט די מענשעוויקעס און סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן! הויבט אָן קעגן זיי אַ קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף!

טרייבט זיי אַרויס אָן רחמנות פון אַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. קיין שום פאַרבינדונגען, קיין שום פאַרהאַנדלונגען מיט דידאָזיקע פריינט פון די גרונטבאַזיצער און קאַפּיטאַליסטן".

און דעם 23 סעפּטעמבער האָט לענין געשריבן:

„טראָצקי איז געווען פאַר דעם באָיקאָט. בראַוואָ, חבר טראָצקי! דער באָיקאָט איז דורך דער באָלשעוויסטישער פראַקציע אָפּגעוואָרפן געוואָרן אויף דער דעמאָקראַטישער קאָנפערענץ. זאָל לעבן דער באָיקאָט!"

# מיין אַנטייל אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע

וועגן מיין אַנטייל אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע קען מען לייענען אין די באַמערקונגען צום 14־טן באַנד פון לע־נינס געזאַמלטע ווערק פאָלגנדיקס:

„ווען די באָלשעוויקעס האָבן באַקומען די מערהייט אין פעטראגראדער ראַט, איז טראָצקי אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער און אויפן דאָזיקן אַמט האָט ער אָרגאַניזירט דעם אויפשטאַנד פון 25־טן אָקטאָבער און אָנגעפירט מיט אים".

וויפל דערפון עס איז אמת און וויפל פאַלש, דאָס זאָל אָנטשיידן דאָס ביוראָ פאַר פאַרטייגעשיכטע — אויב נישט דאָס איצטיקע, טאָ אַ צוקונפטיקע. חבר סטאַלין האָט נישט לאַנג צוריק קלאָר און דייטלעך באַשטריטן דעם אמת פון דערדאָ־זיקער פאַרזיכערונג. אין זיין שריפט איבער „טראָצקיזם און לעניניזם" האָט ער דערקלערט:

„איך מוז זאָגן, אַז חבר טראָצקי האָט ביים אָקטאָבער־אויפשטאַנד נישט געשפּילט און נישט געקענט שפּילן קיין שום באַזונדערע ראָלע, וויל אַלס פאָרזיצער פון פעטראגראדער ראַט האָט ער גאַנץ פּשוט אויסגעפירט דעם ווילן פון אַנט־שפּרעכנדיקן פאַרטיי־אויטאָריטעט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט יעדן שריט זיינעם".

און ווייטער האָט ער דערקלערט:

„חבר טראָצקי האָט נישט געשפּילט קיין באַזונדערע ראָלע נישט אין פאַרטייל‏עבן, נישט ביים אָקטאָבער־אויפשטאַנד, און ער האָט עס אויך נישט געקענט טאָן, וויל אין אָקטאָ־

בער פעריאָד איז ער נאָך לפי-ערך געווען אַ נייער מיטגליד אין דער פּאַרטיי".

בשעת סטאַלין האָט אָפּגעגעבן זיין דאָזיקע גבית-עדות, האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן, וואָס ער אַליין האָט געזאָגט דעם 6-טן נאָוועמבער 1918, דאָס הייסט אין ערשטן יאָרטאָג פון דער רעוואָלוציע, ווען די פאַקטן און געשעענישן זענען נאָך געווען פריש אין אַלעמענס זכרון. שוין דעמאָלט האָט סטאַלין אָנגעהויבן צו פירן קעגן מיר זיין קאַמפּאַניע. אָבער אין יענער צייט איז ער געצוווּנגען געווען צו פירן זיין קאַמף קעגן מיר אַסך פאָרזיכטיקער און פאַרבאָרגענער, ווי ער קען עס טאָן איצט. איך ברענג דאָ, וואָס ער האָט דעמאָלט געשריבן אין דער „פּראַוודאַ" אונטערן טיטל „די ראָלע פון די אַמ-מיינסטן אויסגעצייכנטע פאַרטייפירער":

„די גאַנצע אַרבעט פון פּראַקטיש אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד איז געפירט געוואָרן אונטער דער אוממיטלבאַרער אָנפירערשאַפט פון פאָרזיצער פון פּעטראָגראַדער ראַט, חבר טראָצקי. מען קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז דעם שנעלן איבערגיין פון גאַרניזאָן אויף דער זייט פון ראַט און די געוואגטע אויספירונג פון דער אַרבעט פון רעוואָלוציאָנערן זעלנער-קאָמיטעט האָט די פאַרטיי דער עיקר און קודם כל צו פאַרדאַנקען דעם חבר טראָצקי".

עס זעט היינט אויס כמעט אוממעגלעך, אַז דידאָזיקע ווערטער, ווע,כע האָבן בשום אופן נישט געזאָלט זיין קיין איבערגעטריבענער שבח — אדרבה, סטאַלינס כוונה איז דאַן געווען אַ גאַנץ אַנדערע, אָבער איך וויל זיך אויף דעם נישט אָפּשטעלן — אַז דידאָזיקע ווערטער זענען אַרויס פון סטאַלינס מויל.

עס איז אַמאָל געזאָגט געוואָרן, אַז אַ מענטש, וואָס האָט ליב דעם אמת, האָט די מעלה, וואָס אפילו ביי אַ שלעכטן זכרון איז ער זיך קיינמאָל נישט סותר, אַ ליגנערישער, געווויסנלאָזער און אומערלעכער פאַרשוין מוז אָבער — כדי נישט פאַרשעמט צו ווערן — תמיד געדענקען, וואָס ער האָט פריער געזאָגט.

מיט יאַראָסלאַווסקיס הילף באַמיט זיך איצט חבר סטאַ

לין אויסצובויען אַ נייע געשיכטע פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון דער אָקטאָבער-איבערקערעניש, און דאָס אַלץ, שטיצנדיק זיך אויף דעם פֿאַקט, וואָס די פּאַרטיי האָט דעמאָלט געשאַפֿן אַ „אַקטיווע קאָמיסיע פֿאַר דורכפֿירן פּלאַנמעסיק דעם אויפֿשטאַנד”, און צו זיינע מיטגלידער, ווי עס שיינט, האָט טראָצקי נישט געהערט. אָבער אויך לענין איז נישט געווען קיין מיטגליד פֿון דערדאָזיקער קאָמיסיע, און דאָס אַליין באַווייזט שוין, אַז די קאָמיסיע האָט געהאַט בלויז אַ גאַנץ צווייטראַנגיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע באַדייטונג. זי האָט בכלל נישט געשפּילט קיין אומאָפּהענגיקע ראָלע. די לעגענדע וועגן דערדאָזיקער קאָמיסיע איז היינט געשאַפֿן געוואָרן צוליבן פּשוטן פֿאַקט, וואָס סטאַלין איז געווען אַ מיטגליד פֿון איר. איך גיב דאָ אָן די נעמען פֿון די מיטגלידער: סווערדלאָוו, סטאַלין, דזשערזשינסקי, בובנאָוו, אוריצקי. ווי ווייניק אָנגענעם עס זאָל נישט זיין אַרומצונישטערן אין אַלטן מיסט, פֿונדעסטוועגן האַלט איך פֿאַר נויטיק, אַלס אַ גענוג אינפֿאָרמירטער אָנטיילנעמער און עדות פֿון יענע געשעענישן, פֿעסטצושטעלן פֿאָלגנדיקס:

לענינס ראָלע נויטיקט זיך נישט, נאַטירלעך, אין קיין שום באַלויכטונג. סווערדלאָוו פֿלעג איך זען אָפֿט, און איך פֿלעג זיך צו אים אָפֿט ווענדן, ווען איך פֿלעג נויטיק האָבן אַן עצה אָדער מענטשן, וואָס זאָלן מיר העלפֿן. חבר קאַמענעוו, וועלכער האָט דעמאָלט אָנגענומען אַ וואַקלדיקע און פֿאַר דער באַוועגונג שעדלעכע שטעלונג, וואָס איז' פֿאַלשקייט האָט ער שוין לאַנג אָנערקענט, האָט זיך פֿונדעסטוועגן באַטייליקט זייער טעטיק אין די אייגנטלעכע געשעענישן פֿון דער רעוואָלוציע. די אַנטשיידנדיקע נאַכט פֿון 25 אויפֿן 26 אָקטאָבער האָבן קאַמענעוו און איך פֿאַרבראַכט אין לאָקאַל פֿון רעוואָלוציאָנערן זעלנער-קאָמיטעט, ענטפֿערנדיק אויף אָנפֿראַגן און אָפּגעבנדיק דורכן טעלעפֿאָן באַפֿעלן. אָבער ווי שטאַרק איך זאָל נישט אָנשטרענגען מיין זכרון, קען איך נישט ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע, אין וואָס איז באַשטאַנען סטאַלינס ראָ,ע אין דידאָזיקע אַנטשיידנדיקע טעג. קיין איינציקן מאָל האָב איך זיך נישט געווענדט צו אים נאָך אַן עצה אָדער מיטאַרבעט. ער האָט אויך נישט אַרויסגעוויזן די מינדסטע איניציאַ-

טיוו. ער האָט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין זעלבשטענדיקן פאָרשלאָג. די דאָזיקע פאַקטן קען קיין שום „מאַרקסיסטישער היסטאָריקער" פון נייעם סטיל נישט ענדערן.

ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, האָבן סטאַלין און יאַראָסלאַווסקי זיך שטאַרק באַמיט צו דערווייזן, אַז די אַקטיווע קאָמיסיע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורך דער פּאַרטיי און איז באַשטאַנען פון די חברים סווערדלאָוו, סטאַלין, דזשערזשינסקי, בובנאָוו און אוריצקי האָט, אַזויצוזאָגן, אָנגעפירט מיטן גאַנצן גאַנג פון אויפשטאַנד. סטאַלין האָט אויף אַלע אופנים, וואָס זענען אים נאָר מעגלעך געווען, אָנגעוויזן דערויף, אַז טראָצקי איז נישט געווען קיין מיטגליד פון יענעם קאָמיטעט. צום באַדויערן אָבער, איז צוליב דער נאַכלעסיקייט פון די סטאַלינשע היסטאָריקער דערשינען אין דער „פּראַוודאַ" פון 2 נאָוועמבער 1927 — דאָס הייסט, ווען דער דאָזיקער גאַנצער בריוו איז שוין דורך מיר געווען אָנגעשריבן — אַ געוויער אויסצוג פון באַריכט, וועלכן דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט האָט געגעבן וועגן דער צייט פון 16 ביז 29־טן אָקטאָבער 1917.

„דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט שאַפט אַ מיליטערישן רעוואָלוציאָנערן צענטר מיט די פאָלגנדיקע מיטגלידער: סווערדלאָוו, סטאַלין, בובנאָוו, אוריצקי און דזשערזשינסקי. דער דאָזיקער צענטר דאַרף זיין אַ וועזנטלעכער טייל פון רעוואָלוציאָנערן ראַטנקאָמיטעט".

דער רעוואָלוציאָנערער ראַטנקאָמיטעט איז דער מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם פּעטראָגראַדער ראַט. פאַר דער פירערשאַפט אין אויפשטאַנד האָט נישט עקזיסטירט קיין אַנדער אָרגאַן. יענע פינף חברים, וועלכע דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט האָט געוויילט האָבן געדאַרפט אריינטרעטן אַלס דערגאַנצונג אין שטאַב פון זעלבן רעוואָלוציאָנערן זעלנער־קאָמיטעט, וועמעס פאָרזיצער עס איז געווען טראָצקי. ס'וואָלט דאָך געווען איבעריק אַריינצונעמען טראָצקין נאָכאַמאָל אין דעם שטאַב פון אַ אָרגאַניזאַציע, וואָס ער איז שוין פון פריער געווען איר פאָרזיצער! יאָ,

עס איז שווער צו קאָריגירן געשיכטע, נאָכדעם ווי זי איז שוין פאַרענדיקט!

11 נאָוועמבער 1927.

אין בריסק האָב איך געשריבן אַ קורצע געשיכטע פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. דאָסדאָזיקע בוך האָט אויסגעהאַלטן אַ גרויסע צאָל אויפלאַגעס אין פאַרשיידענע שפּראַכן. קיינער האָט מיר קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז אין דאָזיקן בוך איז דאָ אַ בלויז, וואָס ווארפט זיך אין די אויגן — דאָס, וואָס עס ווייזט אין קיין איין אָרט נישט אָן אויף דעם הויפּט-אָנפירער פון אויפשטאַנד, אויפן „מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערן צענטר", וואָס זיינע מיטגלידער זענען געווען סטאַלין און בובנאָוו. אויב איך האָב אַזוי שלעכט געדענקט די געשיכטע פון אָקטאָבער-אויפשטאַנד, טאָ פאַרוואָס האָט מיר קיינער נישט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף מיין טעות? פאַרוואָס איז מיין בוך אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע אומגעשטערט שטודירט געוואָרן אין אַלע מלוכהשע פּאַרטיישולעס?

אפילו אין יאָר 1922 האָט נאָך, ווייזט אויס, די אָרגאַניזיר-ביוראָ פון דער פּאַרטיי געהאַלטן, אַז איך פאַרשטיי גאַנץ גענוג די געשיכטע פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. אָט איז אַ קליינע, אָבער פילזאָגנדיקע אָנערקענונג:

נ' 14.302 מאָסקווע, דעם 24-טן מאַי 1922

„צום חבר טראָצקי:

אָן אויסצוג פון באַריכט פון דער זיצונג פון אָרגאַניזיר-ביוראָ פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט דעם 22-טן מאַי 1922, נומ. 21.

אָן אויפטראָג צו חבר יאַקאָוולעוו פון 1-טן אָקטאָבער, צו שרייבן אַ לערנבוך וועגן דער געשיכטע פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע אונטער דער רעדאַקציע פון חבר טראָצקי.

דער סעקרעטאַריאַט פון דער סוב-אָפּטיילונג פאַר פּראָפּאַגאַנדע".

דאָס איז געשען אין מאַי 1922. און דערביי האָבן שוין מיינע ביכער וועגן יאָר 1905 און וועגן דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע געהאַט דערשינען פאַר דערדאָזיקער צייט און זענען

גוט באקאנט געווען דער אָרגאַניזאַציע-ביוראָ — וואָס איר אָנ-
פירער איז שוין דעמאָלט געווען סטאַלין. נישט געקוקט אויף
דעם האָט דאָס אָרגאַניזיר-ביוראָ געהאַלטן פאַר נויטיק מיר
איבערצוגעבן די רעדאַקציע פון שולבוך וועגן דער געשיכטע
פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. ווי אַזוי איז דאָס געשען?
עס נעמט זיך דערפון, ווייל די אויגן פון סטאַלינען און פון די
סטאַליניסטן האָבן זיך געעפנט אויפן „טראָצקיזם" ערשט דאַן,
ווען לענינס אויגן זענען שוין געשלאָסן געווען אויף אייביק.

# פאַרלאָרענע דאָקומענטן

קורץ נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָבן זיך צווישן די פירער פון דער פּאַרטיי אויסגעבילדעט שאַרפע חילוקי-דעות וועגן אונזערע באַציאונגען צו די אַנדערע „סאָציאַליסטישע פּאַרטייען". עס האָט זיך קודם כּל געהאַנדלט וועגן דער פראַגע, צי מיר זאָלן שאַפן אַן איינהייטלעכע באָלשעוויסטישע רעגירונג אָדער אַ קאָאַליציע מיט די מענשעוויקעס און סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן. דעם 14-טן נאָוועמבער האָט לענין גערעדט וועגן דערדאָזיקער פראַגע אויף דער פאַרזאַמלונג פון פּעטראָגראַדער קאָמיטעט. די באַריכטן פון די צענטראַל-קאָמיטעט-פאַרזאַמלונגען פון 1917 זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין צענטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. אורשפּרינגלעך האָט זיך צווישן זיי געפונען אויך דער באַריכט וועגן דערדאָזיקער פאַרזאַמלונג פון 14-טן נאָוועמבער, ער האָט זיך אויך געפונען אין דער ערשטער קאָרעקטע פון אינהאַלט-פאַרצייכעניש. אָבער דערנאָך איז דער באַריכט פון 14-טן נאָוועמבער לויט אַ העכערן באַפעל באַזייטיקט געוואָרן: מ'האָט אים אויסבאַהאַלטן פון דער פּאַרטיי. די סיבה דערפון איז לייכט צו פאַרשטיין. וועגן דער קאָאַליציע-פראַגע האָט לענין געזאָגט צום קאָמיטעט פאָלגנדיקס:

„וואָס שייך קאָאַליציע, קען איך וועגן דעם אפילו נישט ריידן ערנסט. טראָצקי האָט שוין פון לאַנג געזאָגט, אַז אַ קאָאַליציע איז אוממעגלעך. טראָצקי האָט דאָס באַגריפן, און פון יענער צייט אָן איז נישטאָ קיין בעסערער באָלשעוויק פאַר אים".

די רעדע האָט זיך פאַרענדיקט מיטן לאָזונג:

„קיין שום קאָמפּראָמיס! אָן איינהייטלעך-באָלשעוויסטישע רעגירונג".

ווי עס ווערט דערציילט איז דער באַפעל צו באַזייטיקן דעמדאָזיקן באַריכט געקומען פון ביוראָ פאַר פּאַרטייגעשיכטע, מיט דער דערקלערונג, אַז לענינס רעדע איז „אָן ספק" פאַלש איבערגעגעבן געוואָרן. איינס איז זיכער אמת, נעמלעך, אַז לענינס רעדע שטייט נישט אין הסכם מיט דער געשיכטע פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, ווי זי ווערט איצט געשריבן.

אגב ווייזט גראָד דערדאָזיקער באַריכט וועגן דער פאַרזאַמלונג פון פּעטראָגראַדער קאָמיטעט, ווי אַזוי לענין האָט געקוקט אויף דער פראַגע פון דיסציפּלין, ווי נאָר מ׳פלעגט וועלן אויסבאַהאַלטן הינטער דערדאָזיקער דיסציפּלין אַן אויסגעשפּראָכן-אָפּאָרטוניסטישע פּאָליטיק. נאָך דער רעדע פון חבר פּעניגשטיין האָט לענין דערקלערט:

„אויב איר ווילט אַ שפּאַלטונג, טאָ פּירט זי דורך. אויב איר וועט באַקומען די מערהייט, דאַן פאַרכאַפּט די מאַכט אין צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט און גייט ווייטער. מיר אָבער וועלן גיין צו די מאַטראָסן".

גראָד דורך דערדאָזיקער מוטיקער, אַנטשלאָסענער און נישט-נאָכגיביקער האַלטונג, האָט לענין געראַטעוועט די פּאַרטיי פון אַ שפּאַלטונג.

אייזערנע דיסציפּלין, ריכטיק! אָבער אויפן יסוד פון אַ רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיק!

דעם 4-טן אַפּריל האָט לענין געזאָגט אויף אַ פּאַרטיי-קאָנפערענץ, וואָס דעם באַריכט פון איר באַהאַלט סטאַלין אויס פון דער פּאַרטיי:

„אפילו אונזערע באָלשעוויקעס ווייזן אַרויס צוטרוי צו דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. זיי זענען אָן ספק באַטויבט פון רעוואָלוציע-רויש. דאָס איז אָבער דער סוף פון דער רעוואָלוציע. איר, חברים, האָט, הייסט עס, צוטרוי צו דערדאָזיקער רעגירונג. אויב דאָס איז באמת אַזוי, דאַן קענען מיר נישט מער אַרבעטן צוזאַמען".

און ווייטער האָט ער געזאָגט:

„איך הער, אז אין רוסלאַנד איז דאָ אַ טענדענץ צו קאָאַליציע, צו אַ קאָאַליציע מיט די אָנהענגער פון דער נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג. דאָס איז אַ בגידה לגבי דעם סאָציאַליזם. איך האַלט פאַר אַסך בעסער צו בלייבן אַליין, ווי ליבקנעכט — איינער קעגן הונדערט און צען".

פאַרוואָס האָט זיך לענין אַזוי דראַסטיש אויסגעדריקט — איינער קעגן הונדערט און צען? ווייל אויף דער מערץ-קאָנפערענץ פון 1917 זענען זייער שטאַרק געווען די טענדענצן צו אַ האַלבן קאָמפּראָמיס.

סטאַלין איז אויף יענער קאָנפערענץ געווען פאַר דער רעזאָלוציע פון קראַסנאָיאַרסקער ראַט, וועלכער האָט פאָרגעשלאָגן:

„אונטערשטיצט די פּראָוויזאָרישע רעגירונג אין אירע האַנדלונגען נאָר אויף אַזוי ווייט, אויף וויפל זי באַפרידיקט די פאָדערונגען פון ארבעטערקלאַס און פון דעם רעוואָלוציאָנערן פויערטום אין דער זיך-אַנטוויקלענדיקער רעוואָלוציע".

אָבער נאָך מער: סטאַלין איז געווען פאַר אַ קאָאַליציע מיט צערעטעלין, דעם פירער פון די מענשעוויקעס. אָט איז אַ גענויער אויסצוג פון אַ באַריכט וועגן דער קאָנפערענץ:

אויפן סדר-היום צערעטעלים פאָרשלאָג וועגן אַ קאָאַליציע.

סטאַלין: „מיר מוזן איינגיין אויף דעם. עס איז נויטיק צו באַשטימען אונזערע באַדינגונגען פאַר אַזאַ קאָאַליציע. אַ קאָאַליציע וואָלט מעגלעך געווען אויף דער ליניע צימערוואַלד-קיענטאַל".

אויף דער באַמערקונג פון די פאַרשיידענע קאָנפערענץ-מיטגלידער, אַז אַזאַ קאָאַליציע וועט דאָך זיין זייער פאַרשידנפאַרביק, האָט סטאַלין געענטפערט:

„עס האָט נישט קיין צוועק שוין פריצייטיק אַרויסצוטרעטן מיט חלוקי-דעות. אין פאַרטיילעבן זענען תמיד דאָ חלוקי-דעות. אָבער לייכטע חלוקי-דעות וועלן מיר שוין גובר זיין אין דער פאַרטיי גופא."

חלוקי-דעות מיט צערעטעלין באַטראַכט סטאַלין אַלס לייכטוויכטיקע. אין זיינע באַציאונגען צו צערעטעלים אָנהענגער איז סטאַלין געווען פאַר ברייטער דעמאָקראַטיע. „אין פאַרטיי-

לעבן זענען תמיד דאָ חלוקי-דעות", האָט ער געזאָגט.
אַלזאָ, חברים-אָנפירער פון ביוראָ פאַר פּאַרטייגעשיכטע, דערלויבט מיר אייך שטעלן אַ פראַגע: פאַרוואָס זענען די באַריכטן וועגן דער פּאַרטייקאָנפערענץ פון מערץ 1917 נאָך ביז איצט נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן? איר פאַרפלייצט דאָס לאַנד מיט אַנקעטע-בויגנס, וואָס שווימלען מיט רובריקעס און ציפערן. איר זאַמלט אַלע מעגלעכע קלייניקייטן, אָפט אַזעלכע, וואָס האָבן נישט דעם מינדסטן ווערט. פאַרוואָס זשע באַהאַלט איר אויס די באַריכטן וועגן דער מערץ-קאָנפערענץ, וואָס האָבן אַ מאָנומענטאַלע באַדייטונג פאַר דער געשיכטע פון אונזער פּאַרטיי? דידאַקטיקע באַריכטן דעקן אויף די האַלטונג פון די אָנפירנדיקע פּאַרטיי-עלעמענטן ערב לענינס צוריקקער קיין רוסלאַנד. אין סעקרעטאַריאַט פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט און אין דער פאַרוואַלטונג פון דער צענטראַלער קאָנטראָל-קאָמיסיע האָב איך נישט איינמאָל געשטעלט די פראַגע: פאַרוואָס באַהאַלט אויס דאָס ביוראָ פאַר פּאַרטייגעשיכטע פאַר דער פּאַרטיי אַ דאָקומענט פון אַזאַ אויסעראָרדנטלעכער באַדייטונג? דער דאָקומענט איז אייך באַקאַנט, ער געפינט זיך אין אייער רשות. איר פאַרעפנטלעכט אים נישט צוליבן פּשוטן טעם, ווייל ער וואַרפט אַ העל ליכט אויף סטאַלינס פּאָליטישער האַלטונג פון סוף מערץ און אָנהויב אַפּריל, דאָס הייסט אין יענער צייט, ווען סטאַלין האָט פּרובירט פירן גאַנץ זעלבשטענדיק אַ פּאָליטישע טעטיקייט.
אין זיין איבערגעגעבענער רעדע אויף דער קאָנפערענץ פון 4-טן אַפּריל האָט לענין געזאָגט:
„די „פּראַוודאַ" פאַרלאַנגט פון דער רעגירונג, זי זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַנעקסיעס. נאַרישקייטן. בולטער חוזק פון..."
דער באַריכט איז נישט פאַרענדיקט. דאָ איז פאַראַן אַ בלויז. אָבער דער אַלגעמיינער געדאַנק און די אַלגעמיינע ריכטונג פון דער רעדע זענען גאַנץ קלאָר. איינער פון די „פּראַוודאַ"-רעדאַקטאָרן איז געווען סטאַלין. סטאַלין האָט אין דער „פּראַוודאַ" געשריבן האַלב-פּאַטריאָטישע אַרטיקלען און איז אַרויסגעטראָטן פאַר דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג, „אויף ווי־ווייט זי" און אַז. וו. מיט באַוואָרענישן האָט סטאַלין באַגריסט

קערענסקיס און צערעטעלי'ס מאַניפעסט צום פאָלק — אַ פאַלשער, סאָציאַל-פאַרעטערישער דאָקומענט, וואָס האָט ביי לענינען ארויסגערופן בלויז אויפרעגונג.

דאָס איז די סבה, און די איינציקע סבה, פאַרוואָס איר, חברים פון ביוראָ פאַר פאַרטייגעשיכטע, פאַרעפנטלעכט נישט דעם באַריכט וועגן דער קאָנפערענץ פון מערץ 1917, נאָר איר באַהאַלט אים אויס פון דער פאַרטיי.

איך האָב ציטירט לענינס רעדע אויף דער זיצונג פון פעטראָגראַדער קאָמיטעט פון 4-טן נאָוועמבער. ווו איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער באַריכט וועגן דערדאָזיקער זיצונג? אין ערגיץ-נישט. און פאַרוואָס? ווייל איר האָט דאָס פאַרבאָטן. דאָ גאָרנישט לאַנג איז דערשינען אַ זאַמלונג פראָטאָקאָלן פון ערשטן לעגאַלן פעטראָגראַדער קאָמיטעט פון יאָר 1917. דער באַריכט וועגן דער זיצונג פון 14-טן נאָוועמבער האָט זיך צוערשט געפונען אין דערדאָזיקער זאַמלונג און אויך אין דער אינהאַלטס-פאַרצייכעניש איז ער געווען אויסגערעכנט. דאַן אָבער, ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז דער באַריכט באַזייטיקט געוואָרן פון בוך לויטן באַפעל פון ביוראָ פאַר פאַרטייגעשיכטע מיט דער מערקווירדיקער דערקלערונג, אַז לענינס רעדע איז „אָן ספק" ביים איבערשרייבן פאַלש איבערגעגעבן געוואָרן דורך דעם סעקרעטאַר. אין וואָס באַשטייט אָבער דידאָזיקע „אָן ספקדיקע" פאַלשקייט? זי באַשטייט אין דעם, וואָס לענינס ווערטער זענען אויפן שאַרפסטן אופן סותר די פאַלשע באַהויפטונגען פון דער איצטיקער היסטאָרישער שולע פון סטאַלין און יאַראָסלאַווסקי בנוגע טראָצקין. יעדער, ווער עס קען לענינס ריידנסאַרט, וועט אָן וואַקלעניש אָנערקענען די עכטקייט פון די ווערטער, וואָס ווערן אים צוגעשריבן. הינטער לענינס ווערטער וועגן קאָמפּראָמיס, הינטער זיין דראָאונג: „מיר וועלן גיין צו די מאַטראָסן!" — פילט מען דייטלעך דעם לעבעדיקן לענין פון יענע טעג. איר באַהאַלט אים אויס פון דער פאַרטיי. פאַרוואָס? צוליב זיין אורטייל איבער טראָצקין. נאָר צוליב דעם.

די באַריכטן וועגן דער מערצקאָנפערענץ פון יאָר 1917

באהאלט איר אויס, ווייל זיי קאמפראמיטירן סטאלינען. איר באהאלט אויס דעם באריכט וועגן דער זיצונג פון 14-טן נאוועמבער דערפאר, ווייל ער שטערט אייער פעלשונגסארבעט קעגן טראצקין.

# יאַראָסלאַווסקיס צוויי מיינונגען

ניין-צענטל פון זיינע רכילותן און פעלשונגען ווידמעט יאַראָסלאַווסקי דעם שרייבער פון דידאָזיקע שורות, און עס איז שווער צוצוטראַכטן נאַרישערע און גלייכצייטיק נידערטרעכטיקערע שקרים. אָבער מען דאַרף זיך נישט פאָרשטעלן, אַז יאַראָסלאַווסקי האָט תמיד אַזוי געשריבן. אַמאָל האָט ער געשריבן גאַנץ אַנדערש. דאָס זענען געווען גענוי דיזעלבע קנאַליקע ווערטער, דאָס איז געווען גענוי דערזעלבער שלעכטער געשמאַק, אָבער די ריכטונג איז געווען פונקט אַ פאַרקערטע. אין פרילינג 1923 האָט יאַראָסלאַווסקי געשריבן אַן אַרטיקל איבער די התחלות פון מיין פּאָליטישער טעטיקייט. דער אַרטיקל האָט אַזוי געטריפט מיט שרייענדיקע שבחים, אַז מ'האָט אים פּמעט נישט געקענט לייענען. כדי אים צו ציטירן, דאַרף מען גובר זיין אַ ווידערגעפיל, אָבער דאָס איז נויטווענדיק.

אַלס אינקוויזיטאָר פון דער פּאַרטיי פאַרשאַפט עס יאַראָסלאַווסקין אַ תאוותדיקן פאַרגעניגן, ווען ער נעמט אונטער אַ קרייצפאַרהער קאָמוניסטן, וואָס זענען באַגאַנגען דאָס פאַרברעכן פון פאַרשפּרייטן לענינס צוואה, לענינס בריוו וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע און אַנדערע אומלעגאַלע דאָקומענטן, אין וועלכע לענין האָט געוואַגט צו קריטיקירן סטאַלינען. היינט ווילן מיר פון אונזער זייט נעמען יאַראָסלאַווסקין אונטערן קרייצפאַרהער.

•די גלענצנדיקע ליטעראַריש-פּובליציסטישע טעטיקייט פון

חבר טראָצקי״, אַזוי האָט יאַראָסלאַווסקי געשריבן אין 1923 אין די „סיבירישע פייערן״, „האָבן אים דערוואָרבן דעם וועלט־באַקאַנטן נאָמען „פּירשט פון די זשורנאַליסטן״. דער ענגלישער שריפטשטעלער בערנאַרד שאָו האָט אים אַזוי אָנגערופן. ווער עס האָט נאָכגעפאָלגט זיין טעטיקייט אין משך פון אַ פערטל־יאָרהונדערט, דערקענט בולט, ווי אַזוי עס האָט זיך ביסלעכווייז אַנטוויקלט זיין באַגאַבונג אַלס פּאַמפלעטנשרייבער און פּאָלעמיסט, ווי אַזוי ער איז געוואָקסן און אין די יאָרן פון אונזער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע דערגרייכט דעם גלענצנדיקן בלי־פּעריאָד. אָבער שוין גלייך אין אָנהויב פון זיין טעטיקייט האָט מען געקענט קלאָר איינזען, סאַראַ טיפן טאַלאַנט מיר האָבן געהאַט אין אים. זיינע אַלע צייטונגסאַרטיקלען שפּריצן מיט פייער, זיי האָבן אָנשוילעכקייט און פאַרב. און דערביי זענען זיי נאָך געשריבן געוואָרן אונטער די אייזערנע נעגל פון דער צאַרישער צענזור, וואָס האָבן אוממעגלעך געמאַכט דעם פרייען געדאַנק און די פרייע פאָרם פאַר יעדן איינעם. ווער עס האָט געוואָלט אויסמיידן דידאָזיקע נעגל און דאָך זיך אויפהויבן איבער די דורכשניטס־אָנשויאונגען. אָבער די רייף־ווערנדיקע אונטערערדישע כּחות זענען געווען אַזוי גרויס, מ׳האָט אַזוי שטאַרק געשפּירט דעם האַרץ־שלאָג פון אויפוואַכנדיקן פאָלק, די סתירות פון דער אַנטוויקלונג זענען געווען אַזוי שאַרף, אַז אַלע צענזאָרן פון דער וועלט וואָלטן נישט געקענט אונטערדריקן די שאַפנסקראַפט פון אַזאַ אויסגעשפּראָכענער פּערזענלעכקייט, ווי דאָס איז שוין דעמאָלט געווען ל. ד. טראָצקי.

אַסך האָבן געוויס געזען די ברייטפאַרשפּרייטע פאָטאָגראַפיע פון יונגן טראָצקי, פון דער צייט, ווען ער איז צום ערשטן מאָל פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר — דעמדאָזיקן קאָפּ מיט די ווילדע האָר, מיט די כאַראַקטעריסטישע ליפּן און די געוועלבטע אויגנברעמען. אונטער די געדיכטע האָר פון דעם דאָזיקן קאָפּ, הינטער די געוועלבטע אויגנברעמען האָט געווירבלט אַ געוואַלטיקער שטראָם אידייען, געדאַנקען און געפילן — וואָס פלעגן אַמאָל אַ ביסל אַראָפּפירן דעם חבר טראָצקי פון ברייטן שליאַך פון דער געשיכטע, וואָס פלעגן אים אַמאָל

צווינגען צו מאַכן אַ לאַנגן אומוועג, אָדער זיי פלעגן אים אין אַנדערע פאַלן טרייבן צו נעמען אָן שרעק אַ וועג, פון וועלכן אַלע פלעגן אים אָפּרעדן. אָבער ביי זיין גאַנצן זוכן איז ער תמיד געבליבן פול טיפער איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך פון דער רעוואָלוציע, אַ געבאָרענער פאָלקסרעדנער מיט אַ שאַרפער און דאָך בויגעוודיקער צונג, וואָס פלעגט זיך אָפּפּאַרטיקן מיט יעדן פיינט, און מיט אַ פעדער, וואָס פלעגט צעוואַרפן ווי פּערל די רייכטימער פון זיינע געדאַנקען".

און ווייטער זאָגט יאַראָסלאַווסקי: „די אַרטיקלען, וואָס געפינען זיך אין אונזער רשות, נעמען אַרום אַ פּעריאָד פון מער ווי צוויי יאָר — די צייט פון 15-טן אָקטאָבער 1900 ביז צום 12-טן סעפּטעמבער 1902. די סיבירישע חברים האָבן געלעזן מיט אַנטציקונג דידאָזיקע גלענצנדיקע אַרטיקלען און האָבן מיט אומגעדולד אָפּגעוואַרט זייער דערשיינען. אייניקע האָבן געוווּסט, ווער עס איז זייער מחבר, און די, וועלכע האָבן אים געקענט, וואָלט אין יענע טעג קיינמאָל נישט געקומען דער געדאַנק, אַז ער וועט זיין איינער פון די אָנפירער פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי און פון דער גרעסטער רעוואָלוציע אויף דער וועלט".

און פאַרענדיקט האָט ער אַזוי: „זיין פּראָטעסט קעגן דעם פּעסימיזם פון דער מיד-געוואָרענער רוסישער אינטעליגענץ האָט חבר טראָצקי אויפגעהויבן שפּעטער. נישט אין ווערטער, נאָר אין מעשים האָט ער אים אויפגעהויבן, אַקסל ביי אַקסל מיט דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט פון דער גרויסער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. דערצו איז נויטיק געווען אַ געוואַלדיקע קראַפט. דאָס סיבירישע דאָרף האָט אין אים נישט צעשטערט דידאָזיקע קראַפט. עס האָט אין אים נאָך מער געשטאַרקט דעם אַנטשלוס איבערצורייסן גרינדלעך, ביז צו די וואָרצלען מיט דידאָזיקע גאַנצע באַדינגונגען, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט די זאַכן, וועלכע ער האָט געשילדערט".

הגם דער חבר יאַראָסלאַווסקי האָט זיך אין אייניקע פון זיינע אָפּשאַצונגען אומגעדרייט אויף 180 גראַד, מוז מען פונדעסטוועגן מודה זיין, אַז אין איין פּרט איז ער זיך געבליבן געטריי: ער איז פונקט אַזוי אומדערטרעגלעך אין זיינע זידלערייען ווי אין זיין לויב.

# אלמינסקיס און לונאטשארסקיס צוויי מיינונגען.

צווישן די באַקעמפער פון „טראָצקיזם״ האָט אָלמינסקי געשפּילט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע ראָלע. מיט אַ באַזונדער התמדה, ווי איך דערמאָן זיך, איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן מיין בוך „1905״, וואָס איז אורשפּרינגלעך דערשינען אויף דייטש. אָבער אָלמינסקי האָט וועגן דאָזיקן בוך געהאַט צוויי מיינונגען: איינע אין לענינס טעג, איינע אין סטאַלינס טעג. אין אָקטאָבער 1921 האָט עמיץ פאָרגעשלאָגן אַרויסצוגעבן מיין בוך „1905״ אויף רוסיש. אָלמינסקי האָט מיר וועגן דעם געשריבן פאָלגנדיקן בריוו:

„ליבער לעוו דאַווידאָוויטש!

דאָס ביוראָ פאַר פאַרטייגעשיכטע וועט נאַטירלעך זיין אַנטציקט פון געדאַנק אַרויסצוגעבן אייער בוך אויף רוסיש, אָבער עס שטעלט זיך די פראַגע: ווער זאָל עס איבערזעצן? מען קען דאָך נישט לאָזן איבערזעצן טראָצקיס אַ בוך דעם ערשטן בעסטן מענטשן! די גאַנצע שיינקייט און פערזענלעכקייט פון סטיל וואָלט פאַרלוירן געגאַנגען. אפשר וואָלט אייך מעגלעך געווען אָפּצורייסן טעגלעך אַ שעה פון אייער, פאַר דער מלוכה אַזוי וויכטיקער אַרבעט, פאַר דערדאָזיקער אַרבעט — וואָס איז דאָך פּונקט אַזוי וויכטיק פאַר דער מלוכה — און דיקטירן אַ סטענאָגראַפיסטין דעם רוסישן טעקסט?

און נאָך אַ צווייטע פראַגע: פאַרוואָס הייבט איר נישט אָן צוצוגרייטן אַ פולשטענדיקע אויסגאַבע פון אייערע ליטעראַרישע אַרבעטן? מיר וואָלטן זייער לייכט געקענט איבערגעבן עמעצן די צוגרייטונגס-אַרבעט, וואָס איז נויטיק דערצו. עס איז צייט צוצוטרעטן דערצו. די נייע גענעראַציע. וואָס קען נישט

די פּאַרטיי־געשיכטע אַזוי, ווי זי וואָלט דאָס געדאַרפט, און קען זייער ווייניק די עלטערע און נייערע שריפטן פון די פּאַרטיי־פירער, גליטש זיך כּסדר אַראָפּ פון די רעלסן. איך שיק אייך צו דאָס בוך מיט דער האָפנונג, אַז עס וועט איינגיכן זיך אומקערן צום ביוראָ אין אַ רוסישן טעקסט.

מיט די בעסטע ווונשן
מ. אָלמינסקי".

10 אָקטאָבער 1921

אַזוי האָט אָלמינסקי געשריבן סוף 1921 — אַלזאָ אַ צייט לאַנג נאָך די חילוקי־דעות צוליבן בריסקער שלום און די פּראָפאַראייניען — חילוקי־דעות, וועלכע אָלמינסקי און זיינע חברים באַמיען זיך צוצושרייבן אַזאַ איבערגעטריבענע באַדייטונג. אין האַרבסט 1921 האָט אָלמינסקי געהאַלטן, אַז אַרויסגעבן אויף רוסיש דאָס בוך „1905" איז אַן אַרבעט פון מלוכהשער וויכטיקייט. אָלמינסקי איז אויך געווען דער אָנרעגער פון פּלאַן אַרויסצוגעבן מיינע געזאַמלטע ווערק, וועלכע ער האָט באַטראַכט פאַר נויטיק אויך צו דערציען די פּאַרטיי־מיטגלידער. אין האַרבסט 1921 איז אָבער דער איצט ניינציקיאָריקער אָלמינסקי נישט געווען קיין קינד. ער האָט געקענט די פאַרגאַנגענהייט. מיינע חילוקי־דעות מיטן באָלשעוויזם זענען אים געווען בעסער באַקאַנט, ווי יעדן אַנדערן. ער אַליין האָט מיט מיר פּאָלעמיזירט אין די פאַרגאַנגענע צייטן. דאָס אַלץ האָט אים אָבער נישט געשטערט צו פאָדערן אין האַרבסט 1921 אַ פולשטענדיקע אויסגאַבע פון מיינע ווערק אין די אינטערעסן פון דער דערציאונג פון דער פּאַרטיי־יוגנט. איז אפשר אָלמינסקי אין 1921 געווען אַ „טראָצקיסט"?

אויך חבר לונאַטשאַרסקי געפינט זיך איצט צווישן די „דעמאַסקירער" פון דער אָפּאָזיציע. ווי די אַנדערע, באַשולדיקט ער אונז אין פּעסימיזם און אין מאַנגל פון צוטרוי. די דאָזיקע ראָלע קליידט לונאַטשאַרסקין באַזונדערס גוט.

ווי די אַנדערע באַנוגנט זיך אויך נישט לונאַטשאַרסקי מיט קעגנשטעלן דעם לעניניזם צום „טראָצקיזם", נאָר ער באַוואַרפט אונז אויך אין אַ קוים פאַרשטעלטער פאָרם מיט פּערזענלעכע חשדים. ווי געוויסע אַנדערע, קען אויך לונאַטשאַר-

סקי שרייבן וועגן איין און דערזעלבער פראַגע סיי לשבח סיי לגנאי. אין 1923 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ קליין בוך: „רעוואָלוציאָנערע סילועטן". איין קאַפּיטל אין בוך איז געווידמעט מיין פּערזאָן. צוליב דער שפע פון זיינע שבחים וויל איך דעמדאָזיקן קאַפּיטל ציטירן. כ'וועל אַרויסנעמען פון אים נישט מער ווי צוויי שטעלן, אין וועלכע לונאַטשאַרסקי רעדט וועגן מיין האַלטונג לגבי לענינען:

„טראָצקי איז אַ לייכט-רייצבאַרע, באַפעלערישע פּערזענלעכקייט. נאָר אין זיין באַציאונג צו לענינען האָט טראָצקי — זייט זיין איינייקונג מיט אים — תמיד אַרויסגעוויזן אַ פּאַרערנדיקע, רירנדיקע איבערגעגעבנקייט, און מיט אַ ענִיוות, וואָס איז אַ סימן פון אמתער גרויסקייט, האָט ער אָנערקענט לענינס העכערן אויטאָריטעט".

און מיט אַ פּאָר שורות פריער:

„ווען לענין איז, ווי מיר האָבן זיך געשראָקן, געלעגן אַ שטערבלעך-פאַרווונדעטער, האָט קיינער פון אונז נישט אויסגעדריקט בעסער זיינע געפילן לגבי אים, ווי טראָצקי. אין שרעקלעכן שטורעם פון די וועלטגעשעענישן האָט געזאָגט טראָצקי, דער צווייטער פירער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכער האָט דאָך לחלוטין נישט געהאַט קיין נייגונג צו סענטימענטאַלישקייט: „ווען מען גיט אַ טראַכט, אַז לענין קען איצט שטאַרבן, דאַכט זיך, אַז אונזער אַלעמענס לעבן איז ווערטלאָז, און מען וויל אויפהערן ווייטער צו לעבן".

וואָס זענען דאָס פאַרא מענטשן, וואָס קענען שרייבן, ווי באַצאָלטע סעקרעטאַרן, דאָ אַזוי און דאָ אַנדערש?

# די דעבאטן וועגן בריסק און די פּראפּאריינעז

דאָס, וואָס איך האָב אויפגעוויזן מיט ביישפּילן פון יאָר 1917, וואָלט איך געקענט אויפווייזן אויך פון אַלע ווייטערדיקע יאָרן. איך זאָג נישט, אַז עס זענען צווישן מיר און לענינען נישט געווען קיין שום חילוקי־דעות. עס זענען געווען אַזעלכע. די חילוקי־דעות וועגן דעם בריסקער שלום האָבן געדויערט מערערע וואָכן און אויף אַ משך פון אייניקע טעג האָבן זיי אָנגענומען אַ שאַרפן כאַראַקטער. אָבער דער פּרוּוו פאָרצושטעלן דידאָזיקע חילוקי־דעות אַלס אַ רעזולטאַט פון מיין פלומרשטער גרינגשעצונג פון פּויערטום, איז לעכערלעך און דאָס קען געשען בלויז מיט דער כוונה, איצט, לאחר המעשה, אַרויפצולייגן אויף מיר די לאַסט פון די בוכאַרינשע מיינונגען, מיט וועלכע איך האָב קיינמאָל קיין שייכות נישט געהאַט. איך האָב אויך אויף קיין איין מינוט נישט בדעה געהאַט אויפצופאָדערן אין 1917 און 1918 די פּויערים־מאַסן צו אַ רעוואָלוציאָנערן קריג.

אין באַאורטיי־ן די שטימונג, וועלכע האָט געהערשט צווישן די אַרבעטער־ און פּויערים־מאַסן נאָך דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, בין איך געווען פולשטענדיק איינשטימיק מיט לענינען. איך האָב, אמת, באַשטאַנען אויף דעם, מ׳זאָל אָפּשלעפּן ווי וויים מעגלעך דעם מאָמענט פון קאַפּיטולירן פאַר די האָהענצאָלערנס. אָבער נישט דערפאַר, כדי אַרויסצורופן אַ רעוואָלוציאָנערע מלחמה, נאָר כדי צו ווייזן די דייטשע און בכלל די אייראָפּעאישע אַרבעטערמאַסן, אַז צווישן אונז און

די האָהענצאָלערנס עקזיסטירן נישט קיין שום געהיימע אָפּ-מאַכן, און כדי אָנצושפּאָרנען די אַרבעטער פון דייטשלאַנד און עסטרייך צו אַ גרעסערער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. דעם באַשלוס, אַז מיר באַטראַכטן דעם קריגסצושטאַנד פאַר געענ-דיקט, אָבער גלייכצייטיק שרייבן מיר נישט אונטער דעם גע-וואַלט-שלום האָבן מיר אָנגענומען, ווייל מיר האָבן געוואָלט אויספּרובירן, צי די האָהענצאָלערנס זענען נאָך פעאיק צו פירן אַ קריג קעגן דער רעוואָלוציע. דערדאָזיקער באַשלוס איז אָנ-גענומען געוואָרן דורך דער מערהייט פון אונזער צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט. לענין האָט באַטראַכט דעם באַשלוס אַלס דאָס קלענערע בייז, ווייל אַ באַדייטנדיקער טייל פון די אָנ-פירנדיקע קאָמוניסטן איז געווען פאַר דעם דורך בוכאַרינען געפּרעדיקטן רעוואָלוציאָנערן קריג, דערביי האָבן זיי לגמרי איגנאָרירט די שטימונג פון די אַרבעטער און פויערים. נאָכן חתמענען דעם שלום-אָפּמאַך מיט די האָהענצאָלערנס איז די צייטווייליקע מיינונגס-פאַרשיידנקייט מיט לענינען געווען פאַר-ענדיקט, און אונזער געמיינזאַמע אַרבעט איז געגאַנגען ווייטער אין דער בעסטער האַרמאָניע. בוכאַרין אָבער האָט פון זיינע בריסקער חלוקי-דעות געמאַכט אַ גרויסן קאַמף קעגן „לינקן קאָמוניזם" צו וועלכן איך האָב גאָרנישט געהאַט קיין באַציאונגען.

עס זענען נאָך אַלץ דאָ קלוגע לייט, וועלכע קענען זיך נישט באַרואיקן צוליבן לאָזונג: „נישט מלחמה און נישט שלום"! זיי דאַכט זיך, אַז דערדאָזיקער לאָזונג אַנטהאַלט אין זיך אַ סתירה, הגם עס קומט דאָך אָפּט פאָר, אַז צווישן די מלוכות הערשט אַ צושטאַנד, וואָס איז נישט קיין מלחמה און נישט קיין שלום. ס'איז גענוג זיך דערמאָנען אין דעם, אַז איניקע חדשים נאָך בריסק, ווען די רעוואָלוציאָנערע לאַגע אין דייטשלאַנד איז גענוג קלאָר געוואָרן, האָבן מיר פשוט דערקלערט דעם בריסקער שלום אַלס אומגילטיק, אָבער מיר האָבן אפילו נישט אָנגעהויבן צו קלערן וועגן אַ קריג מיט דייטשלאַנד. אויך מיט די אַנטאַנט-מלוכות האָבן מיר אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע געהאַט אַ צושטאַנד פון נישט-מלחמה און נישט-שלום, און אין תוך גענומען געפינען

מיר זיך נאָך אויך הײַנט מיט ענגלאַנד אין זעלבן צושטאַנד.

אין דער צײַט פֿון די בריסקער אונטערהאַנדלונגען איז סוף־כּל־סוף אַלץ באַשטאַנען אין דער פֿראַגע צי אָנהויב 1918 וואָלטן זיך שוין די רעוואָלוציאָנערע באַדינגונגען אין דײַטשלאַנד געהאַט אויף אַזוי ווײַט אַנטוויקלט, אַז נישט פֿירנדיק ווײַטער קיין מלחמה — ווײַל קיין אַרמיי האָבן מיר שוין גאָר נישט פֿאַרמאָגט — וואָלטן מיר אויך נישט געמוזט אונטערשרײַבן דעם שלום.

די דערפֿאַרונג האָט דאַן געוויזן, אַז לענין האָט געהאַט רעכט: אַזאַ אַנטוויקלונג איז נאָך אין דײַטשלאַנד נישט געווען. די פֿאַלשקייט פֿון דער אומגעהײַערער איבערטרײַבונג, וועלכע מ׳האָט צוגעשריבן דערדאָזיקער מיינונגס־פֿאַרשיידנקייט, האָב איך אויפֿגעוויזן אין 14־טן באַנד פֿון מײַנע ווערק און אין די באַמערקונגען צום דאָזיקן באַנד מיט דאָקומענטן. דידאָזיקע מיינונגס־פֿאַרשיידנקייט האָט אַפֿילו נישט איבערגעלאָזן קיין שאָטן פֿון ביטערקייט אין אונזערע פּערזענלעכע באַציונגען. גראָד איינציקע טעג נאָכן אונטערשרײַבן דעמדאָזיק שלום בין איך — לויט דער אָנווײַזונג פֿון וולאַדימיר איליטש (לענין) — געשטעלט געוואָרן אין דער שפּיץ פֿון מיליטערוועזן.

די חילוקי־דעות וועגן דער פּראָפֿאַראײַנפֿראַגע זענען געווען שאַרפֿער און האָבן אויך לענגער געדויערט. די שאַרפֿקייט פֿון דידאָזיקע חילוקי־דעות איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון פֿאַקט, וואָס די ווירטשאַפֿט פֿון לאַנד איז געבליבן שטעקן אין אַ טעמפּן ווינקל. דער אויסוועג פֿון דאָזיקן טעמפּן ווינקל דורך דער „נײַער ווירטשאַפֿטספּאָליטיק", דורך אײַנפֿירן אַ געוויסן פּריוואַטקאַפּיטאַליזם, איז באַשלאָסן געוואָרן איינשטימיק. מיט דערזעלבער איינשטימיקייט איז מיט איינציקע חדשים שפּעטער אָנגענומען געוואָרן די נײַע רעזאָלוציע וועגן די פּראָפֿאַראײַנען, וואָס האָט פֿאַרביטן די קעגנזײַטלעכע רעזאָלוציע פֿון צענטן קאָנגרעס.

ווען מ׳זאָל וועלן גלייבן די איצטיקע פּאַרטייהיסטאָריקער, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז די ערשטע זעקס יאָר פֿון דער רעוואָלוציע זענען אינגאַנצן אויסגעפּילט געווען מיט די קריגערייען וועגן בריסק און די פּראָפֿאַראײַנען, אַלדאָס איבעריקע

אין פאַרשווונדן: די צוגרייטונג פון אָקטאָבער-אויפשטאַנד, דער אויפשטאַנד גופא, דאָס באַשטימען די רעגירונג, די בילדונג פון דער רויטער אַרמיי, דער בירגערקריג. די פיר קאָנגרעסן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, די גאַנצע ליטעראַרישע אַרבעט פון דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, די אַרבעט פון די אָנפירונגסאָרגאַנען פון די אויסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען און פון אונזער אייגענער פּאַרטיי, — פון דערדאָזיקער גאַנצער אַרבעט, וואָס אין אירע וויכטיקסטע פּראַגעס האָב איך זיך געפונען אין פולן הסכם מיט לענינען, זענען לויט אונזערע איצטיקע היסטאָריקער פאַרבליבן בלויז צוויי מאָמענטן: בריסק און די פּראָפּאַראייגען.

סטאַלין און זיינע לאַקייען האָבן זיך שטאַרק אָנגעמאַטערט צו מאַכן פון דער פּראָפּאַראיינדיסקוסיע א „ביטערן" קאַמף פון טראָצקין קעגן לענינען.

איך וויל דאָ נאָר ברענגען די ווערטער, וואָס איך האָב געזאָגט צום חבר שליאַפּניקאָוו, דעם אַנטשיידנסטן קעגנער פון לענינס פּאָליטיק, אין דער צייט פון דער העכטיקסטער דיסקוסיע (דעם 26-טן יאַנואַר 1921) אויפן באַרגאַרבעטער-קאָנגרעס.

„חבר שליאַפּניקאָוו האָט דאָ געזאָגט — ס'קען זיין, אַז כ'דריק אויס זיין געדאַנק אַביסל גראָב: „גלויבט נישט אין דערדאָזיקער מיינונגספאַרשידנקייט צווישן טראָצקין און לענינען. זיי וועלן זיך שוין ווידער אייניקן, און דער קאַמף וועט דאַן געפירט ווערן בלויז קעגן אונז!" ער זאָגט: „גלויבט נישט אין דעם!"

„איך פאַרשטיי נישט, וואָס ער מיינט אייגנטלעך מיטן דאָזיקן גלויבן אָדער נישט-גלויבן. אודאי וועלן מיר זיך ווידער אייניקן. מיר מעגן קעמפן ביי דער אַנטשיידונג פון אַ באמת וויכטיקער פראַגע, אָבער דער שטרייט טרייבט דאָך אונזערע געדאַנקען אין דער ריכטונג צו אַ הסכם".

דאָס איז געווען מיין לעצט וואָרט אויף דעם צווייטן אַלרוסישן באַרגאַרבעטער-קאָנגרעס דעם 26-טן יאַנואַר 1921.

דעם פאָלגנדיקן אָפּזאַץ פון דערזעלבער רעדע האָט לענין ציטירט אין זיין בראָשור (אין 18-טן באַנד פון זיינע ווערק):

„אין מיין שארפסטער פּאָלעמיק מיטן חבר טאָמסקי האָב איך תּמיד באַטאָנט, אַז פאַר מיר איז קלאָר, דאָס אונזערע פירער אין די פּראָפאַראײנען קענען זײן בלויז מענער מיט אַ דערפאַרונג און אַ אויטאָריטעט, ווי דאָס באַזיצט דער חבר טאָמסקי. חלוקי־דעות אין דער פּאַרטײ באַדייטן דאָך נישט קײן קעגנזײטיקע אונטערדריקונג און באַזײטיקונג״.

און דאָ ברענג איך, וואָס לענין האט געזאָגט אויפן צענטן פּאַרטײקאָנגרעס וועגן דערזעלבער פראַגע אין זײן שלוס־וואָרט, וואָס האָט סומירט די דיסקוסיע וועגן די פּראָ־פאַראײנען:

„שליאַפּניקאָוו האָט געזאָגט, אַז לענין און טראָצקי וועלן זיך שוין ווידער אויסגלײכן, און טראָצקי האָט געענטפערט: „דער, וואָס פאַרשטייט נישט, אַז עס איז נויטווענדיק צו קו־מען צו אַן אויסגלײך, דער גייט קעגן דער פּאַרטײ; אודאי וועלן מיר זיך אויסגלײכן, ווײל מיר זענען פּאַרטײ־חברים״. איך בין מסכים געווען מיט טראָצקין. געוויס האָבן מיר, איך און טראָצקי, געהאַט פאַרשײדענע מײנונגען. אָבער דאַן, ווען אין צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט בילדעט זיך אויס אַ מער אָדער ווײניקער גלײכשטאַרקע מײנונגס־פאַרשידנקייט, דאַן אַנט־שיידעט די פּאַרטײ, און זי אַנטשיידעט אויף אַזאַ אופן, אַז מיר גלײכן זיך אויס לטובת דעם ווילן און דעם קורס פון דער פּאַרטײ. דאָס איז די דערקלערונג, מיט וועלכער מיר, טראָצקי און איך, זענען געגאַנגען צום באַרגאַרבעטער־קאָנגרעס און מיט וועלכער מיר זענען אויך געקומען אַהער״.

איז דאָס דען ענלעך אין אַ וועלכער נישט איז הינזיכט אויף דער נידערטרעכטיקער שרײבעכץ, וואָס מען שטעלט היינט אַרויס אַלס געשיכטע פון דער פּראָפאַראײנסדיסקוסיע?

דער ענין ווערט לעכערלעך, ווען בוכאַרין באַמיט זיך זאָרגלאָז אויסצונוצן די פּראָפאַראײנסדיסקוסיע אַלס וואָפן קעגן דעם „טראָצקיזם״. לענין כאַראַקטעריזירט אויף פאָלגנדיקן אופן (אין 18־טן באַנד פון זײנע ווערק) בוכאַרינס האַלטונג אין יענער דיסקוסיע:

„ביז איצט איז טראָצקי געווען דער „אָנפירער״ אין קאַמף, איצט אָבער האָט אים בוכאַרין אָנגעיאָגט און אים אפילו

איבערגעיאָגט. בוכארין האָט געשאַפן אין קאַמף אַ גאַנץ נייע לאַגע, ווייל ער האָט זיך איינגערעדט אַ טעות, וואָס איז הונ־דערט מאָל ערגער ווי אַלע טראָצקיס טעותן צוזאַמען.

ווי אַזוי האָט זיך בוכארין גערעכנט דעררייידן צום דאָזיקן אָפּקער פון קאָמוניזם? מיר קענען אַלע דעם ווייכן מהות פון חבר בוכארין, זיינע אַ אייגנשאַפט, צוליב וועלכער מיר האָבן אים ליב און מוזן אים ליב האָבן. מיר ווייסן, אַז אָפט האָט מען אים אין שפּאַס אָנגערופן „ווייכער וואַקס". עס דאַכט זיך, אַז יעדער „פּרינציפּלאָזער מענטש", יעדער „דעמאַ־גאָג" קען אַריינדריקן אין דאָזיקן ווייכן וואַקס, וואָס ער וויל נאָר. די ווערטער פון דערדאָזיקער שאַרפער כאַראַקטעריסטיק שטאַמען פון חבר קאַמענעוו פון דער דיסקוסיע פון 17-טן יאַנואַר. ער האָט געהאַט דאָס רעכט זיי אָנצוווענדן, אָבער קאַמענעוון אָדער אַ וועמען נישט איז אַנדערן וואָלט באַטיר־לעך קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו באַצייכענען דאָס געשעענע אַלס פּרינציפּלאָזע דעמאַגאָגיע אָדער עס דערקלערן מיט אַזעל־כענער".

# מיט לענינען אין אינטערנאציאנאל

צי איז דען בכלל די פראגע פון די פראפאראיינען גע־טען די איינציקע אין לעבן פון דער פארטיי און פון דער ראטנרעפובליק בעת די יארן פון מיין צוזאמענארבעט מיט לע־נינען? אין גלייכן יאר 1921, דעם יאר פון צענטן קאנגרעס פון אונזער פארטיי, האבן מיר געהאט דעם דריטן קאנגרעס פון קאמינטערן, וואס האט געשפילט א גאנץ באדייטנדיקע ראלע אין דער געשיכטע פון דער אינטערנאציאנאלער ארבע־טער-באוועגונג.

אויפן דאזיקן דריטן קאנגרעס האט זיך אנטוויקלט א שארפער שטרייט וועגן די וויכטיקסטע פראגעס פון דער קאמו־ניסטישער פאליטיק. דער דאזיקער שטרייט איז אריבערגעטראגן געווארן אין אונזער פאליטישער ביורא. מיט א קורצער צייט צוריק האב איך באהאנדלט די דאזיקע פראגעס אויף א זיצונג פון פאליטישן ביורא.

„אין יענער צייט איז פארגעשטאנען די סכנה, אז די פאליטיק פון קאמינטערן וועט זיך אנטוויקלען אין דער ליניע פון די מערץ-געשעענישן אין דייטשלאנד — דאס הייסט, אז מ'וועט קינסטלעך שאפן א רעוואלוציאנערע סיטואציע, מ'וועט „עלעקטריזירן" דעם פראלעטאריאט, ווי א דייטשער חבר האט עס אנגערופן. די שטימונג אויף דעם קאנגרעס איז געווען אנטשיידן דערפאר, אבער וולאדימיר איליטש (לענין) איז בע־קומען צו דער איבערצייגונג, אז ביי אזא קורס וועט דער אינטערנאציאנאל געוויס צעשמעטערט ווערן. פארן קאנגרעס

האָב איך געשריבן דעם חבר ראדעק מיין איינדרוק פון די מערץ-געשעענישן אין אַ בריוו, וועגן וועלכן וולאַדימיר איליטש האָט גאָרנישט געוווסט. נעמענדיק אין אַכט די קיצלדיקע לאַגע און היות מיר איז נישט געווען באַקאַנט וולאַדימיר איליטשעס מיינונג, אָבער דאַקעגן האָב איך געוווסט, אַז זינאָוויעוו, בוכאַרין און ראַדעק זענען געווען אין אַלגעמיין פאַר די דייטשע לינקע, האָב איך זיך נאַטירלעך נישט אויסגעדריקט אָפן און כ'האָב אין דער פאָרם פון אַ בריוו געשריבן צו ראַדעקן, בעטנדיק אים, ער זאָל מיר מיטטיילן זיין מיינונג.

צווישן מיר און ראַדעקן איז נישט געקומען צו קיין הסכם. וולאַדימיר איליטש, וועלכער האָט געהערט וועגן דעם, האָט מיך געשיקט רופן און האָט מיר געשילדערט די לאַגע אין קאָמאינטערן אַלס אַזעלכע, וועלכע קען ברענגען צו די גרעסטע געפאַרן. אין דער אָפשאַצונג פון דער לאַגע און אירע פראָבלעמען האָבן מיר געהאַט איין-און-דיזעלבע מיינונג.

נאָך דעמדאָזיקן שמועס האָט וולאַדימיר איליטש געשיקט רופן דעם חבר קאַמענעוו, כדי זיך צו זיכערן אַ מערהייט אין פאָליטישן ביוראָ. היות דאָס פאָליטישע ביוראָ איז דעמאָלט באַשטאַנען פון פינף חברים, זענען מיר צוזאַמען מיט קאַמענעוון געווען זאַלבעדריט און האָבן אַזוי אַרום געהאַט אַ מערהייט.

אָבער אין אונזער דעלעגאַציע צום קאָמינטערן זענען פון איין זייט אַריינגעגאַנגען די חברים זינאָוויעוו, בוכאַרין און ראַדעק, פון דער צווייטער זייט וולאַדימיר איליטש, איך און קאַמענעוו, און, אגב אורחא, האָבן מיר אויך געהאַט באַזונדערע זיצונגען פון דידאָזיקע גרופעס. וולאַדימיר האָט דעמאָלט געזאָגט: „מיר בילדן אַזויווי א נייע פראַקציע". אין די דעבאַטן וועגן טעקסט פון די פאָרגעלייגטע רעזאָלוציעס האָב איך פאַרטראָטן די פראַקציע פון וולאַדימיר איליטש, און ראַדעק האָט פאַרטראָטן די פראַקציע פון חבר זינאָוויעוו.

זינאָוויעוו האָט באַמערקט, אַז די גאַנצע לאַגע האָט זיך געענדערט.

יאָ, זי האָט זיך געענדערט, און חבר זינאָוויעוו האָט, אגב אורחא, דעמאָלט באַשולדיקט אויפן שאַרפסטן אופן דעם חבר ראַדעק, ווייל ער

האָט ביי אונזערע פאַרהאַנדלונגען „אָפּגעגעבן" זיין פּראַקטיש
דאָס הייסט, ער זאָל אונז צופיל האָבן נאָכגעגעבן.

דער קאַמף איז אין אַלע פּאַרטייען פון קאָמאינטערן געווען זייער אַ העפטיקער, און וולאַדימיר איליאיטש האָט זיך מיט מיר אָן עצה געהאַלטן, וואָס מיר זאָלן טאָן, ווען דער קאָנגרעס וועט שטימען קעגן אונז. זאָלן מיר זיך אונטערוואַרפן דעם קאָנגרעס, וואָס זיין אַנטשיידונג קען אפשר ברענגען פאַטאַלע רעזולטאַטן, אָדער זיך נישט אונטערוואַרפן? דעם אָפּקלאַנג פון אונזער באַראַטונג קען מען געפינען אין סטענאָגראַפישן באַריכט פון מיין רעדע. איך האָב דעמאָלט געזאָגט, — אין הסכם מיט איליאיטשן: „אויב איר, דער קאָנגרעס, וועט אָננעמען אַ אַנטשיידונג קעגן אונז, וועט איר אונז דאַן, גלויבן מיר, געבן גענוג צייט, מיר זאָלן אויך אין דער צוקונפט קענען פאַרטיידיקן אונזער מיינונג". דער זין פון דערדאָזיקער וואָרנונג איז געווען גאַנץ קלאָר. איך מוז אָבער צוגעבן, אַז די באַציאונגען, וועלכע האָבן דאַן געהערשט אין אונזער דעלעגאַציע, זענען אַדאַנק לעגינס פירערשאַפט געבליבן גאַנץ חבריש".

אין הסכם מיט לעגינען האָב איך פאַרטיידיקט אונזער געמיינזאַמע שטעלונג אין אויספיר־קאָמיטעט פון אונזער פּאַרטיי, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג פאַרן דריטן קאָנגרעס. איך האָב העפטיק אָנגעגריפן די אַזויגערופענע לינקע גרופּע. וולאַדימיר איליאיטש, וועלכער איז אייליק געקומען אויף דער זיצונג פון אויספיר־קאָמיטעט, האָט דאָרט געזאָגט פאָלגנדיקס:

„איך בין דאָ געקומען, כדי צו פּראָטעסטירן קעגן דער רעדע פון חבר בעלאַ קון. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן חבר טראָצקין, אָנשטאָט אים צו פאַרטיידיקן, ווי ער וואָלט דאָס געדאַרפט טאָן, ווען ער זאָל זיין אַן עכטער מאַרקסיסט...

דער חבר לאַ פּאָרט איז אינגאַנצן געווען אומגערעכט, און חבר טראָצקי, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן קעגן אים, איז אינגאַנצן גערעכט... חבר טראָצקי איז טויזנטמאָל גערעכט געווען. און עס איז דאָ אַרויסגעטראָטן נאָך אַ לוקסעמבורגער חבר, וועלכער האָט פאַרגעוואָרפן דער פראַנצויזישער פּאַרטיי, אַז זי האָט נישט סאַבאָטירט די אָקופּאַציע פון לוקסעמבורג.

אָט דאָס איז עס. אויך ער גלויבט, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ געאָגראַפישער פראַגע, פונקט ווי דאָס טוט בעלאַ קון. ניין, דאָס איז אַ פּאָליטישע פראַגע, און חבר טראָצקי האָט געהאַט פולקאָם רעכט צו פּראָטעסטירן קעגן דעם...

דאָס איז דער גרונד, פאַרוואָס איך האָב באַטראַכט פאַר מיין חוב צו אונטערשטיצן מיט דער גאַנצער קראַפט די שטעלונג פון חבר טראָצקי..."

דורך לענינס גאַנצער רעדע בעתן דריטן קאָנגרעס גייט דורך דידאָזיקע שאַרפע באַטאָנונג פון אַבסאָלוטער אייניקייט מיט טראָצקין.

איך ברענג דאָ נאָך אַ ביישפּיל פון אונזער סאָלידאַרישקייט. אין יאָר 1922 איז לויט דער איניציאַטיוו פון חבר טערוואַגאַניאַן געגרינדעט געוואָרן אַ חודש-זשורנאַל: „אונטער דער פאָן פון מאַרקסיזם". אין ערשטן נומער האָב איך פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן דעם אונטערשייד אין די דערציאונגס-באַדינגונגען פון די ביידע גענעראַציעס אין דער פאַרטיי, פון דער אַלטער און דער נייער, און וועגן דער נויטיקייט פון אַ ספּעציעלער טעאָרעטישער אויסבילדונג פון דער נייער גענעראַציע, כדי דידאָזיקע זאָל איינהיטן די טעאָרעטישע און פּאָליטישע ירושה פון דער פאַרטיי. אין פאָלגנדיקן נומער פון נייעם חודש-זשורנאַל האָט דאַן לענין געשריבן:

„וועגן דער אַלגעמיינער אויפגאַבע פון זשורנאַל „אונטער דער פאָן פון מאַרקסיזם", האָט חבר טראָצקי אין ערשטן און צווייטן נומער געזאָגט דאָס עיקרדיקע, און ער האָט עס זייער גוט געזאָגט. איך וויל דאָ איצט באַרירן געוויסע פראַגעס, זיך אָפּשטעלנדיק גענויער אויפן אינהאַלט און דער אַרבעטס-פּראָגראַם, ווי זי איז אַנטוויקלט געוואָרן דורך די אַרויסגעבער פון דער צייטשריפט אין זייער אַריינפירנדיקער דערקלערונג צום ערשטן און צווייטן נומער".

צי דען האָט אונזער הסכם אין דידאָזיקע גרונדפראַגעס געקענט זיין בלויז אַ צופעליקער? דער איינציקער צופאַל איז געוועזן דער פאַקט, וואָס אונזער הסכם איז איינמאָל אַזוי בולט געקומען צום אויסדרוק אין דער פרעסע. אין דער גרעסטער מערהייט פאַלן האָט זיך אונזער סאָלידאַריטעט פאַרקערפּערט בלויז אין מעשים.

# מיט לעניען אין דער פויערים-פראגע

ווען בוכארין איז צוליב פשוטער נעגאציע אדער גרינג־שעצונג פון די פויערים געקומען צו זיין רעאקציאנערן לאזונג: „באַרייכערט זיך!“, האט ער געגלויבט, אז מיט איין ווארט האט ער פארבעסערט אלע זיינע פעלערן, נאך מער, ער האט געגלויבט, אז די פויערים-פראגע קען ער אַרויפציען אויפן זעלבן פאדים ווי מיין מיינונגס־פארשידנקייט מיט לעניגען וועגן בריסק און מיינע אנדערע קליינע חלוקי־דעות מיט אים. די באנאליטעטן און נארישקייטן, וואס בוכארינס פארטיי־שולע האט געלאזט אין גאנג וועגן דאזיקן ענין, קען מען פשוט נישט אויפציילן. מען וואלט געמוזט שרייבן א ספעציעל בוך, כדי זיי אלע אפצווליקענען. איך וויל דעריבער דערמאנען בלויז די וויכטיקסטע פונקטן:

אויף די אלטע, פאררעוואלוציאנערע חלוקי־דעות, וואס האבן באמת עקזיסטירט, שטעל איך זיך נישט אפ. איך וויל נאר זאגן, אז סטאלינס אגענטן און בוכארינס שולע האבן זיי אן א מאס איבערגעטריבן, פארדרייט און פארקריפלט.

אין יאר 1917 האט צווישן מיר און לעניגען נישט עקזיסטירט די מינדסטע מיינונגס־פארשידנקייט אין דערדאזיקער פראגע.

די סאציאל־רעוואלוציאנערע דארף־פראגראם האט וולאדימיר איליטש אנגעווארפן אין פולן הסכם מיט מיר.

לעגינס פאראָרדנונג וועגן דער אגראר־פראגע האב איך צוערשט געלייענט אין איר ערשטן בליישטיפט־פראיעקט. עס

זענען וועגן איר נישט געווען קיין שום חלוקי-דעות. מיר האָבן געהאַט איין-און-דיזעלבע מיינונג.

אין דער אַפּראָוויזאַציע-פּאָליטיק פאַרנעמט, נאַטירלעך, די פּויערים-פראַגע נישט קיין קליינעם אָרט. אויבערפלעכלעכע מענטשן ווי מאַרטינאָוו, זאָגן, אַז די דאָזיקע פּאָליטיק איז געווען „טראָצקיסטיש". ניין, זי איז געווען אַ באָלשעוויסטישע פּאָליטיק. איך האָב זי דורכגעפירט האַנט ביי האַנט מיט לענינען. עס האָט דערביי נישט געהערשט אפילו קיין שאָטן פון אַ מיינונגספאַרשידנקייט.

דער קורס, וואָס שטיצט זיך אויפן מיטעלן פּויערטום איז אָנגענומען געוואָרן ביי מיין טעטיקסטן אָנטייל. די מיטגלידער פון פּאָליטישן ביוראָ ווייסן, אַז נאָך סווערדלאָווס טויט איז וולאַדימיר איליטשעס ערשטער געדאַנק געווען צו באַשטימען דעם חבר קאַמענעוו פאַר אַ פּאָרזיצנדן פון אַלרוסישן אויספיר-קאָמיטעט. דער פּאָרשלאָג, אויסצווויילן אָנשטאָט איב אַ פּאָרשטייער פון די לאַנד-אַרבעטער, שטאַמט פון מיר און איך האָב אויך פּאָרגעשלאָגן די קאַנדידאַטור פון חבר קאַלינין. ער האָט באַקומען, ווידער דורך מיר, דעם טיטל פון אַן „אַלרוסישן סטאַראָסטע". דאָס אַלץ האָט, נאַטירלעך, בלויז אַ צווייטראַנגיקע באַדייטונג, און עס וואָלט זיך גאָרנישט געלוינט דאָס באַזונדער צו דערמאָנען. אָבער ביי היינטיקן טאָג האָבן אַזעלכע קלייניקייטן, אַזעלכע סימפּטאָמען אַ פאַרניכטנדיקע באַדייטונג לגבי די פעלשער פון דער פאַרגאַנגענהייט.

אָנהויב 1920, דאָס הייסט מיט אַ יאָר פריער איידער לענין האָט פּאָרגעשלאָגן און ס'איז אָנגענומען געוואָרן די נייעווירטשאַפטלעכע פּאָליטיק, האָב איך אויפן גרונד פון אַ אויספאָרשונג פון דער פּויערישער ווירטשאַפטס-לאַגע פּאָרגעלייגט דעם פּאָליטישן ביוראָ אַ גאַנצע ריי מאָסמיטלען, וואָס זענען ענלעך געווען צו דער נייער ווירטשאַפטס-פּאָליטיק. דער דאָזיקער פּאָרשלאָג מיינער האָט דאָך באמת נישט געקענט דיקטירט ווערן דורך „גלייכגילטיקייט" לגבי די פּויערים.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז די דיסקוסיע וועגן די פּראָפּאַראייגען געווען אַ זוכעניש נאָך אַן אויסוועג פון אַ ווירטשאַפטלעכן טעמפּן ווינקל. דער איבערגאַנג צו דער נייער

ווירטשאַפטספּאָליטיק איז דורכגעפירט געוואָרן אין פולער איינ־שטימיקייט.

דאָס אַלץ קען דערוויזן ווערן דורך באַגלויבטע דאָקו־מענטן. מיט דער צייט וועט דאָס טאַקע נאָך געשען. דאָ באַ־נוגן איך זיך בלויז מיט צוויי ציטאַטן.

ענטפערנדיק אויף אַ פראַגע וועגן אונזער באַציאונג צום קולאַק, צום מיטעלן און צום אָרעמען פויער, און וועגן די כלומרשטע חלוקי־דעות צווישן לענינען און טראָצקין בנוגע דער פויערים־פראַגע, האָב איך אין יאָר 1919 געשריבן אין דער „איזוועסטיאַ":

וועגן דערדאָזיקער פראַגע האָבן אין די צענטרען פון דער ראַטנמאַכט נישט געהערשט קיין שום חלוקי־דעות, און אויך איצט עקזיסטירן זיי נישט אין דאָזיקן פרט. די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן, וואָס זייער זאַך ווערט אַלץ מער האָפנונגס־לאָזער און וואָס ווילן אַריינפירן אין טעות די אַרבעטנדיקע מאַסן, איז מער גאָרנישט געבליבן ווי דערדאָזיקער כלומרש־טער קאָנפליקט, וואָס זאָל האָבן פאַרכאַפּט אויך דעם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן".

אַלס ענטפער אויף אַ פראַגע פון פויער גולאָוו האָט לע־נין געשריבן פאָלגנדיקס וועגן דערדאָזיקער טעמע אין פעב־רואַר 1919 אין דער „פראַוודאַ":

„אין דער „איזוועסטיאַ" פון 7־טן פעברואַר איז דערשי־נען אַ בריוו פון פויער ג. גולאָוו, וועלכער באַרירט די באַציאונג פון אונזער אַרבעטער־ און פויערים־רעגירונג צום מיטעלן פוי־ערטום און ער רעדט וועגן קלאַנגען, אַז צווישן לענינען און טראָצקין הערשט נישט קיין הסכם, אַז עס עקזיסטירן צווישן זיי ערנסטע מיינונגספאַרשידנקייטן, דער עיקר בנוגע דערדאָזי־קער פּראָבלעם פון מיטעלן פויער.

חבר טראָצקי האָט שוין געענטפערט אויף דעם דעם 7־טן פעברואַר אין דער „איזוועסטיאַ". חבר טראָצקי דער־קלערט, אַז די קלאַנגען וועגן חלוקי־דעות צווישן אים און מיר איז אַן אומגעהייערער ליגן, וואָס ווערט פאַרשפּרייט דורך די גוטבאַזיצער און קאַפּיטאַליסטן אָדער דורך זייערע באַוווס־טע און אומבאַוווסטע לאַקייען. איך פון מיין זייט שליס זיך

אָן אין דער דערקלערונג פון חבר טראָצקי. וועגן דער פוי־ערים־פראַגע עקזיסטירן נישט קיין שום חלוקי־דעות צווישן מיר און אים, ווי אויך נישט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס מיר ביידע זענען דאָך אירע מיטגלידער.

חבר טראָצקי האָט אין זיין בריוו קלאָר און גענוי דער־קלערט, פאַרוואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די אַרבעטער־און פויערים־רעגירונג, וואָס איז געוויילט דורך די ראַטן און די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, באַטראַכטן נישט די מיטעלע פויערים אַלס זייערע שונאים. איך חתמע אונטער אַלץ, וואָס טראָצקי האָט וועגן דעם געשריבן".

דאָ שטויסן מיר זיך ווידער אָן אויף דערזעלבער גע־שיכטע. דער קלאַנג איז צוערשט געבוירן געוואָרן דורך דער ווייסער גוואַרדיע. איצט ווערט ער אויפגעכאַפּט, פאַרגרעסערט און באַוווסטזיניק פאַרשפּרייט דורך סטאַלינס און בוכארינס אָנ־הענגער.

# מיין מיליטערישע אַרבעט

אונטער סטאַלינס פירערשאַפט איז געמאַכט געוואָרן אַ פרווו איבערצואַנדערשן אויף די געשיכטע וועגן מיין מיליטערישער אַרבעט, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1918. כדי צו קעמפן קעגן „טראָצקיזם״, אָדער ערלעכער געזאָגט, כדי צוקעמפן קעגן טראָצקין, האָט מען געמאַכט אַן אמתן פרווו צו ענדערן די גאַנצע געשיכטע כון בירגערקריג.

דערציילן דאָ דעם אַנטשטייאונגס-פּראָצעס פון דער רויטער אַרמיי און וועגן לענינס באַציאונג צו דערדאָזיקער אַרבעט, וואָלט געהייסן שרייבן אַ געשיכטע פון בירגערקריג. אין איצטיקן מאָמענט שרייבן די דאָזיקע געשיכטע, לויט סטאַלינס אויפטראג, מענטשן ווי גוסעוו. שפּעטער וועלן זי אַנדערע שרייבן. איך מוז זיך באַנוגענען מיט צוויי אָדער דריי ביישפּילן, געשטיצט אויף דאָקומענטן.

ווען אונזערע חיילות האָבן פאַרנומען קאזאן, האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַפישע באַגריסונג פון וולאַדימיר אילאיטש, וועלכער האָט זיך גראָד דעמאָלט געהאַט דערהאָלט פון זיין קראַנקהייט:

„מיט באַגייסטערונג באַגריס איך דעם הערלעכן זיג פון דער רויטער אַרמיי. זאָל ער זיין פאַר אונז אַ סימבאָל, אַז דער בונד פון די אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערע פויערים וועט פולשטענדיק צעשמעטערן די בורזשואַזיע, אַז זי וועט פאַרניכטן יעדן ווידערשטאַנד פון די עקספּלואַטאַטאָרס און זיכערן דעם נצחון פון וועלטסאָציאַליזם. זאָל לעבן די אַרבעטער-רעוואָלוציע!

לענין.

דעם 19-טן סעפּטעמבער 1918״.

די שפּראַך פון דער דעפּעשע, וואָס איז לגבי לעגינס געוויינלעכן אויסדרוק-שטייגער זייער אַ געהויבענע — „מיט באַגייסטערונג באַגריס איך" — ווייזט, סאַראַ אומגעהייערע באַדייטונג ער האָט — און מיט רעכט — צוגעשריבן דער איינעמונג פון קאַזאַן. דאָ איז געגעבן געוואָרן דער ערשטער און טיף-אַנטשיידנדיקער באַווייז פאַר דער שטאַרקייט פון די פאַראייניקטע אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערע פויערים, וועלכע האָבן נאָך אַרויסגעוויזן זייער פעאיקייט צו שאַפן אינמיטן פון ווירטשאַפטלעכן רואין און דער שרעקלעכער, דורכן אימפּעריאַליסטישן קריג אַרויסגערופענער פאַרוויסטונג, אַ קעמפנדיקע, רעוואָלוציאָנערע אַרמיי. דאָ האָט די סיסטעם פון דער רויטער אַרמיי אויסגעהאַלטן איר פייער-פּראָבע, און לענין האָט אָנערקענט די באַדייטונג פון דערדאָזיקער פייער-פּראָבע.

אויף דעם אַכטן פאַרטיי-קאָנגרעס האָט אַ גרופּע זעלנער-דעפּוטאַטן קריטיקירט די קריגספּאָליטיק. די סטאַלינס און די וואָראָשילאָווס האָבן זיך לעצטנס אויסגעדריקט, אַז איך האָב קיין מוט נישט געהאַט צו קומען אויפן קאָנגרעס און אויסצוהערן דידאָזיקע קריטיק. ווי ווייט דאָס איז פון דערווירקלעכקייט! איך ברענג דאָ דעם באַשלוס פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט בנוגע מיין אָפּרייזן אויפן פראָנט ערב דעם קאָנגרעס:

אויסצוג פון באַריכט וועגן דער זיצונג פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט דעם 16-טן מערץ 1919. אָנוועזנדיקע מיטגלידער: די חברים לענין, זינאָוויעוו, קרעסטינסקי, וולאַדימירסקי, סטאַלין, שמידט, סמילגאַ, דזשערזשינסקי, לאַשעוויטש, בוכאַרין, סאָקאָלניקאָוו, טראָצקי, סטאַסאָוו.

די באַהאַנדלטע פראַגע:

(12) פאַרשיידענע חברים פון פראָנט, וואָס האָבן געהערט וועגן באַשלוס, אַז די פירער זאָלן זיך תיכף אומקערן אויפן פראָנט, האָבן געספקט אין דער ריכטיקייט פון דאָזיקן באַשלוס, ווייל די פראָנט-אָרגאַניזאַציעס קענען דאָס אויסטייטשן א״ס אַן אָפּזאָג פון דער צענטראַלער רעגירונג אויסצוהערן די טענות פון דער אַרמיי. אייניקע באַצייכענען עס אפילו אַלס אַן אויסרייד, ווייל חבר טראָצקיס אָפּרייזן און דאָס נישט צולאָזן די זעלנער-דעפּוטאַטן מאַכן בכלל נוצלאָז צו באַרירן די מיליטער-

רישע פּאָליטיק. חבר טראָצקי פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מ'טייטשט אויס דעם באַשלוס פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט אַלס אַן אויסרייד און ווייזט אָן אויף דער זייער ערנסטער לאַגע, וואָס דאָס צוריקציען זיך פון אופא און נאָך ווייטער צו מערב צו האָט געשאַפן. ער באַשטייט אויף זיין אָפּרייזן.

באַשלוס:

1. חבר טראָצקי זאָל תיכּף אָפּרייזן אויפן פראָנט.

2. חבר סאָקאָלניקאָוו זאָל אויף אַ זיצונג פון די פראָנט-פירער דערקלערן, אַז דער באַפעל דאָס אַלע זאָלן אָפּפאָרן איז אַנולירט און דערפאַר איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז עס זאָלן תיכּף אָפּפאָרן נאָר די יעניקע, וועלכע באַטראַכטן זייער אָנוועזנהייט אויפן פראָנט אַלס נויטווענדיק.

3. די פראַגע וועגן דער מיליטערישער פּאָליטיק זאָל זיין דער ערשטער פונקט אויפן סדר-היום פון קאָנגרעס.

4. חבר וו. מ. סמירנאָוו האָט אויף זיין בקשה באַקומען די דערלויבעניש צו בלייבן אין מאָסקווע.

דאָס אויבנגעבראַכטע גיט אַ בולטן ביישפּיל פון פּאַרטיי-רעזשים אין יענער צייט. אַלע, וועלכע האָבן אָנגעגריפן דעם צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט צוליב זיין מיליטערישער פּאָליטיק, און באַזונדערס דער פירער פון דער מיליטערישער אָפּאָזיציע, וו. מ. סמירנאָוו, האָבן, נישט געקוקט אויף דער שווערער לאַגע אויפן פראָנט, געקאָנט בלייבן אויף דעם פּאַרטיי-קאָנגרעס. די-יעניקע, וועלכע האָבן אונטערגעשטיצט די אָפיציעלע פּאָליטיק, זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אויפן פראָנט פאַר דער עפענונג פון קאָנגרעס. היינט וואָלט מען געהאַנדלט פּונקט פאַרקערט.

די באַריכטן פון דער מיליטערישער סעקציע פון אַכטן פּאַרטיי-קאָנגרעס, אין וועלכער לענין האָט אַנטשידן פּאַרטיי-דיקט די פּאָליטיק, וועלכע איך האָב דורכגעפירט לויט די אָנווייזונגען פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט, זענען ביז איצט נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. פאַרוואָס? ווייל זיי זענען פאַר-ניכטנדיק פאַר דער פאַלשער האַלטונג פון סטאַלין און גוסעוו בעתן בירגערקריג.

סטאַלין האָט געמאַכט דעם פּרוּוו צו לאָזן אין גאַנג אַ

דעכערלעך-איבערגעטריבענעם באַריכט וועגן אַ מיליטערישער
מיינונגספאַרשידנקייט, וואָס האָט זיך געשאַפן אָנהויב 1919-טן
יאָר אין פּאָליטישן ביוראָ בנוגע דער לאַגע פון מזרח-פראָנט.
דידאָזיקע מיינונגס-פאַרשידנקייט האָט דער עיקר באַזירט אויף
דער פראַגע, צי עס איז בעסער זיך רוקן פאָראויס אין סי-
ביר אָדער פאַרנעמען ביים אוראַל אַ פעסטע פּאָזיציע און אַלע
אונזערע כחות וואַרפן אויפן דרום, כדי צו באַפרייען פון אַ
סכנה מאָסקווע. אַ צייט לאַנג בין איך געווען פאַרן צווייטן
פּלאַן. אַ סך מיליטערישע מיטאַרבעטער, צווישן זיי סמילגאַ,
לאַשעוויטש, י. נ. סמירנאָוו, ק. י. גרינשטיין און אַנדערע זענען
געווען פאַרן צווייטן פּלאַן. דער ערשטער פּלאַן איז אָנגענומען
געוואָרן און האָט געבראַכט דערשטוינלעכע רעזולטאַטן. דידאָ-
זיקע מיינונגספאַרשידנקייט איז נישט געווען קיין טיפע; עס
האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ ריין-פּראַקטישער פראַגע. דער
פּרווו האָט באַוויזן, אַז קאָלטשאַקס אַרמיי האָט זיך געפונען
אין צושטאַנד פון פולשטענדיקער צעפאַלונג, און דער אָנגריף
אין סיביר האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.
דאָס צוריקאויפשטעלן די מיליטערישע דיסציפּלין איז
געווען אַ ברוטאַלע אַרבעט. זי איז דורכגעפירט געוואָרן נישט
אָן אונטערדריקונג און געוואַלטמיטלען. נישט איינעמס שטאָלץ
איז אָנגעגריפן געוואָרן — אַמאָל, ווייל דאָס איז נויטיק גע-
ווען, אַמאָל אָבער אויך צוליב אַ טעות. דאָס האָט נישט זעלטן
אַרויסגערופן אומצופרידנקייט, וועלכע איז נאַטירלעך אָפט
געווען גאַנץ באַרעכטיקט.
ווען עס האָבן זיך אויסגעבילדעט די חלוקי-דעות
בנוגע דעם מזרח-פראָנט, און דער צענטראַלער אויס-
פיר-קאָמיטעט האָט געמוזט באַשליסן די פראַגע פון ענדערן
די העכסטע אַרמיי-אָנפירונג, האָב איך פאָרגעלייגט מיין דע-
מיסיע פון פּאָסטן פון פאָלקסקאָמיסאַר פאַר אַרמיי-און פלאָט-
ענינים. דעמזעלבן טאָג, דעם 6-טן יולי 1919, האָט דער צענט-
ראַלער אויספיר-קאָמיטעט אָנגענומען אַ באַשלוס, וואָס זיין
עיקרדיקע טייל גיב איך דאָ איבער:
„דאָס אָרגאַניזיר-ביוראָ און דאָס פּאָליטישע ביוראָ פון
צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט האָבן אַלזייטיק באַטראַכט די דער-

קלערונג פון חבר טראָצקי און זענען איינשטימיק געקומען צום באַשלוס, אַז זיין דעמיסיע קען נישט אָנגענומען ווערן.

דאָס אָרגאַניזיר-ביוראָ און דאָס פּאָליטישע ביוראָ פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט וועלן טאָן אַלץ, וואָס זיי קענען, כדי די אַרבעט אויף דעם דרום-פראָנט, וועלכע חבר טראָצקי האָט אַליין אויסגעוויילט פאַר זיך און וועלכע איז אין איצטיקן מאָמענט די שווערסטע, די געפערלעכסטע און וויכטיקסטע, זאָל פאַרן חבר טראָצקי זיין וואָס באַקוועמער און פאַר דער רעפּובליק פון וואָס גרעסערן נוצן. אין זיין שטעלונג אַלס פאָלקסקאָמיסאַר פאַר קריג און אַלס פרעזידענט פון מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערן ראַט פון דרום-פראָנט איז חבר טראָצקי, — צוזאַמען מיט יעגאָראָוון, וועלכן ער האָט באַשטימט און וועלכן דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט האָט באַשטעטיקט אַלס באַפעלמעכטיקטן פון דרום-פראָנט, — לחלוטין פריי אין זיינע האַנדלונגען.

דאָס אָרגאַניזיר-ביוראָ און דאָס פּאָליטישע ביוראָ פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט גיבן דעם חבר טראָצקי די פולע רעכט, דורכצופירן מיט אַלע מיטלען יעדן מיליטערישן מאָסמיטל, וועלכן ער באַטראַכט פאַר נויטיק און אפילו נישט אָנפרעגן וועגן דעם דעם פּאַרטיי-קאָנגרעס".

די אונטערשריפטן אונטערן דאָזיקן באַשלוס זענען געווען: לענין, קאַמענעוו, קרעסטינסקי, קאַלינין, סערעבריאַקאָוו, סטאַלין, סטאַסאָווע. דער באַשלוס רעדט, נאַטירלעך, פאַר זיך אַליין. ער האָט אַ סוף געמאַכט צו די חלוקי - דעות און אַרויפגעפירט די אַרבעט אויף די ריכטיקע רעלסן.

נאָך איין באַמערקונג דערצו: אויף דער געמיינזאַמער זיצונג פון פּאָליטישן ביוראָ און פון דער פאַרוואַלטונג פון דער קאָנטראָל-קאָמיסיע דעם 8-טן סעפּטעמבער 1918 איז סטאַלין, לויט דעם סטענאָגראַפישן פּראָטאָקאָל, געווען דערפאַר, דער אויספיר-קאָמיטעט זאָל מיר פאַרבאָטן צו פאַרנעמען זיך מיט דעם דרום-פראָנט. אויף דעמדאָזיקן פאָרשלאָג האָט דער אויבנגעבראַכטער באַשלוס געגעבן אַן אויסשעפנדיקן ענטפער.

אָבער צי דען איז די מיינונגספאַרשידנקייט וועגן דעם מזרח - פראָנט געווען די איינציקע פון דאָ-

זיקן מין? לחלוטין נישט. עס האָט געהערשט אַ מיינונגספאַר־שידנקייט וועגן סטראַטעגישן פּלאַן קעגן דעניקינען. עס האָט געהערשט אַ מיינונגספאַרשידנקייט וועגן פּעטראָגראַד — צי זאָל מען אים איבערגעבן יודעניטשן אָדער מען זאָל אים פאַר־טיידיקן. חלוקי - דעות פון דאָזיקן מין זענען אַנט־שטאַנען אין פּראַקטישן טאָג-טעגלעכן קאַמף און זיי זענען אויך אַנטשידן געוואָרן אין קאַמף.

די נויטיקע דאָקומענטן וועגן דער אַקציע אויף דעם דרום-פראָנט געפינען זיך אין מיין בוך „ווי אַזוי די רעוואָ־לוציע האָט זיך באַוואָפנט".

בעת יודעניטשעס מאַרש אויף פּעטראָגראַד האָט לענין איינמאָלג עהאַלטן, אַז עס לוינט נישט צו פאַרטיידיקן די שטאָט, אַז מיר דאַרפן איבעררוקן אונזער פאַרטיידיקונגס-ליניע נענטער צו מאָסקווע. איך בין אָבער נישט מספּים געווען דערצו. חבר זינאָוויעוו האָט מיך אונטערגעשטיצט, און אויב איך האָב קיין טעות נישט, אויך חבר סטאַלין. דעם 17-טן אָקטאָבער האָט מיר לענין טע־לעגראַפירט קיין פּעטראָגראַד:

חבר טראָצקי!

די לעצטע נאַכט האָב איך פאַרבראַכט אין ראַט פאַר פאַרטיידיקונג און כ'האָב איך איבערגעשיקט זיין באַשלוס אין שיפרשריפט.

ווי איר זעט, איז אייער פּלאַן אָנגענומען געוואָרן. דאָס צוריקציען זיך פון די פּעטראָגראַדער אַרבעטער צו דרום איז נישט אָפּגעוואָרפן געוואָרן (מען האָט מיר דערציילט, אַז איר האָט די דאָזיקע אידייע אָנגעצייכנט צוזאַמען מיט קראַסינען און ריקאָוון). אָבער ריידן וועגן דעם פריצייטיק וואָלט הייסן אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון קאַמף.

אַ פּרוּוו איינצושליסן אָדער אָפּצושניידן פּעטראָגראַד וועט נאַ־טירלעך פאָדערן אַן אַנטשפּרעכנדיקע פאַרענדערונג פון אייער האַנדלען, צו וועלכן איר וועט גלייך דאַרפן צוטרעטן.

באַשטימט אין יעדער אָפּטיילונג פון דאָרטיקן אויספיר־קאָמיטעט עמיצן, ווער עס זאָל זאַמלען די ראַטנפּאַפּירן און דאָקומענטן אויפן פאַל פון עוואַקואַציע.

איך לייג צו אַ מאַניפעסט, וועלכן דער ראַט פאַר פאַר־

טיידיקונג תאָט באַשטעטיקט. איך האָב זיך אַביסל געאיילט, און דעריבער איז דער מאַניפעסט אַרויסגעקומען נישט איבע־ ריק גוט. שטעלט מיין אונטערשריפט אונטער אייערע.

גרוסן!

לעניןִ".

כ׳וואָלט דאָ געקענט ברענגען אַ סך אַזעלכע געשעענישן. אין באַשטימטן אויגנבליק האָבן זיי געהאַט אַ גרויסע פּראַקטי־ שע וויכטיקייט, אָבער דער שטרייט וועגן זיי האָט נישט גע־ האַט קיין פּרינציפּיעלע באַדייטונג. דאָס איז נישט געווען קיין קאַמף פאַר גרונדפּרינציפּן, נאָר מ׳האָט געדאַרפט אויסאַרבעטן דעם בעסטן פּלאַן צו באַקעמפן דעם שונא אין אַ באַשטימטער צייט און אויף אַ באַשטימטן אָרט. די סטאַלינס און גוסעווס זענען באַשעפטיקט מיט איבעראַנדערשן די געשיכטע פון בירגערקריג. דאָס וועט זיי נישט געלינגען.

# דער נידערטרעכטיקסטער ליגן
# פון די סטאַליניסטן

דאָס נידערטרעכטיקסטע פון סטאַליניסטישן קריגסצײַ[illegible] קעגן מיר איז די באַשולדיקונג, איך זאָל האָבן געלאָזט דער־שיסן קאָמוניסטן. דידאָזיקע באַשולדיקונג איז איינמאָל געלאָזט געוואָרן אין גאַנג דורך אונזערע שונאים, דורך דער באַקאַנ־טער „אינפאָרמאַציע־אַגענטור". די פּאָליטישע אָפּטיילונג פון די ווייסע אַרמייען האָט געפּרווט פאַרשפּרייטן געדרוקטע בלעט־לעך צווישן די רויטע זעלנער, אין וועלכע די רויטע קאָמאַנ־דירן און באַזונדערס טראָצקי זענען באַשולדיקט געוואָרן אין בלוטדורשטיקע מעשים. איצט גייען סטאַלינס אַגענטן מיטן זעלבן וועג.

לאָמיר אויף איין אויגנבליק אָננעמען, אַז דערדאָזיקער ליגן איז אַן אמת. פאַרוואָס זשע האָבן סטאַלין, יאַראָסלאַווסקי, גוסעוו און די אַנדערע סטאַליניסטן געשוויגן בעתן בירגער־קריג? וואָס באַדייט דען דידאָזיקע איצטיקע „דעמאַסקירונג" פון דער סטאַלין־אַגענטור? זי באַדייט פאָלגנדיקס:

„אַרבעטער, פּויערים און רויטע זעלנער, די פּאַרטיי האָט אײַך אָפּגענאַרט, ווען זי האָט אײַך דערציילט, אַז טראָצקי, דער אַרמייאָנפירער, האָט געהאַנדלט לויט דעם ווילן פון דער פּאַרטיי און האָט בלויז אויסגעפירט איר אויפטראָג. די פּאַר־טיי האָט אײַך אָפּגענאַרט, ווען זי האָט אין אומצייליקע אַר־טיקלען וועגן טראָצקיס אַרבעט און אין די רעזאָלוציעס פון

די־יע קאָנגרעסן נאָכגעגעבן איר הסכּמה צו טראָצקיס אַרבעט און אויסבאַהאַלטן פֿון אייך אַזעלכע פֿאַקטן, ווי די עקזעקוציע פֿון קאָמוניסטן. לענין האָט אָנטיילגענומען אין דערדאָזיקער אָפּגאַרעריי דורכדעם, וואָס ער האָט אַנטשידן אונטערגעשטיצט טראָצקיס מיליטערישע פּאָליטיק".

דאָס איז די אמתע באַדייטונג פֿון סטאַלינס דאָזיקער פֿאַרשפּעטיקטער „דעמאַסקירונג", זי קאָמפּראָמיטירט נישט טראָצקין, נאָר די פּאַרטיי און איר פֿירערשאַפֿט. זי גראָבט אונטער דעם צוטרוי פֿון די מאַסן צום גאַנצן באָלשעוויזם. אויב דאַן, אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, ווען לענין און זיינע אויסגעפּרוּווטסטע מיטאַרבעטער זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ פֿון דער פּאַרטיי איז מעגלעך געווען צו פֿאַרבאָרגן גראָבע פֿעלערס און אפילו פֿאַרברעכנס, טאָ וואָס קען מען דערוואַרטן איצט, ווען דער שטאַב פֿון צענטראַלן אויספֿיר-קאָמיטעט באַזיצט אַ סך אַ קלענערן אויטאָריטעט? אויב אין יאָר 1923, צום ביישפּיל, ווען דער בירגערקריג איז שוין פֿון לאַנג געווען אַ זאַך פֿון עבר, האָט יאַראָסלאַווסקי געזונגען אַ ליבגעזאַנג טראָצקין, זיין טרייקייט, זיין רעוואָלוציאָנערער איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך פֿון אַרבעטנדיקן קלאַס, טאָ וואָס װעלן איצט זאָגן יונגע פּאַרטיימיטגלידער, וואָס קענען זיך פֿאַרטראַכטן? זיי וועלן זיך פֿרעגן: „ווען, אייגנטלעך, האָט מיך יאַראָסלאַווסקי אָפּגענאַרט — דעמאָלט, ווען ער האָט געהויבן טראָצקין אין הימל אַריין, אָדער איצט, ווען ער באַמיט זיך אים צו באַוואַרפֿן מיט שמוץ"?

דאָס זענען די אמתע רעזולטאַטן פֿון די באַמיאונגען, װעלכע עס מאַכן סטאַלין און זיינע אַגענטן כּדי צו ענדערן די געשיכטע.

ענלעך איז די לאַגע ביי סטאַלינס באַרימטער „דעמאַסקירונג" וועגן קאַמענעוון, וועלכן ער האָט פֿאַלש באַשולדיקט, ער זאָל האָבן געשיקט אַ באַגריסונגס-דעפּעשע צו מיכאַאיל ראָמאַנאָוו (צום גרויספֿירשט מיכאַאיל) צוליב יענעמס פּלומרשטן פּלאַן צו שאַפֿן אין רוסלאַנד אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע. וואָס האָט אָבער סטאַלין אינדעראמתן געזאָגט דער פּאַרטיי און דעם קאָמאינטערן? ער האָט געזאָגט: „צען יאָר נאָכאַנאַנד

האָט אייך דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט גענאַרט. אין דער „פּראַוודאַ" האָבן די רעדאַקטאָרן אָפּגעדרוקט אַ פאַלשע דעמענטירונג. לענין האָט גענאַרט די פּאַרטיי, איך, סטאַלין, האָב אָנטיילגענומען אין דאָזיקן שווינדל, און איצט, ווען קאַמענעוו האָט אַנדערע פּאָליטישע אָנשויאונגען ווי איך, האָב איך זיך אַנטשלאָסן צו דעמאַסקירן דעם דאָזיקן גאַנצן שווינדל".

ס'איז אוממעגלעך, אַז די פּאַרטיי זאָל גלייבן די גרעסטע טייל פון סטאַלינס „דעמאַסקירונגען". זי קען איצט בלויז האָבן אַ קלענערן גלויבן אין דער פּאַרטייאָנפירונג — אין דער פריערדיקער, דער איצטיקער און דער קומענדיקער. מיר מוזן ווידער געווינען דעם דאָזיקן גלויבן — קעגן סטאַלינען און די סטאַליניסטן.

ווי באַקאַנט האָט חבר גוסעוו זיך געווידמעט מיט אַ באַזונדערער התמדה דער ליטעראַרישער רעוויזיע פון אונזער קריגסגעשיכטע. ער האָט אפילו געשריבן אַ ספּעציעלע בראָשור מיטן טיטל: „אונזערע מיליטערישע חלוקי-דעות". אין דער דאָזיקער בראָשור איז צוערשט דערשינען די פּאַרטייפטנדיקע פּלוידעריי וועגן דער דערשיסונג פון קאָמוניסטן (נישט פון דעזערטירן אָדער פאַרברעכער, נאָר פון אמתע קאָמוניסטן).

אָבער גוסעוו אומגליק, ווי דער אומגליק פון אַ סך אַנדערע, באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט צוויימאָל געשריבן וועגן דעמזעלבן פאַקט, וועגן דער זעלבער פּראָבלעם — איינמאָל אין לענינס צייטן, איינמאָל אין סטאַלינס.

אין לענינס צייט, אין יאָר 1924, האָט גוסעוו געשריבן פאָלגנדיקס אין דער „פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע":

„דער אָנקום פון חבר טראָצקי אין דער אומגעגנט פון קאַזאַן האָט געבראַכט מיט זיך אַן אַנטשיידנדיקע פאַרענדערונג אין דער לאַגע. אין טראָצקיס אָנגריף אויף דער קליינער סטאַציע זוויאַשסק איז געווען אַ פעסטע אַנטשלאָסנקייט צום זיג, צום אָנגריף, צו אַ גוט-דורכגעטראַכטער דורכפירונג פון אַלע מיליטערישע אויפגאַבעס. אויף דער דאָזיקער קליינער סטאַציע, וואָס איז איבערפולט געווען מיט די פורן פון אומצייליקע חיילות, ווו עס האָבן זיך געפונען די הויפּטקוואַרטירן, האָט

יעדער איינער פון ערשטן טאָג אָן געפילט (און אויך די פולקן, וואָס זענען געלעגן פופצן וויאָרסט ווייטער האָבן דאָס געפילט), אַז ס'איז אָנגעקומען דער גרויסער ווענדפונקט.

דאָס איז צוערשט קלאָר געוואָרן אויף דעם געביט פון דיסציפלין... דעם חבר טראָצקיס שטרענגע האַנדלונגען זענען געווען באַזונדערס צוגעפּאַסט און נוציק אין יענער עפּאָכע פון פּאַרטיזאַנעס, פון אומדיסציפּלינירטן און קליינבירגערלעכן עגאָאיזם. דורך רייד האָט מען גאָרנישט געקענט דערגרייכן, און קודם כּל איז נישט געווען קיין צייט דערצו. אין משך פון די פינף-און-צוואַנציק טעג, וועלכע חבר טראָצקי האָט פאַרבראַכט אין זוויאַשק, איז אָפּגעטאָן געוואָרן אַן אומגעהייערע אַרבעט. די אומדיסציפּלינירטע און דעגענערירטע פולקן פון דער פינפטער אַרמיי זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אויסגעשולטע קאַמף-חיילות אויף אייננעמען קאַזאַן".

יעדער פאַרטיי-מיטגליד, וואָס האָט דורכגעלעבט דעם בירגערקריג און האָט נישט פאַרלאָרן דעם זכּרון, וועט זאָגן — חייניקסטנס צו זיך אַליין, אויב ער האָט עס מורא צו זאָגן אויפן קול —, אַז מ'וואָלט געקענט געפינען טויזנטער אַזעלכע געדרוקטע גביות-עדות פון זעלבן מין, ווי דיזאָזיקע, וועלכע גוסעוו האָט געשריבן.

איך באַשרענק זיך דאָ אויף אַ גבית-עדות פון אַ העכסט-אויטאָריטעטן כאַראַקטער. אין זיינע דערינערונגען וועגן לענינען זאָגט גאָרקי:

„ער (לענין) האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט איבערן טיש און אויסגערופן: ווייזט מיר אַ צווייטן מענטשן, וועלכער איז אימשטאַנד אין משך פון איין יאָר צו שאַפן כמעט אַ מוסטערהאַפטע אַרמיי, יאָ, און צו געווינען די אַכטונג פון מיליטערישע זאַכקענער. מיר האָבן אַזא מענטשן, מיר האָבן אַלץ, אָבער איר פאָדערט וווּנדער".

און אין דעמזעלבן שמועס האָט לענין, לויט גאָרקין, געזאָגט:

— „יאָ, יאָ, איך ווייס דאָס. מען פאַרשפּרייט אַסך ליגנס וועגן מיינע באַציאונגען צו אים. ווי עס שיינט, פאַרשפּרייט מען באַזונדערס פיל ליגנס וועגן טראָצקין און מיר".

יאָ, ווי האָבן אַסך ליגנס פאַרשפּרייט וועגן די באַציאונ-
גען צווישן לעניגען און טראָצקין. אָבער צי דען קען מען
פאַרגלייכן דעם געבעכדיקן פּריוואַטן ליגן פון יענע טעג מיט
דעם גוט-אָרגאַניזירטן אַלרוסישן און אינטערנאַציאָנאַלן ליגן
פון היינט? אין יענע טעג זענען די ליגנערס געווען די
שוואַרצע מאה, די ווייסע גוואַרדיע און טיילווייז אויך די סאָ-
ציאַל-רעוואָלוציאָנערן און מענשעוויקעס. היינט האָט דעמדאָזיקן
מעטאָד איבערגענומען די סטאַלינגרופּע.

# אומבאַגרעניצטע פולמאַכטן

אין דער באָלשעוויסטישער פראַקציע פון אַלרוסישן צענט-ראַל-קאָמיטעט פון די פראָפאַראייִנען האָט לענין דעם 12-טן יאַנואַר 1920 געזאָגט פאָלגנדיקס:

„אויב מיר האָבן צעקלאַפּט דעניקינען און קאָלטשאַקן, איז דאָס געשען דערפאַר, ווייל אונזער דיסציפּלין איז געשטאַנען העכער, ווי די דיסציפּלין פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אויף דער וועלט. חבר טראָצקי האָט איינגעפירט טויט-שטראָף, און מיר וועלן אים געבן רעכט. ער האָט זי איינגעפירט אונטער דער באַוווסטזיניקער אָנפירונג און באַהילפיקונג פון די קאָמוניסטן".

איך האָב נישט אונטער דער האַנט לענינס אַסך אַנדערע רעדעס, אין וועלכע ער האָט פאַרטיידיקט מיין מיליטערישע פּאָליטיק, וועלכע איך האָב, אגב, דורכגעפירט אין פולן הסכם מיט אים. באַזונדערס איז נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער באַריכט פון דער דעלעגאַטן-זיצונג פון אַכטן קאָנגרעס וועגן די מיליטערישע פראַגעס. פאַרוואָס האָט מען נישט פאַרעפנטלעכט דעמאָזיקן באַריכט? ווייל לענין איז אויף יענער זיצונג מיט דער גאַנצער ענערגיע אַרויסגעטראָטן קעגן סטאַלינס פריינט, וועלכע זענען איצט אַזוי שטאַרק באַשעפטיקט מיט פעלשן די פאַרגאַנגענהייט.

אָבער איך באַזיץ אַ דאָקומענט, וואָס איז שקול כנגד הונדערט אַנדערע. איך האָב גערעדט וועגן דאָזיקן דאָקומענט אין פּרעזידיום פון דער קאָנטראָל-קאָמיסיע, ווען יאַראָסלאַוו-

סקי האָט אנגעהויבן קעגן מיר אַ גיפטיקע אינטריגע. איך האָב אים ציטירט אויפן לעצטן פּלענום אין אויגוסט 1927, ווען וואָראָשילאָוו האָט זיך געשטעלט אויף יאַראָסלאַווסקיס זייט.

לעניו האָט מיר געגעבן אַ ליידיק בלאַט פּאַפּיר, וואָס אויף זיין אונטערשטן עק זענען אָנגעשריבן געווען פאָלגנדיקע שורות:

„חברים: איך קען דעם שטרענגן כאַראַקטער פון די באַפעלן, וועלכע עס גיט אַרויס דער חבר טראָצקי, אָבער גלייכצייטיק בין איך אַזוי איבערצייגט, אַזוי פולשטענדיק איבערצייגט אין דער ריכטיקייט, צוועקמעסיקייט און נויטווענדיקייט פון די באַפעלן, וועלכע ער גיט אַרויס אין אינטערעס פון דער גוטער זאַך, אַז איך בין מספּים מיט זיי אין יעדער הינזיכט. וו. אוליאַנאָוו (לענין)".

דעם צוועק פון דאָזיקן בלאַנק האָב איך דערקלערט דעם פּרעזידיום פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע אין פאָלגנדיקע ווערטער:

„ווען ער האָט מיר איבערגעגעבן דאָס בלאַט פּאַפּיר מיט די געשריבענע שורות אונטער אַ פרייען שטח, בין איך געווען דערשטוינט. ער האָט געזאָגט: „איך האָב זיך דערוווסט, אַז מ'פאַרשפּרייט קעגן אייך קלאַנגען, אַז איר האָט געלאָזט דערשיסן קאָמוניסטן. איך גיב אייך דעמדאָזיקן בלאַנק און איך וועל אייך געבן אַזוי פיל, וויפל איר וועט נאָר פאַרלאַנגען, כדי דערמיט צו באַווייזן, אַז איך בין מספּים מיט אייערע באַשלוסן. איר קענט פון הויבן אָנשרייבן יעדן באַשלוס, וועלכן איר נעמט אָן און איר וועט האָבן אונטער אים מיין אונטערשריפט". דאָס איז געווען אין יולי 1919. היות ווי איצט ווערן פאַרשפּרייט נישט וויניק פּליאָטקעס וועגן מיינע באַציאונגען צו וולאַדימיר איליאיטשן און, וואָס עס איז נאָך וויכטיקער, וועגן זיין שטעלונג לגבי מיר, וויל איך דעריבער פאַרשלאָגן, אַז ווער נישט איז פון די איבעריקע זאָל מיר ווייזן אַזאַ וייס בלאַט מיט לענינס אונטערשריפט פאַר באַשלוסן, וועלכע דאַרפן געמאַכט ווערן אין דער צוקונפט. פון מיינע דעמאָלטיקע באַשלוסן איז אָבער געווען אָפּהענגיק דער גורל נישט נאָר פון איינצלנע קאָמוניסטן, נאָר אָפטמאָל אַ סך גרעסערע זאַכן

# דער ליגן וועגן דער מיליטאַריזירונג פון דער אַרבעט

מאַרטינאָוו (דער לאַנג־יאָריקער פירער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און שפּעטערדיקער מענשעוויק, וועלכער איז פלוצלונג אין יאָר 1923 איבערגעגאַנגען צו די באָלשעוויקעס) פאַרזיכערט ווי באַקאַנט, אַז בירגערקריג און מיליטערישער קאָמוניזם זענען „טראָצקיזם". דידאָזיקע לערע האָט איצט באַקומען אַ פאָלקס־טימלעכע פאַרשפּרייטקייט. די בילדונג פון אינדוסטריאַרמייען, די מיליטאַריזירונג פון דער אַרבעט און ענלעכע מאָסמיטלען, וואָס זענען, פונקט ווי די פאַרטיילונג פון נאַרונגסמיטלען, אומפאַרמיידלעך אַרויסגעפלאָסן פון די באַדינגונגען פון יענער עפּאָכע, ווערן דורך קליינבירגער און פעדאַנטן געשילדערט אַלס רעזולטאַטן פון „טראָצקיזם". ווי איז געווען לענינס באַציאונג צו דידאָזיקע פראַגעס?

אין דער אָרגאַניזאַציע־אָפּטיילונג פון זיבעטן ראַטנקאָנגרעס האָבן מיר דעם 8־טן דעצעמבער 1918 דעבאַטירט וועגן דער פראַגע פון דער פירערשאַפט אין די אָנפירנדיקע צענטרס. אין מיין רעדע האָב איך אָנגעוויזן, אַז די אַליינהערשאַפט פון דער פירערשאַפט קען דערשטיקן אונזער אינדוסטריע, אַז צענטראַליזאַציע איז נישט אומבאַדינגט נויטיק און אַז די לאָקאַלע איניציאַטיוו און די צענטראַלע אָנפירונג מוזן זיך אין דער פּראַקטיק קעגנזייטיק האַרמאָניש דערגאַנצן. לענין האָט דאַן באַטאַנט אין זיין רעדע זיין פולשטענדיקן הסכּם מיט מיר און האָט צוגעגעבן:

„צום סוף וויל איך דערקלערן מיין אומבאַדינגטן הספם צו די מיינונגען פון חבר טראָצקי, וועלכער האָט געזאָגט, אַז עס זענען דאָ געמאַכט געוואָרן אומגערעכטע פּרוּוון צו מאַכן פון אונזערע דיסקוסיעס חילוקי-דעות צווישן אַרבעטער און פּויערים און פאַרבינדן דידאָזיקע פראַגע מיט דער פראַגע פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור”.

אגב, האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן זייער ברייטע דיסקוסיעס, אין וועלכע לענין און טראָצקי האָבן זיך געפונען אויף איין זייט און ריקאָוו, לאַרין, טאָמסקי און אַנדערע אויף דער צווייטער. אין דידאָזיקע דיסקוסיעס, ווי אין אַ סך אַנדערע, האָט חבר סטאַלין מאַנעווורירט און איז געבליבן הינטער דער סצענע.

אויף דער פאַרזאַמלונג פון אַלרוסישן צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט האָט לענין דעם 12-טן יאַנואַר 1920 געזאָגט וועגן דעם ענין פון אונזערע דיסקוסיעס מיט ריקאָוון, טאָמסקין און אַנדערע:

„ווער האָט דען אָנגעהויבן דעמדאָזיקן עקלהאַפטן קאַמף? געוויס נישט טראָצקי. אין זיינע טעזן איז דערפון קיין שפּור נישטאָ. דאָס האָבן אָנגעהויבן די חברים לאָמאָוו, ריקאָוו און לאַרין. זיי פאַרנעמען אַלע די העכסטע אַמטן, זיי זענען פּרעזידיום-מיטגלידער פון אַלרוסישןווירטשאַפטסראַט. צווישן זיי געפינט זיך דער פאָרזיצער פון ראַט' וועלכער האָט אַזויפיל טיטלען, אַז ווען איך זאָל זיי אַלע וועלן אויסרעכענען, וואָלט איך פאַרלוירן פינף מינוט פון מיין צענמינוטיקער רעדע. דעריבער איז איבעריק צו זאָגן, אַז ער האָט אין דערדאָזיקער זיצונג אַרויסגעוויזן אַ גרויסע פריינטלעכקייט און אַ אומצווייפלהאַפטן אינטערעס... ריקאָוו און אַנדערע האָבן זיך דאָ אויפגעהויבן און אָנגעהויבן אַ העסלעכע קריגעריי. חבר טראָצקי שטעלט צו דעבאַטע נייע פּראָבלעמען, און זיי האָבן דערפון געמאַכט אַ פּאָלעמיק מיטן זיבעטן ראַטנקאָנגרעס. מיר ווייסן, באַטירלעך, אַז די חברים לאָמאָוו, ריקאָוו און לאַרין האָבן דאָס נישט אויסגעדריקט דירעקט אין זייער אויסעראָרדנטלעכן נאַרישן אַרטיקל. ווי עס האָט דאָ שוין געזאָגט איין רעדנער: „מען דאַרף זיך נישט אַריינלאָזן אין דיסקוסיעס מיטן זיבעטן

ראַטנקאָנגרעס". דער זיבעטער ראַטנקאָנגרעס האָט געמאַכט אַ פעלער. פאַרריכט דעמדאָזיקן פעלער אויף דער זיצונג, און הערט אויף מיטן קאַמף וועגן צענטראַליזאַציע און דעצענטראַליזאַציע. חבר ריקאָוו זאָגט, אַז עס איז נויטיק צו רעדן וועגן צענטראַליזאַציע און דעצענטראַליזאַציע, ווייל חבר טראָצקי האָט דאָס נישט באַגריפן. דערדאָזיקער מענטש גלויבט, אַז די, וועלכע זיצן דאָ, זענען אַזוי אָפּגעשטאַנען, אַז זיי האָבן פאַרגעסן די ערשטע שורה פון טראָצקיס טעזן „ווירטשאַפטסאָנפירונג פאָדערט אַן אַלגעמיינעם פּלאַן." צי דען קענט איר נישט לייענען קיין רוסיש, איר הויכגעשטעלטע ריקאָוו, לאָמאָוו און לאַרין? צי דען ווילן מיר זיך אומקערן צו דער צייט, ווען מיר זענען אַלט געווען זעכצן יאָר און מיר האָבן אָנגעהויבן צו פּלאַפּלען וועגן צענטראַליזאַציע און דעצענטראַליזאַציע? צי דען איז דאָס די רעגירונגס-אַרבעט פון די פּרעזידיום-מיטגלידער פון אַלרוסישן ווירטשאַפטסראַט? אַזאַ אומזין און טרויעריקע פּלאַפּלעריי — עס איז אַ חרפּה און אַ שאַנד צו פאַרווענדן אויף דעם צייט!"

און ווייטער האָט לענין געזאָגט:

„דער קריג האָט אונז געגעבן די פעאיקייט צו הויבן די דיסציפּלין ביז דער העכסטער מדרגה און פאַראייניקן הונדערט טויזנטער מענטשן — חברים, — וועלכע זענען דערנאָך געשטאָרבן, כדי מציל צו זיין די ראַטנרעפּובליק. אָן דעם וואָלטן מיר אַלע געבראָכן דעם קאַרק."

איך באַמערק, אַז דידאָזיקע רעדע, וועלכע עס באַזיצט דער לענינאינסטיטוט, איז נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן פשוט דערפאַר, ווייל זי איז אומבאַקוועם פאַר די איצטיקע פאַרטייבאַשווינדלער. דאָס אויסבאַהאַלטן אַ געוויסע טייל פון לענינס גייסטיקער ירושה פאַר דער פאַרטיי הענגט נויטווענדיק צוזאַמען מיטן אָפּנויג פון לעניניסטישן קורס. די אויבנציטירטע רעדע פון לענינען וועט דערזען די ליכטיקע שיין, ווען עס וועט קומען די צייט צו דעטראָניזירן ריקאָוון.

# מײַן הסכּם מיט לעני̇נען אין אינדוסטרי־אויפבוי

ווען מײַן אַרבעט אין אײַזנבאַנוועזן האָט לענין דעם 22 דעצעמבער 1920 געזאָגט אויפן אַכטן ראַטנקאָנגרעס:

„פון די טעזיסן פון די חברים עמשאַנאָוו און טראָצקי איז שוין קלאָר, אַז אויפן דאָזיקן געביט (דעם ווידעראויפבוי פון אונזער טראַנספּאָרטוועזן) האָבן מיר צו טאָן מיט אַ רי־זיקן, אויף אַ סך יאָרן באַרעכנטן פּלאַן. די פאַראָרדנונג № 1042 איז אויסגערעכנט אויף פינף יאָר. אין פינף יאָר קענען מיר ווידער אויפבויען אונזער אײַזנבאַנוועזן, פאַרמינערן די צאָל באַשעדיקטע לאָקאָמאָטיוון, מיר קענען אויך, און לויט מײַן מיינונג אפילו אין אומגינסטיקסטן פאַל, פאַרקלענערן די־דאָזיקע צייט.

ווען מ'מאַכט גרויסע פּלענער, וואָס רעכענען אויס אויף אַ סך יאָרן, זענען תמיד דאָ סקעפּטיקער, וועלכע זאָגן: „ווי אַזוי קען מען דאָס גאָר רעדן וועגן אַזויפיל יאָרן? לאָמיר זײַן צופרידן, ווען מיר וועלן קענען טאָן דאָס, וואָס מיר האָבן איצט צו טאָן!"

חברים, מיר מוזן זיך לערנען צו פאַרבינדן אײנס מיטן צווייטן. מען קען נישט אַרבעטן אָן אַ פּלאַן, וואָס רעכנט אויס אויף אַ לאַנגער צייט און אויף אַן ערנסטן ערפאָלג. ווי נויט־ווענדיק דאָס איז, באַווייזט די אומצווייפלהאַפטע פאַרבעסערונג פון אונזער טראַנספּאָרטוועזן. איך וויל דאָ אָנווייזן אויף דער שטעל אין ניינטן פּאַראַגראַף, וואָס רעדט וועגן אַ טערמין פון פינפטהאַלבן יאָר. דערדאָזיקער טערמין איז שוין איצט פאַר־

ווירצט געוואָרן אויף פערטהאַלבן יאָר, ווייל מיר האָבן שוין איבערגעשטיגן דעם נאָרמאַלן אַרבעטסטעמפּ. דאָסזעלבע דאַרפן מיר טאָן אין אַלע אָפּגעשטאַנענע צווייגן פון אונזער אינדוסטרי.״

איך באַמערק דאָ, אַז אין אַ יאָר אַרום נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון דער פאַראָרדנונג № 1042 ווערט געזאָגט אין אַ פאַראָרדנונג פון חבר דזשערזשינסקי פון 27 מאַי 1921 „וועגן די וויכטיקסטע פּרינציפּן פון דער וויטערדיקער אַרבעט״:

„אַזוי ווי די פאַרמינערונג פון דער אַרבעטסנאָרם, וואָס ווערט באַשטימט אין די פאַראָרדנונגען № 1042 און 1157, — דעם ערשטן גלענצנדן עקספּערימענט אין סיסטעמאַטישן אינדוסטרי-אויפבוי, איז נאָר אַ צייטווייליקער רעזולטאַט פון דעם ברענמאַטעריאַלקריזיס... דעריבער מוזן אָנגענומען ווערן מאָסמיטלען אויף אָנצופילן די שפּייכלערס און ברענגען אין אָרדנונג דעם מאַטעריאַל...״

צום פּרווו צו שליסן אין יאָר 1923 די פּוטילאָווער באַטריבן באַמערק איך פאָלגנדיקס:

אין אַרטיקל פון חבר ריקאָוו, וועלכער איז געשריבן געוואָרן אין 1927 — דאָס הייסט פיר יאָר נאָך יענער געשעעניש — דערשיינט ווידער די לעגענדע, אַז איך זאָל האָבן געטריבן דערצו מ׳זאָל שליסן די פּוטילאָווער באַטריבן. אין דאָזיקן פאַל, ווי אין אַזויפיל אַנדערע, האַנדלט חבר ריקאָוו זייער אומפּאָרזיכטיק, ווייל ער זאַמלט דורכדעם מאַטעריאַל בלויז קעגן זיך אַליין.

אינדערעמתן האָט דער פאָרשלאָג צו שליסן די פּוטילאָווער באַטריבן אַריינגעטראָגן אין פּאָליטישן ביוראָ אין אָנהויב 1923 ריקאָוו גופא, אַלס פאָרזיצער פון פאָלקסווירטשאַפטסראַט. ריקאָוו האָט דערקלערט, אַז די פּוטילאָווער באַטריבן וועלן אין משך פון די נאָנטסטע צען יאָר נישט באַנוצט ווערן און אַז זייער קינסטלעכע דערהאַלטונג וועט האָבן אַ שעדלעכע ווירקונג אויף די אַנדערע אונטערנעמונגען. דאָס פּאָליטישע ביוראָ — און אויך איך צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע, — האָב אָנגענומען די צאָלן, וועלכע חבר ריקאָוו האָט געבראַכט, פאַר גוט געלט. איך האָב געשטימט פאַרן פאָרשלאָג פון חבר

ריקאָוו צו שליסן די פּוטילאָווער באַטריבן און דאָסזעלבע האָט געטאָן סטאַלין. חבר זינאָוויעוו האָט זיך געפונען אין אורלויב. ער האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם באַשלוס. די פראַגע איז דעריבער נאָכאַמאָל אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַרן פּאָליטישן ביוראָ און דער באַשלוס איז אַנולירט געוואָרן. די איניציאַטיוו פון דאָזיקן גאַנצן ענין איז אַזוי־אַרום אינגאַנצן געלעגן אין ריקאָווס הענט, אין די הענט פון פאָרזיצער פון פאָלקסווירטשאַפטסראַט. ווי הויך האָט געמוזט שטייגן ביי ריקאָוון דער געפיל פון שטראָפלאָזיקייט, ווען ער דערוועגט זיך שוין איצט, נאָך פיר קורצע יאָר, מיך צו באַשולדיקן אין זיינע אייגענע זינד. אָבער מען דאַרף זיך נישט באַאומרואיקן וועגן דעם: דאָס אַלץ וועט ריקאָוו ווידער שטעלן אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט, ווען ער וועט זיך אַנטשפּרעכנדיק ענדערן. לאַנג וועט דאָס נישט דויערן.

מען באַשווינדלט די פּאַרטיי מיט דערציילונגען, ווי „לענין האָט געוואָלט שיקן טראָצקין אַלס פאָלקסקאָמיסאַר אויף צו ליפערן אין דער אוקראַינע דערנערונגסמיטלען". דערביי ווערן די פאַקטן אַזוי פאַרדרייט און געפעלשט, אַז מ׳קען זיי קוים דערקענען.

איך האָב, לויט דער אויפפאָדערונג פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט, געמאַכט אַ סך אַזעלכע נסיעות. אין פולשטענדיקן הסכם מיט לענינען בין איך געפאָרן קיין אוקראַינע, כדי צו פאַרבעסערן די אָרגאַניזאַציע פון דער קוילנאינדוסטרי אין דאָנבאַסיין. אין פולשטענדיקן הסכם מיט לענינען האָב איך געאַרבעט אַלס פאָרזיצער פון ראַט פון דער אינדוסטריעלער אַרמיי אין אוראַל. עס איז פולשטענדיק אמת, אַז לענין האָט פאַרלאַנגט, איך זאָל פאָרן אויף צוויי וואָכן — בלויז אויף צוויי וואָכן — קיין אוקראַינע, כדי בעסער צו אָרגאַניזירן די ליפערונג פון דערנערונגס־פּראָדוקטן. איך האָב זיך טעלעפאָניש פאַרבונדן מיטן חבר ראַקאָווסקי, וועלכער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז מ׳האָט שוין אָן מיר אָנגענומען אַלע נויטיקע מאָסמיטלען, כדי צו פאַרזאָרגן די אַרבעטער־צענטערס מיט דערנערונגס־מיטלען. וולאַדימיר איליאיטש האָט צוערשט אומבאַדינגט געפאָדערט איך זאָל אַהינפאָרן, אָבער דערנאָך האָט ער

זיך אָפּגעזאָגט פון דאָזיקן געדאַנק. אָט דאָס איז די גאַנצע געשיכטע. עס האָט זיך פּשוט געהאַנדלט וועגן אַ פּראַקטישער פּראָבלעם, וועלכע לענין האָט אין יענעם אויגנבליק גראָד באַטראַכט פאַר באַזונדערס וויכטיק.

אין שייכות מיט מיין נסיעה צום דאָנבאַסיין ציטיר איך די ווערטער, וועלכע לענין האָט וועגן דעם געשריבן דעם 22 דעצעמבער 1920 אויפן אַכטן קאָנגרעס פון די ראַטן: „די קוילנליפערונג פון דאָנבאַסיין, וואָס האָט אויסגעמאַכט חודשלעך 25 מיליאָן פּוד, איז איצט געשטיגן אויף 50 מיליאָן פּוד, אַדאַנק דער אַרבעט פון דער קאָמיסיע מיט אַבסאָלוטע פולמאַכטן, וועלכע איז אונטער דעם פּאָרזיץ פון חבר טראָצקין געשיקט געוואָרן צום דאָנבאַסיין און איז געקומען צום באַשלוס, אַז מ׳דאַרף דאָרט שיקן דערפאַרענע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטער. איצט איז דאָרט געשיקט געוואָרן דער חבר פּיאַטאַקאָוו, כדי דורכצופירן די אַרבעט".

צו דעם באַמערק איך: חבר פּיאַטאַקאָוו, וועלכער איז שטענדיק געשטאַנען אויף מיין זייט, איז דורך סטאַלינס געהיימע אינטריגעס אַרויסגעשטופּט געוואָרן פון דאָנבאַסיין. לענין האָט דאָס באַטראַכט אַלס אַן ערנסטן קלאַפּ פאַר דער קוילנאינדוסטרי, ער האָט קעגן דעם פּראָטעסטירט אין פּאָליטישן ביוראָ און האָט עפנטלעך אָנגעגריפן סטאַלינען צוליב זיין צעשטערערישער טעטיקייט.

דעם 23-טן דעצעמבער 1921 האָט לענין געזאָגט אין זיין באַריכט אויף דעם ניינטן ראַטנקאָנגרעס:

„אַז מיר האָבן געהאַט אַן אומגעהייערן דערפאָלג האָט זיך באַזונדערס שטאַרק אַרויסגעוויזן אין דאָנבאַסיין, ווו חברים ווי פּיאַטאַקאָוו האָבן געאַרבעט אין דער שווערער אינדוסטרי מיט אויסערגעוויינלעכער איבערגעגעבנקייט און אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג".

און דעם 27 מערץ 1923 האָט ער געזאָגט אויף דעם עלפטן קאָנגרעס פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי:
„אין דער צענטראַלאָנפירונג פון דער קוילנאינדוסטרי האָבן זיך געפונען מענטשן, נישט נאָר פון אומצווייפלהאַפטער איבערגעגעבנקייט, נאָר אויך גוט געשולטע, מיט גרויסע פעאי-

קייטן, און — איך בין זיכער, אַז כ׳האָב קיין טעות נישט — מיט אמתן טאַלאַנט, און דאָס איז טאַקע באַקאַנט געווען דעם צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט. מיר אין צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט האָבן דאָך אַ געוויסע דערפאַרונג, און מיר האָבן איינשטימיק באַשלאָסן נישט אָפּצורופן די אָנפירנדיקע גרופּע... איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ביי די אוקראַינישע חברים. באַזונדערס האָב איך אויסגעפרעגט דעם חבר אָרדזשאָניקידזע, און דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט האָט אים געגעבן דעם אויפטראָג צו פאָרן אַהין און אויסגעפינען, וואָס עס ליגט באַהאַלטן הינטער דעם גאַנצן ענין. ס׳איז קלאָר, אַז דאָרט איז אָנגעגאַנגען אַ אינטריגע, און עס האָט געהערשט אַ צעטומלעניש, וועלכע אונזערע פּאַרטייהיסטאָריקער וועלן נישט אויפקלערן אין צען יאָר, אויב זיי וועלן זיך בכלל נעמען פאַרן דאָזיקן ענין. אָבער דער פּראַקטישער רעזולטאַט איז געווען דער, אַז אין קעגנזאַץ צו די איינשטימיקע באַפעלן פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט איז די אָנפירנדיקע גרופּע פאַרביטן געוואָרן דורך אַ צווייטער".

אַלע מיטגלידער פון אַלטן פּאָליטישן ביוראָ איז באַקאַנט — און סטאַלינען בעסער פאַר אַלעמען — אַז לעונינס שאַרפע ווערטער וועגן אינטריגעס קעגן איבערגעגעבענע, געבילדעטע און טאַלענטירטע פירער אין דאָנבאַסיין האָבן זיך באַצויגן אויף סטאַלינס אינטריגעס קעגן פּיאַטאַקאָוון.

בעת דעם עלפטן ראַטן-קאָנגרעס האָט לענין געשריבן אין דעצעמבער 1921 אייניקע טעזיסן וועגן די הויפּט-פּראָבלעמען פון אינדוסטרי-אויפבוי. ווי איך דערמאָן זיך האָב איך אויף דעם געענטפערט, אַז דידאָזיקע טעזיסן זענען אויסגעצייכנט און אַז עס פעלט דערביי בלויז איין פּונקט, וועגן ספּעציאַליסטן און אינזשיניערן. (אין אַ פּאָר ווערטער האָב איך אַרומגערעדט דאָס וויכטיקסטע פון דאָזיקן פּונקט.) דעמזעלבן טאָג האָב איך באַקומען פון וולאַדימיר איליטשן פאָלגנדיקן בריוו:

„שטרענג געהיים.

חבר טראָצקי!

איך געפין זיך מיט קאַלינינען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון

פאַרטיימיטגלידער. קאַלינין האָט מיר געראָטן איך זאָל האַלטן אַ קורצע רעדע וועגן דער רעזאָלוציע, וועלכע איך האָב פאָרגעלייגט, און איר האָט גאַנץ ריכטיק פאָרגעשלאָגן צו איר אַ צוגאָב וועגן אינזשיניערן.

אפשר ווילט איר מיטוואָך, אויף דעם פלענום פון קאָנגרעס, האַלטן אַ גאַנץ קורצע רעדע וועגן דערדאָזיקער רעזאָלוציע.

אייער מיליטערישער באַריכט איז דאָך שוין מסתמא פאַרטיק, און דינסטיק וועט איר מיט דעם מער נישט זיין פאַרנומען.

מיר איז אוממעגלעך צו האַלטן אויפן קאָנגרעס אַ צווייטע רעדע. שרייבט מיר אָן צוויי ווערטער אָדער טעלעגראַפירט מיר. אויב איר וועט מסכים זיין, וועט דאָס זיין בעסטע, און איר קענט מיר צושיקן אייער הסכמה צוזאַמען מיטן וואָטום פון פאָליטישן ביוראָ.

לענין".

אונזער הסכם בנוגע די גרונדפּראָבלעמען פון סאָציאַליסטישן אויפבוי איז געווען אַזוי פולשטענדיק, אַז וולאַדימיר איליטש האָט געהאַלטן פאַר מעגלעך, איך זאָל אָנשטאָט אים האַלטן אַ רעדע וועגן דידאָזיקע פראַגעס. איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב אים טעלעפאָניש איבערצייגט, ער זאָל אַליין ריידן וועגן דאָזיקן וויכטיקן ענין, אויב זיין געזונטצושטאַנד דערלויבט עס נאָר. און ענדלעך איז דאָס טאַקע אַזוי געווען.

# נאָך לעונינס קראַנק - ווערן

באַזונדערס צאָלרייך זענען די פעלשונגען און אויסטראַכטענישן וועגן לענינס לעצטער לעבנסצייט. מען קען אָבער סטאַלינען בלויז אַן עצה געבן, ער זאָל באַזונדערס פּאָרויטיק זיין וועגן יענער צייט, ווען וולאַדימיר איליאיטש איז געקומען צו געוויסע ענטגילטיקע אויספירן וועגן סטאַלינען.

עס איז נאַטירלעך שווער צו שילדערן די אינערלעכע געשיכטע פון פּאָליטישן ביוראָ בעת לענינס אַקטיוון לעבן. עס זענען נישט געפירט געוואָרן קיין סטענאָגראַפישע באַריכטן, בלויז די באַשלוסן פלעגן פאַרשריבן ווערן. דעריבער איז עס אַזוי לייכט אַרויסצונעמען איינצלנע גאַנץ אומוויכטיקע עפּיזאָדן, זיי פאַרדרייען און אויפבלאָזן אָדער גאַנץ פשוט אויסטראַכטן „חלוקי־דעות", ווו עס איז אפילו נישט געווען קיין שפור פון אַזעלכע.

באמת לעכערלעך אין איר נאַרישקייט איז די לעגענדע וועגן דער „קוקאַווקע", דורך וועלכער מ'וויל שוין לאחר המעשה באַווייזן מיין פלומרשטן פעסימיזם. די „קוקאַווקע" איז סטאַלינס און בוכאַרינס לעצטער אויסוועג, ווען מ'שפּאַרט זיי צו צו דער וואַנט דורך פאַקטן אָדער לאָגישע באַווייזן. די „קוקאַווקע" איז אַרויסגענומען פון אַ שמועס צווישן לענינען און מיר אין דער ערשטער צייט פון נעפּ, ווען מען האָט דערלויבט פּריוואַטאייגנטום אין ווירטשאַפטלעכן לעבן.

דאָס מותּר זיין אויף געוויסע מלוכהשע הילפסקוועלן האָט אַרויסגערופן אין מיר אין יענע קריטישע טעג אַ שטאַרקע זאָרג סיי פאַר דער אָפּשוואַכונג פון אונזער מלוכה-מאַכט, סיי פאַר דער שנעלער אָנזאַמלונג פון פּריוואַטקאַפּיטאַלן. איך האָב וועגן דעם נישט איינמאָל גערעדט מיט וולאַדימיר איליטשן. כדי צו פאַרוואַנדלען די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג אין אַ פּראָגרעס פאַרן לאַנד, האָב איך דעמאָלט אָרגאַניזירט דעם אַלגעמיינעם מאָסקווער טרעסט. אין איינעם פון מיינע שמועסן מיט לענינען האָב איך אָנגעוויזן אויף אייניקע אויפפאַלנדיקעביישפּילן פון זיגלאָזן פאַרקויפן און כ'האָב געזאָגט אומגעפער פאָלגנדיקעס: „אויב מיר וועלן ווייטער אַזוי פירן, וועט די קוקאַווקע איינגיכן זינגען אונזער טויטנגעזאַנג". דאָס אָדער עפּעס ענלעכעס האָב איך געזאָגט, ווי מיר פלעגן דאַן אַלע באַנוצן אַזעלכע ריידנסאַרטן. ווי אָפט פלעגט לענין זאָגן: „אויב עס וועט ווייטער אַזוי גיין, זענען מיר אינגאַנצן פאַרלאָרן". דאָס פלעגן זיין שאַרפע אויסדרוקן, אָבער לחלוטין נישט קיין פּעסימיסטישע נביאות.

אָט דאָס איז אומגעפער די אינטערעסאַנטע געשיכטע פון דער „קוקאַווקע", דורך וועלכער סטאַלין און בוכאַרין ווילן אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון זייערע פעלערן אין דער כינעזישער רעוואָלוציע, אין אַנגלאָ-רוסישן קאָמיטעט, אין דער ווירטשאַפטלעכער פאַרוואַלטונג און אין דער פּאַרטיי-פירונג.

געוויס זענען אין פּאָליטישן ביוראָ אָפט אַנטשטאַנען חילוקי-דעות אויפן פּראַקטישן געביט און צווישן זיי אויך חילוקי-דעות צווישן וולאַדימיר איליטשן און מיר. די פראַגע איז נאָר, וועלכן אָרט האָבן פאַרנומען דידאָזיקע חילוקי-דעות אין דער אַלגעמיינער אַרבעט? וועגן דעם פאַרשפּרייט די סטאַלין-גרופּע מיט אַן אויסערגעוויינלעכער אומפאָרזיכטיקייט ני-דערטרעכטיקע לעגענדעס, וועלכע פלאַצן גאַנץ פּשוט ביי דער ערשטער באַרירונג מיט אמתע פאַקטן און וועלכע ווענדן זיך אין לעצטן סך-הכל קעגן סטאַלינען.

כדי אָפּצושלאָגן דידאָזיקע לעגענדעס איז נויטיק צו-ערשט באַטראַכטן דעם פּעריאָד פון לענינס קראַנקזיין — גע-נויער זיך אויסגעדריקט איז דאָס געווען דער פּעריאָד צווישן

צוויי העפטיקע אָנפאַלן פון זיין קראַנקהייט —, ווען די דאָקטוירים האָבן אים דערלויבט אָנטיילצונעמען אין דער אַרבעט און ווען אַ סך וויכטיקע פראַגעס זענען דערליידיקט געוואָרן דורך קאָרעספּאָנדענץ. פון דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ — דאָס הייסט פון גאַנץ באַגלויבטע דאָקומענטן — קען מען זען, וועגן וועלכע פראַגעס עס איז געקעמפט געוואָרן אין צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט, צווישן וועלכע מיטגלידער עס האָבן געהערשט מיינונגספאַרשיידנקייטן, און צום טייל אויך — ווי אַזוי האָט זיך וולאַדימיר איליטש פאַרהאַלטן לגבי איינצלנע חברים. איך וויל דאָ ברענגען אַ פּאָר ביישפּילן.

## דער מאָנאָפּאָל פון אויסלענדישן האַנדל

אין צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט איז סוף 1922 אַנטשטאַנען אַ באמת ערנסטע מיינונגספאַרשיידנקייט וועגן דעם מאָנאָפּאָל פון אויסלענדישן האַנדל. איך וויל נישט פאַרגרעסערן איר באַדייטונג לאחר המעשה, אָבער די פּאָליטישע גרופּירונג, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אין צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט אין שייכות מיט דער דאָזיקער פּראָבלעם, איז געווען זייער באַצייכנדיק.

לויט אַ פאָרשלאָג פון חבר סאָקאָלניקאָוו האָט דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט אָנגענומען אַ באַשלוס, וואָס האָט באַדייט אַן ערנסטע געפאַר פאַר דער גאַנצקייט פון מאָנאָפּאָל פאַרן אויסלענדישן האַנדל. וולאַדימיר איליטש איז אַנטשידן געווען קעגן באַשלוס. ווען ער האָט זיך דערוווּסט פון קראַסינען, אַז איך האָב נישט אָנטיילגענומען אויף דער זיצונג פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט און אַז כ'האָב זיך אַרויסגעזאָגט קעגן באַשלוס, האָט ער אָנגעהויבן צו פירן מיט מיר וועגן דעם אַ קאָרעספּאָנדענץ. די דאָזיקע בריוו זענען ביז איצט נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, ווי אויך נישט לענינס קאָרעספּאָנדענץ מיטן פּאָליטישן ביוראָ וועגן דער פראַגע פון אויסלענדישן האַנדלסמאָנאָפּאָל. די צענזור איבער לענינס ירושה איז אומברחמנותדיק. מען פאַרעפנטלעכט צוויי אָדער דריי ווערטער, וועלכע לענין האָט געשריבן אויף אַ פּיצל פּאַפּיר, וויבאַלד די קענען געווענדט ווערן דירעקט אָדער אומדירעקט

קעגן דער אָפּאָזיציע. מען באַהאַלט אויס דאָקומענטן פון ווייט-גרייכנדיקער און טיפער באַדייטונג, וויבאַלד זיי זענען דירעקט אָדער אומדירעקט געווענדט קעגן סטאַלינען.

איך ציטיר אַלזאָ די בריוו, אין וועלכע לענין האָט באַרירט דיזאָזיקע פּראָבלעם:

חבר טראָצקי!

איך שיק אייך צו קרעסטינסקיס אַ בריוו. שרייבט תיכף, צי איר זענט מסכים. איך וועל אויפן פּלענום אַרויסטרעטן פאַרן מאָנאָפּאָל. און איר?

אייער לענין.

פּ. ס. שיקט שנעל אָפּ צוריק דעם בריוו."

„צו די חברים פרומקין און סטאָמאָניאַקאָוו, קאָפּיע צו טראָצקין.

צוליב דער פאַרערגערונג פון מיין קראַנקהייט קען איך נישט אָנטיילנעמען אין פּלענום. איך ווייס, אין וואָס פאַרא אומאָנגענעמע לאַגע איך שטעל אייך דורכדעם, אָבער איך קען עס נישט ענדערן.

היינט האָב איך באַקומען אַ בריוו פון חבר טראָצקין, מיט וועלכן איך בין מסכים אין אַלעם וויכטיקן, אפשר מיטן אויסנאַם פון זיינע לעצטע שורות וועגן דעם גאָספּלאַן (דאָס ביוראָ פאַר מלוכהשע ווירטשאַפטספּלענער). איך וועל שרייבן טראָצקין מיין הסכמה און כ'וועל אים בעטן, ער זאָל, נעמענדיק אין אַכט מיין קראַנקהייט, פאַרטיידיקן אויפן פּלענום מיין שטעלונג.

איך האַלט, אַז דיזאָזיקע פאַרטיידיקונג דאַרף איינגעטיילט ווערן אין דריי טיילן. צוערשט דאַרף מען פאַרטיידיקן דעם גרונדפּרינציפּ פון אויסלענדישן האַנדל, אים באַשטימען אין אַלע פּרטים. צווייטנס דאַרף מען שאַפן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס זאָל גענוי באַטראַכטן אַזוינע סאָרט פּראַקטישע פאָרשלאָגן פאַרן אויסבוי פון דאָזיקן מאָנאָפּאָל. אין דער דאָזיקער קאָמיסיע מוז אַריין לכל הפחות אַ העלפט מיטגלידער פון קאָמיסאַריאַט פאַרן אויסלענדישן האַנדל. דריטנס דאַרף די פאַרטיידיקונג באַהאַנדלען באַזונדער דעם גאָספּלאַן, דעם מלוכהשן ווירטשאַפטספּלאַן. אגב, גלויב איך נישט, עס זאָל

קענען זיין אַ מיינונגספאַרשיידנקייט צווישן מיר און טראָצקין, ווען ער באַגוגנט זיך מיט דער פאָדערונג, אַז די אַרבעט פון גאָספּלאַן זאָל שטיין אונטערן לאָזונג פון אַנטוויקלען די מלוכה־אינדוסטריע און אַז ער זאָל באַריכטן וועגן אַלע אונטערנעמונגען פון פאָלקסקאָמיסאַריאַט פאַרן אויסלענדישן האַנדל.

איך האָף, אַז היינט אָדער מאָרגן וועל איך שרייבן צו אייך נאָכאַמאָל און כ'וועל אייך קענען געבן מיין דערקלערונג וועגן דעם עיקר פון דער דאָזיקער פּראָבלעם פאַרן פּלענום פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט. יעדנפאַלס באַטראַכט איך די פראַגע פאַר אַזוי אויסערגעוויינלעך וויכטיק, אַז אין פאַל, ווען דער פּלענום וועט מיט מיר נישט מסכּים זיין, וועל איך זי פאָרלייגן דעם פּאַרטייקאָנגרעס און פריער נאָך וואָלט איך מודיע געווען אונזער פּאַרטיי וועגן אונזערע מיינונגספאַרשיידנקייטן אויפן קומענדיקן ראַטנקאָנגרעס.

לענין.

דעם 12 דעצעמבער דיקטירט ל. פ. 1922".

„צום חבר טראָצקי, קאָפּיעס צו פרומקינען און סטאָמאָ־ניאַקאָוון:

חבר טראָצקי!

איך האָב דערהאַלטן אייער מיינונג וועגן קרעסטינסקיס בריוו און אַוועגעסאָווס פּלאַן. איך מיין, אַז מיר זענען אינגאַנצן איינשטימיק, און די פראַגע, צי דער גאָספּלאַן זאָל האָבן פאַרוואַלטונגסרעכט, קענען מיר ביי די איצטיקע באַדינגונגען לאָזן אין אַ זייט.

אויף יעדן פאַל בעט איך אייך שטאַרק איר זאָלט איבערנעמען אויפן נאָנטסטן פּלענום די פאַרטיידיקונג פון אונזער געמיינזאַמער מיינונג וועגן דער אומבאַדינגטער נויטיקייט איינצוהאַלטן און פאַרשטאַרקן דעם מלוכה־מאָנאָפּאָל פון אויסלענדישן האַנדל.

היות דער לעצטער פּלענום האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, וואָס איז שאַרף געווענדט קעגן מלוכה־מאָנאָפּאָל פון אויסלענדישן האַנדל, און אַזוי ווי עס איז אוממעגלעך נאָכצוגעבן אין דער דאָזיקער פראַגע, ווען מיר, אין פאַל פון אונזער מפּלה,

מוזן אוועקשטעלן דעם ענין פאַרן פּאַרטייקאָנגרעס, ווי איך האָב דאָס שוין געזאָגט אין מיין בריוו צו פרומקינען און סטאָמאָניאַקאָווען. דערצו האָבן מיר נויטיק אַ קורצן מעמאָראַנדום פון אונזער אָפּוויכנדיקער מיינונג פאַר דער פּאַרטייפראַקציע פון נאָנטסטן ראַטנקאָנגרעס. אויב עס וועט מיר מעגלעך זיין, וועל איך אַזאַ מעמאָראַנדום שרייבן, און כ׳וועל זיין זייער צופרידן, ווען איר וואָלט דאָס אויך געטאָן. יעדע וואַקלעניש אין דערדאָזיקער פראַגע וועט אונז ברענגען אַן אומענדלעכן שאָדן. די נעגאַטיווע שטעלונג צום מלוכה-מאָנאָפּאָל באַזירט אויף דער טענה, אַז אונזער אַדמיניסטראַציע איז נאָך נישט פעאיק צו דערדאָזיקער אויפגאַבע. אָבער אונזער אַדמיניסטראַציע איז נאָכנישט פעאיק צו אַ סך אויפגאַבעס, און זיך אָפּזאָגן פון מלוכה-מאָנאָפּאָל צוליב דער צו קליינער פעאיקייט פון אונזער אַדמיניסטראַציע-אַפּאַראַט, וואָלט הייסן אויסגיסן דאָס קינד צוזאַמען מיטן וואַסער.

## לענין

דעם 12 דעצעמבער 1922. טעלעפאָניש דיקטירט ל. פ.

„צום חבר טראָצקי!

איך שיק אייך צו אַ בריוו, וועלכן כ׳האָב היינט באַקומען פון פרומקינען. איך האַלט אויך, אַז ס׳איז אומבאַדינגט נויטיק איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף צו מאַכן צום ענין. מען דאַרף אויך נישט מורא האָבן, אַז די דאָזיקע פראַגע קען מיך אויפרעגן און האָבן אַן אומגינסטיקן איינפלוס אויף מיין געזונט. ווייל אַ פאַרשלעפּונג, וואָס וואָלט געמאַכט אונזער פּאָליטיק אַזוי אומזיכער אין איינער פון די וויכטיקסטע פראַגעס, וואָלט מיך צענטויזנטמאָל מער אויפגערעגט. דעריבער ווייז איך אייך אָן אויף דעם בייגעלייגטן בריוו און כ׳בעט אייך זייער, איר זאָלט פאָדערן אַ תיכפדיקע באַראַטונג וועגן דאָזיקן ענין. אויב עס שטייט אונז פאָר די סכנה צו פאַרשפּילן איז לויט מיין איבערצייגונג אַ סך בעסער צו פאַרשפּילן פאַרן אָנהויב פון קאָנגרעס און זיך דאַן תיכף ווענדן צו דער קאָנגרעספראַקציע, ווי צו פאַרשפּילן נאָכן קאָנגרעס. אפשר וואָלט זיך געלאָזט דורכפירן פאָלגנדיקער קאָמפּראָמיס: נעמט אָן דעם

באַשלוס וועגן מאָנאָפּאָל שוין איצט, אָבער שטעלט פונדעסט־וועגן דידאָזיקע פראַגע פאַרן פּאַרטייקאָנגרעס און דערקלערט דאָס אים בפירוש! אויף קיין שום אַנדער קאָמפּראָמיס קענען מיר נישט איינגיין.

לענין

דעם 15 דעצעמבער 1922" טעלעפאָניש דיקטירט ל. פ.

„חבר טראָצקי!

איך גלויב, אַז מיר זענען געקומען צו אַ פולן הסכם. איך בעט אייך, איר זאָלט אין פּלענום מודיע זיין וועגן אונזער סאָלידאַריטעט. איך האָב די האָפנונג, אַז אונזער מיינונג וועט זיגן, ווייל אַ טייל פון די, וועלכע האָבן געשטימט קעגן אונז אין אָקטאָבער, האָבן זיך איצט טיילווייז אָדער פולשטענדיק געשטעלט אויף אונזער זייט. אויב אונזער מיינונג וועט קעגן אונזער דערוואַרטונג דורכפאַלן, וועלן מיר זיך ווענדן צו אונזער פראַקציע אין ראַטנקאָנגרעס און דערקלערן, אַז מיר וועלן די פראַגע אַוועקשטעלן פאַרן פּאַרטייקאָנגרעס.

אין דאָזיקן פאַל זאָלט איר מיר מודיע זיין, כּדי איך זאָל קענען אַריינשיקן מיין דערקלערונג. אויב מ׳זאָל דידאָזיקע פראַגע אַראָפּנעמען פון סדר היום פון איצטיקן פּלענום (אויף וואָס איך ריכט זיך נישט און קעגן וואָס איר וואָלט, באַטירלעך, געדאַרפט פּראָטעסטירן מיט אייער גאַנצער ענערגיע אין אייערן און אין מיין נאָמען), וועלן מיר, נישט געקוקט אויף דעם, זיך ווענדן צו דער פראַקציע פון ראַטנקאָנגרעס און פאָדערן, אַ זדער ענין זאָל איבערגיין צום פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, ווייל אַ ווייטערדיקע פאַרשלעפּונג טאָר פאַר קיין פאַל נישט דערלאָזן ווערן.

דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וועלכן איך האָב אייך צוגעשיקט, קענט איר לאָזן ביי זיך ביז נאָך די פּלענאַר־זיצונגען.

אייער לענין.

דעם 15 דעצעמבער 1922".

„לעוו דאַווידאָוויטש!

פּראָפעסאָר פערסטער האָט היינט [illegible] אילאַיטשן

דערלויבט צו דיקטירן א בריוו, און ער האָט מיר דיקטירט דעם פאָלגנדיקן בריוו צו אייך:

„חבר טראָצקי!

מיר דאַכט זיך, אַז מיר האָבן איינגענומען די פעסטונג, ישט געבנדיק קיין איין שאָס, פּשוט דורך מאַנעווּרירן. איך שלאָג פאָר זיך איצט נישט אָפּצושטעלן, נאָר ווייטער פירן דעם אָנגריף און צום דאָזיקן צוועק אין אַ רעזאָלוציע פאַרן פּאַרטייקאָנגרעס שטעלן אַ פאָרשלאַג צו פאַרשטאַרקן און בעסער דורכפירן דעם מאָנאָפּאָל פון אויסלענדישן האַנדל. זייט עס מודיע דער פראַקציע פון ראַטנקאָנגרעס. איך האָף, אַז איר האָט נישט וואָס צו דערווידערן און איר וועט האַלטן אַ רעדע אויף דער פראַקציע-זיצונג.

נ. לענין.

וולאַדימיר איליטש בעט אייך אויך, איר זאָלט אים ענטפערן טעלעפאָניש.

נ. ק. אוליאַנאָוואַ.

דעם 21 דעצעמבער 1922.

נישט דער אינהאַלט און נישט דער טאָן פון דידאָזיקע בריוו נויטיקן זיך נישט אין קיין שום דערקלערונגען.

וועגן דער פראַגע פון אויסלענדישן האַנדל האָט דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט אָנגענומען אַ נייעם באַשלוס, וועלכער האָט אַנולירט דעם אַלטן. אויף דעם באַציען זיך לענינס שפּאָטישע ווערטער וועגן אַ נצחון, וועלכער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן „נישט געבנדיק קיין איין שאָס".

עס בלייבט נאָך בלויז איין פראַגע. אָנגענומען, אַז צווישן די חברים, וועלכע האָבן געשטימט פאַר דער רעזאָלוציע צו צעשטערן דעם מלוכה-מאָנאָפּאָל פון אויסלענדישן האַנדל, האָט זיך אויך געפונען טראָצקי און אויף דער צווייטער זייט האָט סטאַלין געקעמפט לענינען פאַר אַנולירן יענע רעזאָלוציע, וויפל ביכער, בראָשורן און פלוגבלעטער וואָלטן דאָס דאַן געשריבן געוואָרן, כדי צו באַווייזן טראָצקיס קליינבירגערלעכע און קולאַק-פּריינטלעכע אפּיקורסות?

# אַדמיניסטראַטיווע ווירטשאַפטס־פאַרוואַלטונג

איך האָב דערקלערט אונזער זינלאָזן פאַרקויפן מיט דער פלאַנלאָזיקייט פון אונזער גאַנצער ווירטשאַפטלעכער אָנפירונג. עס זענען געווען חלוקי־דעות אין פּאָליטישן ביוראָ וועגן דער פראַגע פון מלוכהשער ווירטשאַפטס־אָנפירונג און די רעכט פון גאָספלאַן. צווישן זיי איז אויך געווען אַ מיינונגספאַרשידנקייט צווישן מיר און וולאַדימיר איליאיטשן. דאָסזעלבע זענען אויך פאָרגעקומען חלוקי־דעות וועגן די פּערזאָנען אין דעם ווירטשאַפטסביוראָ.

אין זיינע בריוו צו די מיטגלידער פון פּאָליטישן ביוראָ, אין וועלכע ער האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן גאָספלאַן, האָט וולאַדימיר איליאיטש געשריבן פאָלגנדעס דעם 27 דעצעמבער 1922:

„בנוגע דעם פאָרשלאָג צו געבן דעם גאָספלאַן דאָס רעכט אויף געזעצלעכע פאַראָרדנונגען:

ווי עס שיינט האָט חבר טראָצקי אַרויסגעזאָגט דעמדאָזיקן געדאַנק שוין מיט אַ לענגערע צייט צוריק. איך בין דעמאָלט געווען קעגן דעם, ווייל איך האָב געגלויבט, אַז דורכדעם וועט דורכגעבראָכן ווערן אונזער גאַנצע געזעצגעבערישע סיסטעם. אָבער נאָכדעם ווי איך האָב נאָכאַמאָל גרינטלעך דורכגעטראַכט די גאַנצע זאַך, געפין איך איין, אַז אין גרונט גענומען שטעקט דאָ אַ געזונטער געדאַנק. דער גאָספלאַן

האָס פירט אָן מיט דער מלוכהשער ווירטשאַפט, שטייט אַפּיסל אין אַ זייט פון אונזערע געזעצגעבערישע איינריכטונגען, הגם אַלס אַ באַראַטנדיקער מיטלפּונקט פון פאַרוואַלטערס, זאַכפאַר־שטענדיקע און פאַרטרעטער פון דער וויסנשאַפט און דער טעכניק האָט ער, נאַטירלעך, די בעסטע מעגלעכקייטן ריכטיק אָפּצושאַצן די זאַכן... אין דערדאָזיקער הינזיכט מוז איך אַזוי אַרום אָננעמען טראַצקיס מיינונג, אָבער נישט אין דעם פּרט, אַז מען זאָל איבערגעבן דעם פּרעזידיום פון גאָספּלאַן איינעם פון אונזערע פּאָליטישע פירערס אָדער דעם פאָרזיצנדן פון העכסטן ווירטשאַפטסראַט".

דידאָזיקע חלוקי־דעות זענען דערמאָנט געוואָרן אין די בריוו, וועלכע לענין האָט מיר געשיקט וועגן דער פראַגע פונעם מלוכה־מאָנאָפּאָל פאַרן אויסלענדישן האַנדל. לענין האָט אין זיי פאָרגעשלאָגן, מ'זאָל דידאָזיקע פראַגע דערווייל לאָזן אין אַ זייט און האָט זי באַצייכנט — נישט אינגאַנצן ריכטיק — אַלס אַ ריין־פאַרוואַלטונגס־רעכטלעכע. אמת, איך האָב טאַקע געוואָלט אַן אַלזייטיקע פאַרשטאַרקונג פון דער ווירטשאַפטלע־כער אָנפירונג און אונטערוואַרפן די אַרבעט פון אַלע אָפּטיי־לונגען דעם גאָספּלאַן, כ'האָב אָבער גאָר בדעה נישט געהאַט צו געבן דעמדאָזיקן לעצטן פאַרוואַלטונגס־רעכט, וועלכע האָבן, ווי ביז איצט, געדאַרפט בלייבן אין די הענט פון די אַרבע־טער־ און זעלנער־ראַטן. אָבער נישט וועגן דעם האַנדלט זיך עס דאָ. סיי דער אינהאַלט סיי דער טאָן פון בריוו ווייזן, ווי רואיק, ווי זאַכלעך לענין האָט באַטראַכט דעם פאַרגעקומענעם מיינונגען־שטרייט, פאַרלייגנדיק דעם פּאָליטישן ביוראָ צו באַ־זייטיקן דידאָזיקע חלוקי־דעות דורך אַ גאַנץ ענגער דערנענטע־רונג צו די געדאַנקען, וועלכע איך האָב פאַרטיידיקט. סאַראַ סך שקרים מ'האָט דאָס דערציילט דער פּאַרטיי וועגן דידאָזיקע זאַכן!

# מיט לענינען קעגן סטאַלינען

איך וויל דאָ נישט ציטירן לענינס אַנטשיידנדיקן בריוו קעגן סטאַלינען וועגן דער נאַציאָנאַליטעטן-פּראַגע. ער איז אָפּגעדרוקט אין די סטענאָגראַפישע פּלענום-באַריכטן פון יולי 1926, און ער איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין פלוגבלעטער. עס וועט נישט געלינגען אויסצובאַהאַלטן דעמדאָזיקן בריוו. עס עקזיסטירן נאָך אָבער אויך אַנדערע דאָקומענטן פון זעלבן מין, וועלכע זענען דער פּאַרטיי לגמרי נישט באַקאַנט. די אַרכיוואַרן און היסטאָריקער פון סטאַלינס שולע נעמען אָן אַלע מיטלען, כדי דידאָזיקע דאָקומענטן זאָלן נישט דערזען די ליכטיקע שיין. זיי וועלן דאָס אויך ווייטער טאָן, און זיי זענען ביכולת זיי פּשוט צו פאַרניכטן.

צוליבן דאָזיקן גרונט האַלט איך פאַר נויטיק צו ברענגען דאָ די וויכטיקסטע שטעלן פון לענינס ערשטן בריוו וועגן אויפּבלי פון ראַטנפאַרבאַנד און סטאַלינס ענטפער אויף אים. לענינס בריוו, וואָס איז דאַטירט געוועזן פון 27 סעפּטעמבער 1922, האָט זיך געווענדעט צום חבר קאַמענעוו, אָבער אַ קאָפּיע פון אים איז צושיקט געוואָרן צו אַלע מיטגלידער פון פּאָליטישן ביוראָ. אָט איז דער אָנהויב פון בריוו:

„איר האָט שוין מסתמא באַקומען פון סטאַלינען דעם באַשלוס פון זיין קאָמיסיע וועגן צולאָזן אומאָפּהענגיקע רעפּובליקן אין ראַטנפאַרבאַנד,

אויב איר האָט אים נאָכנישט באַקומען, דאַן פאָדערט אים אַרויס פון סעקרעטאַר, און לייענט אים תיכף דורך. איך

האָב נעכטן גערעדט וועגן דעם מיט סאָקאָלניקאָוון, היינט מיט סטאַלינען און מאָרגן וועל איך זיך זען מיט מדיוואַנין (אַ גרוזינישער קאָמוניסט, וועלכן מען איז חושד, ער שטרעבט צו אומאָפּהענגיקייט).

לויט מיין מיינונג איז די פראַגע אומענדלעך וויכטיק. סטאַלין ווייזט אַרויס אַ שטילע נייגונג צו האַנדלען שנעל. איר מוזט דעם ענין גוט באַקלערן, אויך זינאָוויעוו. (איר האָט דאָך אַמאָל געוואָלט געבוי אויספאָרשן די דיזאָזיקע פראַגע און אין אַ געוויסער הינזיכט האָט איר דאָס אויך געטאָן.)

סטאַלין איז שוין מסכּים צו מאַכן אַ באַגרעניצונג. אָנשטאָט וועגן „אַריינטרעטן" אין דער ראַטנרעפּובליק, רעדט ער איצט וועגן אַ „פאָרמעלער פאַראייניקונג" מיט אונז אין אַ פאַרבאַנד פון ראַטנרעפּובליקן פון אייראָפּע און אַזיע. איך מיין, אַז דער זין פון דעראָזיקער באַגרעניצונג איז קלאָר".

דאָ קומען אַ גאַנצע ריי לענינס אויסבעסערונגען פון זעלבן מין. צום סוף פון זיין בריוו זאָגט לענין:

„סטאַלין איז מסכּים געווען פאָרצולייגן די רעזאָלוציע ערשט נאָך מיין קומען אין פּאָליטישן ביוראָ. איך קום מאָנטיק, דעם 2 אָקטאָבער, און כ'וויל האָבן מיט אייך און ריקאָוון אַ באַראַטונג פון עטלעכע שעה — אפשר אַרום מיטאָקצייט צווישן איינס און צוויי און דאַן, אויב עס וועט נויטיק זיין, אויך אינאָוונט פון פינף ביז זיבן אָדער פון זעקס ביז אַכט.

דאָס איז מיין דערווייליקער פּלאַן. אויפן יסוד פון אַ שמועס מיט מדיוואַני און אַנדערע חברים וועל איך קעמפן פאַר אים און זיך באַמיען ער זאָל דורכגיין. איך בעט אייך זייער צו טאָן דאָסזעלבע און מיר געבן אַן ענטפער.

אייער

לענין.

פּ. ס. שיקט קאָפּיעס צו אַלע מיטגלידער פון פּאָליטישן ביוראָ".

סטאַלין האָט זיין ענטפער צו לענינען איבערגעשיקט דעמזעלבן טאָג, דעם 27 סעפּטעמבער 1922, צו די מיטגלידער

פֿון פּאָליטישן ביוראָ. איך ציטיר פֿון דאָזיקן ענטפֿער צוויי וויכטיקע שטעלן.

„לעבינס אויסבעסערונג צום פּאַראַגראַף 2, וואָס לייגט פֿאָר צו שאַפֿן לעם צענטראַלן אויספֿיר-קאָמיטעט פֿון דער רוסישער רעפּובליק נאָך אַ צענטראַלן אויספֿיר-קאָמיטעט פֿון דער פֿעדעראַציע, דאַרף, לויט מיין מיינונג, נישט אָנגענומען ווערן. די עקזיסטענץ פֿון צוויי צענטראַלע אויספֿיר-קאָמיטעטן אין מאָסקווע, וואָס איינער פֿון זיי וועט וואַרשיינלעך זיין אַן „אונטערשטע פּאַלאַטע” און דער צווייטער — אַן „אייבערשטע פּאַלאַטע”, וועט אונז פֿאַרשאַפֿן בלויז אומנויטיקע קאָנפֿליקטן און דעבאַטן”.

און ווייטער:

„וואָס שייך דעם פּאַראַגראַף 4 מאַכט עס דעם איינדרוק, אַז חבר לענין אַליין „איילט” זיך אַביסל צו, ווייל ער פֿאָדערט, אַז די קאָמיסאַריאַטן פֿון פֿינאַנץ, אַפּראָוויזאַציע, אַרבעט און פֿאָלקס-ווירטשאַפֿט זאָלן זיך צוזאַמענגיסן מיט די קאָמיסאַריאַטן פֿון דער פֿעדעראַציע. עס איז אָבער נישטאָ דער מינדסטער ספֿק, אַז דיזאָזיקע „איילעניש” וועט זיין ווי וואַסער פֿאַר דער זופּ פֿון די „אומאָפּהענגיקייטס”-אַדוואָקאַטן צום שאָדן פֿון לענינס נאַציאָנאַלן ליבעראַליזם.

לענינס אויסבעסערונג צום פּאַראַגראַף פֿינף איז לויט מיין מיינונג איבעריק.

ס ט אַ ל י ן”.

דיזאָזיקע אויסערגעוויינלעך כאַראַקטעריסטישע קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע מ׳באַהאַלט אויס פֿון דער פּאַרטיי, ווי אַ סך אַנדערע דאָקומענטן, איז געפֿירט געוואָרן פֿריער פֿאַר לענינס באַרימטן בריוו וועגן דער נאַציאָנאַליטעטן-פֿראַגע. אין זיינע באַמערקונגען וועגן סטאַלינס האַנדלונגען איז לענין אויסערגעוויינלעך איינגעהאַלטן און זיינע אויסדריקן זענען מילד. לענין האָט נאָך דאַן אַלץ געהאָפֿט, אַז אים וועט געלינגען צו דערליידיקן דעם ענין אָן שווערע צוזאַמענשטויסן. דעריבער וואַרפֿט ער סטאַלינען פֿאָרזיכטיק פֿאָר זיין „איילעניש”. די באַשולדיקונג, וועלכע סטאַלין האָט אויפֿגעהויבן קעגן מדיוואַניס „אומאָפּהענגיקייטס”-נייגונג, נעמט לענין אַריין אין גענצנפֿיסלעך,

כדי קלאָר זיך אָפּצוגרענעצן פון דערדאָזיקער באַשולדיקונג, נאָך מער, לענין אונטערשטרייכט בפירוש, אַז זיין אויסבעסערונג וויל ער פאַרלייגן אויפן יסוד פון אַ שמועס מיט מדיוואַנין און אַנדערע חברים.

סטאַלינס ענטפער צייכנט זיך דאַקעגן אויס דורך גראָבקייט. באַזונדערס פאַרדינט די אויפמערקזאַמקייט דער לעצטער זאַץ צום פערטן פונקט

„עס איז אָבער נישטאָ דער מינדסטער ספק, אַז דידאָזיקע „איילעניש" וועט זיין ווי וואַסער פאַר דער זופּ פון די „אומאָפּהענגיקייטס"-אַדוואָקאַטן צום שאָדן פון לענינס נאַציאָנאַלן ליבעראַליזם".

ווי מ'זעט, האָט שוין מיט לענינען געהאַלטן אַזוי שמאָל, אַז מ'האָט אים באַשולדיקט אין נאַציאָנאַלן ליבעראַליזם.

דער ווייטערדיקער גאַנג פון קאַמף אַרום דער נאַציאָנאַליטעטן-פראַגע האָט לענינען באַוויזן, אַז ער וועט סטאַלינען בשום אופן נישט קענען באַאיינפלוסן מיט אינערלעכע טעמים און פריינטלעכע ווערטער, און אַז עס איז נויטיק צו ווענדן זיך צום קאָנגרעס און צו דער פאַרטיי. צוליבן דאָזיקן צוועק האָט לענין געשריבן אין איינצלנע אָפּשניטן זיין בריוו וועגן דער נאַציאָנאַליטעטן-פראַגע.

וולאַדימיר איליטש האָט דער גרוזינישער פראַגע צוגעשריבן אַן אומגעהייערע באַדייטונג נישט נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר די רעזולטאַטן פון אַ פאַלשער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק אין גרוזיע — אַ מורא, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס באַגרינדעט — נאָר אויך צוליב דעם, ווייל דידאָזיקע פראַגע האָט אויפגעדעקט פאַר אים די גאַנצע פאַלשקייט פון סטאַלינס שטאַנדפּונקט אין דער נאַציאָנאַליטעטן-פּראָבלעם און אין אַנדערע פּראָבלעמען. לענינס וויכטיקן, אַנטשיידנדיקן בריוו האָט מען אויסבאַהאַלטן פון דער פאַרטיי ביז אויף היינטיקן טאָג. דער אויסרייד, אַז לענין האָט נישט געוואָלט דער בריוו זאָל געלייענט ווערן דורך דער פאַרטיי, איז דורך און דורך פאַלש. האָט דען לענין געוואָלט, אַז זיינע באַמערקונגען אין נאָטיצביכלעך און אויף די ראַנדן פון די ביכער, וועלכע ער האָט געלייענט, זאָלן פאַרעפנטלעכט ווערן?

די מעשה איז אָבער די, אַז אַלץ, וואָס קען דירעקט אָדער אומדירעקט געווענדט ווערן קעגן דער אָפּאָזיציע, פאַרעפּנטלעכט מען, אָבער לענינס בריוו, וואָס גיט דעם עיקר פון זיין פּראָגראַם אין דער נאַציאָנאַליטעטן-פראַגע, קאָנפיסקירט מען.

איך ברענג דאָ צוויי ציטאַטן פון דאָזיקן בריוו:

„איך גלויב, אַז סטאַלינס איילעניש און זיין דראַנג אַרויסצוגעבן פאַראָרדנונגען האָבן דאָ געשפּילט אַ פאַטאַלע ראָלע, אָבער נישט ווינציקער אויך זיין שנאה קעגן טרויעריק-באַרימטן „סאָציאַל-שאָוויניזם". אין אַלגעמיין שפּילט אבער שנאה זייער אַ שעדלעכע ראָלע אין דער פּאָליטיק".

(פון לענינס נאָטיץ פון 30-טן דעצעמבער 1922).

און דאַן אין זיין נאָטיץ פון 31-טן דעצעמבער 1922 אין נאָך שאַרפערע אויסדרוקן:

„פאַרן דאָזיקן באמת גרויסרוסיש-נאַציאָנאַליסטישן קריגסצוג מוז מען נאַטירלעך פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן סטאַלינען און דזשערזשינסקין".

וולאַדימיר איליטש האָט מיר צוגעשיקט דעמדאָזיקן בריוו אין אַ מאָמענט, ווען ער האָט געפילט, אַז ער וועט מסתמא נישט זיין אימשטאַנד צו קומען אויפן צוועלפטן קאָנגרעס. איך ברענג דאָ די מיטטיילונג, וועלכע איך האָב דערהאַלטן פון אים בעת די צוויי לעצטע טעג, אין וועלכע ער האָט נאָך אָנטיילגענומען אין פּאָליטישן לעבן:

„שטרענג געהיים. פּערזענלעך.

חשובער חבר טראָצקי:

איך בעט אייך זייער איבערצונעמען די פאַרטיידיקונג פון דער גרוזינישער אָנגעלעגנהייט אין צענטראַלן אויספירקאָמיטעט. דידאָזיקע אָנגעלעגנהייט געפינט זיך אין די הענט פון סטאַלין און דזשערזשינסקי, זיי דאַרפן אַרויסטראָגן וועגן איר דעם אורטייל, און איך קען זיך נישט פאַרלאָזן אויף זייער אומפּאַרטייאישקייט. אדרבה, פאַרקערט. ווען איר וואָלט איבערגענומען די פאַרטיידיקונג, וואָלט איך געקענט זיין רואיק. אויב איר וועט דאָס צוליב אַ וועלכן נישט איז טעם נישט

קענען טאָן, דאַן שיקט מיר אָפּ צוריק אַלע פּאַפּירן. איך וועל דאָס באַטראַכטן אַלס סימן פון אייער אָפּזאָג.

מיט די בעסטע חברישע גרוסן
לענין.

דעם 5 מערץ 1923 דיקטירט מ. וו.

„צום חבר טראָצקי:
וולאַדימיר איליטש בעט מיך, איך זאָל לשם אינפאָרמאַציע צוגעבן צו דעם בריוו, וועלכן מ'האָט אייך איבערגעשיקט טעלעפאָניש, אַז חבר קאַמענעוו פאָרט מיטוואָך אָפּ קיין גרוזיע. וולאַדימיר איליטש פרעגט אייך, צי ווילט איר נישט שיקן אַהין עמיצן אויך פון אייער זייט.

געחתמעט מ. וואָלאָדיטשעווא

דעם 5 מערץ 1923.

„צו די חברים מדיוואַני, מאַכאַראַדזע און אַנדערע (קאָפּיעס צו די חברים טראָצקי און קאַמענעוו):
חשובע חברים:
איך באַמי זיך פאַר אייך מיטן גאַנצן האַרצן און איך בין אויפגעבראַכט דורך אָרדזשאָניקידזעס אכזריות און דורך סטאַלינס און דזשערזשינסקיס הסכמה. איך גרייט צו פאַר אייך בריוו און אַ רעדע.

מיט אַכטונג לענין.

דעם 6 מערץ 1923

„צום חבר קאַמענעוו (קאָפּיע צו טראָצקין):
לעוו באָריסאָוויטש:
אין שייכות מיט אונזער טעלעפאָנישן שמועס בין איך אייך, אַלס דעם פאָרזיצער פון פּאָליטביוראָ, מודיע:
ווי איך האָב אייך שוין דערציילט דעם 31 דעצעמבער 1922, האָט וולאַדימיר איליטש דיקטירט אַן אַרטיקל וועגן דער נאַציאָנאַליטעטנפראַגע.

די דאָזיקע פראַגע האָט אים זייער באַאומרואיקט, און ער האָט געהאַט בדעה צו האַלטן וועגן איר אַ רעדע אויף דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ. קורץ פאַר זיין לעצטער

קראַנקהייט האָט ער מיר מודיע געווען, אַז ער וויל דעמדאָ־ זיקן אַרטיקל פאַרעפנטלעכן, אָבער ערשט שפּעטער. דאַן איז ער קראַנק געוואָרן, נישט געבנדיק קיין ענטגילטיקע פאַר־ אָרדנונגען.

וולאַדימיר איליטש האָט דעמדאָזיקן אַרטיקל באַטראַכט אַלס באַשטימענדיק און אויסערגעוויינלעך וויכטיק. לויט זיין פאַראָרדנונג האָט מען אים מיטגעטיילט דעם חבר טראָצקי, וועלכן וולאַדימיר איליטש האָט באַפולמעכטיקט צו פאַרטרעטן אויף דער פאַרטיי־קאָנפערענץ זיין מיינונג וועגן דער דאָזיקער פראַגע, ווייל זי שטייט דורכאויס אין הסכם מיט טראָצקיס.

די איינציקע קאָפּיע פון אַרטיקל, וועלכע איך באַזיץ, ווערט אויפגעהיט, לויט וולאַדימיר איליטשעס פאַראָרדענונג, אין זיין געהיימען אַרכיוו.

איך טייל אייך מיט דידאָזיקע פאַקטן.

איך האָב עס פריער נישט געקענט טאָן, ווייל ערשט היינט קען איך זיך אומקערן צו דער אַרבעט נאָך אַ קראַנקהייט

ל. פאָטיעוואַ,

פריוואַטסעקרעטאַרין פון חבר לענין.

דעם 16־טן מערץ 1923".

נאָך די אַלע רכילותן, וועלכע האָבן פאַרקריפּלט לענינס באַציאונג צו מיר, קען איך נאָר אָנווייזן אויף דער אונטער־ שריפט פון זיין ערשטן בריוו — „מיט די בעסטע חברישע גרוסן". ווער עס איז באַקאַנט מיט לענינס קאַרגשאַפט אין ווערטער און מיטן אופן פון זיין שמועסן און קאָרעספּאָנדירן, ווייס גאַנץ גוט, אַז לענין האָט נישט צופעליק אונטערגעשריבן דידאָזיקע ווערטער צום סוף פון זיין בריוו. און עס איז אויך נישט געווען קיין צופעליקייט, וואָס סטאַלין, וועלכער איז גע־ צוונגען געווען אין יולי 1926 פאָרצולייענען אויפן פּלענום דידאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ, האָט פאַרביטן די ווערטער „מיט די בעסטע חברישע גרוסן" מיט דער געוווינטער רעדנסאַרט „מיט קאָמוניסטישע גרוסן". אויך דאָ איז זיך סטאַלין געבליבן געטריי.

# מיט לענינען קעגן סטאַלינען, ריקאָוון, קאַלינינען און בוכאַרינען

לענינס פאָרשלאָג צו פאָרמירן אויף אַ נייעם אופן דעם ראַבקרין, דעם קאָמיסאַריאַט פון דער אַרבעטער- און פויערים-אינספעקציע, איז דורך דער סטאַלינגרופּע אויפגענומען געוואָרן מיט דער גרעסטער פיינטלעכקייט. דעם 23 אָקטאָבער 1923 האָב איך דאָס מיטגעטיילט דורך אַ בריוו די מיטגלידער פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט אין זייער אַן איינגעהאַלטענער שפּראַך. איך ברענג דאָ אַ טייל פון דאָזיקן בריוו:

„ווי אַזוי האָט דאָס פּאָליטישע ביוראָ רעאַגירט אויף לענינס פּלאַן צו פאָרמירן אויף אַ נייעם אופן דעם ראַבקרין? חבר בוכאַרין האָט נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז לענינס אַרטיקל זאָל אָפּגעדרוקט ווערן, בעת לענין האָט אומבאַדינגט געפאָדערט ער זאָל תיכף ומיד געדרוקט ווערן. נ. ק. קרופּסקאַיאַ, דער רעדאַקטאָר פון דער „פּראַוודאַ" האָט גערעדט מיט מיר טעלעפאָניש וועגן דאָזיקן אַרטיקל און האָט מיר געבעטן איך זאָל זען ווירקן, אַז דער אַרטיקל זאָל געדרוקט ווערן וואָס שנעלער. אויף דער זיצונג פון פּאָליטישן ביוראָ, וועלכע איז גלייך נאָכדעם צונויפגערופן געוואָרן לויט מיין איניציאַטיוו, זענען אַלע אָנוועזנדיקע חברים — סטאַלין, מאָלאָטאָוו, קויבישעוו, ריקאָוו, קאַלינין און בוכאַרין — געווען נישט נאָר קעגן לענינס פּלאַן, נאָר אפילו קעגן דרוקן דעם אַרטיקל. באַזונדערס זענען איינגעשפּאַרט געווען אין זייער אָפּאָזיציע די

מיטגלידער פון סעקרעטאַריאַט. ענדלעך האָט חבר קואיבישעוו,
דער שפּעטערדיקער אָנפירער פון ראַבקרין, פאָרגעשלאָגן, מ'זאָל
נעמען אין אַכט לענינס דרינגנדיקע פאָדערונג צוצושטעלן אים
דעם געדרוקטן אַרטיקל און אַרויסגעבן אַ ספּעציעלן נומער
פון דער „פּראַוודאַ" מיט לענינס אַרטיקל און אים ווייזן, אָבער
דער אַרטיקל גופא זאָל בלייבן נישט פאַרעפנטלעכט.
איך האָב אָנגעוויזן, אַז די גרינדלעכע רעפאָרם, וועלכע
דער חבר לענין לייגט פאָר, וואָלט באמת געווען אַ טריט פאָר-
אויס, ווען זי זאָל ריכטיק דורכגעפירט ווערן, אָבער אפילו
דאַן, ווען דאָס זאָל זיין פונקט פאַרקערט, וואָלט אויך געווען
נאַריש און קאָמיש צו שיצן די פּאַרטיי פאַר די פאָרשלאָגן
פון חבר לענין. מען האָט מיר געענטפערט מיטן באַקאַנטן
פאָרמעלן נוסח: „מיר זענען דער צענטראַלער אויספיר-קאָמי-
טעט. מיר נעמען איבער די אחריות. מיר אַנטשיידן וועגן
דעם". בלויז איין חבר קאַמענעוו האָט מיך אונטערשטיצט.
אָבער אויף דער זיצונג פון פּאָליטישן ביוראָ האָט ער זיך
פאַרשפּעטיקט כמעט אויף אַ שעה.
דער הויפּטמאָטיוו, וואָס האָט דאַן פאָרט באַוויגן
אָפּצודרוקן דעם אַרטיקל איז געווען דער געדאַנק, אַז לענינס
אַן אַרטיקל טאָר פאַר קיין פאַל נישט אויסבאַהאַלטן ווערן פון
דער פּאַרטיי. שפּעטער איז דערדאָזיקער אַרטיקל געוואָרן אַ
כלי-זין פאַר די-יעניקע, וועלכע האָבן אים גאָר צוערשט נישט
געוואָלט דרוקן, אַ כלי-זין, וועלכן זיי האָבן זיך באַמיט צו
באַנוצן קעגן מיר! חבר קואיבישעוו, דעמאָלט אַ מיטגליד פון
סעקרעטאַריאַט, איז געשטעלט געוואָרן אין דער שפּיץ פון
דער קאָנטראָל-קאָמיסיע און פון ראַבקרין. אָנשטאָט צו קעמפן
קעגן לענינס פּלאַן אָפן, איז מען איבערגעגאַנגען צו דער
טאַקטיק, צעוויסצורייסן ביים דאָזיקן פּלאַן די ציין. צי דער
ראַבקרין איז אַזויאַרום געוואָרן אַן אומפּאַרטייאישע, אומאָפּ-
הענגיקע אינסטיטוציע, וואָס האָט געשטיצט אין דער פּאַרטיי
די גערעכטיקייט און אייניקייט קעגן אַלע אַדמיניסטראַטיווע
ווילקיר-מעשים — דידאָזיקע פראַגע איז לחלוטין איבעריק צו
שטעלן, ווייל דער ענטפער איז פולשטענדיק קלאָר".
סטאַלינס שטעלונג אין דערדאָזיקער פראַגע האָט מיר

צום ערשטן מאָל קלאָר באַוויזן, אַז לענינס פאָרשלאָג צו רע-אָרגאַניזירן די קאָנטראָל-קאָמיסיע און דעם צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט איז געווענדט געווען קעגן סטאַלינס נישט-ערלעכ-קייט און קעגן זיין ביוראָקראַטישער מאַכט, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אויסערגעוויינלעך גרויס. דערפון האָט זיך אויך גענומען סטאַלינס האַרטנעקיקע אָפּאָזיציע קעגן לענינס פּלאַן.

# מײן לעצטער שמועס מיט לענינען

אויף דער פּרעזידיום-זיצונג פון דער קאָנטראָל-קאָמיסיע האָב איך מיט אַ קורצער צייט צוריק דערציילט מיין לעצטן שמועס מיט וולאַדימיר איליאיטשן קורץ פאַר דעם צווייטן אָנפאַל פון זיין קראַנקהייט. איך האָב געזאָגט פאָלגנדיקס:

„לענין האָט מיר געשיקט רופן אין זיין צימער אין קרעמל און האָט גערעדט וועגן שרעקלעכן וווקס פון ביוראָקראַטיזם אין אונזער ראַטנאַפּאַראַט און וועגן דער נויטווענדיקייט צו געפינען אַ מיטל, כדי צו לייזן די דאָזיקע פּראָבלעם. ער האָט פאָרגעלייגט צו בילדן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט און האָט מיך איינגעלאַדן צו נעמען אַ טעטיקן אָנטייל אין דער אַרבעט. איך האָב אים געענטפערט: „וולאַדימיר איליאיטש, מיין איבערצייגונג איז, אַז ביים איצטיקן קאַמף קעגן דעם ביוראָקראַטיזם אין ראַטנאַפּאַראַט דאַרפן מיר נישט פאַרגעסן, אַז סיי אין די פּראָווינצן, סיי אין צענטער האָט זיך אַנטוויקלט די טענדענץ אויסצווויילן באַאַמטע און ספּעצן לויט דעם איינזען פון געוויסע הערשנדיקע פּערזאָנען און גרופּעס. ווי נאָר מ'גרייפט אָן די ראַטנבאַאַמטע שטויסט מען זיך אָן אין די פּאַרטייפירער. אויף די ספּעצן געהערן צו דער דאָזיקער קליקע. ביי אַזעלכע באַדינגונגען קען איך די דאָזיקע אַרבעט נישט אָננעמען”.

וולאַדימיר איליאיטש האָט זיך דאַן פאַרטראַכט אויף אַ

רגע און דאַן געזאָגט — איך ציטיר אים כמעט ווערטלעך: „דאָס הייסט, אַז איך שלאָג פֿאָר אַ קאַמף קעגן ראַטנביוראָקראַטיזם, און איר ווילט נאָך צוגעבן דערצו אַ קאַמף קעגן ביוראָקראַטיזם פֿון אָנפֿירנדיקן פּאַרטיי־ביוראָ". (סטאַלין אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר איז געווען דער פֿאָרזיצער פֿון דאָזיקן ביוראָ).

איך האָב זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט צוליב דערדאָזיקער אומדערוואַרטעטער באַמערקונג, ווייל איך האָב גאָרנישט אין זינען געהאַט אַזאַ באַשטימטע פֿאָרמולירונג פֿון מיין געדאַנק.

איך האָב געענטפֿערט: „איך מיין, אַז דאָס איז אַזוי".

דאַן האָט וולאַדימיר איליאיטש געזאָגט: „גוט, איך בין מסכּים, איך שלאָג אייך פֿאָר אַ בונד מיט מיר".

איך האָב געענטפֿערט: „איך בין תּמיד גרייט צו שליסן אַ בונד מיט אַ פּאַסיקן מענטשן".

צום סוף פֿון אונזער שמועס האָט וולאַדימיר איליאיטש געזאָגט, אַז ער וועט צוערשט פֿאָרלייגן שאַפֿן אַ קאָמיסיע פֿאַרן קאַמף קעגן ביוראָקראַטיזם בכלל, און בילדן זאָל זי דער צענטראַלער אויספֿיר־קאָמיטעט, און אויפֿן דאָזיקן וועג שפּעטער אָנגרייפֿן אויך דעם אָנפֿירנדיקן פּאַרטיי־ביוראָ. וועגן דער פֿאָרם פֿון דער קאָמיסיע האָט ער צוגעזאָגט נאָך ווייטער אַ טראַכט צו טאָן. אויף דעם זענען מיר זיך צעגאַנגען.

איך האָב צוויי וואָכן געוואַרט אויף זיין טעלעפֿאָנישער אַרויספֿאָדערונג, אָבער איליאיטשעס געזונטצושטאַנד האָט זיך געהאַלטן אין איין פֿאַרערגערן און ער האָט זיך תּיכּף געמוזט אַריינלייגן אין בעט. שפּעטער האָט מיר וולאַדימיר איליאיטש צוגעשיקט דורך זיין סעקרעטאַר זיינע בריוו וועגן דער נאַציאָנאַליטעטנפֿראַגע. און אַזויאַרום איז די אַרבעט קיינמאָל נישט דורכגעפֿירט געוואָרן".

אין תּוך גענומען איז לענינס יענער פּלאַן דירעקט געווענדט געווען קעגן סטאַלינען.

## לענין האָט ענטגילטיק איבערגעריסן מיט סטאַלינען

יאָ, עס זענען פאָרגעקומען חלוקי-דעות צווישן מיר און לענינען. אָבער סטאַלינס פרווון צו פארדרייען אויפן דאָזיקן סמך דעם אַלגעמיינעם כאראקטער פון אונזערע באַציאונגען ווערן צעשמעטערט דורך די באַווייזן פון יענער צייט, ווען די ענינים פלעגן דערליידיקט ווערן נישט דורך שמועסן און אָפּ־שטימונגען, וועגן וועלכע מיר האָבן נישט קיין באַריכטן, נאָר דורך א בריוו-וועקסל — דאָס הייסט, פון דער צייט צווישן לענינס ערשטער און צווייטער קראַנקהייט. כ׳וויל דאָ אויסרע־כענען עטלעכע ביישפּילן:

אין דער נאַציאָנאַליטעטנפראַגע האָט לענין צוגעגרייט פארן צוועלפטן קאָנגרעס א אַנטשידענעם אָנגריף קעגן סטאַ־לינען. וועגן דעם האָט מיר מודיע געווען זיין סעקרעטאַרין אין זיין נאָמען און לויט זיין אויפטראָג. דער אויסדרוק, וועלכן זי פלעגט אָפט אַמאָל איבערחזרן איז געווען: „וולאַדי־מיר איליאיטש גרייט צו א באָמבע קעגן סטאַלינען".

אין זיין אַרטיקל וועגן דעם קאָמיסאַריאַט פון דער אַר־בעטער- און פויערים-אינספּעקציע, דעם ראַבקרין, האָט לענין געשריבן דעם 4-טן מערץ 1923:

„דער פאָלקסקאָמיסאַריאַט פון ראַבקרין געניסט נישט איצט אַפילו קיין שאָטן פון אויטאָריטעט. יעדער איינער ווייס, אַז אַן ערגער-אָרגאַניזירטער אינסטיטוט ווי אונזער קאָמיסאַ־

ריאַט פון ראַבקרין עקזיסטירט גאָר נישט און אַז פון דאָזיקן קאָמיסאַריאַט קען מען בכלל גאָרנישט דערוואַרטן... וואָס האָט עס פאַר אַ צוועק צו שאַפן אַ קאָמיסאַריאַט, אויב ער פירט די אַרבעט אויפן פריערדיקן שטייגער, אויב ער רופט נישט אַרויס צו זיך דעם מינדסטן צוטרוי און אויב זיינע ווערטער האָבן נישט קיין אויטאָריטעט ?..

איך פרעג יעדן איינעם פון די איצטיקע פירער פון ראַבקרין אָדער אַ וועלכן נישט איז מענטשן, וואָס שטייט מיט אים אין פאַרבינדונג, צי זיי קענען מיר זאָגן אויף זייער נאמנות, וואָסער פּראַקטישן צוועק עס האָט אַזאַ קאָמיסאַריאַט ווי דער ראַבקרין".

אין משך פון די גאַנצע ערשטע רעוואָלוציע־יאָרן איז סטאַלין אַליין געשטאַנען אין דער שפּיץ פון ראַבקרין. לענינס אָנגריף איז קודם כל געווענדט געווען קעגן אים.

אין זעלבן אַרטיקל לייענט מען :

„ביוראָקראַטיזם פאַרמאָגן מיר נישט נאָר אין די ראַטנ־אינסטיטוציעס, נאָר אויך אין דער פּאַרטיי".

די דאָזיקע קלאָרע ווערטער באַקומען נאָך אַ באַזונדערע באַדייטונג, ווען מען פאַרבינדט זיי מיט מיין אויבנגעבראַכטן לעצטן שמועס מיט וולאַדימיר איליטש, אין וועלכן עס איז גערעדט געוואָרן וועגן אונזער געפּלאַנטן בונד קעגן אָרגאַני־זיר־ביוראָ אַלס דעם מקור פון ביוראָקראַטיזם. די דאָזיקע באַ־שיידענע, עכט לענינשע באַמערקונג איז אינגאַנצן געווען אָנ־געמאָסטן אויף סטאַלינען.

וועגן לענינס צוואה איז דאָך איבעריק צו ריידן. זי איז פול מיט אומצוטרוי קעגן סטאַלינען, קעגן זיינע געמיינקייטן און זיין נישט־ערלעכקייט. ער רעדט וועגן דער מעגלעכקייט ער זאָל מיסברויכן מיט זיין מאַכט, וואָס דאָס קען ברענגען די סכנה פון אַ פּאַרטיי־שפּאַלטונג. בלויז איין איינציקן מאָל קריטיקירט די צוואה די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין פאָלגנדיקן זאַץ : „באַזייטיקט סטאַלינען פון גענעראַל־סעקרעטאַר־פּאָסטן".

און צום סוף איז געקומען דער לעצטער בריוו, וועלכן לענין האָט געשריבן, אָדער ריכטיקער — דיקטירט אין זיין לעבן, אַ בריוו צו סטאַלינען, אין וועלכן ער האָט מיט אים

איבערגעריסן אַלע פּאַרטיי-חברישע באַציאונגען. חבר קאַמענעוו האָט מיר דערציילט וועגן דאָזיקן בריוו אין דערזעלבער נאַכט, אין וועלכער ער איז געשריבן געוואָרן, אין דער נאַכט פון 5 אויף 6 מערץ 1923. חבר זינאָוויעוו האָט וועגן דאָזיקן בריוו גערעדט אויף דער פּאַראייניקטער זיצונג פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט און פון דער קאָנטראָל-קאָמיסיע. די עקזיסטענץ פון דאָזיקן בריוו איז אויך באַשטעטיקט געוואָרן אין דער סטענאָגראַפישער קאָפּיע פון דער גבית-עדות פון מ. א. אוליאַנאָוואַ, לענינס שוועסטער.

בעת חבר זינאָוויעוו האָט אויפן יולי-פּלענום פון יאָר 1926 אויפגעציילט די „וואָרנונגען", וועלכע לענין האָט געגעבן סטאַלינען, האָט ער געזאָגט:

„די דריטע וואָרנונג איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס אָנהויב 1923 האָט וולאַדימיר איליטש אין אַ פּערזענלעכן בריוו צו חבר סטאַלינען איבערגעריסן מיט אים אַלע פּאַרטיי-חברישע באַציאונגען".

מ. אוליאַנאָוואַ האָט זיך [illegible] פּאָרצושטעלן די זאַך אַזוי, אַז דאָס איבעררייסן אַלע חברישע באַציאונגען, וואָס לענין האָט וועגן דעם געמאָלדן סטאַלינען אין זיין לעצטן בריוו פאַר זיין טויט, איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך פּערזענלעכע און נישט דורך פּאָליטישע סיבות. צי דען איז אָבער נויטיק צו דערמאָנען, אַז ביי לענינען זענען אַלע פּערזענלעכע מאָטיוון תמיד אַרויסגערופן געוואָרן דורך פּאָליטישע, רעוואָלוציאָנערע און פּאַרטייאישע סיבות? געוויס, „געמיינקייט" און „נישט-ערלעכקייט" זענען פּערזענלעכע אייגנשאַפטן. אָבער לענין וואָרנט פאַר זיי די פּאַרטיי נישט צוליב „פּערזענלעכע" מאָטיוון, נאָר אין די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי. לענינס בריוו, אין וועלכן ער האָט איבערגעריסן מיט סטאַלינען אַלע פּאַרטיי-חברישע באַציאונגען, האָט געהאַט גענוי דעמזעלבן כאַראַקטער. דערדאָזיקער לעצטער בריוו איז געשריבן געוואָרן נאָך דעם בריוו וועגן דער נאַציאָנאַליטעטנפראַגע און נאָך דער צוואה. זינט דאַן זענען געמאַכט געוואָרן אָנגעשטרענגטע פּרוּוון אַראָפּ-

צודריקן דעם מאָראַלישן געוויכט פון לענינס לעצטן בריוו.
די פּאַרטיי האָט דאָס רעכט צו באַקענען זיך מיטן דאָזיקן בריוו!

אַזוי זעען אויס די פאקטן. אזוי באַשווינדלט סטאַלין די פּאַרטיי.

# אייניקע אויספירן

דאָס אַלץ, וואָס איך האָב ביז איצט געשריבן, איז נאָר אַ קליינע טייל פון די פאַקטן, גביות-עדות און ציטאַטן, וועלכע איך וואָלט געקענט ברענגען אויף אָפּצולייקענען דעם פאַלשן געשיכטסבילד, וועלכן עס האָבן געשאַפן סטאַלין, יאראָסלאַווסקי און אַנדערע אין די לעצטע צען יאָר.

דערביי מוז איך נאָך באַמערקן, אַז די פעלשונג באַגרעניצט זיך נישט מיט די דאָזיקע צען יאָר, נאָר זי שפּרייט זיך אויס אויף דער גאַנצער פריערער פּאַרטייגעשיכטע און פאַרוואַנדלט זי אין אַן אומאויפהערלעכן קאַמף פון באָלשעוויזם קעגן טראָצקיזם. באַזונדערס פריי פילן זיך די פעלשער אין יענער עפּאָכע, ווייל די געשעענישן זענען שוין אַזוי ווייט פון אונז, אַז זיי קענען אויסזוכן לויט זייער ווילן פּאַסנדיקע דאָקומענטן. דערביי ווערן לענינס מיינונגען פאַרוואַנדלט אין זייער קעגנזאַץ דורך אַן איינזייטיקן אויסוואַל פון ציטאַטן. איך וויל זיך דאָ אָבער איצט נישט פאַרנעמען מיט דעם פריערדיקן פּעריאָד פון מיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, מיט די יאָרן 1897 ביז 1917, ווייל דעם שטויס צו דער דאָזיקער פאַרטיידיקונגס-שריפט האָט מיר געגעבן דער אַנקעטע-בויגן וועגן מיין אָנטייל אין דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע און וועגן מיינע באַציאונגען צו לענינען.

וועגן די צוואַנציק יאָר, וואָס זענען פאָראויסגעגאַנגען די אָקטאָבער-רעוואָלוציע, וועל איך זיך באַגרעניצן מיט אַ פּאָר שורות.

איך האָב געהערט צו יענעם „מיעוט" פון ערשטן קאָנגרעס אין יאָר 1901 פון וועלכן עס האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט דער מענשעוויזם. פּאָליטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל בין איך פאַרבונדן געווען מיט דעמדאָזיקן „מיעוט" ביז האַרבסט 1904 — אומגעפער ביז דער אַזויגערופענער „לאַנדקאָמפּאַניע" פון דער „נאָוואַיאַ איסקראַ", ווען צווישן מיר און דעם מענשעוויזם איז געקומען צו אַן אומאויסגלייכלעכן קאָנפליקט צוליב די פראַגעס פון בירגערלעכן ליבעראַליזם און די אויסזיכטן פון דער רעוואָלוציע. אין יאָר 1904, דאָס הייסט מיט דרייאונצוואַנציק יאָר צוריק, האָב איך איבערגעריסן מיטן מענשעוויזם פּאָליטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל. כ'האָב זיך קיינמאָל נישט אויסגעגעבן אַלס מענשעוויק אָדער זיך באַטראַכט אַלס אַזעלכן.

אויפן פּלענום פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט פון קאָמינטערן האָב איך דעם 9 דעצעמבער 1926 אָפּגעגעבן פאָלגנדיקע דערקלערונג אין שייכות מיט דער פראַגע וועגן „טראָצקיזם".

„בכלל גלויב איך נישט, מ'זאָל קענען אַנטשיידן פּרינציפּיעלע פראַגעס דורך ביאָגראַפישע נאָכפאָרשונגען. ס'איז קיין ספק נישטאָ, אַז אין אַ סך פראַגעס בין איך באַגאַנגען פעלערן, באַזונדערס בעת מיין קאַמף קעגן באָלשעוויזם. אָבער דערפון איז נאָך נישט געדרונגען, אַז מ'דאַרף אורטיילן וועגן פּאָליטישע פראַגעס נישט לויט זייער אינערלעכן ווערט, נאָר אויפן יסוד פון מיין לעבנסגעשיכטע. ווייל אין דאָזיקן פאַל וואָלט מען געדאַרפט פאָדערן, מ'זאָל דאָ פאַרעפנטלעכן די ביאָגראַפיעס פון אַלע דעלעגירטע.

איך פערזענלעך וויל דערביי אָנווייזן אויף אַ וויכטיקן פּרעצעדענצפאַל. אין דייטשלאַנד האָט געלעבט און געלערנט אַ מאַן מיטן נאָמען פראַנץ מעהרינג, וועלכער איז אַריינגעטראָטן אין דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי (ביז נישט לאַנג האָבן מיר זיך נאָך אַלע אָנגערופן סאָציאַלדעמאָקראַטן) נאָך אַ לאַנגן און ענערגישן קאַמף קעגן דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע און ערשט אויף די עלטערע יאָרן. מעהרינג האָט צוערשט געשריבן די געשיכטע פון דער דייטשער סאָציאַלדעמאָקראַטיע

אַלס איר פּוינט, איר אַנטשיידענער קעגנער, אַלס אַ לאַקיי פון קאַפּיטאַליזם — און שפּעטער האָט ער זי איבערגעאַרבעט אין באַקאַנטן ווערק וועגן דער דייטשער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אַלס איר טרייער פריינט. פון דער צווייטער זייט האָבן קאַוטסקי און בערנשטיין קיינמאָל נישט געקעמפּט אָפן קעגן מאַרקסן און האָבן זיך לאַנג געפונען אונטער דער השפּעה פון פרידריך ענגעלס. בערנשטיין איז אַפילו באַרימט אַלס אַרויסגעבער פון ענגעלסעס געזאַמלטע ווערק. נישט געקוקט אויף דעם איז פראַנץ מעהרינג געשטאָרבן אַלס מאַרקסיסט און קאָמוניסט, בעת די ביידע אַנדערע, קאַוטסקי און בערנשטיין, לעבן נאָך היינט אַלס רעאַקציאָנערע רעפאָרמיסטן. דער ביאָגראַפישער מאָמענט איז, נאַטירלעך, וויכטיק, אָבער פאַר זיך אַליין באַווייזט ער גאָרנישט.

ווי איך האָב שוין אָפּטמאָל דערקלערט בין איך אין מיינע חלוקי-דעות מיטן באָלשעוויזם וועגן אַ גאַנצער ריי וויכטיקע פראַגעס געווען אומגערעכט. כדי צו שילדערן אומגעפער אין ווייניקע ווערטער דעם כאַראַקטער און דעם פאַרנעם פון מיינע פריערע חלוקי-דעות מיטן באָלשעוויזם, וויל איך זאָגן פאָלגנדיקס:

אין משך פון דער צייט, ווען איך בין געשטאַנען מחוץ דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי, אין משך פון פעריאָד, ווען מיינע שטרייטן מיטן באָלשעוויזם האָבן געהאַט דערגרייכט זייער העכסטן פונקט, איז דער מרחק, וואָס האָט מיך אָפּגעטיילט פון לענינס מיינונגען, קיינמאָל נישט געווען אַזוי גרויס, ווי דער מרחק, וועלכער עקזיסטירט איצט צווישן סטאַלינס און בוכאַרינס האַנדלונגען און די אמתע יסודות פון מאַרקסיזם און לעניניזם.

יעדע נייע שטופּע אין דער אַנטוויקלונג פון דער פאַרטיי און פון דער רעוואָלוציע, יעדעס ניי בוך, יעדע נייע מאָדעטעאָריע האָט בוכאַרינען געשטויסן צו אַ נייער וואַקלעניש און אַ נייער נאַרישקייט. זיין גאַנצע וויסנשאַפטלעכע און פּאָליטישע ביאָגראַפיע איז אַ קייט פון טעותן, וואָס זענען אויסערלעך באַגאַנגען געוואָרן אין די ראַמען פון באָלשעוויזם. זייט לענינס טויט האָבן בוכאַרינס טעותן איבערגעשטיגן סיי

לויט זער צאָל און סיי לויט זייערע פּאָליטישע קאָנסעקווענצן אַלע זיינע פריערדיקע פעלערן. דערדאָזיקער סכאָלאַסטיקער, וואָס רויבט צו ביים מאַרקסיזם זיין גאַנצע קאָנקרעטע ווירקלעכקייט און מאַכט אים — אָפּט דורך פּשוטע ווערטשפּילערייען — צו אַ קינדערשפּיל מיט אידעען, האָט זיך, נאַטירלעך, אַרויסגעוויזן אַלס אַ זייער צוגעפּאַסטער „טעאָרעטיקער" פאַר דער דאָזיקער צייט, ווען די פּאַרטיי־פירערשאַפט גליטשט זיך אַראָפּ פון די פּראָלעטאַרישע אויף די קליינבירגערלעכע רעלסן. אָן סאָפיסטישע ווערטשפּילערייען איז דאָס, פאַרשטייט זיך, אוממעגלעך. ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס בוכאַרין שפּילט איצט די דאָזיקע „טעאָרעטישע" ראָלע.

אין אַלע פראַגעס — זיי זענען זייער קליין אין צאָל, — אין וועלכע סטאַלין האָט געפּרוווט פאַרנעמען אַ זעלבשטענדיקע שטעלונג, אָדער ווען ער האָט געענטפערט אויף וויכטיקע פראַגעס אָן לענינס דירעקטע אָנווייזונגען, האָט ער זיך תמיד, אָן אויסנאַם, געשטעלט אויף אַ אָפּאָרטוניסטישן שטאַנדפּונקט.

לענינס קאַמף קעגן מענשעוויזם און דער אויסגלייך־פּאָליטיק האָט ער פון דער פאַרשיקונג דענונציִרט אַלס אַן עמיגראַנטס „שטורעם אין אַ גלאָז וואַסער".

אַנדערע פּאָליטישע דאָקומענטן וועגן סטאַלינס געדאַנקענגאַנג עקזיסטירן בכלל נישט (אויף וויפל מיר איז באַקאַנט), מיט דער אויסנאַם פון אַ קאָרעקטן, אָבער אַ שילערישן אַרטיקל וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

סטאַלינס זעלבשטענדיקע האַלטונג (פאַר לענינס אָנקום) אין אָנהויב פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע איז דורך און דורך געווען אָפּאָרטוניסטיש.

סטאַלינס זעלבשטענדיקע האַלטונג לגבי דער דייטשער רעוואָלוציע פון 1923 איז געווען דורכאויס פּאַסיוו און גענייגט צו קאָמפּראָמיסן.

סטאַלינס זעלבשטענדיקע האַלטונג לגבי די פּראָבלעמען פון דער כינעזישער רעוואָלוציע איז נישט מער ווי אַ ביליקע נייע אויסגאַבע פון מאַרטינאָווס מענשעוויזם פון די יאָרן 1903 ביז 1905.

סטאַלינס זעלבשטענדיקע האַלטונג לגבי די פּראָבלעמען

פון דער ענגלישער אַרבעטערבאַוועגונג איז אַ צענטריסטישע קאַפּיטולאַציע פאַר דעם מענשעוויזם.

מען קען זשאָנגלירן מיט ציטאַטן, אויסבאַהאַלטן די באַריכטן פון די אייגענע רעדעס, פאַרבאָטן צו פאַרשפּרייטן לעניס בריוו און אַרטיקלען, פאַבריצירן מעטערוויז פאַלש-צוזאַמענגעשטעלטע ציטאַטן. מען קען אויסבאַהאַלטן און פאַרברענען היסטאָרישע דאָקומענטן. מען קען פאַרשפּרייטן די צענזור אפילו אויף פאָטאָגראַפיעס און פילמען פון רעוואָלוציאָנערע געשעענישן. דאָס אַלץ טוט טאַקע סטאַלין. אָבער די רעזולטאַטן וועלן נישט דערפילן זיינע האָפנונגען. בלויז אַזאַ באַגרעניצטער מענטש ווי סטאַלין האָט זיך געקאָנט איינרעדן, אַז אַדאַנק אַזעלכע נעבעכדיקע מאַנעוורס אויסצובאַהאַלטן וועט מען פאַרגעסן די געוואַלדיקע געשעענישן פון דער מאָדערנער געשיכטע.

אין יאָר 1918 — ווען סטאַלין האָט זיך נאָך דעמאָלט געפונען אין דער אָנהויב-סטאַדיע פון זיין קריגסצוג קעגן מיר — האָט ער געהאַלטן פאַר נויטיק צו שרייבן פאָלגנדיקע ווערטער:

„די גאַנצע צוגרייטונגס-אַרבעט פון אויפשטאַנד איז דורכגעפירט געוואָרן אונטער דער אוממיטלבאַרער אָנפירערשאַפט פון פּאָרזיצער פון פּעטראָגראַדער ראַט, חבר טראָצקי. מיר קענען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז דעם שנעלן איבערגיין פון גאַרניזאָן אויף דער זייט פון ראַט און די געוואַגטע אויספירונג פון דער אַרבעט פון רעוואָלוציאָנערן זעלנער-קאָמיטעט האָט די פּאַרטיי דער עיקר און קודם כּל צו פאַרדאַנקען דעם חבר טראָצקי".

מיט דער פולער אחריות פאַר מיינע ווערטער בין איך געצוווּנגען צו זאָגן, אַז די גרויזאַמע אונטערדריקונג פון כינעזישן פּראָלעטאַריאַט און פון דער כינעזישער רעוואָלוציע, די פאַרשטאַרקונג פון די געווערקשאַפט-אַגענטן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם נאָכן גענעראַל-שטרייק פון 1926 און די אַלגעמיינע אָפּשוואַכונג פון דער לאַגע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און פון ראַטנפאַרבאַנד האָט די פּאַרטיי צו פאַרדאַנקען קודם כּל און דער עיקר — סטאַלינען.

ל. טראָצקי.

דעם 21 אָקטאָבער 1927.

# דאָקומענטן

# לענינס צוואה.

מיט פינף יאָר צוריק, ווען לענין איז געלעגן אויפן טויטנבעט און האָט מער נישט געקענט רעדן, האָט ער געשריבן אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט פאָראויסגעזאָגט דעם אומפאַרמיידלעכן קאַמף צווישן טראָצקין און סטאַלינען, אַנאַליזירט די כאַראַקטערן פון די ביידע מענער און האָט געעצחט, וועלכע מאָסמיטלען די פּאַרטיי וואָלט געדאַרפט אָננעמען, כּדי צו פאַרמיידן אַ שפּאַלטונג. לענינס כמעט אומהיימלעכע פּאָליטישע קלאָרזעעוודיקייט האָט זיך אין ערגעץ נישט אַרויסגעוויזן קלאָרער, ווי אין דאָזיקן קורצן בריוו, וועלכן מ'האָט אַ נאָמען געגעבן זיין צוואה צו דער פּאַרטיי.

סטאַלין און די איבעריקע, וואָס טיילן מיט אים די מאַכט, האָבן דעמדאָזיקן בריוו פאַרשלאָסן אין אַ געלטשראַנק און דערקלערן, אַז אַזאַ בריוו איז נישטאָ, ווייל ער אַנטהאַלט זייער אַ שאַרפע קריטיק אויף סטאַלינען און די עצה צו באַזייטיקן אים פון זיין באַהערשנדיקער שטעלע אַלס גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. נישט געקוקט אויף דעם איז נישט געלונגען צו אונטערדריקן אינגאַנצן די לעצטע מיינונג פון געשטאָרבענעם פירער פון דער רוסישער רעוואָלוציע. קאָפּיעס פון בריוו זענען געהיימערהייט פאַרשפּרייט און פאָרגעלייענט געוואָרן אין רוסישע קאָמוניסטישע קרייזן, הגם די פאַרפאָלגונגען פאַר אַזאַ פאַרשפּרייטן און פאָרלייענען זענען געווען זייער שטרענג. דער טעקסט, וועלכן איך ברענג דאָ, איז פולשטענדיק גענוי און אויטענטיש.

„כּדי צו פעסטיקן דעם צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט
זענען נייטיק מאָסמיטלען, וועלכע זאָלן נישט דערלאָזן צו
קיין שפּאַלטונג, אויף וויפל אַזעלכע מאָסמיטלען קענען בכלל
אָנגענומען ווערן. ווייל דער ווייסגוואַרדייער אין „רוסקאַיאַ
מיסל" (אין גלויב, אַז דאָס איז געווען ס. ע. אָלדענבורג)
האָט באַטירלעך געהאַט רעכט, ווען ער האָט אין זיין שפּיל
קעגן ראַטנרוסלאַנד דער ערשטער ליניע געהאָפט אויף
דער שפּאַלטונג פון אונזער פּאַרטיי צוליב ערנסטע חלוקי-דעות.

אונזער פּאַרטיי שטיצט זיך אויף צוויי קלאַסן, דעריבער
איז מעגלעך זי זאָל דערשיטערט ווערן, און אויב עס וועט
נישט קומען צו קיין הסכם צווישן דידאָזיקע ביידע קלאַסן, איז
אפילו אומפאַרמיידלעך איר צוזאַמענבראָך. אין דאָזיקן פאַל
וואָלט געווען צוועקלאָז אָנצונעמען וועלכע נישט איז מאָסמיט-
לען, אָדער בכלל צו דעבאַטירן וועגן דער פאַרפעסטיקונג פון
צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט. אין אַזאַ פאַל וואָלטן קיין שום
מאָסמיטלען נישט געקענט פאַרהיטן די שפּאַלטונג. אָבער איך
האָף, אַז דידאָזיקע געשעעניש איז נאָך פון אונז צו וייט און
זי איז צו אומוואַרשיינלעך, מיר זאָלן שוין איצט דאַרפן רעדן
וועגן איר.

איך האָב היינט אין זינען אַ פעסטיקונג אַלס גאַראַנטיע
קעגן אַ שפּאַלטונג אין דער נאָענטער צוקונפט און כ'וויל דאָ
מאַכן אַ גאַנצע ריי באַמערקונגען, וואָס טראָגן אַ פּערזענלעכן
כאַראַקטער.

איך האַלט, אַז די הויפּטסיבה פון די איצטיקע סכּנות
ליגן ביי אַזעלכע מיטגלידער פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט
ווי סטאַלין און טראָצקי און ביי זיי דאַרף מען זוכן דעם
שליסל פאַר אַ נייער פעסטיקונג פון דער פּאַרטיי. די באַציאונ-
גען צווישן זיי אַנטהאַלטן, לויט מיין מיינונג, אַ גוטע העלפט
פון דער שפּאַלטונגס-געפאַר. דידאָזיקע געפאַר קען, פאַרשטייט
זיך, אויסגעמיטן ווערן און, לויט מיין מיינונג, וואָלט זי גע-
קענט פאַרמידן ווערן אויף גאָר אַ לייכטן אופן, ווען מ'וואָלט
די צאָל מיטגלידער פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט געהע-
כערט פון פופציק אויף הונדערט.

דורכדעם, וואָס חבר סטאַלין איז געוואָרן גענעראַל-סעק-

רעטאַר, האָט ער פאַראייניקט אין זיינע הענט אַ געוואַלטיקע מאַכט, און איך בין לחלוטין נישט זיכער, צי ער וועט תמיד קענען באַנוצן דידאָזיקע מאַכט גענוג פאָרזיכטיק. פון דער צווייטער זייט ווידער באַזיצט טראָצקי נישט נאָר אויסגעצייכנטע פעאיקייטן — ער איז באַשטימט די פעאיקסטע פערזאָן אין איצטיקן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט, און ער האָט דאָס באַוויזן דורך זיין קאַמף קעגן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט, — נאָר אויך אַ גרויסן זעלבסטבאַוווסטזיין און ער שאַצט איבער די אַדמיניסטראַטיווע רעגולירונג פון דער ווירטשאַפט.

דידאָזיקע פאַרשיידנקייטן פון די ביידע באַגאַבטסטע פירערס פון איצטיקן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט וואָלטן געקענט קעגן זייער ווילן דערפירן צו אַ שפּאַלטונג, און אויב אונזער פּאַרטיי וועט נישט אָנהויבן קעגן דעם קיין מאָסמיטלען, קען דידאָזיקע שפּאַלטונג פּאָרקומען גאַנץ אומדערוואַרט.

איך וויל נישט ווייטער כאַראַקטעריזירן די פערזענלעכע אייגנשאַפטן פון די אַנדערע מיטגלידער פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט. איך וויל נאָר דערמאַנען וועגן דעם, אַז זינאָוויעווס און קאַמענעווס אָקטאָבער־עפּיזאָד איז נישט געווען קיין צופאַל, אָבער מ׳דאַרף אים פונקט אַזוי ווייניק אויסנוצן צו פערזענלעכע אָנגריפן, ווי טראָצקיס פריערדיקע קעגנערשאַפט צום באָלשעוויזם.

פון די יינגערע מיטגלידער פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט וויל איך זאָגן אייניקע ווערטער וועגן בוכאַרינען און פּיאַטאַקאָוון. דידאָזיקע זענען, לויט מיין מיינונג, די פעאיקסטע כחות צווישן דידאָזיקע יינגסטע, אָבער וואָס שייך זיי דאַרף מען נישט פאַרגעסן פאָלגנדיקס: בוכאַרין איז נישט נאָר דער ווערטפולסטער און שטאַרקסטער טעאָרעטיקער פון דער פּאַרטיי, נאָר ער קען אויך גאַנץ אָפן באַטראַכט ווערן אַלס איר פאַוואָריט. פונדעסטוועגן דאַרפן זיינע טעאָרעטישע מיינונגען באַטראַכט ווערן מיטן גרעסטן ספק אַלץ פולשטענדיק מאַרקסיסטישע, ווייל אין אים שטעקט אַ שטיק סכאָלאַסטיקער און ער האָט קיינמאָל נישט שטודירט די דיאַלעקטיק (איך האַלט, אַז ער האָט זי קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען ווי ס׳געהער צו זיין).

פּיאַטאַקאָוו דאַקעגן איז אָן ספק אַ מענטש מיט אַ

שטאַרקן ווילן און אַ באַגאַבטער, אָבער ער איז צופיל אַריינגעטאָן אין דער אַדמיניסטראַציע און אין דער אַדמיניסטראַטיווער זייט פון די זאַכן, און מ׳קען זיך דעריבער נישט פאַרלאָזן אויף אים אין אַן ערנסטער פּאָליטישער פראַגע.

נאַטירלעך זענען די דאָזיקע באַמערקונגען גילטיק בלויז אויף דעם איצטיקן מאָמענט און אין דעם פאַל, אויב די פּע־איקסטע און ערלעכע מיטאַרבעטער וועלן נישט געפינען קיין געלעגנהייט צו דערגאַנצן זייער וויסן און פאַרבעסערן זייער איינזייטיקייט.

דעם 25 דעצעמבער 1922.

שפּעטערע צושריפט: סטאַלין איז צו גראָב, און אויב דער דאָזיקער פעלער איז נאָך צו דערליידן אין די באַציונגען צווישן אונז, קאָמוניסטן, ווערט ער אָבער לאַלוטין אומדערטרעגלעך אין אַרבעטסצימער פון גענעראַל־סעקרעטאַר. דעריבער שלאָג איך פאָר די חברים צו געפינען אַ וועג ווי אַזוי צו באַזייטיקן סטאַלינען פון דאָזיקן אַמט און אים איבערגעבן אַן אַנדער מענטשן, וועלכער דאַרף זיך אָבער אונטערשיידן פון סטאַלינען בלויז דורכדעם, וואָס ער איז בעסער פאַר אים אין אַלע הינזיכטן: געדולדיקער, לאָיאַלער, העפלעכער, אויפמערקזאַמער לגבי חברים, נישט אַזוי קאַפּרידיש און אַז. וו. די דאָזיקע זאַכן קענען אויסקומען ווי נישט וויכטיקע קלייניקייטן, אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן די אויבן־געשילדערטע באַציאונגען צווישן סטאַלינען און טראָצקין זענען זיי נישט קיין קלייניקייטן, אָדער זיי זענען אַזעלכע קלייניקייטן, וועלכע קענען באַקומען אַן אַנטשיידנדיקע באַדייטונג. –

לענין

דעם 4 יאַנואַר 1923.

# אדאלף יאפעס לעצטע ווערטער

דער פרזאָנענבייט און די גאַנצע פּאָליטישע ענדערונג, וואָס זענען איינגעטראָטן זייט לענינס טויט אין דער באָלשע־וויסטישער רעגירונג, האָבן געפונען זייער טראַגישן אויסדרוק אין יאפעס זעלבסטמאָרד.

יאפע איז געווען איינער פון די שטאַרקסטע און פעאיק־סטע פּערזאָנען, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט לענינען אין די טעג פון דער רעוואלוציע. ער האָט שטודירט מעדיצין ווי ראַקאָווסקי.

ער האָט געהאַט אַן ערנסטן, אָנטשלאָסענעם און מוטיקן כאַראַקטער, ער האָט זיין גאַנץ לעבן געווידמעט דער קאָמו־ניסטישער באַוועגונג. ער האָט גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין דער רעוואָלוציע פון 1905 און האָט געהאַט אויסצושטיין נישט נאָר תפיסה־שטראָפן, נאָר ער איז אויך פאַראורטיילט געוואָרן צו שווערע צוואַנגסאַרבעט אין סיביר.

אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און אין די קאַמף־טעג נאָך איר האָט יאפע געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע. ער איז געווען איינער פון די פירער פון רעוואָלוציאָנערן זעלנער־קאָ־מיטעט און ער זאָל שוין האָבן דערגרייכט נאָך פאַרן אמתן אויפשטאַנד דעם איבערגאַנג פון דער מאַכט. דורך לענינען איז ער דאַן אויסגעוויילט געוואָרן פאַר די ביידע ערשטע און דעמאָלט זייער וויכטיקע דיפּלאָמאַטישע פּאָסטנס, וועלכע זע־נען איינגענומען געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס — פאַר דעם פאָרזיץ פון דער בריסקער שלום־דעלעגאַציע און פאַר דעם אַמבאַ־

סאַדאָר־אַמט אין בערלין. ער איז געווען איינער פון די דע־לעגאַטן אויף דער גענועזער קאָנפערענץ און דאַן רוסישער אַמ־באַסאַדאָר אין יאַפּאַן. דעם 16־טן נאָוועמבער 1927 האָט יאָפע צוגעלייגט אַ רעוואָלווער צום שלייף און זיך דערשאָסן. ער האָט איבערגעלאָזן לעבן זיך אויפן טיש אַ בריוו צו טראָצקין, וווּ ער דערקלערט זיין טאַט. מיר ברענגען דאָ דעמדאָזיקן בריוו:

„צו לעוו טראָצקי!

ליבער לעוו דאַווידאָוויטש:

מיין גאַנצן לעבן האָב איך זיך געהאַלטן ביי דער מיי־נונג, אַז אַ פּאָליטיקער דאַרף וויסן די ריכטיקע צייט, ווען ער זאָל אָפּגיין אין אַ זייט, פּונקט ווי אַן אַרטיסט פאַרלאָזט די סצענע, און עס איז בעסער אַוועקצוגיין צו פרי, איידער צו שפּעט.

מיט העכער דרייסיק יאָר צוריק האָב איך אין זיך איינ־געזאַפּט די פילאָזאָפיע, אַז דאָס מענטשלעכע לעבן האָט אַ באַדייטונג נאָר אויף אַזוי ווייט און אין דעם גראַד, כּל זמן און אויף וויפל עס שטייט אין דינסט פון עפּעס אומענדלע־כעס. פאַר אונז איז די מענטשהייט עפּעס אומענדלעכעס. אַלץ דאָס איבעריקע איז ענדלעך און צו אַרבעטן פאַר דאָסדאָזיקע איבעריקע איז ווערטלאָז. און אויב די מענטשהייט אַליין מוז נאָך אויך האָבן עפּעס אַ באַדייטונג, וואָס שטייט העכער פון איר, וועט דאָך אָבער דידאָזיקע באַדייטונג קלאָר ווערן ערשט אין אַזאַ ווייטער צוקונפט, אַז מיר קענען באַטראַכטן די מענטשהייט אַלס עפּעס פּונקט אומענדלעכעס. אין דעם און בלויז אין דעם האָב איך תּמיד געזען דעם זין פון לעבן. און ווען איך גיב אַ קוק הינטער זיך אויף מיין פאַרגאַנגענהייט, פון וועלכער איך האָב זיבנאונצוואַנציק יאָר פאַרבראַכט אין די רייען פון אונזער פּאַרטיי, גלויב איך, אַז כ'האָב אַ רעכט צו זאָגן, אַז אין משך פון מיין גאַנצן באַוווסטזיניקן לעבן בין איך געבליבן געטריי דערדאָזיקער פילאָזאָפיע. איך האָב תּמיד געלעבט לויט דעם דעוויז: אַרבעט און קעמף לטובת דער מענטשהייט. דעריבער האַלט איך אויך, אַז כ'קען זאָגן מיט רעכט, אַז קיין איינציקער טאָג פון מיין לעבן איז נישט גע־ווען זינלאָז.

איצט אָבער דאַכט זיך מיר, אַז עס קומט אָן די צייט, ווען מיין לעבן פאַרלירט זיין זין, און דעריבער פיל איך זיך פאַרפליכטעט עס צו פאַרלאָזן, עס צו פאַרענדיקן.

געטריי זייער אַלגעמיינער פּאָליטיק נישט צו געבן קיין אַרבעט די קאָמוניסטן פון דער אָפּאָזיציע, האָבן די איצטיקע קעפּ פון אונזער פּאַרטיי זייט מערערע יאָרן מיר נישט דערלויבט קיין טעטיקייט נישט אין דער פּאָליטיק, נישט אין דעם ראַטנ-אויפבוי, וואָס איר צוועק און כאַראַקטער זאָל אַנטשפּרעכן דעם מאַקסימום פון מיינע פעאיקייטן. ווי איר ווייסט האָט מיך דאָס פּאָליטישע ביוראָ אין משך פון לעצטן יאָר נישט צוגעלאָזט צו קיין שום פּאָליטישער אַרבעט, — און אַלץ דערפאַר, ווייל איך בין אַן אָנהענגער פון דער אָפּאָזיציע.

מיין געזונט האָט זיך כסדר פאַרערגערט. אַרום דעם צוואַנציקסטן סעפּטעמבער האָט מיך די דאָקטוירים-קאָמיסיע פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט אויפגעפאָדערט (צוליב מיר אומבאַקאַנטע סיבות), איך זאָל זיך לאָזן אונטערזוכן דורך דאָקטוירים-ספּעציאַליסטן. דידאָזיקע האָבן מיר דאַן קאַטעגאָריש מיטגעטיילט, אַז מיין געזונטצושטאַנד איז אַ סך ערגער, ווי איך האָב געמיינט, און אַז איך דאַרף נישט בלייבן קיין איבעריקן טאָג אין מאָסקווע און קיין איין שעה נישט אָן מעדיצינישער באַהאַנדלונג. נאָר איך דאַרף תיכף ומיד פאָרן קיין אויסלאַנד און אויפזוכן אַ פּאַסיקע סאַנאַטאָריע.

אויף מיין דירעקטער פראַגע: „וועלכע שאַנסן האָב איך געזונט צו ווערן אין אויסלאַנד, און צי קען איך זיך נישט לאָזן קורירן אין רוסלאַנד, נישט אָפּזאָגנדיק זיך פון מיין אַרבעט?” האָבן מיר די דאָקטוירים און אַסיסטענטן — דער דאָקטאָר פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט, חבר אַבראָססאָוו, אַן אַנדער קאָמוניסטישער דאָקטאָר און דער פאַרוואַלטער פון קרעמלער שפּיטאָל — געענטפערט איינשטימיק, אַז רוסישע סאַנאַטאָריעס קענען מיר לחלוטין נישט העלפן, איך מוז דורכמאַכן אַ קורציע אין מערב. זיי האָבן נאָך צוגעגעבן, אַז אויב איך וועל פאָלגן זייער עצה, וועל איך נאָך אָן ספק אַ לאַנגע צייט זיין אַרבעטספעאיק.

הגם די דאָקטוירים-קאָמיסיע האָט מיך פון איר אייגע-

בער איניציאַטיוו גערופן צו דער אונטערזוכונג, האָט זי דאָך אין משך פון צוויי חדשים נישט אונטערגענומען קיין שום טריט נישט אויף איבערפירן מיך קיין אויסלאַנד, נישט צו קורירן מיך אין לאַנד גופא. אדרבה, מען האָט נאָך פאַרבאָטן דעם קרעמלאַפטייק מיר אַרויסצוגעבן די מעדיקאַמענטן, וועלכע זי פלעגט מיר שטענדיק אַרויסגעבן. אַזוי אַרום בין איך באַרויבט געוואָרן פון דער מעגלעכקייט צו באַנוצן די פרייע מעדיצין, פון וועלכער איך האָב גענאָסן ביז איצט. דאָס איז, ווייזט אויס, געשען אין יענער צייט, ווען די גרופע, וואָס איז ביי דער מאַכט, האָט אָנגעהויבן צו באַנוצן קעגן די חברים פון דער אָפּאָזיציע זייער לאָזונג: „פאַרניכטעט די אָפּאָזיציע!"

כל זמן איך האָב זיך נאָך געפילט נישקשה און געקענט אַרבעטן, האָב איך אויף דעם קיין אַכט נישט געלייגט, אָבער ווען מיר איז אַלץ ערגער געוואָרן, האָט זיך מיין פרוי געווענדט צו דער דאָקטוירים-קאָמיסיע פון צענטראַלן אויספירקאָמיטעט און פערזענלעך צום ד״ר. סעמאַשקאָ, וועלכער האָט שטענדיק פאַרטראָטן פאַר דער עפנטלעכקייט אויפן שאַרפסטן אופן דעם לאָזונג: „ראַטעוועט די אַלטע גוואַרדיע!"

נישט געקוקט אויף דעם איז די זאַך כסדר אָפּגעשלעפּט געוואָרן און מיין פרוי האָט בלויז באַוויזן צו באַקומען אַן אויסצוג פון דער אַנטשיידונג פון דער דאָקטוירים-קאָמיסיע. אין דאָזיקן אויסצוג האָט דאָס דאָקטוירים-קאָלעגיום אויפגעציילט מיינע כראָנישע קראַנקהייטן און האָט דערקלערט, אַז כ'מוז אוועקפאָרן אומגעפער אויף אַ יאָר אין אַ סאַנאַטאָריע פון פראָפ. פרידלענדערס מין".

דערווייל האָב איך זיך מיט ניין טעג צוריק געמוזט אַריינלייגן אין בעט, ווייל מיינע כראָנישע קראַנקהייטן האָבן זיך ביי אַזעלכע באַדינגונגען שטאַרק פאַרערגערט, און דער עיקר די שרעקלעכסטע, מיין איינגעוואָרצלטע פּאָליניוריאָטיס, וועלכע איז ווידער שטאַרק פאַרשאַרפט געוואָרן, מיר פאַרשאַפט כמעט אומדערטרעגלעכע ווייטאָקן און מיך אפילו געשטערט צו גיין. שוין ניין טעג ווי איך בין געבליבן אָן יעדע מעדיצינישע באַהאַנדלונג און די פראַגע פון מיין רייזע קיין אויסלאַנד איז אַראָפּ פון סדר-היום. קיין איין דאָקטאָר פון צענטראַלן

אויספיר־קאָמיטעט האָט מיך נישט באַזוכט. פּראָפ. דאַווידענ־קאָ און ד״ר לעווינע, וועלכע זענען גערופן געוואָרן צו מיר, האָבן פאַרשריבן אַ פּאָר קליינינקייטן, וועלכע האָבן נישט גע־קענט העלפן, און האָבן דאַן צוגעגעבן „אַז עס קען גאָרנישט געטאָן ווערן" און אַז אַ רייזע קיין אויסלאַנד איז דרינגענדיק נוי־טיק. ד״ר לעווינע האָט דערציילט מיין פרוי, אַז די זאַך שלעפּט זיך אַזוי לאַנג דערפאַר, ווייל די דאָקטוירים־קאָמיסיע נעמט, ווייזט אויס, אָן, אַז מיין פרוי וויל מיטפאָרן, און „דאָס מאַכט די געשיכטע צו טייער". מיין פרוי האָט געענטפערט, אַז נישט געקוקט אויף דעם שלעכטן צושטאַנד פון מיין געזונט, וועט זי זיכער נישט פאָדערן, אַז זי אָדער עמיצער אַנדערש זאָל מיך באַגלייטן. אויף דעם האָט אונז ד״ר לעווינע פאַרזיכערט, אַז אויב אַזוי וועט דער ענין שנעל דערליידיקט ווערן. אויך היינט האָט ד״ר לעווינע איבערגעחזרט, אַז די דאָקטוירים קענען לחלוטין גאָרנישט טאָן, די איינציקע הילף קען ברענגען אַ תיכּפדיקער אפּפאָר קיין אויסלאַנד. אָבער אָוונטצייט האָט דער דאָקטאָר פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט, חבר פּאָטיאָמקין, מיטגעטיילט מיין פרוי, אַז די דאָקטוירים־קאָמיסיע פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט האָט זיך דעצידירט נישט שיקן מיך קיין אויסלאַנד, נאָר קורירן מיך אין רוסלאַנד. די סיבה ליגט אין דעם, וואָס די דאָקטוירים־ספּעציאַליסטן פאָדערן אַ לענגערע קוראַציע אין אויסלאַנד און באַטראַכטן אַ קורצע קור פאַר צוועקלאָז, אָבער דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט האָט גע־קענט אַסיגנירן פאַר מיין קוראַציע העכסטנס טויזנט דאָלאַר און ער האַלט פאַר אוממעגלעך צו אַסיגנירן מער.

ווען איך בין מיט אַ צייט צוריק געווען אין אויסלאַנד האָב איך באַקומען אַ פאָרשלאָג פון צוואַנציקטויזנט דאָלאַר פאַר אַן אויסגאַבע פון מיינע מעמואַרן, אָבער היות ווי זיי וואָלטן דאַך געמוזט אַדורכגיין די צענזור פון פּאָליטישן ביו־ראָ און איך ווייס, ווי אַזוי מען פעלשט אין אונזער לאַנד די געשיכטע פון דער פּאַרטיי און פון דער רעוואָלוציע, האָב איך נישט געוואָלט צולייגן מיין האַנט צו אַזאַ פעלשונג. וואָ־רום די גאַנצע צענזוראַרבעט פון פּאָליטישן ביוראָ וואָלט דאָך באַשטאַנען אין פאַרבאָט צו געבן אַן אמת בילד פון די איינצל־

נע פערזענלעכקייטן און זייערע מעשים — סיי פון די אמתע פירער פון דער רעוואָלוציע, ווי אויך פון די־יעניקע, וועלכע גיבן זיך איצט אַרויס פאַר אַזעלכע. צוליב דעם האָב איך היינט נישט קיין מעגלעכקייט זיך צו קורירן אָן אַ געלט־אונטערשטיצונג פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט, און דערדאָזיקער האַלט, אַז בײַ מיין גאַנצער זיבנאונצוואַנציק־יאָריקער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט קען ער נישט אָפּשאַצן מיין לעבן און געזונט אויף מער ווי טויזנט דאָלאַר.

דאָס איז די סיבה פאַרוואָס איך זאָג, אַז עס איז איצט צייט צו מאַכן אַ סוף צו מיין לעבן. איך ווייס, אַז די אַלגעמיינע מיינונג פון דער פאַרטיי פאַראורטיילט דעם זעלבסטמאָרד, אָבער איך רעכן פונדעסטוועגן, אַז קיין איינער פון די, וואָס פאַרשטייען מיין לאַגע, וועט מיך נישט פאַראורטיילן. ווען איך זאָל זיין ביים געזונט, וואָלט איך געפונען אין זיך גענוג קראַפט און ענערגיע צו קעמפן קעגן דער לאַגע, וואָס הערשט היינט אין דער פאַרטיי. אָבער בײַ מיין איצטיקן צושטאַנד קען איך נישט פאַרטראָגן, וואָס די פאַרטיי נעמט אויף שטילשווייגנדיק אייער אויסשליסונג פון אירע רייען, הגם איך בין פעסט איבערצייגט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט קומען אַ קריזיס, וואָס וועט צווינגען די פאַרטיי צו פאַרטרייבן די שענדער פון איר ערע. אין דאָזיקן זינען איז מיין טויט אַ פּראָטעסט קעגן די־יעניקע, וועלכע האָבן דערפירט די פאַרטיי צו אַזאַ צושטאַנד, אַז זי קען זיך שוין נישט ווערן אפילו קעגן אַזאַ שאַנדע.

אויב עס איז מיר דערלויבט צו פאַרגלייכן עפּעס גרויסעס מיט עפּעס קליינעס, ד. ה., אַזאַ אומענדלעך וויכטיקע היסטאָרישע געשעעניש ווי אייער און זינאָוויעווס אויסשליסונג, וואָס מוז אומפאַרמיידלעך פירן צו אַ זעלבסטצעשטערונג פון דער רעוואָלוציע, מיט דעם פאַקט, וואָס נאָך זיבנאונצוואַנציק יאָר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אויף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן אין דער פאַרטיי, בין איך געשטעלט געוואָרן אין אַ לאַגע, וואָס גיט מיר נאָר איין אויסוועג: זיך אַריינשיסן אַ קויל אין קאָפּ — אויב עס איז דערלויבט צו מאַכן דעמדאָזיקן פאַרגלייך—אילוסטרירן דידאָזיקע ביידע פאַקטן איינס און דאָס

וועלבע: די איצטיקע פירערשאַפט פון אונזער פּאַרטיי. און אפשר וועלן דידאָזיקע ביידע געשעענישן צוזאַמען, די קליינע און די גרויסע, אויפטרייסלען די פּאַרטיי און זי אויפהאַלטן אויף איר וועג צום אָפּגרונט.

ליבער לעוו דאַווידאָוויטש, מיר זענען פאַרבונדן דורך צען יאָר געמיינזאַמער אַרבעט און, ווי איך מיין, דורך פּערזענלעכער פריינטשאַפט און דאָס גיט מיר דאָס רעכט צו זאָגן איך אין מאָמענט פון צעשיידונג, וואָס איך באַטראַכט אַלס אַ שוואַכקייט פון אייער זייט.

איך האָב קיינמאָל נישט געספקט אין דעם, אַז דער וועג, וועלכן איר האָט אָנגעצייכנט, איז דער ריכטיקער, און ווי אייך איז באַקאַנט, שטיי איך זייט מער ווי צוואַנציק יאָר אויף אייער זייט, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די „אייביקע רעוואָלוציע". אָבער איך האָב זיך תּמיד געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז איינס פעלט אייך: לעניִנס אומבויגזאַמקייט, זיין נישט-נאָכגיביקייט, זיין אַנטשלאָסנקייט צו בלייבן אין אַ גויט-פּאַל אייגער אַליין ביי זיין אָנגעהויבענעם ווערק און נישט אָפּווייכן פון איינמאָל-באַטראָטענעם וועג, ווייל ער איז זיכער געווען אין אַ צוקונפטיקער מערהייט, אין אַ צוקונפטיקער אָנערקענונג פון דער ריכטיקייט פון זיין וועג.

פון 1905 זענט איר פּאָליטיש תּמיד געווען גערעכט און אויך לענין האָט מודה געווען — איך האָב אייך אָפט דערציילט, אַז כ'האָב דאָס געהערט פון אים מיט די אייגענע אויערן —, אַז אין 1905 זענט איר געווען גערעכט און נישט ער. פאַרן בּנים פון טויט זאָגט מען נישט קיין ליגן, און איך חזר אייך דאָס היינט איבער.

אָבער איר זענט אָפט אָפּגעווייכן פון ריכטיקן שטאַנדפּונקט לטובת אַן אייניקונג, אַ קאָמפּראָמיס, וואָס איר האָט איבערגעשאַצט זיין ווערט. דאָס איז געווען פאַלש. איך חזר איבער: פּאָליטיש זענט איר תּמיד געווען גערעכט, און איצט זענט איר נאָך מער גערעכט ווי תּמיד. ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען די פּאַרטיי וועט דאָס פאַרשטיין, און די געשיכטע וועט געצוווּנגען ווערן דאָס צו אָנערקענען.

האָט נישט קיין מורא, ווען פאַרשיידענע מענטשן פאַר-

לאָזן אייך אָדער ווען די מאַסן קומען נישט אַזוי שנעל, ווי מיר אַלע ווינטשן דאָס. איר האָט רעכט, אָבער די זיכערקייט אין זיג פון אייער אמת ליגט בלויז אין אַ פעסטער און שטרענגער נישט-נאָכגיביקייט, אין אָפּוואַרפן יעדן קאָמפּראָמיס, וואָס דאָס איז תּמיד געווען דער סוד פון וולאַדימיר איליטשעס נצחונות.

איך האָב דאָס אייך שוין אָפט געוואָלט דערקלערן און האָב זיך ערשט אויסגעקליבן דערצו אין מאָמענט, ווען איך זאָג אייך דעם לעצטן זייט-געזונט.

איך ווינש אייך קראַפט און מוט, ווי איר האָט זיי תּמיד אַרויסגעוויזן, און אַ שנעלן נצחון. איך נעם אייך אַרום. זייט געזונט.

אייער

א. יאָפע.

פּ. ס. איך האָב דעמדאָזיקן בריוו געשריבן אין דער נאַכט פון פֿופֿצנטן אויפֿן זעכצנטן, און היינט, דעם זעכצנטן, איז מאַריאַ מיכאַילאָוונאַ געגאַנגען צו דער דאָקטוירים-קאָמיסיע, כּדי צו פֿאָדערן מ'זאָל מיך שיקן קיין אויסלאַנד זאָל זיין אפֿילו נאָר אויף אַ חודש אָדער צוויי. מען האָט איר געענטפֿערט, אַז לויט דער מיינונג פון די דאָקטוירים-ספּעציאַליסטן איז אַ קורצער אויפֿהאַלטן זיך אין אויסלאַנד לחלוטין נוצלאָז. מען האָט איר אויך מודיע געווען, אַז די דאָקטוירים-קאָמיסיע האָט באַשלאָסן מיך תּיכּף איבערצופֿירן אין קרעמלער שפּיטאָל אַזוי אַרום זאָגן זיי מיר אָפּ אפֿילו אַ קורצע רייזע קיין אויסלאַנד אויף צו הויבן מיין געזונט, הגם אַלע דאָקטוירים זענען אין הספּם, אַז אַ קוראַציע אין רוסלאַנד האָט נישט קיין ווערט און זי קען מיר נישט העלפֿן.

זייט געזונט, ליבער לעוו דאַווידאָוויטש. זייט שטאַרק. איר וועט עס מוזן זיין, און אויך ענערגיש. און נעמט מיר נישט פֿאַר אומגוט.

א״.

# סטאַלין־בוכאַרין און די כינעזישע רעוואָלוציע

## פון אַלבערט טרעין

(אַלס פירער פון די פראַנצויזישע קאָמוניסטן און מיטגליד פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון אינטערנאַציאָנאַל איז אַלבערט טרעין יאָרנלאַנג געווען אַ געטרייער אָנהענגער פון סטאַלינס רעזשים. אָבער אפילו טרעין האָט אָנגעהויבן צו רעוואָלטירן, ווען סטאַלין און בוכאַרין האָבן געגעבן זייער שווייגנדיקע הסכמה צו דער שחיטה פון די כינעזישע אַרבעטער און פויערים. אין אַ בריוו צו זיינע חברים אין דער פראַנצויזישער פאַרטיי האָט ער דעמאַסקירט סטאַלינס און בוכאַרינס גאַנצע האַלטונג און איז דאַן, נאַטירלעך, אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פאַרטיי.)

„צווישן דער אָפּאָרטוניסטישער פּאָליטיק פון דער סטאַלין־בוכאַרין־גרופּע אין כינע און דעם עכטן לעניניזם ליגט איצט דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון די כינעזישע אַרבעטער. די כינעזישע אַרבעטער זענען שוצלאָז איבערגעענטפערט געוואָרן אונטערן יאָך פון דער בורזשואַזיע און די קאָמוניסטן פון דער גאַנצער וועלט האָבן דערצו געשוויגן, ווייל מען האָט זיי געלאָזן אין פולשטענדיקער אומוויסנהייט וועגן דער אמתער לאַגע. מיט אַזאַ פּאָליטיק דאַרף מען נישט איינגיין אויף קיין שום קאָמפּראָמיסן...

אַ גאַנץ יאָר האָט די סטאַלין־בוכאַרין־גרופּע אויסבאַהאַלטן פון דער רוסישער פאַרטיי און דעם גאַנצן אינטערנאַ-

ציאָנאַל טשאַנג קאַי-שעקס ערשטע מלוכה-איבערקערעניש פון מערץ 1926. דידאָזיקע איבערקערעניש האָט איבערגעגעבן די מאַכט אין די הענט פון דער רעאַקציע.

דער מ י נ ט ו אַ ן, אַ באַנדע פון געדונגענע זעלנער, וואָס זענען אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך די גרויסע באָדן-אייגנטימער, האָט אַנטוואָפנט די פויערים און גלייכצייטיק אונטערדריקט די אַרבעטער...

פונקט אַזוי האָבן דער קואָמינטאַנג און די רעגירונג פון קאַנטאָן אונטערדריקט די אַרבעטער און פויערים אין יולי און אויגוסט. אין ה ו ט ש אַ ו, אין דער פראָווינץ וו אַ נ ג ס י האָט מען אַרעסטירט און דערשאָסן קאָמוניסטן. די רעגירונג אין קאַנטאָן האָט געפאָדערט, אַז פון דער פראָגראַם פון די פויערים-פאַרבאַנדן זאָל באַזייטיקט ווערן יעדע שפור פון פּאָליטיק...

טשאַנג קאַי-שעקס באַפעלן פון זעקסטן אויגוסט האָבן באַפוילן צו אַנטוואָפנען די אַרבעטער און האָבן געדראָט פאַר יעדער באַוואָפנטער אַרויסטרעטונג קעגן די געדונגענע זעלנער פון די קאַפּיטאַליסטן מיט קריגסגעריכטלעכער דערשיסונג... אַן אָפּטיילונג פון זעקסאונצוואַנציקסטן פולק פון דער דריטער אַרמיי האָט זיך ביינאַכט אַריינגעריסן אין די אייזנבאַנווערקשטאַטן, געשאָסן אויף די אַרבעטער און זיך דאַן געלייגט שלאָפן אויף אַ באַרג טויטע און פאַרווונדעטע. אין נ אַ ט ש י ן ט אָ נ ג האָבן די זעלנער געשאָסן אויף אַן אַרבעטער-דעמאָנסטראַציע און צען דערהרגעט... אין ה ו נ אַ ן זענען פאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן די פויערים-אָרגאַניזאַציעס און זייערע פירער האָט מען אויפגעהאָנגען... אַזעלכע געשעענישן האָבן זיך איבערגעחזרט אַסך מאָל אין דעם גאַנצן געביט פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג.

די סטאַלין-בוכאַרין-גרופּע האָט אויסבאַהאַלטן פון דער קאָמוניסטישער מאַסע דידאָזיקע אַלע געשעענישן און ווייטער רויִק געאַרבעט אין פאַרבינדונג מיט טשאַנג קאַי-שעק...

אין מערץ 1927, נאָכן איינעמען שאַנכײַ, האָט טשאַנג קאַי-שעק אָפּגעשיקט אַ אונטערטעניקייטס-דערקלערונג צום קואָמינטאַנג, כדי צו מאַסקירן די צוגרייטונגען צו זיין מלוכה-איבערקערעניש. די סטאַלין-בוכאַרין-גרופּע האָט דידאָזיקע

דערקלערונג אויסגעטייטשט אַלס באַווייז, אַז מ'קען אויף ווייטער צוזאַמענאַרבעטן מיט טשאַנג קאַי-שעקן. דעם פינפטן אַפּריל האָט דער סעקרעטאַר פון דער כינעזישער פּאַרטיי אונטערגעשריבן אַ מאַניפעסט, אין וועלכן ער האָט דערקלערט, אַז צווישן דער כינעזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דעם קאָמינטאַנג זענען נאָר דאָ עטלעכע חלוקי-דעות וועגן צווייטראַנגיקע און נישט וויכטיקע פראַגעס. די סטאַלין-בוכאַרין-גרופּע האָט נישט איבערגעריסן איר שווייגן, הגם זי האָט געוווּסט, אַז דידאָזיקע נישט-וויכטיקע חלוקי-דעות זענען נוגע די עקזעקוציעס פון אַרבעטער און פּויערים.

דאָס איז נאָר אַ טייל פון דעם, וואָס מען האָט אויסבאַהאַלטן פון די קאָמוניסטישע מאַסן און דאָס איז נאָך ווייט נישט די גאַנצע געשיכטע.

די סטאַלין-בוכאַרין-גרופּע האָט אויסבאַהאַלטן, אויף וויפל דאָס האָט זיך איר געלאָזט, אַלע דאָקומענטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צו דידאָזיקע געשעענישן. זי האָט אויסבאַהאַלטן זינאָוויעווס טעזיסן וועגן דער כינעזישער לאַגע, וועלכע האָבן געגעבן אַ ריכטיקן איבערבליק און האָבן אַנטהאַלטן געוויסע פּראָרואיסזאָגונגען... זי האָט פאַרשוויגן די קריטיק, מיט וועלכער טראָצקי איז אַרויסגעטראָטן קעגן סטאַלינס דערקלערונגען, זיי האָבן אויך פאַרשוויגן טראָצקיס פאַרשיידענע באַמערקונגען וועגן געוויסע דעפּעשעס פון כינע, וועלכע מ'האָט דער קאָמוניסטישער פּרעסע פאַרבאָטן צו פאַרעפנטלעכן. דידאָזיקע אַלע דאָקומענטן זענען אָפיציעלע אַקטן פון דער לעצטער סעסיע פון אויספיר-קאָמיטעט און זיי האָבן אַנטהאַלטן געוויסע פּראָרואיסזאָגונגען פון די פאָרשטייענדיקע געשעענישן. די סטאַלין-בוכאַרין-גרופּע האָט דאַן קאָנפיסקירט דידאָזיקע אַלע דאָקומענטן, ווייל זיי האָבן אויפגעוויזן זייער פולשטענדיק-פאַלשע באַאורטיילונג פון דער לאַגע. סטאַלין איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט קאָנפיסקירט אַפילו זיין אייגענע רעדע: סטאַלינס אַ פאָרטראָג, וועלכן ער האָט געהאַלטן אין דער קאָמוניסטישער אַקאַדעמיע אין דער קעגנוואַרט פון 3000 פּאַרטיי-מיטגלידער, איז קיינמאָל נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. ער איז קיינמאָל נישט פאַרעפנטלעכט

געוואָרן דערפאַר, חייל אין צען טעג אַרום האָט טשאַנג קאַי־
שעקס מלוכה־איבערקערעניש ברוטאַל און קאַטעגאָריש אָפּגע־
לייקנט זיינע אויספירן. אָבער ראַדעק, וועלכער האָט אויף
דער קאָמוניסטישער אַקאַדעמיע גערעדט קעגן סטאַלינען און
אויפגעוויזן, אַז טשאַנג קאַי־שעקס אָפענער פאַרראַט איז בלויז
אַ פראַגע פון וואָכן, און אפשר פון טעג, איז דערפאַר באַזיי־
טיקט געוואָרן פון זיין אַמט אַלס רעקטאָר פון סון יאַטסענס אוני־
ווערזיטעט, ווייל זיינע פאָראויסזאָגונגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן
אַלס ריכטיק...

כדי אויסצובאַהאַלטן דידאָזיקע פאַקטן, כדי צו ברעכן
דעם ווידערשטאַנד פון די־יעניקע, וועלכע זענען באַקאַנט גע־
ווען מיט זיי, כדי אַרויסצולאָזן אַ שם רע אויף אַלע אמתע
קענער פון די באַדינגונגען, איז נויטיק געווען איינצופירן סיי
אין דער רוסישער פאַרטיי און סיי אין גאַנצן אינ־
טערנאַציאָנאַל אַ רעזשים, וואָס ווערט אומדערטרעגלעכער פון
טאָג צו טאָג.

„סטאַליניזם” איז דער נאָמען פון דאָזיקן רעזשים פון ביו־
ראָקראַטישער דערשטיקונג און אַדמיניסטראַטיווער אָפּשרעקונג,
וואָס מען האָט איינגעפירט אין דער רוסישער פאַרטיי און אין
אינטערנאַציאָנאַל לטובת אַ אָפּאָרטוניסטישער פּאָליטיק, אַ פּאָ־
ליטיק, וואָס וואָלט תיכף ומיד איינשטימיק אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך
אַלע קאָמוניסטן. ווען מען וואָלט זיי געענוי אינפאָרמירט וועגן איר...

די צעטומלעניש, וואָס עס האָט אַריינגעבראַכט די סטאַ־
לין־בוכאַרינישע פּאָליטיק, האָט דערפירט דערצו, אַז די פראַנ־
צויזישע פאַרטיי האָט געשיקט אַ באַגריסונגס־דעפּעשע צו טשאַנג
קאַי־שעק ביי זיין אַריינמאַרש קיין שאַנכיי, אַלס צום רעפּרע־
זענטאַנט פון דער כינעזישער קאָמונע. דערביי האָט טשאַנג קאַי־
שעק אריינגעמאַרשירט אין שאַנכיי אַלס דער גאַליפע פון דער
כינעזישער קאָמונע, וועלכער איז אַנטשלאָסן געווען זי בלוטיק צו
אונטערדריקן. די פּאָליטיק פון דער סטאַלין־בוכאַרין־גרופּע האָט
אַזוי פאַרטומלט די קעפּ פון דער פראַנצויזישער פאַרטיי, אַז זי
האָבן פאַרביטן דעם גאַליפע מיט דער קאָמונע, דעם תלין מיט
זיין קרבן. אַ פּאָליטיק, וואָס ברענגט צו אַזעלכע רעזולטאַטן,
טראָגט, נאַטירלעך, איר אייגענע פאַראַנטווארטלונג אין זיך...

נאָך דער יולישער מלוכה־איבערקערעניש איז די פּאָליטיק פון דער סטאַלין־בוכאַרין־גרופּע באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן זיך טאַקע צוריקגעצויגן פון דער כינעזישער רעגירונג, אָבער זיי זענען געבליבן אין קואָמינטאַנג, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מען האָט פון דאָרטן אויסגעשלאָסן קאָמוניסטן. דידאָזיקע פּאָליטיק איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דעם 25 יולי האָבן זיי גענומען פּראָפּאַגירן דעם געדאַנק וועגן בילדן ראַטן, הגם אין אָוונט פון 24 יולי האָבן זיי אים נאָך געהאַלטן פאַר צו פריצייטיק. דאָס אַלץ באַווייזט נישט נאָר אַ גראָבע ביוראָקראַטישע קורצזיכטיקייט, נאָר אַ כמעט פולשטענדיקע גייסטיקע פאַרטעמפּטקייט.

אָבער אין דער צייט, וואָס די דורך סטאַלינען אָנגעפירטע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געבליבן אין קואָמינטאַנג, האָט זי געמוזט קעמפן נישט נאָר קעגן דעם אויסשליסונגס־קריגסצוג פון דער אויספיר־מאַכט פון קואָמינטאַנג, נאָר אויך קעגן די גענעראַלן פון קואָמינטאַנג, וועלכע האָבן געפּרוווט אונטערדריקן מיט רויער וואָפנגעוואַלט די אַרבעטער־געווערקשאַפטן, די פּויערים־פאַרבאַנדן, די קאָמוניסטישע גרופּעס און בכלל די אָפּאָזיציאָנעלע גרופּירונגען אין קואָמינטאַנג גופא.

אָבער כדי מען זאָל זיין ביכולת צו שטעלן אַ דערפאָלגרייכן ווידערשטאַנד דידאָזיקע כחות, האָט מען נישט געדאַרפט פאָלגן די עצה פון דער סטאַלין־גרופּע זיך אָנצוהאַלטן אין די פּאָלעס פון דער בורזשואַזיע, נאָר פאָלגן לעניִנס פאָרשריפטן און זיך שטעלן אין דער שפּיץ פון דער מאַסנבאַוועגונג פון די אַרבעטער און פּויערים. דורך רעכטצייטיק געבילדעטע ראַטן, וואָס וואָלטן צוערשט געווען אָרגאַנען פון אַ דעמאָקראַטישער אַרבעטער־ און פּויערים־דיקטאַטור, וואָלט מען באַוואָפנט די מאַסן, וואָלט מען איבערגענומען די אָנפירונג פון קאַמף און מ'וואָלט געשטויסן דאָס וואַקלדיקע קליינבירגערטום אין די רייען פון דער רעוואָלוציע.

וואָס האָט אָבער אָנגעטאָט דעם געטאָן די סטאַלין־בוכאַרין־גרופּע?

זי האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן אַ באַפעל וועגן בילדן די ראַטן, ווען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די

מאַסן האָט זיך געפונען אויף דעם קולמינאַציע-פונקט, ווען די פּראָפּאַראיינען האָבן אויף אייגענער אחריות גענומען אויפהאַלטן די פּיינט פון דער רעוואָלוציע, ווען די פּויערים האָבן אין די מיליאָנען אָנגעהויבן צוצונעמען דעם באָדן ביי די גרויסע פּריצים. דידאַזיקע באַוועגונג פון די מאַסן איז פון פּאַראויס אויפגעהאַלטן געוואָרן דורך סטאַלינס און בוכאַרינס פּאָליטיק און דערנאָך האָט זי די בורזשואַזיע לגמרי אונטערדריקט מיט דעם שטילשווייגנדיקן הסכם פון מאָסקווע.

און איצט, ווען דאָס אַלץ האָט געפירט צו אַ שענדלעכער מפלה און די מוטלאָזע אַרבעטער לאָזן זיך אַנטוואָפענען, איצט, ווען די גענעראַלן קאָנפיסקירן די פּראָפּאַראיינס-הייזער און דער פּויערים-אויפשטאַנד איז דערווייל געבראָכן אין פּאַר-שיידענע ערטער — איצט, אין דער אומפּאַסיקער צייט, איילט זיך ענדלעך די סטאַלין-בוכאַרין-גרופּע צו געבן דעם באַפעל וועגן בילדן ראַטן און פּרעדיקט דידאָזיקע אידייע נישט גע-קוקט אויף דעם פולשטענדיקן צוזאַמענברוך פון דער מאַסנבאַ-וועגונג און הגם די פּאַרטיי געניסט נישט דעם מינדסטן אויטאָ-ריטעט ביי די אַלע, וועלכע האָבן דערקענט אירע פעלערן. עס איז בכלל נישטאָ קיין בעסערער וועג ווי צו פּאַרמיאוסן אויף אייביק די ראַטנאַידייע אין די אויגן פון די כינעזער.

עס איז נויטיק, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל און זיינע פּאַרטייען זאָלן תיכף באַקומען אַ גענויע און פולשטענדיקע אויפקלערונג וועגן די פּראָבלעמען פון דער כינעזישער רעוואָ-לוציע. חוצדעם איז נויטיק, אַז נאָך אַן ערנסטער און פולקאָם פרייער דיסקוסיע אין אַלע פּאַרטייען — אויך אין דער רו-סישער פּאַרטיי — זאָל צונויפגערופן ווערן אַ ספּעציעלער וועלט-קאָנגרעס. דאָס איז די איינציקע מעגלעכקייט, וואָס קען ברענ-גען צו אַ ריכטיקער פּאָליטיק אין דערדאָזיקער פראַגע...

די געפאַר פון איצטיקן מאָמענט איז דער סטאַליניזם, דידאָזיקע סיסטעם פון ביוראָקראַטישער דערשטיקונג און אַד-מיניסטראַטיוון טעראָר אין דער רוסישער פּאַרטיי און אין אינ-טערנאַציאָנאַל, — אַ סיסטעם, וואָס אונטערדריקט מיט געוואַלט יעדן פּראָטעסט קעגן דער הערשנדיקער אָפּאָרטוניסטישער פּאָ-

ליטיק און פֿאַרשלייערט דעם באַנקראָט פֿון אַ פּאָליטיק, וועל-
כער ווערט פֿון טאָג צו טאָג אַלץ גרעסער און האָפֿנונגסלאָזער.
קעגן דעדדאָזיקער געפֿאַר מוזן מיר תּיכּף אָנהויבן אַ
אומברחמנותדיקן קריג".

# צוויי אורטייל פון פראנצויזישע קאָמוניסטן וועגן דער לאגע אין רוסלאנד

ווי אין אַלע לענדער אין דער וועלט, טרעטן אויך אין פראַנקרייך אַרויס אַלץ מער ערלעכע קאָמוניסטן קעגן דעם טעראָר פון סטאַלינס געוואַלט-הערשאַפט. אין פראַנקרייך עקזיסטירן שוין דריי רעוואָלוציאָנערע צייטונגען, וואָס זענען געגרינדעט דורך אויסגעשלאָסענע קאָמוניסטן. פון איינער פון דידאָזיקע צייטונגען, פון „Contre le Courant“ (קעגן שטראָם) ווערן דאָ געבראַכט פאָלגנדיקע אָפּשניטן פון אַ מאַניפעסט פון דער אַזוי-גערופענער לאָריאָגרופּע, דורך וועלכן זי באַלויכט דעם איצטיקן צושטאַנד אין רוסלאַנד:

„זייט לענינס טויט האָט די פּאַרטיי איבערגעלעבט אַ קריזיס נאָך אַ קריזיס און ענדלעך איז זי דערגאַנגען צו אַ שפּאַלטונג. אַזוי איז די לאַגע און מיר דאַרפן זיך נישט מאַכן קיין אילוזיעס. עס האַנדלט זיך דאָ נישט מער וועגן אָננעמען מאָסמיטלען קעגן דעם אָדער יענעם נישט-דיסציפּלינירטן חבר אָדער וועגן אַ פּערזענלעכן קאַמף, נאָר וועגן באַשלוס אויסצושליסן פון דער פּאַרטיי דעם גאַנצן לינקן פליגל. דאָס, וואָס קומט איצט פאָר אין רוסלאַנד, איז אַ פאַרביטערטער קאַמף צווישן דעם פאַרמאַסקירטן רעוויזיאָניזם פון דער סטאַלין-גרופּע און דעם קאָמוניזם, וואָס ווערט פאַרטיידיקט דורך דער אָפּאָזיציע. און אין דאָזיקן קאַמף ווערט אַנטשידן די גאַנצע צוקונפט פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע.

דער קאַמף, וועלכן עס פירט די רעגירנדיקע גרופּע קעגן אירע קעגנער, ווייס שוין נישט מער פון רחמנות. אין דער פּאַרטיי הערשן איצט דער בייטש, די געהיימע דיפּלאָמאַטיע, דער טעראָר, און זי דערוויסט זיך נישט דעם אמת אפילו וועגן זאַכן, וואָס קומען פאָר אין איר גופא. די איינציקע גייסטיקע נאַרונג פון דער פּאַרטיי איז די „אָפיציעלע" ליטעראַטור, „אָפיציעלע" פּרינציפּן, „אָפיציעלע" שטאַנדפּונקטן, ווער עס נעמט אָן דידאָזיקע גייסטיקע שפּייז בלינדערהייט איז אַ „באָלשעוויק", ווער עס דיסקוטירט וועגן דעם איז אַ מענשעוויק, אַ קאָנטער-רעוואָלוציאָנער, אַ ווייסגוואַרדייער. און היות ווי מ'ווייס זייער גוט, סאַראַ גרויסע מאַכט עס וואָלט געהאַט די אָפּאָזיציע, ווען די פּאַרטיי-מיטגלידער וואָלטן געקענט אַרויסזאָגן זייער מיינונג, האָט מען איינגעפירט אַ טעראָר-הערשאַפט. אַרבעטער, וועלכע געהערן צו דער אָפּאָזיציע, ווערן באַזייטיקט פון זייערע אַרבעטספּלעצער, מ'לאָזט זיי איבער אויפן באַראָט פון הונגער, מ'גיט זיי איבער דער ג. פּ. או., דער פּאָליטישער פּאָליציי. מען פאָרשט זיי אויס און מ'פאַרשפּאַרט זיי אין תפיסה. די בעסטע באָלשעוויקעס ווערן אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי אין די הונדערטער. מסירת-נפשדיקע קעמפער פאַר דער פּאַרטיי ווערן פאַרמשפּט און פאַרשיקט. די פירער פון דער אָפּאָזיציע האָט מען באַזייטיקט פון זייערע אַמטן און פאַריאָגט פון דער פּאַרטיי. זייער לעבן אפילו איז אין סכנה...

אין אַן אַגראַר-מלוכה ווי דער ראַטנפאַרבאַנד איז אומפאַרמיידלעך, אַז די רייכע פּויערים, די קולאַקעס, זאָלן אויסאיבן אַ דרוק אויף דער מלוכה-מאַכט און אויף דער איינציקער געזעצלעך-דערלויבטער פּאַרטיי, דער קאָמוניסטישער. דערדאָזיקער דרוק קען פאַרמינערט ווערן דורך אַ ריכטיקער אַגראַר-פּאָליטיק: די מלוכה דאַרף אָנהויבן אַ קאַמף קעגן די קולאַקעס, שטיצנדיק זיך אויף די אָרעמע פּויערים און פאַרבונדן מיט די מיטעלע פּויערים. אָבער אין רוסלאַנד קומט פאָר אַ פאַרקערטע דערשיינונג: די מלוכה פאַרשלייערט די שנעל-אָנוואַקסנדיקע קלאַסנדיפערענצירונג, זי באַמיט זיך צו שליסן אַ בונד מיט „די פּויערים" אין אַלגעמיינעם און זי

פאַרלירט דערוויי̈ל איר ענגערע פאַרבינדונג מיט די אָרעמע פויערים, חוצדעם פאַרלירט זי אַלץ מער און מער דעם צוטרוי פון די מיטעלע פויערים. וועלכע פאַלן דעריבער אַרונטער אונטערן קלאַסן-איינפלוס פון קולאַק.

די פאַרמעגלעכע און רייכע פויערים איבן אַזוי אַרום אויס אַלץ אַ מער-אָנוואַקסנדיקן איינפלוס אויף דער מלוכהמאַכט און זיי דריקן מיט זייער גאַנצער שווערקייט אויף דער פאַרטיי. זיי באַמיען זיך אַריינצונעמען די גוטע שטעלעס אין זייערע הענט און זיי קענען אַזויאַרום זיכערן פאַר זיך די רייכע פראָפיט-מעגלעכקייט. וועלכע עס גיט זיי די איצטיקע ווירטשאַפטס-סיסטעם.

דידאָזיקע פויערים-שיכטן באַמיען זיך, נאַטירלעך, קודם כל צו באַזייטיקן פון דער פאַרטיי די לינקשטייענדיקע עלעמענטן. די אַלע, וועלכע זענען קעגן אַ בונד מיט די קולאַקעס און פאַרטיידיקן אַ פראָלעטאַרישע פּאָליטיק. דידאָזיקע באַמיאונג פון די רייכע פויערים ווערט נאָך אונטערגעשטיצט דורך דער אומגעהייערער אַרמיי פון דער ראַטנביוראָקראַטיע, וועלכע האָט אויך צו פאַרטיידיקן געוואַלטיקע אינטערעסן.

די רייכע און פאַרמעגלעכע פויערים-שיכטן, דאָס קליינבירגערטום און די ביוראָקראַטיע בילדן די סאָציאַלע כחות, וועלכע האָבן מיט דער הילף פון דער פאַרטייאָנפירונג אָנגעהויבן אַן אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן דער אָפּאָזיציע.

פאַר אונז און פאַר יעדן אַרבעטער וועלכער וויל באַקומען אַ ריכטיקע פאַרשטעלונג וועגן די גרונדעלעמענטן פון קאָנפליקט, איז דעריבער נישט וויכטיק, צי די אָפּאָזיציע איז „גערעכט אויף גאַנצע הונדערט פראָצענט”. וויכטיק איז, וואָס אין דאָזיקן מאָמענט שטעלט זיך די אָפּאָזיציע איין פאַר די רעכט פון די קאָמוניסטן אַרויסצוזאָגן זייער מיינונג אין דער אייגענער פאַרטיי, זי שטעלט זיך איין פאַר די רעכט פון אַרבעטער-קלאַס צו באַשטימען אַליין זיינע פּאָליטישע צילן אין זיין אייגענער קלאַסנפאַרטיי. עס האַנדלט זיך אין דער דערקענטעניש, אַז די דעראָבערונגען פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע זענען אין סכנה, אַז די אָפּאָזיציע ווערט אונטערדריקט דערפאַר, ווייל זי פאַרטיידיקט דידאָזיקע דעראָבערונגען, ווייל

זי ווייזט אָן אויף דער ענדערונג פון פּאָליטישן שווערגעוויכט, וועלכער באַזירט שוין נישט מער אויף דעם פּראָלעטאַריאַט און די אָרעמע פּויערים, נאָר אויף דעם קליינבירגערטום, די אינזשיניערן, ביוראָקראַטן און קולאַקעס

מיר סאָלידאַר זירן זיך אָן שום באַוואָרענישן מיטן דאָזיקן קאַמף פון דער רוסישער אָפּאָזיציע... עס איז דאָ בלויז איין מעגלעכקייט צו שטעלן אַ זיגרייכן און נאָרמאַלן ווידערשטאַנד דעם דרוק פון די נישט-פּראָלעטאַרישע כּחות אין ראַטנפאַרבאַנד: אַ פרייע שפּיל פון די קלאַסנכּחות אין דער פּאַרטיי.

אַ קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אין וועלכער אַן אַלמעכטיקעס באַאַמטנטום איבט אויס זיין דיקטאַטור איבער די פּאַרטיי-מיטגלידער, איז שוין במילא אַזאַ, אין וועלכער דער פּראָלעטאַריאַט האָט געליטן אַ שווערע מפּלה, אַ מפּלה, וואָס לאָזט אָן ספק דערוואַרטן ווייטערדיקע מפּלות... אַ ביוראָקראַטישע פּאַרטיי-הערשאַפט איז בלויז אַ פאַרשפּיל צו אַן אָפּאָרטוניסטישער פּאָליטיק אַפילו דאַן, ווען די מענער, וועלכע פאַרנעמען דעם אָרט פון די אַרבעטער מיטגלידער, זאָלן זיין ווי ווערטפול. די פּאָליטיק פון אַזעלכע פּערזאָנען קען אַפילו אַ געוויסע צייט שטיין אין הסכּם מיט די פּראָלעטאַרישע אינטערעסן. אָבער אַזוי ווי זי האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פּאָליטיק פון אַרבעטערקלאַס, וועט זי אומפאַרמיידלעך אָננעמען אַ וואַקלדיקן קורס און אונטערן דרוק פון פאַרשיידענע סאָציאַלע כּחות זיך אַנטוויקלען אין דער ריכטונג צום אָפּאָרטוניזם...

מיט איין וואָרט, די הערשנדיקע גרופּע פירט אין דער ערשטער פּראָלעטאַרישער מלוכה אַזאַ פּאָליטיק, וועלכע גליטשט זיך כּסדר אַלץ מער אויף רעכט סיי טעאָרעטיש סיי במעשה. און כּדי אויסצובאַהאַלטן דידאָזיקע פּאָליטיק, טיילט זי אויס קלעפּ אויף לינקס און זי באַנוצט דערביי אַלע מיטלען, וועלכע די מלוכהמאַכט קען איר נאָר געבן — פּרעסע, פּאָליטיק, טעראָר.

וואָס-זשע דאַרף געטאָן ווערן אין אַזאַ לאַגע? ווי אַזוי קען מען ווירקזאַם קעמפן קעגן דערדאָזיקער אוממיטלבאַרער געפאַר?

קודם כּל מוזן מיר באַקענען דעם פּראָלעטאַריאַט מיט

דער פּאַקטישער לאַגע און ערשט דורכדעם אים מעגלעך מאַכן צו קעמפן קעגן אומגעהייערן אָפּנויג אויף רעכטס (קעגן אַן אָפּנויג, וואָס איז געפערלעכער צוליב דעם, ווייל ער באַהאַלט זיך אויס אונטער דער מאַסקע פון לעניניזם), וואָס באַדײַט פאַר דער קאָמוניסטישער באַוועגונג די געפאַר פון אונטערגאַנג... מיר לייגן דעריבער פאָר צו פאַרעפנטלעכן די דאָקומענטן, וועלכע די פּאַרטייבאַאַמטע האָבן אויסבאַהאַלטן פון אַרבעטער-קלאַס, צו שטודירן די גרויסע פּראָבלעמען פון פּראָלעטאַרישן קאַמף, צו דעמאַסקירן פאַקטן און אנטקעגנשטעלן דעם קאָמוניסטישן שטאַנדפּונקט די אָפּאָרטוניסטישע אָדער דעמאַגאָגישע שטאַנדפּונקטן, וועלכע ווערן פאַרטראָטן אין די אָפיציעלע אָרגאַנען. מיט איין וואָרט, מיר שלאָגן פאָר צו שאַפן אַ צענטר פון פּראָלעטאַרישער באַנייאונג. דאָס זענען די איינציקע מיטלען אויף צו קעמפן פאַר דער פּאַרטיי און פאַרן אינטערנאַציאָנאַל.

מיר ווען נישט פאַרמאַכן די אויגן אויף קיין איינע פון די שטערונגען, וועלכע מיר טרעפן אָן אויף אונזער וועג. מיר קענען שוין איצט אַלע באַשולדיקונגען, וועלכע מ'וועט אונז וואַרפן אין פּנים אַריין. קודם כּל וועט מען אונז אויפוואַרפן, אַז מיר שפּאַלטן די פּאַרטיי. אָבער וואָסער ווערט קען דען האָבן דידאָזיקע באַשולדיקונג אין די אויגן פון אַ דענקנדיקן אַרבעטער? ער וועט פאַרשטיין, אַז די אמתע פּאַרטיישפּאַלטער זענען די אָנפירער פון דער פּאַרטיי, וועלכע קאָנפיסקירן די פּאַרטייפּרעסע לטובת זייער גרופּע, וועלכע פאַראַכטן, באַשווינדלען און צעטומלען די פּאַרטיי, וועלכע דערשטיקן יעדע שטימע, וואָס קומט פון אונטן, און וועלכע פאַרבייטן די פּאָליטיק פון אַרבעטער-קלאַס דורך דער פּאָליטיק פון זייערע פּערזענלעכע אינטערעסן...

מען וועט זיכער זאָגן אויף אונז, אַז מיט דעם, וואָס מיר האָבן אַרויסגעטראָגן פאַר דער עפנטלעכקייט די אינערלעכע פּאַרטייקאָנפליקטן, זענען מיר געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט דער בורזשואַזיע און מיר האָבן געהאַנדלט אין אירע אינטערעסן. אָבער ווער אייגנטלעך האָט דען באַוווּסטזיניק אַרויסגעפירט דעמדאָזיקן קאָנפליקט פון דער פּאַרטיי-אינער-

לעכקייט אויף דער עפנטלעכקייט? צי דען איז דאָס נישט געווען די „פּראַוודאַ“, די אָפיציעלע צייטונג פון ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע האָט שוין דערקלערט עפנטלעך מיט פיר יאָר צוריק, אַז די פּאַרטיי האָט אויסגעהאָדעוועט אויף איר ברוסט מענשעוויקעס, פאַרבינדעטע פון דער בורזשואַזיע, טשעמבערלענס שותּפים, פּאַראַזיטן, רענעגאַטן?

אגב ברענגט קיינמאָל קיין נוצן נישט דער בורזשואַזיע די אויפדעקונג פון אַן אָפּאָרטוניסטישער פּאָליטיק. אין ערשטן מאָמענט קען דאָס דער בורזשואַזיע פאַרשאַפן פרייד, ווייל זי פרייט זיך פון אַלץ, וואָס האָט דעם אויסזען פון אַ קריגעריי אין אונזערע רייען, אָבער דער נוצן, וואָס אונזער פּאַרטיי האָט פון אַ פּראָטעסט, וועלכער וויל שטאַרקן אונזער קלאַסנכאַראַקטער, איז אומענדלעך גרעסער ווי די אומבאַקוועמלעכקייט, וואָס עס פאַרשאַפט די אויפדעקונג פון די פּאַרטייפעלערן.

די שוועריקייטן פון קאַמף, דער טראַגישער כאַראַקטער פון די געשעענישן דערמאָנען אין אַ נישט-ווינציקער פינסטערן און געפערלעכן ווענדפונקט אין דער געשיכטע פון אַרבעטער-קלאַס — אין קריג. די ענלעכקייט איז אַן אויסטערלישע. היינט, ווי פאַר דרייצניאָרן, ווערן די מאַסן פאַרטומלט און באַשווינדלט דורך פירער, וואָס זענען נישט ראוי פאַר דער אויפגאַבע, וואָס מ׳האָט זיי אָנגעטרויט. היינט, ווי דעמאָלט, זעען מיר צעטומלעניש, ליגן, פאַנאַטיזם. און אויך היינט זעען מיר ווידער אַ הייפל מענטשן, וואָס שטייען אין קאַמף קעגן אַלע רכילותן און אַלע אָנגריפן, אַנטשלאָסן אַנטקעגנצוטרעטן דער סכּנה.

קעגן שטראָם! אַזוי ווי די באָלשעוויקעס האָבן געהאַנדלט אין 1914! קעגן שטראָם! מיט דער זעלבער קראַפט ווי אין יאָר 1914. פונקט ווי מען האָט די צימערוואַלדער דענונצירט אַלס „באַשעס“, וועט מען אונז היינט דענונצירן אַלס קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן... נו, איז וואָס? מיר וועלן וואַרטן אויפן מאָמענט, ווען די מאַסן וועלן ווידער קומען צום באַוווסטזיין. דערדאָזיקער מאָמענט וועט זיכער קומען“.

# טראָצקיס פארשיקונג

דער פאָלגנדיקער באַריכט וועגן דער פאַרשיקונג פון טראָצקין און פון די אַנדערע אָפּאָזיציע-פירער איז געשריבן לויט אַ פּריוואַטן בריוו פון אַ רוסישן קאָמוניסט. טראָצקי האָט זיך פאַרשלאָסן אין אַ צימער פון מוראַלאָווס וווינונג, ווו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן. אַ באַאַמטער פון דער ג. פ. או., אַבראַם ביעלינסקי, וועלכער איז געקומען מיט זעלנער, כּדי אים צו אַרעסטירן, האָט אויפגעבראָכן די טיר. דער „געהאַלט" פון 30 רובל אַ חודש, וועלכן די פאַרשיקטע באַקומען, איז קוים גענוג אויף צו דעקן די קאָסטן פון דער דירה. סמילגא, למשל, האָט אין זיין פאַרשיקונגס-אָרט מיט גרויס מי באַקומען אַ צימער פאַר 25 רובל אַ חודש, ווייל אַלע דירות זענען פאַרנומען געווען דורך פאַרשיקטע נעפּליט און פאַרברעכער. עס איז אַ פאַקט, אַז די אַלטע פירער פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע ווערן דערהאַלטן ביים לעבן אין דער פאַרשיקונג דורך זאַמלונגען צווישן זייערע פריינט.

„די פירער פון דער אָפּאָזיציע זענען פאַרשיקט געוואָרן פונקט ווי אין די צאַרישע צייטן דורך אַן אַדמיניסטראַטיוון באַפעל פון דער ג. פ. או. מען האָט זיי אויפגעפאָדערט זיי זאָלן זיך צוגרייטן אין משך פון פיראונצוואַנציק שעה. מיט דער ערשטער גרופּע זענען פאַרשיקט געוואָרן דרייסיק פּערזאָן. צווישן זיי האָבן זיך געפונען ראַקאָווסקי, וועלכער איז ביז לעצטנס טיט געווען פאָרזיצער פון דער אוקראַינישער רעגירונג און פון פּאָליטישן ביוראָ פון דער אוקראַינישער פּאַרטיי: קאַ־ל

ראַדעק, איינער פון די גרינדער פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אַ מיטגליד פון לענינס פּאַרטיי זייט 1902 און אַ מיטגליד פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל ביז צו לענינס טויט; י. נ. סמירנאָוו, פּאָרזיצער פון סיבירער רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט און דער גרינדער פון דער ראַטנרעגירונג אין סיביר, באַקאַנט אַלס דער „סיבירער לענין"; וו. נ. סמירנאָוו, אַ מיטגליד פון מאָסקווער רעוואָלוציאָנערן זעלנער-ראַט אין די אָקטאָבער-טעג; סאַפּראָנאָוו, איינער פון די אָנפירער פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע אין מאָסקווע; פּרעאָבראַזשענסקי, אַ פּאַרטיימיטגליד זינט 1903, דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע אין אוראַל און פּאַרטיי-סעקרעטאַר אין לענינס צייטן; סערעבריאַקאָוו, וועלכער איז אין יאָר 1920 געווען פּאַרטייסעקרעטאַר אין לענינס צייטן; סמילגאַ, דער פירער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע אין פינלאַנד, מיטגליד פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט פון דער רוסישער פּאַרטיי ביז לענינס טויט; סאָסנאָווסקי, מיטגליד פון דער פּאַרטיי אין 1903, איינער פון די גרינדער פון דער „פּראַוודאַ" און איר ערשטער רעדאַקציע-סעקרעטאַר ביז לענינס טויט; ראַפּאַיל, סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון אוקראַינע אין לענינס צייטן, און נאָך אַסך אַנדערע, נישט ווינציקער באַקאַנטע חברים.

די פּאַרשיקונגסערטער זענען דיזעלבע ווי ביי דער אַלטער צאַרישער הערשאַפט. דורך באַאַמטע פון ג. פּ. או. זענען זיי איינציקווייז איבערגעפירט געוואָרן אין די פּאַרשיקונגסערטער. יעדער איינער האָט געמוזט פאָרן אויף זיין אייגענער רעכענונג און באַקומען אַ „חודש-געהאַלט" פון 30 רובל. קיינער האָט נישט באַקומען קיין שום אַרבעט.

אין אָנהויב האָט מען געפּרוווט מאַכן אַן אונטערשייד אין אופן פון פּאַרשיקן. די מער-באַקאַנטע פירער האָט מען געוואָלט פּאַרשיקן דירעקט דורך אַ באַפעל פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט, בעת די איבעריקע זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון דער ג. פּ. או. ווען ראַדעק איז מיט אַ גרופּע חברים אַוועק צום צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט, כדי צו פּראָטעסטירן קעגן דערדאָזיקער פּריווילעגיע, און ער האָט פאַרלאַנגט

אַז אַלע זאָלן פֿאַרשיקט ווערן אויף אַ גלייכן אופֿן, האָט אים דער סעקרעטאַר פֿון צענטראַלן אויספֿיר-קאָמיטעט אָפּגעלאָזן מיט די פֿאָלגנדיקע ווערטער: „איר מיינט, אַז איר קענט אָפּהוזקן פֿון צענטראַלן אויספֿיר-קאָמיטעט? אויב איר ווילט גלייכקייט, דאַן וועט מען אייך אַלעמען איבערגעבן דער ג. פּ. או.

צום לעצטן איז פֿאַרשיקט געוואָרן טראָצקי. זיין אָפּפֿאָר איז פֿאָרגעקומען אויף פֿאָלגנדיקן אופֿן: מען האָט אים באַפֿוילן, ער זאָל זיך צוגרייטן ביזן 16-טן יאַנואַר אָפּצופֿאָרן קיין ווערני אין טורקעסטאַן, נאָענט פֿון דער כינעזישער גרענעץ. די מאָסקווער אַרבעטער, וועלכע האָבן געוווּסט וועגן זיין אָפּפֿאָר, האָבן זיך באַזאָרגט מיט רייזע-בילעטן קיין פֿעראָוואָ, דעם פֿאָראָרט, פֿון וואַנען ער האָט געזאָלט אָפּפֿאָרן. און אַזויאַרום איז אויפֿן מאָסקווער וואָקזאַל דער פֿאָראָרט-צוג קיין פֿעראָוואָ פֿול געווען ביים אָפּפֿאָר מיט אַרבעטער.

אומגעפֿער 10.000 אַרבעטער האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין פֿעראָוואָ. אָבער ווען די ג. פּ. או. האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, האָט זי אָפּגערופֿן איר באַפֿעל און אָפּגערופֿן טראָצקיס אָפּפֿאָר. דער המון האָט אָבער נישט געוואָלט גלויבן, אַז טראָצקי איז נישטאָ אין צוג און ער איז גאַנצע פֿיר שעה געשטאַנען אויף די שינעס, כּדי נישט דערלאָזן, אַז דער צוג זאָל אָפּגיין. ווען די אַרבעטער האָבן זיך ענדלעך דערוווּסט, אַז טראָצקי פֿאָרט נישט אָפּ אין דאָזיקן טאָג, האָבן זיי געאײַלט צו זיין וווינונג, כּדי זיך צו דערוויסן, וואָס עס איז געשען. דערווייל האָט זיך אָבער די ג. פּ. או. פֿאַרבאַהאַלטן אין אַ לויערונג אין דער נאָענט פֿון טראָצקיס וווינונג און אַרעסטירט זיבנאונפֿערציק פֿערזאָן.

אויף צומאָרגנס, דעם 17-טן יאַנואַר, דאָס הייסט, מיט אַ טאָג פֿריער, ווי עס איז באַשטימט געווען דער אָפּפֿאָר, זענען אין טראָצקיס הויז געקומען די באַאַמטע פֿון ג. פּ. או. מיט אַ באַפֿעל, ער זאָל תּיכּף אָפּפֿאָרן. טראָצקי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין, דערקלערנדיק, אַז דער באַשטימטער טערמין אויף אָפּצופֿאָרן איז דער אַכצנטער. צוליבן דאָזיקן גרונד האָט

ער זיך נישט צוגעגרייט און נישט איינגעפּאַקט זיינע ביכער און די איבעריקע זאַכן.

די פּאָליציי־באַאַמטע האָבן געדראָט, אַז זיי וועלן אים אַוועקשלעפּן מיט געוואַלט, ער איז אָבער האַרטנעקיק געבליבן ביי זיינס. זיי האָבן אַ כאַפּ געטאָן זיין מאַנטל און אָנגעהויבן אים אָנצוטאָן מיט געוואַלט. זיין פרוי האָט פּרובירט טעלעפאָנירן צו עמיצן, אָבער אויף אַ ברוטאַלן אופן האָט מען די אָפּגעריסן פון אַפּאַראַט. טראָצקיס זון, וועלכער האָט געהאָט פאַרטיידיקן זיין פאָטער, איז באַזיגט געוואָרן דורך איינעם פון די באַאַמטע אין אַ פויסטגעשלעג.

ענדלעך האָבן זיי טראָצקין מיט געוואַלט אַרויסגעשלעפּט פון הויז, אים אַריינגעזעצט אין אַ אויטאָ און אָפּגעפאָרן מיט אים אין שנעלסטן טעמפּ צו דער פאַוסטאָווסטאַציע, פערציק מייל פון מאָסקווע.

מען האָט אים אַריינגעזעצט מיט אַ גרופּע וואַך־זעלנער אין אַ קופּע. אונטערוועגס איז ער קראַנק געוואָרן און אין סאַמאַראַ האָט מען אים אין אַ שווערן צושטאַנד געמוזט אַראָפּנעמען פון צוג און רופן דאָקטוירים. דאָס איז אַלץ, וואָס מיר ווייסן, און דאָס איז געשילדערט גענוי, ווי עס איז פאָרגעקומען.

די אָפּאָזיציע־חברים, וואָס זיצן אין די מאָסקווער תפיסות געפינען זיך אין שרעקלעכע באַדינגונגען. די פרויען זיצן אין תפיסה אין צעלעס צוזאַמען מיט פאַרברעכערינס און פּראָסטיטוטקעס, די מענער — מיט דעפּרווידאַנטן און גנבים. מ׳טאָר זיי נישט באַזוכן. זיי ווערן שלעכט דערנערט און באַקומען נישט קיין דערלויבניש מ׳זאָל זיי עפּעס צושיקן פון אויסן. עס איז, פאַרשטייט זיך, אומפאַרמיידלעך, אַז פאַרשידענע פון זיי ווערן צעבראָכן אונטערן דאָזיקן רעזשים.

איצט, ווען די רעגירונג פאַלט אַלץ טיפער אַריין אין די ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן, פאַר וועלכע די אָפּאָזיציע האָט איר געוואָרנט, באַמיט זי זיך אַרויסצוואַרפן די שולד פאַר די שוועריקייטן אויף דער אָפּאָזיציע. און ווער ווייס, צי זי וועט איינגיכן נישט איבערגיין צו אַ סיסטעם פון פאַרפאָלגונגען, וואָס באַזייטיקט אירע קרבנות פשוט דורך עקזעקוציעס ד-

# אויפרוף פון דער רוסישער אָפּאָזיציע צום קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל

מיר, די אונטערגעשריבענע, וואָס זענען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי דורך אַ באַשלוס פון פופצנטן פּאַרטיי־קאָנגרעס, האָבן זיך געוואָלט ווענדן מיט אַ פּראָטעסט קעגן דאָזיקן אויסשלוס צום זעקסטן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אָבער דורך אַ באַפעל פון דער ג. פּ. או. האָט מען אונז, די אַלטע באָלשעוויסטישע פּאַרטיי־אַרבעטער, פאַרשיקט אין די ווייטסטע געגנטן פון ראַטנפאַרבאַנד, נישט איבערגעבנדיק אונז צום געריכט, מיט דער איינציקער כּוונה אונז אָפּצושניידן פון יעדער פאַרבינדונג מיט מאָסקווע און די אַנדערע אַרבעטערצענטרס און פון דער פאַרבינדונג מיט דעם זעקסטן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

ערב אונזער געצוואונגענעם אָפּפאָר אין די פאַרוואָרפנסטע טיילן פון פאַרבאַנד האָלטן מיר פאַר נויטיק איבערצוגעבן די פאָלגנדיקע דערקלערונג דעם פּרעזידיום פון צענטראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון אינטערנאַציאָנאַל און אים בעטן, ער זאָל זי מודיע זיין די צענטראַלע אויספיר־קאָמיטעטן פון אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען.

דאָס פאַרשיקן אַלטע פּאַרטיימיטגלידער דורך אַן אַדמיניסטראַטיוון באַפעל פון דער ג. פּ. או. איז נאָר אַ נייער רינג אין דער גאַנצער קייט געשעענישן, וואס דערשיטערן איצט די קאמוניסטישע פּאַרטיי. דידאָזיקע געשעענישן וועלן פאַר אַ גאַנצע

ריי יאָרן האָבן אַן אומגעהייערע היסטאָרישע באַדייטונג. די איצטיקע חלוקי-דעות האָבן די גרעסטע באַדייטונג פאַר דער געשיכטע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. עס האַנדלט זיך דערביי וועגן דער פראַגע, צי מיר וועלן איינהיטן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכע מיר האָבן דעראָבערט אין אָקטאָבער 1917. דער קאַמף אין דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי קומט פאָר אין זיין גאַנצער כוונה און ריכטונג הינטער דעם רוקן פון אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער נעמט נישט קיין אָנטייל אין דעם, און ער ווייס אפילו וועגן דעם גאָרנישט. די וויכטיקסטע דאָקומענטן פון דער אָפּאָזיציע, וואָס באַהאַנדלען די גרונדפּראָבלעמען פון אונזער עפּאָכע, זענען דעם אינטערנאַציאָנאַל נישט באַקאַנט. ביי יעדער באַדייטנדיקער געלעגנהייט ווערן די קאָמוניסטישע פּאַרטייען געשטעלט פאַר אַ געשעענעם פאַקט. זיי דאַרפן בלויז אונטערשרייבן אָנגענומענע באַשלוסן. מיר באַהויפּטן, אַז אַזאַ צושטאַנד קען אַנטשטיין בלויז דורך אַ לחלוטין פאַלשן רעזשים אין דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אין אַ מעלדונג צום פופצנטן קאָנגרעס, וועלכע עס האָבן אונטערגעשריבן די חברים סמילגאַ, מוראַלאָוו, ראַקאָווסקי און ראַדעק, האָבן מיר דערקלערט, אַז מיר וואַרפן זיך אונטער דער אַנטשיידונג פון דאָזיקן קאָנגרעס און אַז מיר זענען גרייט זיך אָפּצוהאַלטן פון יעדער פּאַרטיי-אַרבעט. נישט געקוקט אויף דעם האָט מען אונז אויסגעשלאָסן און מען פאַרשיקט אונז איצט, ווייל מיר פאַרבלייבן ביי אונזערע מיינונגען.

מיר האָבן שוין איינמאָל דערקלערט און מיר חזרן דאָ איבער, אַז מיר קענען זיך נישט אָפּזאָגן פון אונזערע מיינונגען, וועלכע מיר האָבן אויסגעדריקט אין אונזער פּראָגראַם און אין אונזערע טעזיסן, ווייל דער גאַנצער גאַנג פון די געשעענישן באַשטעטיקט זייער ריכטיקייט.

דער זעקסטער קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל דאַרף צוגעגרייט ווערן ווי אין לעניגס צייטן: עס דאַרפן פאַרעפנטלעכט ווערן די וויכטיקסטע דאָקומענטן, וואָס האָבן אַ שייכות

צו די פראַגעס, וועלכע שטייען איצט צו דעבאַטע; מען דאַרף אָפּשטעלן די פאַרפאַלגונגען פון די קאָמוניסטן, וואָס זענען נישט באַגאַנגען קיין אַנדער פאַרברעכן, ווי נאָר דאָס באַנוצן זיך מיט זייערע רעכט אַלס פּאַרטיי-מיטגלידער; עס דאַרף פאָרקומען אַ גרינטלעכע דיסקוסיע, — נאָך פאַרן אָנהויב פון קאָנגרעס, — וועגן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי-פאַרהעלטענישן און דעם פּאָליטישן קורס, וועלכן מיר האָבן אָנגענומען.

די אויבנדערמאָנטע פראַגעס קענען נישט געלייזט ווערן דורך פאַרשטאַרקן דעם פּאָליטישן טעראָר. אַלס באָלשעוויקעס פאַרשטייען מיר גאַנץ גוט די ראָל פון רעוואָלוציאָנערן טעראָר. מיר האָבן אים אָנגעווענדט קעגן דער בורזשואַזיע און אירע אַגענטן, קעגן די סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן און מענשעוויקעס און מיר טראַכטן גאָר קיין איין רגע נישט וועגן אָפּזאָגן זיך אויף להבא פון טעראָר, וואָס איז געווענדט קעגן די שונאים פון פּראָלעטאַריאַט. אָבער גלייכצייטיק דערמאָנען מיר זיך, אַז דער טעראָר פון די פיינטלעכע פּאַרטייען קעגן דעם באָלשעוויזם איז געווען מאַכטלאָז.

דורכדעם, וואָס מען פאַרשיקט אונז, די אַלטע זעלנער פ.ן דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע און לענינס קאַמפּסחברים, גיט מען אַ בולטן באַווייז פאַר דעם אָפּפאַל פון דער קלאַסנבאַוועגונג אין אונזער לאַנד און פאַר דעם אָפּנויג צום אפּאַרטוניזם, וואָס פליסט דערפון אַרויס. אָבער נישט געקוקט אויף דעם בלייבן מיר ביי דער פעסטער איבערצייגונג, אַז דער אמתער אָנפירער פון דער ראַטנמאַכט איז נאָך אַלץ דער פּראָלעטאַריאַט. דורך אַ אַנטשיידענער ענדערונג פון פּאָליטישן קורס, דורך פאַרבעסערן די געמאַכטע פעלערן, דורך פאַרמיידן ווייטערע שטערונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג, איז נאָך מעגלעך צו ברענגען אין אָרדנונג די סיסטעם פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און זי פונסניי צו שטאַרקן. דידאָזיקע מעגלעכקייט קען ווערן אַ ווירקלעכקייט, ווען דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל וועט אַנטשלאָסן זיך אַריינמישן אין די פאַרהעלטענישן פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

מיר ווענדן זיך צו אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען און צום זעקסטן קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל און פאָדערן דרינגנדיק,

זיי זאָלן די איצטיקע לאַגע באמת באַטראַכטן פון שטאַנדפונקט פון די פאַרטיימאַסן. קיינמאָל נאָך האָט לעגינס צוואה נישט געהאַט קיין מער נביאישן קלאַנג, ווי אין איצטיקן אויגנבליק, קיינער קען נישט וויסן, וויפל צייט עס וועט נויטיק האָבן דער גאַנג פון די היסטאָרישע געשעענישן, כדי צו פאַרבעסערן די שוין געמאַכטע פעלערן. מיר ליידן פון געוואלט און אונזערע פאָסטנס אין דער פאַרטיי און אין ראַטנאויפבוי מוזן מיר פאַר-בייטן אויף אַ זינלאָזער און ליידיקגייערישער פאַרשיקונג. אָבער אויך איצט צווייפלען מיר נישט קיין איין מאָמענט, אַז יעדער פון אונז וועט נאָך אַמאָל ווידער נוציק זיין דער פאַרטיי און אין גרויסן קאַמף, וואָס שטייט אונז פאָר, וועט ער ווידער פאַרנעמען זיין פלאַץ אין די רייען.

מיר שטעלן פאַרן זעקסטן קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל דעם פאָרשלאָג אונז ווידער אויפצונעמען אין דער פאַרטיי.

אונטערגעשריבן: טראָצקי, ראַקאָווסקי, ראַדעק, סמילגאַ, י. נ. סמירנאָוו, וואַלענטינאָוו, סערעבריאַקאָוו, פרעאָבראַזשענסקי, מוראַליאָטאַ, עלצינע, וואַגאַניאַנע, איטצענקאָ, נעוועלסאָנע און נאָך אַנדערע אַלטע באָלשעוויקעס.

# מיין פאַרשיקונג

## 1. דאָס איז דער גאַנג פון די געשעענישן...

די פּאָליטיק ווערט אומפּאַרמיידלעך באַגלייט ווי דורך אַ שאָטן פון אַ געוויסן סענסאַציאָנעלן כאַראַקטער. דערדאָזיקער שאָטן האָט אָנגענומען איבערגעטריבענע פּראָפּאָרציעס אַרום מיין פאַרשיקונג. אָבער אַ פּאָליטיק, וואָס שטעלט זיך גרויסע צילן האָט פיינט דידאָזיקע סענסאַציע. דעריבער איז דער ציל פון דידאָזיקע שורות נישט אַרויסצורופן אַ סענסאַציע, נאָר צו געבן דער עפנטלעכער מיינונג אָביעקטיווע אינפאָרמאַציעס אין דער מאָס, אין וועלכער די אָביעקטיוויטעט לאָזט זיך בכלל רעאַליזירן אין פּאָליטישן קאַמף.

כדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן אַ סוף מיט אַלע פאַלשע אינטערפּרעטאַציעס לאָמיר זאָגן אין עטלעכע שורות דאָס, וואָס די מער-ווייניקער אינפאָרמירטע לייענער ווייסן שוין:

אונזער שטעלונג לגבי דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, לגבי דער מאַכט פון די ראַטן, לגבי דער מאַרקסיסטישער לערע און דעם באָלשעוויזם בלייבן דיזעלבע. מיר מעסטן נישט אַ היסטאָרישע אַנטוויקלונג מיטן גורל פון פּערזאָנען.

אמת, דער וועג, וועלכן אין באַנוץ היינט כדי צו ווענדן זיך צו דער עפנטלעכער מיינונג איז אַן אויסערגעוויינלעכער. ווען מען שטעלט זיך אויפן שטאַנדפּונקט פון די מעטאָדעס, וועלכע איך האָב באַנוצט אין משך פון מיין גאַנצן פּאָליטישן

לעבן. דאָס איז אָבער נאָר אַ קאָנסעקווענץ פון די אויסער־געוויינלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע איך געפין זיך איצטער. אַרום מיין פערזענלעכן גורל וואַקסט אַ גאַנצער הויפן השערות, אויסטראַכטענישן און פאַנטאַסטישע מעשיות, וועלכע איך וואָלט באַטראַכט מיט פולשטענדיקער רואיקייט, ווען זיי וואָלטן גלייכ־צייטיק נישט באַדראָט דאָס ווערק, וועלכן איך האָב געדינט און וועלכן איך דין נאָך אויך איצט. איך האָב נישט קיין שום גרונד אַרומצוּוויקלען מיט מיסטעריעס מיין אייגענעם גורל אויף וויפל ער איז פאַרבונדן אויף דעם אָדער יענעם אופן מיט פראַגעס פון אַלגעמיינער באַדייטונג. אַדרבה, איצט האַלט איך פאַר נוטיק נאָך מער ווי יעדערמאָל צו דערציילן אָפן וועגן דערווירקלעכקייט, און נישט נאָר פאַר פריינט נאָר אויך פאַר פיינט. דידאָזיקע שורות שטעלן זיך נישט פאַר קיין ציל צו פּראָפּאַגאַנדירן, נאָר צו אינפאָרמירן. די ערשטע באַדינגונג וועלכע איך האָב געשטעלט דער פרעסע־ביוראָ איז די פול־שטענדיקע פרייהייט פון מיין באַריכט, די אַרטיקלען, וועלכע איך וויל אָנשרייבן וועלן געדרוקט ווערן אין דער פאָרם אין וועלכער איך וועל זיי אָנשרייבן, אָדער זיי וועלן אינגאַנצן נישט געדרוקט ווערן.

## „מיט געוואַלט בין איך פאַרשלעפּט געוואָרן קיין טערקיי"

דידאָזיקע שורות האָב איך געשריבן אין קאָנסטאַנטינאָ־פאָל, ווו איך בין געבראַכט געוואָרן פון אדעס דורכן סאָוועטישן דאַמפער „איליטש", דעם 12 פעברואַר. ס'זענען נישט ריכטיק די פאַרזיכערונגען פון אַ גאַנצער ריי צייטונגען, אַז איך אַליין האָב אויסגעקליבן דעמדאָזיקן נייעם ווין־אָרט.

מיינע אינטימסטע פריינט פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך האָבן געהאַט פולקאָם רעכט, ווען זיי האָבן אָנגענומען, אַז קיין טערקיי האָט מען מיך פאַרשלעפּט מיט געוואַלט.

דעם פאָרשטייער פון דער טערקישער פאָליציי, וועלכער איז אַרויפגעקומען אויפן שיף אין ביוק־דער כדי צו קאָנטראָ־לירן די פּאַסאַזשירן (עס זענען דאָרט נישט געווען קיין אַנ־

דערע פּאַסאַזשירן אַ חוץ מיין פאַמיליע און די אַגענטן פון ג. פּ. או.), האָב איך איבערגעגעבן פאָלגנדיקע דעקלאַראַציע, וועלכע איז געווענדט געווען צו קעמאַל־פּאַשאַ, ד״ם פּרעזידענט פון דער טערקישער רעפּובליק.

הער,

אָנקומענדיק צו די טויערן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָב איך דעם כבוד אייך צו אינפאָרמירן, אַז איך בין געקומען צו דער טערקישער גרעניץ, הגם איך האָב זי נישט אויסגעקליבן, און אַז איך וועל איבערטרעטן דידאָזיקע גרעניץ נאָר אונטער דעם דרוק פון געוואַלט.

ל. טראָצקי

12 פעברואַר 1929

פאַרשיקט פון ראַטנפאַרבאַנד נישט געקוקט אויף מיינע פּראָטעסטן, וואָלט איך בעסער אויסגעוויילט אַ לאַנד, וואָס זיין שפּראַך, זיין סאָציאַלעס לעבן און זיין קולטור וואָלטן מיר געווען היימיש. אָבער די אינטערעסן פון דעם פאַרשיקטן פאַלן זעלטן צונויף מיט די אינטערעסן פון די, וואָס פאַרשיקן אים. אין 1916, למשל, האָט מיך די רעגירונג פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק אַרויסגעשיקט מיט געוואַלט קיין שפּאַניע, אַ לאַנד, וועמעס שפּראַך איך האָב נישט געקענט. די ליבעראַלע רעגירונג פון גראַף ראָמאַנאָנעס האָט מיר נישט געגעבן קיין צייט אויף אויסצולערנען סערוואַנטעסעס שפּראַך; ער האָט זיך צוגעאיילט צו אַרעסטירן מיך אָן דעם מינדסטן גרונד, און ער, פון זיין זייט, האָט מיך אַרויסגעשטויסן, אַריבערשיקנדיק מיך אויף יענער זייט אוקינוס. ווען אין פּאָליטיק וואָלט פּראַקטיצירט געוואָרן דער תענוג פון נקמה, וואָלט איך געקענט זאָגן, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך באַקומען זייער אַ אינטערעסאַנטע סאַטיספאַקציע. ה׳ מאַלווי, וועלכער האָט מיך אַרויסגעשיקט פון פראַנקרייך אַלס אינערן־מיניסטער, איז אַליין פאַרטריבן געוואָרן פון דאָזיקן לאַנד דורכן ה׳ קלעמאַנסאָ. עס איז נאָך אָבער געשען בעסערס. ה׳ פּאָקספּאַס־בידע, איינער פון די אָנפירער פון דער דעפּענסיווע, לויט וועמעס באַריכטן עס איז באַשלאָסן געוואָרן מיך אַרויסצושיקן פון פראַנקרייך, איז אַליין אַרעסטירט געוואָרן אין 1918 אין רוס-

לאַנד, ווו ער האָט אויסגעפירט אַ געהיימע שליחות, וועלכע איז נישט געווען אינגאַנצן קיין פריינטלעכע. ווען מען האָט אים געבראַכט צו מיר, אין פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר מלחמה, האָט ה׳ פּאָקספּאָס-בידע געענטפערט אויף מיין פראַגע: „ווי אזוי איז דאָס געשען?" מיט אַ פאָרמול, וואָס איז אַ ביסל אומקלאָר, אָבער פרעכטיק אין איר אַרט:

— „דאָס איז דער גאַנג פון די געשעעניש".

די נייע עפּאָכע, וועלכע די לעצטע מלחמה האָט אַרויסגערופן צום לעבן, איז אַן עפּאָכע פון גרויסע אויפטרייסלונגען און פון פלוצלונגע איבערקערן אין דער פּאָליטיק. מיר זענען געווען און מיר וועלן נאָך לאַנג זיין עדות פון אַ סך איבער-ראַשונגען, צו וועלכע מיר וועלן נישט איינמאָל קענען אָנ-ווענדן די קלאַסישע פאָרמול פון פילאָזאָפישן פּאָליציאַנט: „דאָס איז דער גאַנג פון די געשעעניש". כ׳וועל נישט פאַר-באַהאַלטן מיין מיינונג, אַז איך האַלט נישט מיין פאַרשיקונג פון ראַטנפאַרבאַנד פאַרן לעצטן וואָרט פון דער געשיכטע. איך חזר איבער נאָכאַמאָל, עס האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן מיין פערזענלעכן גורל. דער וועג פון היסטאָרישן רעוואַנש וועט זיכער זיין זיגזאַגאַרטיק. איך האָב אָבער געלערנט אין דער שו.ע פון היסטאָרישן אָביעקטיוויזם צו גיין מיט די וועגן, וועלכע עס ווייזט אָן דער גאַנג פון דער עוואָלוציע.

## די פאַרשיקונגען

לאָמיר פריער איבערגעבן די פאַקטן, וועלכע עס איז אומבאַדינגט נויטיק צו וויסן, כדי צו פאַרשטיין וואָס עס איז פאָרגעקומען.

אין יאַנואַר 1929 האָט דער XV קאָנגרעס פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, וואָס איז אינדעראמתן געווען דער קאָנגרעס פון פונקציאָנאַרן פון סטאַלינס פראַקציע, אויסגעשלאָסן די אָפּאָזיציע פון דער פאַרטיי און האָט סאַנקציאָנירט דאָס אָנווענדן קעגן איר רעפּרעסיעס.

אין אַ קורצער צייט אַרום זענען עטלעכע הונדערט, — און איצט שוין טויזנט, — אָנהענגער פון דער אָפּאָזיציע

פאַרשיקט געוואָרן אין פאַרשיידענע פונקטן פון סיביר און צענטראַל-אַזיע.

דאָס לעבן פון דידאָזיקע פאַרשיקטע איז אומצערייסבאַר פאַרבונדן מיט דער עפּאָפּייע פון די דריי רעוואָלוציעס: פון 1905, פון מערץ און פון אָקטאָבער 1917. דער פּערזענלעכער גורל פון אַ סך צווישן זיי וואָלט געקענט דינען אַלע סוזשעט פאַר נישט איין דראַמע פון גרויסן סטיל. אָבער פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט איז אַ סך וויכטיקער אַן אַנדער זאַך: אַז די פאַרדינסטן, וואָס די פאַרשיקטע האָבן פאַר דער ראַטן-רעפּובליק זענען נישט דער ערך גרעסער פאַר די פאַרדינסטן פון די, וואָס האָבן זיי פאַרשיקט.

## מיין ווינארט אין אלמא-אטא

פאַר מיר האָט מען באַשטימט אַלס פאַרשיקונגס-אָרט די שטאָט אַלמאַ-אַטאַ, די נייע הויפּט-שטאָט פון קאַזאַקסטאַן, די שטאָט פון מאַלאַריע, פון ערד-ציטערנישן און פאַרפלייצונגען, וואָס ליגט צופוסנס פון דער באַרג-קייט טיאַן-טשאַני, 250 קילאָמעטער פון אַ אייזנבאַן און 4.000 קילאָמעטער פון מאָסקווע. צוזאַמען מיט מיין ווייב און זון האָב איך דאָרט פאַרבראַכט אַ יאָר אין דער געזעלשאַפט פון ביכער און דער נאַטור, וואָס איז באמת פּרעכטיק אין דידאָזיקע ערטער. צייטונגען און בריוו האָבן נויטיק געהאַט צוועלף טעג ביז אַ חודש, צוויי אָדער עטלעכע חדשים כדי אָנצוקומען צו אונז, לויט דער יאָר-תּקופה און דער שטימונג פון די מאָסקווער באַאַמטע.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אויף יעדער טריט און שריט האָבן מיר געטראָפן פריינט, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, האָבן מיר געפירט אַ ביז גאָר איזאָלירט לעבן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, ווייל יעדע פּערזאָן, וואָס האָט פּרובירט צו קומען מיט אונז אין קאָנטאַקט, פלעגט האָבן אויסצושטיין אָפּטמאָל גאַנץ שווערע שטראָפן. אונזער איינציקע פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט איז געווען די יאַגד. איך פלעג גיין אויף איר צוזאַמען מיט מיין זון, באַגלייט דורך די אַגענטן פון געפּעאו; אין משך פון וואָכן פלעגן מיר לעבן א

באַמאַדן־לעבן אין די געזאַלצענע סטעפּעס, פאַרברענגענדיק די נאַכט אונטערן פרייען הימל, אָדער אין די קירגיזישע „קיביט־קעס" 1). און מיר פלעגן בייטן דעם אָרט אויף אַ רוקן פון אַ קאַמעל.

דידאָזיקע געגנט איז באַרימט דורך איר שפע מיט ציגן, חזירים, קאַטשקעס, גענז, פאַזאַנעס און אַנדערע מינים געווילד, אָבער אויך מיט דער שפע פון ווינטער, שלאַנגען און גיפטיקע שפינען. אין יאַנואַר האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַמע, וואָס האָט מיר אָנגעזאָגט אַז אין 200 קילאָמעטער פון אַלמאַ־אַטאַ האָבן זיך באַוויזן דריי טיגערס, וועלכע זענען געקומען אַרויף ברעג אילי, קומענדיק פון אָזערע באַלקאַש. צוזאַמען מיט מיין זון האָבן מיר זיך אַן עצה געהאַלטן, צי עס לוינט צו דער־קלערן זיי קריג (אויסגעבנדיק אים, פאַרשטייט זיך, אַלס אַ פאַרטיידיקונגס־מלחמה) אָדער מיר דאַרפן זיך פאַרפעסטיקן הינטערן קעלאַג־אָפּמאַך. די אַלע דורכגעטריבענע און דערפאַ־רענע טיגערס (וועגן דאָזיקן ענין דאַרף מען זיך אינפאָר־מירן ביים ה׳ קלעמאַנסאָ) דאַרפן באַטראַכטן דעם קעלאַג־אָפּמאַך מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע: צי ווערט דען נישט סוף־כּל־סוף די פראַגע געלייזט דורך דער קראַפט פון די נעגל? מיר האָבן נישט געהאַט קיין צייט אָנצונעמען אַ דעציזיע: אין אונזער גורל איז פאָרגעקומען אַ נייע ענדערונג.

דאָס האָט זיך אָנגעהויבן דורך די בריוו. אין משך פון די ערשטע צען חדשים פלעגט מען אונז איבערגעבן די בריוו, הגם קאָנטראָלירטע, אומגעפער אין דער פראָפּאָרץ פון 50%. די קאָרעספּאָנדענץ פון די פאַרשיקטע איז געווען זייער גרויס. גאַנץ אָפט פלעגן די בריוו אָננעמען די פאָרם פון אמתע פּאָליטישע דאָקומענטן, וועלכע פלעגן קאָפּירט ווערן אין אַ סך עקזעמ־פּלאַרן, אַריינדרינגען אין די פּאָליטישע צענטערס פון דער געגנט, פלעגן פאַרשפּרייט ווערן און פאַרשפּרייט ווערן אין אויס־לאַנד.

---

1) אזעלכע קירגיזישע וועגענער.

# אַ ברוטאַלע ענדערונג

סוף אָקטאָבער איז פאָרגעקומען אַ ברוטאַלע ענדערונג. אונזער פאַרבינדונג מיט אונזערע אידייאישע חברים, מיט אונזערע פריינט, אַפילו מיט אונזערע קרובים איז פלוצלונג איבערגעריסן געוואָרן; בריוו און טעלעגראַמעס האָבן לגמרי אויפגעהערט אָנצוקומען. מיר האָבן זיך דערוווסט, אַז אין צענטראַלן טעלעגראַפן-אַמט אין מאָסקווע האָבן זיך אָנגעקליבן הונדערטער טעלעגראַמעס, וועלכע מען האָט צו מיר געשיקט, באַזונדערס נאָכן יאָר-טאָג פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע און ביי דער געלעגנהייט פון אַנדערע געדענק-יום-טובים. דער קרייז אַרום אונז האָט זיך אַלץ ענגער פאַרשלאָסן. מען דאַרף נישט אַרויסלאָזן פון אַכט דעם פאַקט, אַז נישט נאָר די מאַסן און די באַקאַנטע קעמפער, נאָר אַפילו די סטאַלינשע באַאַמטע האָבן מיט שוועריקייטן אַקצעפּטירט די פאַרשיקונג, וועלכע מען האָט אָנגעווענדט צו די, וואָס האָבן דורכגעפירט די אָקטאָבער-רעוואָלוציע. פון די הויכע פענסטער האָט מען זיי געטרייסט מיט דער איינריידעניש, אַז די אָנגענומענע ברוטאַלע מיטלען האָבן געזיכערט די פולקאָמענע „איינהייט פון געדאַנק” אין דער פּאַרטיי און האָבן דערלויבט „רואיק צו אַרבעטן”. סטאַלינס פראַקציע האָט אויסגערעכנט — אָדער זי האָט לכל הפחות צוגעזאָגט — אַז דאָס פאַרשיקן די אָנפירער פון דער אָפּאָזיציע וועט אָפּטויטן די אַקטיוויטעט פון די „טראָצקיסטן”.

אָבער גראָד דאָס איז נישט מקוים געוואָרן. דאָס יאָר נאָכן XV-טן קאָנגרעס איז געווען באמת דער אומרואיקסטער אין לעבן פון דער פּאַרטיי, ערשט נאָכן XV-טן קאָנגרעס האָבן די גרויסע מאַסן פון דער פּאַרטיי און פון אַרבעטער-קלאַס זיך גענומען ערנסט אינטערעסירן מיטן קאַמף, וועלכער האָט זיך אַנטוויקלט אין די אויבערשטע ספערן, און זיי האָבן גענומען פאַרשטיין, אַז אויב צענדליקער, הונדערטער און טויזנטער מענטשן, וועלכע דאָס גאַנצע לאַנד קען אָדער וועלכע זענען לכל הפחות באַקאַנט אין זייער געגנט, פּראָווינץ אָדער פאַבריק, — אַז אויב דיזאָזיקע מענטשן זענען אויסגעשלאָסן אָדער מ'האַלט זיי אין אויסשליסן פון דער פּאַרטיי-

און זיי ווערן פאַרשיקט צוליב זייערע מיינונגען, מוז זיך דאָס האַנדלען וועגן טיפע חלוקי־דעות אין די פּרינציפּן.

נישט געקוקט אויף די אומאויפהערלעכע רעפּרעסיעס, איז די אָפּאָזיציע אין משך פון 1928, באַדייטנדיק אויסגע־וואַקסן, באַזונדערס אין די גרויסע אינדוסטרי־אונטערנעמונגען. דערדאָזיקער וווקס איז באַגלייט געוואָרן דורך פאַרגרעסערטע רעפּרעסיעס און ביי די פאַרשיקטע איז צוגענומען געוואָרן די מעגלעכקייט צו קאָרעספּאָנדירן, אפילו צווישן זיך. מיר האָבן זיך גענומען ריכטן אויף אַנדערע מיטלען פון זעלבן מין און מיר האָבן זיך נישט אָפּגענאַרט.

## אַן אולטימאַטום און מיין ענטפער

דעם 16 דעצעמבער איז געקומען פון מאָסקווע אַ באַ־אַמטער פון געפּעאו און מיר איבערגעגעבן אין נאָמען פון דערדאָזיקער אינסטיטוציע אַן אולטימאַטום: אויפהערן אָנצופירן מיטן קאַמף פון דער אָפּאָזיציע, כדי אויסצומיידן די אָנווענ־דונג פון מיטלען, וואָס זאָלן מיר לגמרי איזאָלירן פון פּאָלי־טישן לעבן. די פראַגע וועגן פאַרשיקונג איז נישט געשטעלט געוואָרן, איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן מיטלען פון אינערלעכן כאַראַקטער און כ'האָב געענטפערט אויפן דאָזיקן „אולטימאַטום" דורך אַ בריוו צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און צום פּרעזידיום פון קאָמוניס־טישן אינטערנאַציאָנאַל. אָט איז דער תמצית פון דאָזיקן בריוו:

„פאָדערן פון מיר איך זאָל זיך אָפּזאָגן פון פּאָליטישער אַקטיוויטעט הייסט פאָדערן, איך זאָל זיך אָפּזאָגן פון קאַמף פאַר די אינטערעסן פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, אַ קאַמף, וועלכן איך פיר אָן אויפהער זייט צוויי־און־דרייסיק יאָר, ד. ה. זינט דעם אָנהויב פון מיין באַוווסטזיניק לעבן. דער פרווו פאָרצושטעלן דידאָזיקע אַקטיוויטעט אַלס „קאָנטר־רעוואָ־לוציאָנער" שטאַמט פון די, וועלכע איך באַשולדיק פאַרן פאָרום פון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט אין טרעטן מיט די פיס די יסודות פון מאַרקס' און לענינס לערע, אין שעדיקן די היסטאָרישע

אינטערעסן פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע. אין ברעכן די טראַדיציעס און דירעקטיוון פון אָקטאָבער, אין צו־גרייטן דעם טערמידאר אומבאַוווסטזיניק, אָבער דערפאַר טאַקע אויף אַ מער סכּנהדיקן אופן".

איך לאָז אין אַ זייט דאָס אויסרעכענען די חלוקי־דעות בנוגע די פּרינציפּיעלע פראַגעס פון אינערלעכן לעבן און פון אינטערנאַציאָנאַלן געביט. ווייטער האָב איך געשריבן פאָלגנ־דיקס:

„אַ רעאַקציע־פּעריאָד קען אָנקומען נישט נאָר נאָך אַ בורזשואַזער רעוואָלוציע, נאָר אויך נאָך אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. זייט זעקס יאָר לעבן מיר איבער אין ראַטנפאַר־באַנד אַ וואַקסנדיקע רעאַקציע קעגן אָקטאָבער, גייענדיק מיטן וועג פון טערמידאָר. דער בולטסטער און פאָלקאָמענסטער אויס־דרוק פון דערדאָזיקער רעאַקציע אין דער פּאַרטיי דערגרייכט זיין קולמינאַציע־פּונקט אין דער פאַרפאָלגונג און צעשטערונג פון לינקן פליגל.

אין אירע לעצטע פּרוּוון צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד די פּאַרטיזאַנעס פון טערמידאר, האָט סטאַלינס פראַקציע געלעבט בלויז פון די „שיריים" און „פראַגמענטן" פון די אָפּאָזיציע־אידייען. זי פאַרמאָגט נישט קיין שום שעפערישע קראַפט. איר קאַמף קעגן לינקס רוקט צו ביי איר יעדע סטאַביליטעט. פּאַקטיש איז איר פּאָליטיק אַראָפּ פון די רעלסן, זי איז פאַלש, סתירה־דיק. די גלענצנדיקע קאַמפּאַניע, וועלכע איז געווענדט קעגן דער סכּנה פון רעכטס באַשטייט אויף דריי־פערטל פון ריינער פאָרם און דינט קודם כּל אויף אויסצובאַהאַלטן פון די מאַסן די אויסראָטונגס־מלחמה, וועלכע ווערט געפירט קעגן די באָל־שעוויקעס־לעניניסטן".

צולעצט זאָגט דער בריוו;

„אין דער דעקלאַראַציע, וועלכע מיר האָבן געשיקט צום 6־טן קאָנגרעס, האָבן מיר געענטפערט אויף די באַשולדיקונגען וועגן פראַקציאָנעלער טעטיקייט, וועלכע מען האָט געווענדט קעגן אונז, אַז דידאָזיקע אַקטיוויטעט וועט נישט קענען ליק־ווידירט ווערן כּל זמן מען וועט נישט אויפהערן אָנצווענדן אויף אונז פאַררעטעריש דעם אַרטיקל 58 און מען וועט אונז נישט צוריק

אָנגעמען אין דער פאַרטיי נישט נאָר ווי חוזר-בתשובהדיקע זינדער, נאָר ווי רעוואָלוציאָנערע קעמפער, וועלכע האָבן נישט פאַרראַטן זייער פאָן. און ריכטיק ווי פאָראויסזעענדיק דעם אולטימאַטום, וועלכן מען שטעלט אונז היינט, האָבן מיר בוכ-שטעבלעך געשריבן אין דערדאָזיקער דעקלאַראַציע: „בלויז אַ פולשטענדיק קאָרומפּירטע ביוראָקראַטיע קען פאָדערן פון רעוואָלוציאָנערן זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון פּאָליטישער אַקטיווי-ווּעט. בלויז רענעגאַטן, וואָס פאַרדינען פאַראַכטונג, קענען געבן אַזעלכע צוזאָגן". כ'האָב נישט וואָס צו ענדערן אין דידאָזיקע ווערטער. כ'צי אויף זיי ווידעראַמאָל די אויפמערקזאַמ-קייט פון צענטראַל-קאָמיטעט. יעדער האָט זיין פליכט. איר ווילט ווייטער פאַרווירקלעכן די סוגעסטיעס פון פראָלעטאַריאַטס קלאַסן-שונאים. מיר קענען אונזער חוב. מיר וועלן אים דערפילן ביזן סוף".

ל. טראָצקי

אַלמאַ-אַטאַ, דעם 16-טן דעצעמבער 1928.

## II. די פאַרשיקונג

אויף דער פאָדערונג אָפּצושטעלן יעדע פּאָליטישע אַקטיוויטעט האָב איך געענטפערט מיט דער דערקלערונג, אַז בלויז אַ פולשטענדיק קאָרומפּירטע ביוראָקראַטיע קען פאָרמולירן אַן ענלעכע פאָדערונג און אַז בלויז רענעגאַטן קענען זיך איר אונטערוואַרפן. די סטאַליניסטן אַליין האָבן, ווייזט אויס, זיך נישט גערעכנט אויף אַן אַנדער ענטפער.

איין חודש איז אַריבער אָן ענדערונגען. אונזער פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט איז פולשטענדיק געווען איבערגעריסן, פאַרשטייט זיך, אַז אויך די אומלעגאַלע פאַרבינדונג, וועלכע יונגע אידייען-חברים האָבן אָרגאַניזירט. גובר זייענדיק אומגעהייערע שוועריקייטן פלעגן זיי מיר רעגולער שיקן קיין אַלמאַ-אַטאַ ברייטע באַריכטן פון מאָסקווע און פון אַנדערע צענטרס. אין משך פון חודש יאַנואַר האָבן מיר באַקומען בלויז צייטונגען פון מאָסקווע. וואָס מער דידאָזיקע האָבן גערעדט וועגן קאַמף קעגן רעכטס, אַלץ מער האָבן מיר

מיט זיכערקייט אָפּגעוואָרט אַ קלאַפּ קעגן לינקס. דאָס איז סטאַלינס מעטאָד.

## אַ קרימינעלער און אומלעגאַלער באַשלוס

וואָלינסקי, דער שליח פון געפּעאו, איז דידאָזיקע גאַנצע צייט געבליבן אין אַלמאַ-אַטאַ, ווו ער האָט אָפּגעוואַרט נייע פאַראָרדנונגען. דעם 20-טן יאַנואַר איז ער געקומען צו מיר, באַגלייט דורך צאָלרייכע באַוואָפנטע אַגענטן פון געפּעאו, וועלכע האָבן פאַרנומען אַלע אויסגאַנגען: ער האָט מיר פאַרגעלייענט דעם פאָלגנדיקן תמצית פון פּראָטאָקאָל פון דער ספּעציעלער קאָנפערענץ ביי דער געפּעאו פון 18 יאַנואַר 1929.

„אויסגעהערט: דער ענין טראָצקי לעוו דאַווידאָוויטש, וועלכער ווערט באַשולדיקט, לויטן אַרטיקל 58/10 פון שטראָף-קאָדעקס אין קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אָרגאַניזירן אַן אומלעגאַלע פּאַרטיי, וואָס איר טעטיקייט האָט פאַר דער לעצטער צייט געהאַט אַ טענדענץ אַרויסצורופן אַנטי-סאָוועטישע אינטערווענצן און צוצוגרייטן אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער ראַטנמאַכט. באַשלאָסן: פאַרשיקן פון ראַטנפאַרבאַנד דעם בירגער טראָצקי, לעוו דאַווידאָוויטש".

ווען מען האָט געפאָדערט פון מיר אַ באַשטעטיקונג, אַז כ׳האָב זיך באַקענט מיט דעמדאָזיקן באַשלוס, האָב איך אָנגעשריבן:

„דער באַשלוס פון געפּעאו, וואָס איז קרימינעל לויט זיין תוך און אומגעזעצלעך לויט דער פאָרם, איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן דעם 20 יאַנואַר 1929. — טראָצקי".

כ׳האָב קוואַליפיצירט דעמדאָזיקן באַשלוס אַלס קרימינעל דערפאַר, ווייל ער איז באַוווסטזיניק געבויט געוואָרן אויף דער ליגנערישער פאַרזיכערונג, אַז כ׳האָב צוגעגרייט אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער ראַטנמאַכט. די אָנווענדונג פון דערדאָזיקער פאָרמולע, אין וועלכער סטאַלין האָט זיך גענויטיקט כדי צו באַרעכטיקן די פאַרשיקונג, שטעלט מיט זיך פאָר פאַר

זיך גופא איינע פון די עקלהאַפטסטע אונטערגראָבונגען קעגן דער ראַטנמאַכט. ווייל אויב עס וואָלט געווען אמת, אַז די אָפּאָזיציע, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, דורך די שעפער פון דער ראַטן-רעפּובליק און פון דער רוסישער אַרמיי, גרייט צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער ראַטנמאַכט, וואָלט דאָס באַדייט, אַז די לאַגע פון לאַנד איז קאַטאַסטראָפאַל. אין דאָזיקן פאַל וואָלטן אונזערע קעגנער פון דער בורזשואַזער וועלט און אַפילו די אַממיינסטן געניייגטע צו קאָנצעסיעס זיך געדאַרפט זאָגן: „לאָמיר זיך נישט איילן אָנצוקניפּן ווידער עקאָנאָמישע באַציאונגען, לאָמיר אָפּוואַרטן דעם אויסגאַנג פון באַוואָפנטן קאַמף". צום גליק איז די פאָרמול, וועלכע די געפּעאו האָט אָנגעווענדט, נישט מער ווי אַ נידערטרעכטיקע פּאָליצייאישע אויסטראַכטעניש. די פּאָליטיק פון דער אָפּאָזיציע האָט נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיטן צוגרייטן אַ באַוואָפנטן קאַמף. אַלס אויסגאַנגספּונקט נעמען מיר אָן די טיפע לעבנס-פעאיקייט פון ראַטן-רעזשים, אין וועלכער מיר זענען הונדערטפּראָצענטיק איבערצייגט. אונזער וועג איז דער וועג פון אינערלעכע רעפאָרמען. כ'ניץ אויס דידאָזיקע געלעגנהייט כדי דאָס צו פּראָקלאַמירן פאַר דער גאַנצער וועלט און אַזוי אַרום באַשיצן, זאָל זיין נישט מער ווי טיילווייז, די אינטערעסן פון דער ראַטנרעפּובליק קעגן דעם קלאַפּ, וועלכן עס דערלאַנגט זיי די ליגנערישע פאָרמול פון געפּעאו, די דיקטירטע דורך סטאַלינען. ווי גרויס עס זאָלן איצט נישט זיין די אינערלעכע שוועריקייטן פון דער ראַטנרעפּובליק, אין רעזולטאַט נישט נאָר פון אָביעקטיווע באַדינגונגען, נאָר אויך פון דער אָנמעכטיקער וואַקלדיקער פּאָליטיק, וועלן זיך אָבער שווער אָפּנאַרן די אַלע, וועלכע וועלן ווידער נעמען האָפן אויף דער נאָענטער מפּלה פון דער ראַטנמאַכט.

עס ווייזט אויס, אַז סער אויסטען טשעמבערלען האָט נישט אַזעלכע אילוזיעס. זיין אָפּשאַצונג טראָגט אַ סך אַ פּראַקטישערן כאַראַקטער. אויב מען זאָל גלויבן די ידיעות, וועלכע די פּרעסע פאַרעפנטלעכט עקשנותדיק, באַזונדערס דער אַמעריקאַנער אָרגאַן „די ניישן", האָט ער אויסגעדריקט

די מיינונג, אַז די רעגולערע באַציאונגען מיט דעם ראַטנ־פאַרבאַנד וועלן מעגלעך ווערן אויף צומאָרגנס נאָכדעם, ווען מען וועט אורעקשטעלן טראָצקין צום וועגטל.

דידאָזיקע לאַפּידאַרישע פאָרמול מאַכט כבוד דעם טעמ־פּעראַמענט פון קאָנסערוואַטיוון מיניסטער, וועלכער באַנוצט אָבער אַ מער פּאַציפיסטישע שפּראַך, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַמעריקאַנער קריגס־פּלאַט. הגם איך באַזיץ נישט קיין שום דיפּלאָמאַטישע מאַכט, נעם איך זיך פונדעסטוועגן די העזה — אינם אַלגעמיינעם אינטערעס (און טיילווייז אויך אין מיין פּערזענלעכן) — צו עצהן דעם אויסלאַנדס־מיניסטער פון גרויס־בריטאַניע ער זאָל נישט באַשטיין אויף דעם, אַז זיין פּאָדע־רונג זאָל דערפילט ווערן. דורך פאַרטרייבן מיך פון ראַטנפאַר־באַנד האָט סטאַלין געגוג דערוויזן אויף ווי ווייט ער איז גרייט געווען נאָכצוקומען ה׳ טשעמבערלענס פאַרלאַנגען. אויב ער האָט נישט געטאָן מער איז דאָס פאַר קיין פאַל נישט צוליב מאַנגל אין גוטן ווילן. עס וואָלט באמת געווען זייער נישט לאָגיש צו באַשטראָפן דערפאַר די ראַטן־עקאָנאָמיק און די בריטישע אינדוסטרי. איך דערלויב זיך אגב אורחא צו דער־מאָנען, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען באַזירן אויף דעם פּרינציפּ פון ק ע ג נ ז יי ט י ק יי ט. אָבער איך וויל נישט פאַרבלייבן לאַנג ביי דערדאָזיקער אומאַנגענעמער טעמע.

אין מיין קבלה־אונטערשריפט האָב איך קוואַליפיצירט דעם באַשלוס פון דער געפּעאו נישט נאָר אַלס קרימינעל לויט זיין תוך, נאָר אויך אַלס אומגעזעצלעך לויט זיין פאָרם. איך האָב דערמיט געוואָלט זאָגן, אַז די געפּעאו קען אייך פאַרלייגן אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד אונטער דער דראָאונג פון געוויסע אינערלעכע סאַנקציעס, אָבער זי קען נישט עקספּעדירן עמיצן קיין אויסלאַנד נישט האָבנדיק די הסכמה פון פאַרשיקטן.

ווען כ׳האָב געפאָדערט מען זאָל מיר זאָגן וווּ און ווי אַזוי האָט מען בדעה מיך צו פאַרשיקן, האָב איך באַקומען אַ תשובה, אַז דאָס וועט מען מיר אינפאָרמירן ביים אָנקום אין איי־ראָפּעאישן רוסלאַנד דורך אַ פאָרשטייער פון געפּעאו, וועל־כער וועט מיר אַרויספאָרן אַקעגן.

## דער אַרויספאָר

דער מאָרגנדיקער טאָג איז געווידמעט געוועז אויף איינ־צופּאַקן פּיבערהאַפט אונזערע וואַליזעס, וועלכע זענען אויסשליס־לעך פול געוועז מיט מאַנוסקריפּטן און ביכער. צוויי פּ אָ י נ ־ ט ע ר ס *) האָבן מיט אומרואיקייט באַטראַכט די שפע פון פרעמדע און בלישטשנדיקע מענטשן אין רואיקן צימער. דרך אגב וועל איך באַמערקן, אַז מצד די געפּעאו־אַגענטן איז נישט געוועז צו באַמערקן קיין שאָטן פון פיינטשאַפט, אדרבה פאַרקערט.

דעם 22־טן, מיטן באַגינען, האָב איך, מיין פרוי, מיין זון און די באַגלייטונג זיך אַריינגעזעצט אין אַ אויטאָבוס, וועלכער האָט אונז געפירט דורך אַ שניי־וועג, וועלכער איז געוואָרן גליטשיק דורך די דורכפאָרנדיקע שליטנס, ביז דעם הויכן באַרג־דורכגאַנג פון קורדאי. דערדאָזיקער דורכגאַנג איז שטאַרק באַדעקט מיט שניי, וועלכן ס׳האָט געדרייט אַ שטאַרקער שטורעם. דער מעכטיקער טראַקטאָר, וועלכער האָט אונז געדאַרפט אַדורכשלעפן דורך דעם קורדאי איז איינגאַנצן פאַרגראָבן געוואָרן אין שניי צוזאַמען מיט די זיבן אויטאָמאָבילן, וועלכע ער האָט געשלעפּט הינטער זיך.

זיבן מענטשן און אַ סך פערד זענען אומגעקומען פון קעלט בעתן דאָזיקן שטורעם. מען האָט געמוזט איבערלאָדן די משאות אויף פויערשע שליטנס. עס האָט געדויער מער ווי 7 שעה אויף דורכמאַכן אַרום 30 קילאָמעטער. אַ סך שליטנס זענען געוועז פאַרלאָזן לענגאויס דעם וועג, פאַרדעקטע מיט שניי, מיט די אָגלאָבלעס איבדערלופטן, ווי אויף צאָלרייכע לאָדונגען, וואָס זענען באַשטימט געוועז אויף אויסצובויען די טורקעסטאַנער־סיבירישע אייזנבאַן; צאָלרייכע פּעטראָלעאום־ציסטערנעס זענען פאַרגראָבן געוועז אין שניי. מענטשן און פערד, אַנטלויפנדיק פון שטורעם, האָבן זיך פאַרקליבן אין די קירגיזישע ווינטער־הייזלעך.

נאָכן באַרג־דורכגאַנג ווידער דער אויטאָמאָביל, דערנאָך אין פּישפּעק (פרונזע) די אייזנבאַן.

---

*) הינט פון ענגלישער ראַסע.

די מאָסקווער צייטונגען, וועלכע מיר געפינען אויף אונזער
וועג פאַראויס, זאָגן עדות, אַז מען גרייט צו די עפנטלעכע מיי-
נונג צו דער פאַרשיקונג פון די אָפּאָזיציע-לידערס. אין גע-
ביט פון אַקטיובינסק איז מען אונז מודיע דורך אַ דירעקטער
טעלעגראַמע, אַז דער באַשטימטער פאַרשיקונגס-אָרט איז קאָנ-
סטאַנטינאָפּאָל. איך פאָדער אַ זעאונג מיט צוויי מיטגלידער פון
מיין משפחה, וועלכע זענען פאַרבליבן אין מאָסקווע. זיי פאַר-
אייניקן זיך צו אונז אויפן וואָקזאַל אין ריאַיסק, ווו זיי ווערן
אונטערגעוואָרפן דעמזעלבן רעזשים ווי מיר. אַ צווייטער פאָר-
שטייער פון געפּעאו, בולאַנאָוו, באַמיט זיך מיר צו איבער-
צייגן אין די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער מעלות. איך זאָג זיך קאַטע-
גאָריש אָפּ צו פאָרן. בולאַנאָוו פירט טעלעגראַפישע שמועסן
מיט מאָסקווע. דאָרט האָט מען אַלץ פאָראויסגעזען אַ חוץ מיין
אָפּזאָג אַרויסצופאָרן פרייוויליק קיין אויסלאַנד. אונזער באַן,
וועלכער האָט פאַרלאָרן זיין ריכטונג, באַוועגט זיך פּאַמעלעך,
שטעלט זיך ענדלעך אָפּ אויף אַ זייטיקער ליניע, דערנאָך
אויף אַ קליינעם וואָקזאַל און בלייבט פעסט שטיין צווישן צוויי
וועלדער. דאָ גייט אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג. אַרום דעם באַן
וואַקסט די צאָל ליידיקע קאָנסערוון-קעסטלעך. קראָען און אַנ-
דערע פייגעלעך פאַראייניקן זיך אין אַלץ גרעסערע מחנות, כדי
נהנה צו זיין פון די שיריים. דאָ זענען נישטאָ קיין קראַליק-
לעך: אַ שווערע עפּיזאָאָטיע *) האָט זיי אין האַרבסט פאַר-
ניכטעט. יעדן טאָג פאָרט אָפּ אַ לאָקאָמאָטיוו מיט איין וואַגאָן
צו זוכן אַ מיטאָג אויף אַ וויכטיקן וואָקזאַל. ביי אונז אין וואַ-
גאָן הערשט די גריפּע. מיר לייענען אַנאַטאָל פראַנסן און קליו-
טשעווסקיס רוסישע געשיכטע. די קעלט דערגרייכט 38 גראַד
רעאָמיור: דער לאָקאָמאָטיוו שפּאַצירט אַרום איבער די רעלסן,
כדי ער זאָל נישט צופרוירן. די ראַדיאָ-סטאַציעס פרעגן זיך
דורך דורך דער לופט ווו מיר זענען. מיר הערן נישט דידאָ-
זיקע פראַגעס; מיר שפּילן שאַך. אָבער ווען מיר זאָלן זיי
אפילו פרעגן, וואָלטן מיר נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן;
פאַרשלעפּט אַהער ביידערנאַכט ווייסן מיר נישט ווו מיר געפי-

1) חיות-עפּידעמיע.

בען זיך: מיר זענען געווען ערגעץ אין דער געגנט פון קורסק. אַזוי זענען פאַרגאַנגען צוועלף טעג און צוועלף נעכט.

דאָ האָבן מיר זיך דערוווסט וועגן אַרעסט פון אייניקע הונדערט קעמפער, צווישן זיי דעם אַזויגערופענעם „טראָצקיסטישן צענטער”. מען פאַרעפנטלעכט די נעמען פון קאַוטאַראַדזשאַ, דער עקס-פרעזידענט פון ראַט פון פאָלקס-קאָמיסאַרן אין גרוזיע; מדיוואַני, דערעקס-האַנדלס-פאָרשטייער פון ראַטנפאַרבאַנד אין פאַריזש; וואָראָנסקי, דער בעסטער ליטעראַרישער קריטיקער אין דער פאַרטיי; דראָבניס, איינע פון די העראָאישסטע געשטאַלטן פון דער רעוואָלוציע אין אוקראַינע, און אַז. וו. דאָס זענען אַלץ קעמפער, וואָס געהערן צו דער פאַרטיי זייט איר גרינדונג און זיי זענען אויך די אָרגאַניזאַטאָרן פון אָקטאָבער.

דעם 8 פעברואַר דערקלערט בולאַנאָוו: „נישט געקוקט אויף אַלע באַמיאונגען מצד מאָסקווע זאָגט זיך די דייטשע רעגירונג קאַטעגאָריש אָפּ אייך אַריינצולאָזן אין דייטשלאַנד. מען האָט מיר געגעבן אַ אַנטגילטיקן באַפעל איך זאָל אייך אַוועקפירן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

— איך וועל אָבער נישט אַרויספאָרן פרייוויליק און כ'וועל דאָס דערקלערן אויף דער טערקישער גרעניץ.

— דאָס וועט די זאַך גאָרנישט ענדערן, איר וועט, נישט געקוקט אויף דעם, אַוועקגעפירט ווערן קיין טערקיי.

— איר האָט זיך הייסט עס פאַרשטענדיקט מיט דער טערקישער פּאָליציי, כדי מיך אַריינצוברענגען איבערגעוואַלט אין דאָזיקן לאַנד?

— מיר ווייסן גאָרנישט וועגן דעם: מיר פירן בלויז אויס באַפעלן.

נאָך צוועלף טעג אָפּרו האָט זיך דער צוג גענומען באַוועגן. ער איז גרעסער געוואָרן, ווייל די באַגלייטונג איז צוגעוואַקסן. מיר האָבן נישט געקענט אַרויסגיין פון וואַגאָן אין משך פון גאַנצן וועג פון פּיפּשעק אָן. מיר זענען איצט געפאָרן מיט דער גאַנצער פאַרע צו דרום צו. מיר פלעגן זיך נאָר אָפּשטעלן אויף קליינע סטאַציעס, כדי אָנצונעמען וואַסער און ברענמאַטעריאַלן. דידאָזיקע אויסערגעוויינלעכע פאָרזיכטס-

מ׳טלען זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער דערינערונג
וועגן דער דעמאָנסטראַציע אין מאָסקווע, וועלכע איז פאָרגע-
קומען אויפן וואָקזאַל בעת מיין פאַרשיקונג אין יאַנואַר 1928:
די מאַניפעסטאַנטן האָבן דאַן מיט געוואַלט נישט געלאָזט אָפּ-
גיין דעם טאַשקענטער צוג און מען האָט מיך געהיימערהייד
געקענט אַוועקפירן ערשט אויף מאָרגן. די צייטונגען ברענגען
אונז אין וועג די אָפּקלאַנגען וועגן אַ נייער גרויסער קאַמ-
פּאַניע קעגן די „טראָצקיסטן". מען פילט אַרויס פון צווישן
די שורות דעם קאַמף, וועלכער אַנטוויקלט זיך אין די העכע-
רע ספערן אַרום דער פראַגע וועגן פאַרשיקן מיך. די סטאַלי-
ניסטישע פראַקציע איילט זיך. צוליב דעם מוז זי גובר זיין
נישט נאָר פּאָליטישע שטערונגען, נאָר אויך נאַטירלעכע. מען
האָט באַשטימט אויף אַרויסצופאָרן פון „אָדעס" דאָס שיף
„קאַלינין". איז עס אָבער איינגעפרוירן געוואָרן אין אייז. אַלע
אָנשטרענגונגען פון די אייז-ברעכערס זענען געווען אומזיסט.
מאָסקווע איז נישט אָפּגעטראָטן פון טעלעגראַף, כדי צוצואיילן
דעם אָפּפאָר. אין איילעניש האָט מען צוגעגרייט דאָס שיף
„איליטש". אונזער צוג איז אָנגעקומען קיין אדעס 10 אַ
זייגער אין אָוונט. כ׳האָב דורכן פענסטער באַטראַכט די באַ-
קאַנטע ערטער: כ׳האָב פאַרבראַכט אין דערדאָזיקער שטאָט זיבן
יאָר פון מיין שילער-לעבן.

אונזער וואַגאָן איז צוגעפירט געוואָרן ביזן סאַמע שיף.
עס איז געווען מוראדיק קאַלט. נישט געקוקט אויף דער טי-
פער נאַכט האָב איך געזען, אַז דער פּאָרט איז געווען אַרומ-
גערינגלט מיט געפּעאו-אַגענטן. דאָ האָט מען זיך געדאַרפט
צעשיידן מיט די צוויי מיטגלידער פון אונזער פאַמיליע, וועל-
כע האָבן געטיילט אונזער תפיסה אין משך פון די צוויי לעצ-
טע וואָכן. מיר האָבן פון פענסטער-וואַגאָן באַטראַכט דאָס שיף,
וועלכעס איז געווען באַשטימט פאַר אונז, און מיר האָבן זיך
דערמאָנט אין אַן אַנדער שיף, וועלכעס האָט אונז אויך אַוועקגע-
שלעפּט צו אַ קעגנזעצלעכן אָרט פון אונזער פאַרלאַנג. דאָס
איז געשען אין מערץ 1917 נאָנט פון קאַנאַדישן האַליפאַקס:
ענגלישע מאַטראָסן האָבן מיך אין קעגנוואַרט פון אַ סך פּאַ-
סאַזשירן דערוויטערט פון נאָרוועגישן שיף „כריסטיאַנאַפיאָרד".

וועלכעס האָט מיך געפּירט, פּאַרזען מיט אַלע נויטיקע דאָקו-מענטן און וויזעס, אין דער ריכטונג פון כריסטיאַניאַ-פּעטראָ-גראַד. אונזער פאַמיליע איז דאַן באַשטאַנען פון דיזעלבע פּער-זאָנען וואָס היינט, מער נישט, מיר זענען פשוט געווען יינגער מיט צוועלף יאָר. מיין עלטערער זון איז אַלט געווען 11 יאָר: ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַן ענגלישן מאַטראָס מיט זיין קליי-נעם פויסט איידער איך האָב נאָך געקענט אָפּהאַלטן דעמדאָ-זיקן זשעסט, דורך וועלכן ער האָט נאאיוו געהאָפט צו פאַר-זיכערן מיין פרייהייט און באַזונדערס די ווערטיקאַלע לאַגע פון מיין קערפּער. דאַן בין איך אויף אַ צייט לאַנג אַריינגע-פאַלן אין קאָנצענטראַציע-לאַגער פון אַמהאַרסט אָנשטאָט צו פאָרן קיין פּעטראָגראַד.

אָן לאָדונג און אָן אַנדערע פּאַסאַזשירן אַ חוץ אונז האָט „איל־איטש" פאַרלאָזן דעם פּאָרט איינס אַ זייגער ביי־טאָג. אַן אייז-ברעכער האָט אונז פריי געמאַכט דעם וועג אויף אַ לענג פון 60 מייל. דער שטורעם, וואָס האָט דאָ געווילדעוועט, האָט אונז בלויז לייכט באַרירט מיט זיינע לעצטע פליגל-שלאָגן. דעם 12 פעברואַר זענען מיר אַריינגעפאָרן אין באָס-פּאָר. דאַן האָב איך איבערגעגעבן דעם טערקישן פּאָליציי-קאָ-מיסאַר די דערקלערונג, אַז מען האָט מיך פאַרשלעפּט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איבערגעוואַלט. דאָס האָט נישט געבראַכט מיט זיך קיין שום קאָנסעקווענץ. דאָס שיף האָט זיך איינגעשניטן אַלץ טיפער אין ים-בוזים. נאָך 22 רייזע-טעג, דורכמאַכנדיק 6000 קילאָמעטער, האָבן מיר זיך געפונען אין קאָנסטאַנטי-נאָפּאָל.

## III. — ווי אַזוי האָט דאָס געקענט געשען?

אויף דער פראַגע: „ווי אַזוי האָט דאָס געקענט געשען?" קען מען געבן צוויי ענטפערס: אָדער דורך באַשרייבן דעם מעכאַניזם פון קאַמף פון די אָנפירנדיקע גרופּעס, אָדער אָפּ-דעקנדיק די וואָרצלען פון דער באַוועגונג פון די טיפערע סאָ-ציאַלע כוחות. דידאַזיקעביידע מעטאָדן זענען באַרעכטיקט. זיי שליסן נישט אויס איינער דעם צווייטן, נאָר זיי פאַרפולקאָמען

זיך. ס'איז נאַטירלעך, וואָס דער לייענער וויל האָבן, ראשית כּל, אַ רשימה פון די פאַקטן, וואָס ער וויל וויסן ווי אַזוי איז אין דער ווירקלעכקייט פאָרגעקומען אַזאַ ראַדיקאַלע ענ־דערונג פון דער ריכטונג, דורך וועלכע וועגן האָט סטאַלין באַהערשט דעם אַפּאַראַט און אים אָנגעווענדט קעגן די אַנדע־רע. אין פאַרגלייך מיט דער פונדאַמענטאַלער פראַגע וועגן דער איבערגרופּירונג פון די קלאַסן־כּוחות און וועגן דעם דער־פאָלג פון די פאַרשיידענע עטאַפּן פון דער רעוואָלוציע, האָט אַ צווייטראַנגיקע באַדייטונג די פראַגע וועגן די גרופּירונגען, קאָמבינאַציעס און פּערזענלעכקייטן. אָבער אויף איר באַשטימטן פּלאַץ איז זי אינגאַנצן באַרעכטיקט. מען דאַרף אויף איר ענט־פערן.

## וואָס איז סטאַלין?

וואָס איז סטאַלין? ווען מען זאָל אים וועלן קורץ כאַ־ראַקטעריזירן, וואָלט מען געדאַרפט זאָגן: דאָס איז די באַדייטנדיקסטע מיטלמעסיקייט פון אונ־זער פּאַרטיי. ער איז באַגאַבט מיט אַ פּראַקטישן חוש, מיט עקשנות און שטאַנדהאַפטיקייט כּדי צו פאַרפאָלגן די צילן, וועלכע ער האָט זיך געשטעלט. זיין פּאָליטישער האָרי־זאָנט איז אויסערסט ענג. זיין טעאָרעטישער ניוואָ איז אויך זייער פּרימיטיוו. זיין קאָמפּילאַציע־ווערק „די יסודות פון לע־ניניזם" (דורך וועלכן ער האָט געפּרוווט אַריינטראָגן זיין חלק אין די טעאָרעטישע טראַדיציעס פון דער פּאַרטיי), זענען פול מיט פעלערן פון אַ שילער. זיין אומקענטעניש פון פרעמדע שפּראַכן (ער קען קיין איינע נישט פון זיי) צווינגט אים נאָכ־צופאָלגן דאָס פּאָליטישע לעבן פון אַנדערע לענדער דורך טרויען אַנדערע. זיין גייסט האָט די אייגנשאַפט פון אַ עקשנות־דיקן עמפּיריזם, באַרויבט אינגאַנצן פון שעפערישער פאַנטאַזיע. די העכערע שיכטן פון דער פּאַרטיי (צווישן די מאַסן האָט מען אים אין אַלגעמיין נישט געקענט) האָבן תּמיד געזען אין אים אַ מענטשן, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן צו שפּילן צווייט־ראַנגיקע און דריטראַנגיקע ראָלן. דאָס וואָס ער פירט איצט

אויס אַן ערשטראַנגיקע ראָל כאַראַקטעריזירט גיכער אַן אי־בערגאַנגס־פּעריאָד פון נישט סטאַבּילן גלייכגעוויכט, איידער סטאַלינען אַליין. העלוועציוס האָט שוין געזאָגט: „יעדער פּע־ריאָד האָט זיינע גרויסע מענטשן; ווען ער האָט זיי נישט, דערפינדעט מען זיי".

ווי אַלע עמפּיריקער איז סטאַלין פול מיט סתירות. ער האַנדלט אָן פּערספּעקטיוון, אונטער דער ווירקונג פון מאָמענט־אויפטרייסלונגען. זיין פּאָליטישע ליניע איז אַ גאַנצע סעריע זיגזאַגן. פאַר יעדן פון זיי שאַפט ער אַ טעאָריע ad hoc אָדער ער לייגט אַרויף אויף אַ צווייטן ער זאָל זי שאַפן פאַר אים. זיין אופן פון באַהאַנדלען די פאַקטן און די מענטשן איז כאַראַקטעריזירט דורך אַן אויסערגעוויינלעכן מאַנגל פון געוויסן. ער וועט קיינמאָל נישט פילן קיין שוועריקייטן ביים קוואַליפיצירן היינט אַלס ווייס דאָס, וואָס ער האָט נעכטן באַ־צייכנט אַלס שוואַרץ. מען וואָלט לייכט געקענט צונויפשטעלן אַ מערקווירדיקן קאַטאַלאָג פון סטאַלינס אָפּשאַצונגען. כ'וועל צי־טירן בלויז איין ביישפּיל, וואָס לייגט זיך איין לייכטער ווי די אַנדערע אין די ראַמען פון אַ זשורנאַל־אַרטיקל. כ'בעט אַנטשולדיקונג פאָראויס, וואָס דערדאָזיקער ביישפּיל באַציט זיך אויף מיר פּערזענלעך.

אין משך פון די לעצטע יאָרן האָט סטאַלין געווידמעט זיינע אַלע אָנשטרענגונגען אויף צו „דעטראָניזירן" טראָצקין. ער האָט אין גרויס איילעניש צונויפגעשטעלט אַ נייע געשיכטע פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אַ נייע געשיכטע פון דער רויטער אַרמיי, אַ נייע געשיכטע פון דער פּאַרטיי. סטאַלין האָט געגעבן דעם סיגנאַל פאַר אַ נייער ווערטן־אָפּשאַצונג, דערקלערנדיק דעם 19 נאָוועמבער 1924:

„טראָצקי האָט נישט געשפּילט און האָט נישט געקענט שפּילן קיין שום ספּעציעלע ראָל נישט אין דער פּאַרטיי, נישט אין אָקטאָבער־אויפשטאַנד".

סטאַלין האָט אָנגעהויבן איבערצוחזרן דידאָזיקע פּאַרזי־כערונג ביי יעדער געלעגנהייט. דאַן האָט מען אים דערמאָנט אַן אַרטיקל, וועלכן ער אַלייז האָט געשריבן ביי דער געלעגנ־

הייט פון ערשטן יאָרטאָג פון דער רעוואָלוציע. אין דאָזיקן אַרטיקל האָט ער וווערטלעך געזאָגט:

„די גאַנצע אַרבעט פון פּראַקטיש אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד איז פּאָרגעקומען אונטער דער אָנפירונג פון טראָצקין, דעם פּאָרזיצער פון פּעטראָגראַדער ראַט. מען קען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז די פּאַרטיי האָט קודם כּל צו פאַרדאַנקען טראָצקין, וואָס דער גאַרניזאָן האָט זיך אַזוי שנעל אָנגעשלאָסן אין ראַט און וואָס די אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט פון מיליטערישן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט איז געגאַנגען אַזוי גוט".

ווי אַזוי האָט זיך סטאַלין אַרויסגעדרייט פון דערדאָזיקער שווערער סיטואַציע? גאַנץ פּשוט! ער האָט אויסגעשאָטן אויף די „טראָצקיסטן" אַ געוויסע צאָל נייע זידלערייען. אַזעלכע ביישפּילן זענען דאָ אין די הונדערטער. סטאַלינס אָפּשאַצונגען וועגן זינאָוויעוון און קאַמענעווון צייכענען זיך אויס דורך אויגן-אויפרייסנדיקע סתירות. ס'איז קיין שום ספק נישטאָ, אַז אין אַ גאָר קורצער צוקונפט וועט סטאַלין איבערחזרן וועגן ריקאָוון, בוכאַרינען און טאָמסקין אין דער סאַמע גיפטיקסטער פאָרם דיזעלבע אָפּשאַצונגען, וועלכע ער האָט נעכטן באַטראַכט אַלס נידערטרעכטיקע רכילותן פון דער אָפּאָזיציע.

ווי אַזוי קען סטאַלין ריזיקירן אויף אַזעלכע סתירות? פּשוט דערפאַר ווייל ער גייט אַרויס מיט זיינע רעדעס אָדער אַרטיקלען נאָכדעם, ווי זיינע קעגנער זענען שוין נישט ביכולת אים צו ענטפערן. סטאַלינס פּאָלעמיק איז נישט מער ווי אַ ווידערקול פון זיין אָרגאַניזאַציאָנעלן מעכאַניזם. סטאַליניזם איז קודם כּל די אויטאָמאַטישע אַרבעט פון אַפּאַראַט.

אין דער שריפט, וועלכע לענין האָט אָנגערופן זיין צוואה, האָט ער אָנגעוויזן אויף צוויי שטריכן אין סטאַלינס כאַראַקטער: ברוטאַלישקייט און אומלאָיאַלקייט. אָבער ערשט נאָך לענינס טויט האָבן דידאָזיקע צוויי שטריכן דערגרייכט זייער פולע אַנטוויקלונג. סטאַלין באַמיט זיך צוגעבן אַ וואָס גיפטיקערן כאַראַקטער דעם קאַמף אין דער פּאַרטיי און אַזוי אַרום שטעלן די פּאַרטיי פאַר אַ געשעענעם פאַקט פון איר שפּאַלטונג.

## צוויי „איבערגעווירצטע געריכטן"

לענין האָט שוין געוואָרנט די פּאַרטיי אין 1921 ווען ער האָט געזאָגט: „דערדאָזיקער קוכער וועט צוגרייטן בלויז איבערגעווירצטע געריכטן". דער אורטייל פון געפּעאו, וואָס באַשולדיקט די אָפּאָזיציע אין צוגרייטן אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער ראַטנמאַכט, איז נישט דער איינציקער סטאַלינשער געריכט פון דאָזיקן מין. אין יולי 1927, ד. ה. דאַן, ווען די אָפּאָזיציע האָט זיך נאָך געפונען אין דער פּאַרטיי, האָט סטאַלין פּלוצלונג געשטעלט די פאָלגנדיקע פראַגע: „ווי, איז די אָפּאָזיציע באמת פיינטלעך געשטימט צום טריאומף פון ראַטנפאַרבאַנד אין די צוקונפטיקע קאַמפן קעגן אימפּעריאַליזם? עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז סטאַלין האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן שאָטן פון באַרעכטיקונג אויף צו וואַרפן דידאָזיקע אינסינואַציע. אָבער דער קוכער האָט אָנגעהויבן צוצוגרייטן דעם געריכט פון אַרטיקל 58. אַזוי ווי די פראַגע וועגן דער שטעלונג פון דער אָפּאָזיציע לגבי דער פאַרטיידיקונג פון ראַטנפאַרבאַנד האָט אַן אינטערנאַציאָנאַלע וויכטיקייט, האַלט איך פאַר נויטיק, אין אינטערעס פון דער ראַטנרעפּובליק צו ציטירן דאָ אַן אויסצוג פון דער רעדע מיט וועלכער איך האָב תיכף געענטפערט אויף סטאַלינס געשטעלטער פראַגע:

„לאָמיר אויף איין מאָמענט לאָזן אין אַ זייט, — האָב איך געזאָגט, — דאָס איז געווען אויפן פּלענום פון צענטראַל-קאָמיטעט און פון דער צענטראַלער קאָנטראָל-קאָמיסיע אין 1927 — די חוצפה פון דער פראַגע גופא. לאָמיר זיך איצט נישט אומקערן צו לענינס כאַראַקטעריסטיק פון סטאַלינס מעטאָדן, ווען ער האָט געזאָגט, אונטערשטרייכנדיק ערנסט זיינע ווערטער: „ברוטאַלקייט און אומלאָיאַלקייט". לאָמיר נעמען די פראַגע אַזוי ווי זי איז געשטעלט געוואָרן און לאָמיר ענטפערן אויף איר. בלויז די ווייס-גוואַרדייער קענען זיין פיינטלעך צום טריאומף פון ראַטנפאַרבאַנד אין די צוקונפטיקע קאַמפן קעגן אימפּעריאַליזם. אין תוך גענומען האָט סטאַלין אין זינען אַן אַנדער פראַגע, נעמלעך: מיינט באמת די אָפּאָזיציע, אַז סטאַלינס ליניע איז אומפעאיק צו פאַרזיכערן דעם נצחון פון ראַטנ-

פֿאַרבאַנד? יאָ, די אָפּאָזיציע מיינט אַז סטאַלינס ליניע וועט מאַכן שווער דעם נצחון. יעדער אָפּאָזיציאָניסט וועט פֿאַרנעמען דעם קאַמפּס-פּאָסטן, וועלכן עס וועט אים אָנטרויען די פּאַרטיי אויפֿן פֿראָנט אָדער היִנטערן פֿראָנט. אָבער קיין איינציקער וועט נישט מחתּר זיין אויף זיין רעכט און אויף זיין חוב צו קעמפֿן כּדי אויסצוגלייכן די אָריענטאַציע פֿון דער פּאַרטיי...

און דעריבער: פֿאַר דעם סאָציאַליסטישן פֿאָטערלאַנד? יאָ! פֿאַר סטאַלינט ליניע? ניין!"

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די באַדינגונגען האָבן זיך געענדערט, האָבן נאָך פֿאַר אונז דידאָזיקע ווערטער אויך היינט זייער גאַנצע קראַפֿט.

אַ חוץ דער אַזויגערופֿענער צוגרייטונג פֿון אַ באַוואָפֿנטן קאַמף דורך דער אָפּאָזיציע און אונזער כּלומרשטער פּיינט-שאַפֿט לגבי דעם ראַטנפֿאַרבאַנד, בין איך דאָ געצוווּנגען צו דערמאָנען נאָך אַ דריטן געריכט פֿון סטאַלינס ספּעציפֿישן מענו. דאָ האַנדלט זיך וועגן טעראָריסטישע אַקטן.

ווי כ'האָב זיך געקענט איבערצייגן קומענדיק אין קאָנ-סטאַנטינאָפּאָל, האָבן שוין געפֿונען אַן אָפּקלאַנג אין דער אַל-וועלטלעכער פּרעסע געוויסע אומקלאָרע קלאַנגען וועגן געוויסע טעראָריסטישע פּרוּוון, וואָס זענען כּלומרשט פֿאַרבונדן מיט גע-וויסע גרופּעס פֿון דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע. איך זע קלאָר דעם מקור פֿון דידאָזיקע קלאַנגען. אין מיינע בריוו, וועלכע איך האָב געשריבן פֿון אַלמאַ-אַטאַ, האָב איך עטלעכע מאָל געוואָרנט מיינע פֿריינט, אַז אויפֿן וועג אויף וועלכן ער איז אַרויפֿגעגאַנגען מוז סטאַלין אַלץ מער און מער שפּירן אַ שטאַרקע באַדערפֿעניש עס זאָלן פֿאָרקומען טעראָריסטישע אַקטן מצד די „טראָצקיסטן". עס איז נישטאָ קיין שום האָפֿנונג צוצושרייבן דער אָפּאָזיציע, וועלכע ווערט געפֿירט דורך אַ שטאַב פֿון געניט פּראַקטיצירטע און פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿירער, די צוגרייטונג פֿון אַ באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד. אָבער צושרייבן טעראָריסטישע כּוונות אַן אַנאָנימער גרופּע „טראָצקיסטן" איז אַ פּראָבלעם, וואָס לאָזט זיך לייכטער לייזן. ס'איז קלאָר, אַז אין דערדאָזיקער ריכטונג זענען טאַקע געווענדט סטאַלינס אָנ-שטרענגונגען. דורך זאָגן דאָס הויך אויפֿן קול וועט מען די

דאָזיקע אָנשטרענגונגען נישט ליימען אינגאנצן, אָבער דאָס וועט, לכל הפחות, שווערער מאַכן זיי צו פאַרווירקלעכן.

דער כאַראַקטער פון סטאַלינס קאַמפּס־מעטאָדן האָט מיך געצוווּנגען זייט 1926 צו זאָגן אים נאָך אַ זיצונג פון פּאָלי־טישן ביוראָ, אַז ער האָט אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור אַלס קברן פון דער פּאַרטיי און פון דער רעוואָלוציע. איך חזר איצט איבער דידאָזיקע וואָרנונג מיט אַ פּאַרטאָפּלטער קראַפט. אָבער היינט, פּונקט ווי אין 1926, זענען מיר טיף איבערצייגט, אַז נישט סטאַלין וועט טריאומפירן איבער דער פּאַרטיי, נאָר די פּאַרטיי וועט טריאומפירן איבער סטאַלינען.

## IV. סטאַלינס נצחון

סטאַלין איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס גענעראַל־סעקרע־טאַר פון דער פּאַרטיי נאָך ביי לענינס לעבן, אין 1921. אין יענער צייט האָט דערדאָזיקער אַמט געטראָגן מער אַ טעכנישן, ווי אַ פּאָליטישן כאַראַקטער. פונדעסטוועגן איז לענין דאַן אַרויסגעטראָטן קעגן סטאַלינס קאַנדידאַטור. טאַקע ביי דערדאָ־זיקער געלעגנהייט האָט ער גערעדט וועגן „קוכער, וואָס האָט אַ נייגונג צו איבערגעווירצטע שפּייזן”. אָבער לענין האָט נאָכ־געגעבן די איבעריקע מיטגלידער פון פּאָליטישן ביוראָ, אמת נישט מיט קיין גרויסן תענוג. „לאָמיר פּרובירן און מיר וועלן זען”, האָט ער דערקלערט...

לענינס קראַנקהייט האָט תיכף געענדערט די סיטואַציע. ביז דאַן האָט ער זיך געפונען בראש פון פּאָליטישן ביוראָ און ער האָט געהאַט אין זיינע הענט די וויכטיקסטע הויב־שטאַנגען פון דער פּאַרטיי; און הגם סטאַלין איז געווען גע־נעראַל־סעקרעטאַר, האָט ער נאָר געשפּילט אַ ראָל פון אַ אויס־פיר־אָרגאַן, מ׳פלעגט אים נאָר איבערגעבן צווייטראַנגיקע אַר־בעטן. די איבעריקע מיטגלידער פון פּאָליטישן ביוראָ האָבן זיך יעדער פאַרנומען מיט זייערע באַזונדערע פונקציעס. אַזוי ווי לענין איז באַזייטיקט געוואָרן פון דער אַרבעט, איז דער הויבשטאַנג פון דער הויפּט־אָנפירונג אויטאָמאַטיש איבערגעגאַנ־גען אין סטאַלינס הענט. דאָס איז נאָר נעווען אַ פּראָוויזאָרי־

שע סיטואַציע. קיינער האָט נישט פאַרגעלייגט קיין ענדערונגען, ווייל מען האָט געהאָפט אויף לענינס שנעלן געזונט ווערן. אינצווישן האָט סטאַלין אַנטוויקלט אַ פיבערהאַפטע טעטיקייט און האָט אַריינגעפירט זיינע אַלע מענטשן אין אַפּאַראַט. ווען לענין האָט זיך דערהאָלט פון ערשטן קלאַפּ און האָט זיך אויף אַ געוויסע צייט אומגעקערט צו דער אַרבעט, אין 1922–23, איז ער דערשראָקן געוואָרן זעענדיק ווי ביוראָקראַטיש עס איז געוואָרן דער פאַרטיי־אַפּאַראַט און ווי שטאַרק עס האָט פּראָגרעסירט זיין אַלמעכטיקייט איבער דער פאַרטיי־מאַסע.

איבעררייידנדיק מיך, איך זאָל פאַרנעמען זיין אָרט אין ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן, האָט לענין געפירט מיט מיר שמועסן וועגן קעמפן צוזאַמען קעגן דעם סטאַלינשן ביוראָקראַטיזם. די פּראָבלעם איז באַשטאַנען אין דעם, מען זאָל פירן דעם קאַמף אַזוי, אַז די פאַרטיי זאָל וואָס ווייניקער באַשעדיקט ווערן. אָבער לענינס געזונט־צושטאַנד איז ווידער געוואָרן ערנסט. אין דעם דאָקומענט, וועלכער איז באַקאַנט אונטערן באַמען „די צוואה", געשריבן דעם 4 יאַנואַר 1923, האָט לענין געעצהט מען זאָל סטאַלינען באַזייטיקן פון דער וויכטיקער אַרבעט, צוליב זיין אומלאָיאַלקייט און זיין נייגונג צו מיסברויכן די מאַכט. אָבער לענין האָט אין קורצן ווידער געמוזט זיך לייגן אין בעט, די פּראָוויזאָרישע סיטואַציע מיט סטאַלינען האָט זיך איבערגעחזרט. די האָפנונג אויף לענינס געזונט־ווערן איז אַלץ מער אויסגעלאָשן געוואָרן. די פּערספּעקטיוו פון זיין לחלוטינדיקער דערווייטערונג האָט אַוועקגעשטעלט די פראַגע: ווער וועט אָנפירן מיט דער פאַרטיי.

## דער „זיבנאומוויראט"

אין יענער צייט האָבן זיך נאָך די פּרינציפּיעלע חילוקי־דעות נישט געהאַט בולט אויסגעשיילט. די גרופּירונג, וואָס איז פייַנטלעך געווען געשטימט צו מיר, האָט געטראָגן אַ פּערזענלעכן כאַראַקטער. דער טאָג־לאָזונג פון זינאָוויעוו, סטאַלין א. אז. וו. איז געווען: „נישט דערלאָזן, אַז טראָצקי זאָל אָנפירן מיט דער פאַרטיי". שפּעטער, אין משך פון זינאָוויעווס און קאַמענעווס קאַמף קעגן סטאַלינען, זענען די סודות פון דאָזיקן פּעריאָד אויפגעדעקט געוואָרן דורך די־יעניקע, וועלכע האָבן אַליין אָנטיילגענומען אין דער פאַרשווערונג. ווייל דאָס

איז געווען אַן אמתע פּאַרשווערונג. עס איז געבילדעט געוואָרן אַ געהיימע פּאָליטישע ביוראָ (דער „זיבנאָרמוויראַט“), אין וועלכן עס זענען אַריינגעגאַנגען אַלע מיטגלידער פון אָפּיציעלן פּאָליטישן ביוראָ, אַ חוץ מיר, און צו וועלכע מען האָט קאָאָפּטירט קויבישעוון, דעם איצטיקן פּאָרזיצער פון העכסטן נאַציאָנאַל-עקאָנאָמישן ראַט. אַלע פראַגעס פלעגן אויף פריער געלייזט ווערן אין דאָזיקן געהיימען פּאָליטישן ביוראָ, וואָס זיינע מיטגלידער זענען געווען פאַרבונדן דורך אַ קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. זיי האָבן זיך פאַרפּליכטעט נישט צו פירן קיין פּאָלעמיק איינע קעגן די צווייטע און גלייכצייטיק זוכן אַלע אויסריידן, וואָס גיבן אַ מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן קעגן מיר. אין די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן עקזיסטירט אַנאַלאָגישע געהיימע צענטרען, וועלכע זענען געווען אָנגעשלאָסן אין „זיבנאָרמוויראַט“ פון מאָסקווע און זענען געווען אונטערגעוואָרפן אַ שטרענגער דיסציפּלין. די קאָרעספּאָנדענץ איז געפירט געוואָרן דורך אַ ספּעציעל-שיפרירטער שפּראַך. דאָס איז געווען אַ פולקאָמע אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע אין דער פּאַרטיי און וועלכע איז, פון אָנהייב, געווענדט געווען קעגן איין-איינציקן מענטשן. די פאַראַנטוואָרטלעכע באַאַמטע פון דער פּאַרטיי און פון דער רעגירונג פלעגן סיסטעמאַטיש אָפּגעקליבן ווערן מיטן איינציקן קריטעריום: קעגן טראָצקין.

אין משך פון לאַנגן „אינטערעגנום“, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך לענינס קראַנקהייט, איז דידאָזיקע אַרבעט געפירט געוואָרן אומדערמידלעך, אָבער גלייכצייטיק פּאָרזיכטיק, מאַסקירט, אויף אַזאַ אופן, אַז אין פאַל פון לענינס געזונט ווערן זאָל מען קענען האַלטן גאַנץ די „אונטערמינירטע בריקן“. מען האָט געפאָדערט פון אַ קאַנדידאַט אויף אַ וועלכן נישט איז אַמט, אַז דאָס זאָל זיין אַזאַ, וואָס זאָל זיך אָנשטויסן, וואָס מען דערוואַרט פון אים. דער וואָס פלעגט זיך אָנשטויסן פלעגט שטייגן העכער. אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן אַ מין ספּעציעלע פאָרם פון קאַריעריזם, וואָס האָט ערשט שפּעטער באַקומען אָפן דעם נאָמען פון „אַנטי-טראָצקיזם“. לענינס טויט האָט דערלויבט דערדאָזיקער פאַרשווערונג אַרויסצוגיין אויף דער ליכטיקער שיין.

די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, וועלכע האָבן געלאָזט

הערן זייער פראָטעסט קעגן דערדאָזיקער פּאָליטיק זענען גע-
פאַלן קרבנות פאַר די צביעותדיקע אַטאַקעס צוליב. מאָטיוון,
וואָס האָבן בולט נישט געהאַט צו טאָן דערמיט און זענען
תּמיד געווען אויסגעטראַכט. פאַרקערט, די עלעמענטן פון גאַנץ-
האַקלדיקער מאָראַליטעט, וועלכע וואָלטן בעת דער ערשטער
קאָנטראָל פון דער ראַטנמאַכט אומברחמנותדיק באַזייטיקט געוואָרן פון
דער פּאַרטיי, האָבן געזיכערט זייער סיטואַציע דורך אַ פשוטער
פיינטלעכער אַרויסטרעטונג קעגן טראָצקין. אָנהויבנדיק פון
1923 איז דיזעלבע אַרבעט איינגעפירט געוואָרן אין אַלע פּאַר-
טייען פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל: געוויסע פירער
זענען פאַרטריבן געוואָרן: אַנדערע זענען געקומען זיי פאַר-
בייטן בלויז לויט זייער אָנגענומענער שטעלונג לגבי טראָצקין.
מען האָט קינסטלעך אָפּגעקליבן נישט די בעסטע, נאָר די-
יעניקע, וועלכע האָבן זיך אַמלייכטסטן צוגעפּאַסט. די אַלגע-
מיינע אָריענטאַציע איז בלויז באַשטאַנען אין פארבייטן די
פערזענלעכקייטן מיט אַן אייגענעם ווערט דורך מיטלמעסיקייטן,
וואָס האָבן צו פאַרדאַנקען זייער סיטואַציע אויסשליסלעך דעם
פּאַרטיי-אַפּאַראַט. סטאַלין אַליין איז געוואָרן דער העכסטער
אויסדרוק פון דערדאָזיקער מיטלמעסיקייט פון פּאַרטיי-אַפּאַראַט.

## די „דיסקוסיעס"

אַרום סוף 1923 איז דער פּאַרטיי-אַפּאַראַט שוין געווען
דריי-פערטל צוגעקליבן: עס איז מעגלעך געווען אַריבערצו-
טראָגן דעם קאַמף אין דער מאַסע. פאַרשיידענע מיליטער-אָפּ-
טיילונגען האָבן פאַרנומען די אויסגאַנגס-פּאָזיציעס און האָבן אָפּ-
געוואַרט דעם סיגנאַל צו אַן אָנגריף. דערדאָזיקער סיגנאַל איז
געגעבן געוואָרן. ביידע ערשטע „דיסקוסיעס", וואָס זענען אָפּן
געווענדט געווען קעגן מיר, אין האַרבסט 1923 און אין האַרבסט
1924, זענען ביידע צונויפגעפאַלן מיט מיין קראַנקהייט, וועלכע
האָט מיר נישט דערלויבט אַרויסצוטרעטן אין קיין איין פאַר-
זאַמלונג פון דער פּאַרטיי. אונטערן געוואַלט-דרוק פון צענטראַל-
קאָמיטעט האָט זיך גלייכצייטיק פון אַלע זייטן אָנגעהויבן אַ
צוגרייטונג פון די מאַסן. מיינע אַלטע חילוקי-דעות מיט לעני-
נען, וואָס האָבן געשטאַמט נישט נאָר פון פאַר דער רעוואָלו-
ציע, נאָר אויך פון פאַר דער מלחמה, און וועלכע זענען באַ-
זייטיקט געוואָרן דורכן געמיינזאַמען קאַמף, זענען פּלוצלונג
אַרויפגעשווומען אויף דער ליכטיקער שיין, פאַרקריפּלטע, אי-

בערגעטריבענע און זענען איבערגעגעבן געוואָרן דער נישט־
אינפאָרמירטער מאַסע ווי אַ פראַגע פון ברענענדיקער אַקטואַ־
ליטעט, די מאַסע איז געוואָרן געפּלעפּט, פאַרפירט, איינגע־
שראָקן. אינצווישן איז דער פּראָצעס פון פּערזאָנען־צוקלויב
אַראָפּגעגנידערט נאָך אויף אַ נידעריקערן שטאַפּל. עס איז מער
נישט מעגלעך געווען אויסצופירן די פונקציע פון אַ פאַבריק־
דירעקטאָר, פון אַ סעקרעטאַר פון אַ וואַרשטאַט־קעמערל, פון
אַ פאָרזיצער פון אַן אויספיר־קאָמיטעט פון אַ געגנט און אַזוי
וו. און. וו. נישט פאָרלייגנדיק אַלס רעפערענצן דעם אַנטי־
טראָצקיזם.

ווי לאַנג דאָס איז געווען מעגלעך האָב איך אויסגע־
מיטן אָנטיילצונעמען אין דאָזיקן קאַמף, בפרט אַז אין זיינע
ערשטע עטאַפּן האָט ער געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ פּרינ־
ציפּלאָזער פאַרשווערונג, וואָס איז געווענדט קעגן מיר פּער־
זענלעך. ס'איז געווען קלאָר, אַז אויב עס וועט אויסברעכן
אַזאַ מין קאַמף וועט ער אומפאַרמיידלעך אָננעמען אַן אויסער־
געוויינלעך שאַרפן כאַראַקטער און ביי דער הערשאַפט פון אַ
רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור קען ער דערפירן צו שווערע רע־
זולטאַטן. נישט דאָ איז דער אָרט אויף צו באַהאַנדלען די
פראַגע צי ס'איז געווען ריכטיק דער אָנשטרענגען זיך, פאַרן
פּרייז פון גרויסע פּערזענלעכע קאָנצעסיעס, צו בלייבן אויף
אַ באָדן, וואָס דערלויבט צו אַרבעטן צוזאַמען, אָדער צי איך
האָב באַדאַרפט איבערגיין צום אָנגריף אויף דער גאַנצער לי־
ניע נישט געקוקט אויפן מאַנגל פון גענוגנדיקע פּאָליטישע
מאָטיוון. ווי עס זאָל נישט זיין האָב איך אויסגעווײַלט דעם
ערשטן וועג און, נישט געקוקט אויף אַלץ, האָב איך קיין
חרטה נישט אויף דעם. עס זענען דאָ נצחונות, וועלכע פירן
צו זאַק־גאַסן און מפּלות, וועלכע עפענען אויף נייע וועגן...

אפילו דאַן, ווען עס זענען בולטער געוואָרן די טיפע
פּאָליטישע חלוקי־דעות, אָפּרוקנדיק טיף אין הינטערגרונט די
פּערזענלעכע אינטריגע, האָב איך זיך באַמיט איינצוהאַלטן די
דעבאַטן אין די גרעניצן פון אַ פּרינציפּיעלער דיסקוסיע; כדי
צו געבן די פאַקטן אַ מעגלעכקייט צו באַשטעטיקן אָדער אָפּ־
צוואַרפן די קעגנזעצלעכע מיינונגען און פּראָגנאָזן, בין איך

געווען אַ קעגנער פון דאָס, וואָס מ׳רופט אָן קאַמף. פאַרקערט אָבער, זינאָוויעוו, קאַמענעוו און סטאַלין — וועלכער האָט זיך פון אָנהויב אויסבאַהאַלטן הינטער די ביידע ערשטע — האָבן זיך געאיילט צום קאַמף מיט זייערע אַלע כחות. זיי האָבן נישט געוואָלט לאָזן דער פאַרטיי קיין צייט צו טראַכטן און אָפּשאַצן די חלוקי־דעות שטיצנדיק זיך אויף דער דערפאַרונג. ווען זינאָוויעוו און קאַמענעוו האָבן זיך אָפּגעטיילט פון סטאַלינען, האָט דערדאָזיקער אויטאָמאַטיש אָנגעווענדט קעגן זיי גופא דיזעלבע קראַפט, וועלכע ער האָט דערוואָרבן דורך פאַרפאָלגן דעם „טראָצקיזם״, אַ קראַפט, וועלכע זיי האָבן אַנטוויקלט אין משך פון דריי יאָר אין געמיינזאַמען הסכם מיט אים.

## דער נצחון פון די קליינלעכע און קאָנסערוואַטיווע טענדענצן

דאָס אויבנגעזאָגטע איז נישט קיין היסטאָרישע דערקלערונג פון סטאַלינס טריאומף, נאָר בלויז אַ שנעלע שילדערונג פון אופן, דורך וועלכן דערדאָזיקער נצחון איז דערגרייכט געוואָרן. דאָס איז אויך נישט קיין קלאָגן־זיך קעגן די אינטריגעס. אַ פּאָליטיק, וואָס זעט די סיבה פון איר מפלה אין דעם קעגנערס אינטריגעס איז בלינד און נעבעכדיק. די אינטריגע איז אַזוי צו זאָגן די טעכנישע זייט פון ענין: זי קען שפּילן בלויז אַ צווייטראַנגיקע ראָל. די גרויסע היסטאָרישע פּראָצעס ווערן געלייזט דורך דער טעטיקייט פון גרויסע סאָציאַלע כחות. סטאַלינס נצחון, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע וואַקלענישן, איז אַ מאַניפעסטירונג פון באַדייטנדיקע איבערגרופּירונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין די קלאַסן־פאַרהעלטענישן פון דער רעוואָלוציאָנערער געזעלשאַפט. דאָס איז דער טריאומף אָדער האַלב־טריאומף פון געוויסע גרופּעס און קרייזן איבער די אַנדערע. דאָס איז די אָפּשפּיגלונג פון די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע אין משך פון די לעצטע יאָרן. אָבער דערדאָזיקער וויכער פון פראַגן איז שוין פאַר זיך אַליין אַ גרויסע טעמע.

דאָ וועל איך נאָר זאָגן איינס. נישט געקוקט אויף אַלע פעלערן וועלכע די אַלוועלטלעכע צום באָלשעוויזם פיינטלעכע פרעסע האָט געמאַכט אין איר אָפּשאַצן די פאַרשיידענע עטאַפּן און פאַרשיידענע פאַקטן פון אינערלעכן קאַמף אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט דידאָזיקע פרעסע גאַנץ ריכטיק דערקענט דעם פונדאַמענטאַלן סאָציאַלן קערן פון דאָזיקן קאַמף: סטאַלינס נצחון באַדייט, אַז די מעסיקסטע און קאָנסערוואַטיווסטע טענדענצן טריאומפירן איבער די טענדענצן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און איבער די טראַדיציעס פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי.

כ'האָב דעריבער קיין גרונט נישט צו פּראָטעסטירן קעגן די אָפּטע שבחים, וועלכע די פרעסע גיט סטאַלינס רעאַליזם. אַ גאַנץ אַנדער פראַגע איז צו וויסן, ביז וואָסער גראַד זיין דערפאָלג איז פעסט און אין וואָסער ריכטונג עס וועט גיין די ווייטערדיקע עוואָלוציע.

## V. — וווהין גייט די ראַטנרעוואָלוציע?

זייט דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט דידאָזיקע פראַגע נישט פאַרלאָזן די שפאַלטן פון דער אַלוועלטלעכער פרעסע. אין איצטיקן מאָמענט ווערט זי באַהאַנדלט אין שייכות מיט מיין פאַרשיקונג, וועלכע די קעגנער פון באָלשעוויזם באַטראַכטן ווי אַ סימפּטאָם פון אַ לאַנג-דערוואַרטער אַנטשיידונג. אַז דידאָזיקע פאַרשיקונג האָט נישט נאָר אַ פערזענלעכע, נאָר אַ פּאָליטישע באַדייטונג, דאַרף איך אַמווינציקסטן אָפּלייקענען. פונדעסטוועגן וועל איך אויך היינטיקס מאָל נישט עצ[illegible] זיך צוצואיילן מיטן אויספיר וועגן „אָנהויב פון סוף”.

עס איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז די היסטאָרישע פאָראויסזאָגונגען אונטערשיידן זיך פון די אַסטראָנאָמישע דורכדעם, וואָס זיי זענען תמיד רעלאַטיוו. עס וואָלט געווען לעכערלעך צו מאַכן גענויע פאָראויסזאָגונגען ווען עס האַנדלט זיך וועגן קאַמף פון לעבעדיקע כחות. די פּראָבלעם פון דער היסטאָרישער פאָראויסזעאונג באַשטייט אין אונטערשיידן דאָס מעגלעכע פון אוממעגלעכן, און אין אויסגעפינען צווישן די פאַרשיי-

דענע טעאָרעטישע קאָנצעפּציעס, וועלכע פון זיי זענען מער װאַרשײַנלעך.

אַ מער-וויינקער באַגרינדעטער ענטפער אויף דער פראַגע: „וווּהין גייט די רעוואָלוציע?" קען זיך געפינען בלויז אין רעזולטאַט פון אַנאַליז פון אַלע אירע אינערלעכע כחות, ווי אויך פון די אַלוועלטלעכע באַדינגונגען צווישן וועלכע זי געפינט זיך. אַזאַ אָפּהאַנדלונג פאָדערט אַ גאַנץ בוך. אין אַלמאַ-אַטאַ האָב איך געאַרבעט אויפן דאָזיקן בוך, וועלכן איך האָף צו פאַרענדיקן גאָר אין קורצן. דאָ קאָן איך נאָר אָנווייזן די גרויסע ליניעס, אָן וועלכע מען דאַרף זיך האַלטן, כדי צו זוכן דעמדאָזיקן ענטפער.

איז אמת, אַז די רוסישע רעוואָלוציע איז נאָענט צו איר ליקווידאַציע? צי זענען טאַקע אויסגעשעפּט אירע אינערלעכע קוואַלן? וואָס וועט איר ירשנען? אַ דעמאָקראַטיע? אַ דיקטאַטור? אַ מאָנאַרכיסטישע רעסטאַווראַציע?

דער שטראָם פון אַ רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס איז אַ סך קאָמפּליצירטער ווי פון אַ באַרג-טייך. אָבער דאָרט ווי דאָ, איז די סאַמע פּאַראַדאָקסאַלע ענדערונג פון דער ריכטונג אַבסאָלוט נאָרמאַל. פונדעסטוועגן דאַרף מען נישט פאָדערן אָן אויסערלעכע און סכעמאַטישע נאָרם, מען דאַרף נעמען אַ נאַטירלעכע נאָרם, וואָס ווערט באַשטימט דורך דעם קוואַנטום וואַסער אין באַרג-שטראָם, די פאָרם-בולטקייט פון דער געגנט, דעם כאַראַקטער פון די לופט-שטראָמען, און אַז. וו... אין פּאָליטיק הייסט דאָס, אַז נאָך די העכסטע שטייגונגען פון דער רעוואָלוציע דאַרף מען פאָראויסזען די מעגלעכקייט און די וואַרשײַנלעכקייט פון ראַפּטומע אַראָפּשטייגונגען, אַמאָל דויערהאַפטיקע, און פאַרקערט ווידער, אין די פּעריאָדן פון דער גרעסטער ירידה, ווי, למשל, אין מאָמענט פון דער סטאָליפּינשער קאָנטער-רעוואָלוציע (1907—1910), באַמערקן די ערשטע שפּורן פון אַ נייער שטייגונג.

## צוויי הויפּט-פּעריאָדן

די דריי רעוואָלוציעס, וועלכע האָבן זיך אַדורכגעטראָגן

איבער רוסלאַנד אין משך פון דאָזיקן לעצטן פערטל יאָרהונדערט בילדן, אײנדעראמתן, די עטאַפּן פון אײן-אײנציקער רעוואָלוציע. צווישן די צוויי ערשטע זענען דורכגעגאַנגען צוועלף יאָר; צווישן דער צווייטער און דער דריטער — נישט מער ווי ניין חדשים. די עלף יאָר פון דער עקזיסטענץ פון דער ראַטנרעפּובליק צעטיילן זיך אויך אין אַ סעריע עטאַפּן צווישן וועלכע עס געפינען זיך צוויי עיקרדיקע: לענינס קראַנקהייט און דער אָנהויב פון קאַמף קעגן „טראָצקיזם״ קענען מער-ווייניקער באַטראַכט ווערן ווי אַ דעמאַרקאַציע-ליניע, וואָס טיילט זיי אָפּ. אין משך פון ערשטן פּעריאָד האָבן די מאַסן געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָלע. די געשיכטע קען נישט קיין צווייטן ביישפּיל פון אַ רעוואָלוציע, וואָס זאָל האָבן אויפגערודערט אַזעלכע ריזיקע מאַסן ווי די, וועלכע עס האָט אויפגעהויבן די אָקטאָבער-רעוואָלוציע. און נאָך הײנט עקזיסטירן אַזעלכע אָריגינאַלן, וואָס באַטראַכטן די אָקטאָבער-רעוואָלוציע ווי אַ אַוואַנטיורע! דענקנדיק אַזוי צעשטערן זיי ביזן גרונט דאָס, וואָס זיי פּאַרטיידיקן: וואָס פּאַראַ ווערט האָט דען אַ סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע, וועלכע אַ „אַוואַנטיורע״ קען אומוואַרפן? אײנדעראמתן אָבער איז דער דערפאָלג פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע—שוין דער אײנציקער פאַקט וואָס זי האָט זיך געקענט האַלטן אין משך פון די קריטישסטע יאָרן קעגן ריזיקע מחנות שונאים — געזיכערט געווען דורך דער אַקטיוויטעט און דער איניציאַטיוו פון די שטאָט-און דאָרף-מאַסן. בלויז אויפן דאָזיקן אײנציקן באַזיס האָבן זיך געקענט אַנטוויקלען די אימפּראָוויזאַציעס פון אַדמיניסטראַטיוון מלוכה-אַפּאַראַט און פון דער רויטער אַרמיי. אַזוי איז יעדנפאַלס די עיקרדיקע דעדוקציע פון מיין דערפאַרונג אין דאָזיקן געביט.

דער צווייטער פּעריאָד, וועלכער האָט געבראַכט מיט זיך אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער רעגירונגס-ריכטונג, איז כאַראַקטעריזירט דורך אַן אומאָפּפרעגבאַרן זינקען פון דער תיכפּדיקער אַקטיוויטעט פון דער מאַסע: דער טייך גייט אַריין אין זיין קאָריטע. איבער די מאַסן הויבט זיך אויף אַלץ מער און מער דער צענטראַליזירטער אַפּאַראַט פון דער אָנפירונג. די ראַטן-מלוכה ביוראָקראַטיזירט זיך, ווי איר אַרמיי. עס ווערט

גרעסער דער מרחק צווישן די אָנפירנדיקע קרייזן און די מאַסן. דער אַפּאַראַט באַקומט אַלץ מער און מער דעם כאַראַקטער פון אַ „ציל פאַר זיך אַליין". דער באַאַמטער ווערט אַלץ מער דורכגעדרונגען מיט דער איבערצייגונג, אַז די אָקטאָבער-רעוואָלוציע איז דורכגעפירט געוואָרן אַקוראַט צוליב דעם, כדי צו קאָנצענטרירן די מאַכט אין זיינע הענט און גאַראַנטירן אים אַ פּריווילעגירטע לאַגע. איך האַלט פאַר איבעריק צו דערקלערן, אַז די פּאָזיטיווע סתירות, וועלכע מיר באַמערקן אין דער אַנטוויקלונג פון דער ראַטן-מלוכה זענען נישט קיין אַרגומענטן לטובת דער אַנאַרכיסטישער, ד. ה. לגמרידיקער און עיקרדיקער נעגאַציע פון דער מלוכה בכלל.

אין אַ באַדייטנדיקן בריוו, וועלכער איז געווידמעט די דערשיינונגען פון דעגענעראַציע אין מלוכהשן און אין פּאַרטיי-אַפּאַראַט, ווייזט אָן מיין אַלטער פריינט ראַקאָווסקי אויף זייער אַ אָנשויילעכן אופן, ווי אַזוי נאָך דעם נצחון פון דער מאַכט האָט זיך אויסגעאַרבעט אין אַרבעטערקלאַס אַן אומאָפּהענגיקע ביוראָקראַטיע, און ווי אַזוי דידאָזיקע דיפערענצירונג איז צו-ערשט געווען בלויז פונקציאָנאַריש, דערנאָך ערשט איז זי געוואָרן סאָציאַל.

געוויס, דער אינערלעכער פּראָצעס פון דער דעמאָקראַטיע האָט זיך אַנטוויקלט אין ענגסטער פאַרבינדונג מיט אַ צווייטער טיפערער געשעעניש אין לאַנד. צוזאַמען מיט די פּרינציפּן פון נעפּ זעט מען ווי עס לעבט צוריק אויף אַ ברייטע קאַטעגאָריע פון שטאָטישע קליינבירגער. די ליבעראַלע פּראָפעסיעס זענען אויפגעשטאַנען תחית המתים. אין דאָרף איז דאָס באַגלייט געוואָרן דורך דעם אויפשטייג פון רייכן פויער, פון „קולאַק". דוקא דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אויפגעהויבן איבער די מאַסן, האָט זיך דער קערפּער פון די באַאַמטע, אין זיינע ברייטע קרייזן, דערנענטערט צו דידאָזיקע בורזשואַזע שיכטן און זיך פאַרקרובהט מיט זיי. די איניציאַטיוו און דער קריטישער גייסט פון די מאַסן האָט די ביוראָקראַטיע אַלץ מער און מער באַטראַכט ווי אַ שטערונג. דער דרוק פון מלוכה-אַפּאַראַט אויף די מאַסן איז געוואַקסן נאָך גרינגער דערפאַר, ווייל — ווי מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט — די פּסיכאָלאָגישע רעאַקציע פון די מאַסן אַליין האָט זיך אויסגעדריקט דורך אַן

אומאָפּפרעגבאַרע פאַרמינערונג פון זייער פּאָליטישער אַקטיוויטעט. אין משך פון דידאָזיקע לעצטע יאָרן איז די אַרבעטער אָפּט אויסגעקומען צו הערן פון ביוראָקראַטן אָדער פון נייע אייגנטימער פאָלגנדיקע פראַזע: „איר זענט נישט מער אין 1918 !" מיט אַנדערע ווערטער, די כּחות-פאַרהעלטענישן האָבן זיך געביטן לרעה פון פּראָלעטאַריאַט.

דידאָזיקע פּראָצעסן האָבן אַנטשפּראָכן די אינערלעכע ענדערונגען אין דער פּאַרטיי גופא. מען דאַרף אויף קיין איין מאָמענט נישט פאַרגעסן, אַז די דערדריקנדיקע מערהייט פון דערדאָזיקער פּאַרטיי, וואָס ציילט ביי היינטיקס טאָג מער ווי אַ מיליאָן מיטגלידער, האָט בלויז אַ שוואַכע פאָרשטעלונג וואָס דידאָזיקע איז געווען אין משך פון ערשטן רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד, שוין נישט רעדנדיק וועגן פּעריאָד וואָס פאַר דער רעוואָלוציע: עס איז גענוג צו זאָגן, אַז פון 75 ביז 80 פּראָצענט פּאַרטיי-מיטגלידער זענען אַריינגעטראָטן אין איר נאָך 1923. די צאָל פּאַרטיי-מיטגלידער וואָס זענען פאַרשריבן פון פאַר דער רעוואָלוציע איז נידעריקער ווי 1 פּראָצ. אָנהויבנדיק פון 1923 איז די פּאַרטיי קינסטלעך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ האַלב-אַמאָרפע מאַסע, וואָס איז באַשטימט צו שפּילן די ראָל פון אַ קנעט-מאַטעריאַל אין די הענט פון די פּראָפעסיאָנאַלן פון פּאַרטיי-אַפּאַראַט. דידאָזיקע אַנטקרעפטיקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער סובסטאַנץ פון דער פּאַרטיי איז פאָרגעקומען ווי אַן אומבאַדינגטער פאָרבאַדינג פאַר די נצחונות פונם פּאַרטיי-אַפּאַראַט איבערן „טראָצקיזם". מען דאַרף אויך באַמערקן, אַז די דערשיינונגען פון קאָרופּציע און געוואַלט האָבן פּאַקטיש פאַרגרעסערט די ביוראָקראַטיזאַציע פון מלוכה-רעזשים און פון פּאַרטיי-רעזשים. די קעגנער פון די ראַטן פאַרצייכענען דידאָזיקע דערשיינונגען מיט בייזוויליקער פרייד. ס'וואָלט געווען אומנאַטירלעך ווען דאָס זאָל זיין אַנדערש. ווען זיי פּרווון אָבער צו דערקלערן דידאָזיקע דערשיינונגען מיטן מאַנגל פון אַ פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע, איז גענוג—אויף צו געבן אַן ענטפער—אָנצווייזן זיי אויף דער לאַנגער סעריע „פּאַנאַמעס", אָנהויבנדיק ווען נויטיק מיט דעם ענין גופא — און ער איז נישט געווען דער ערשטער, — וואָס זיין

צאָמען איז געוואָרן אַ סימבאָל, און ענדיקנדיק מיט דער גאַנץ פרישער אַפּערע פון „גאַזעט די פראַנס" און פון אַלטן מיניסטער קלאָץ. אויב מען וויל אונז איבערצייגן, אַז פראַנקרייך שטעלט פאָר מיט זיך אַן אויסנאַם, אַז, למשל, די פאַראייניקטע שטאַטן ווייסן נישט פון קיין פּאָליטישער קאָרופּציע, וועלן מיר אָנשטרענגען אַלע אונזערע כחות אויף צו גלויבן דאָס...
לאָמיר זיך אָבער אומקערן צו אונזער ענין.

די באַאַמטע, וואָס האָבן זיך דערהויבן איבער דער מאַסע, זענען על־פּי־רוב טיף־קאָנסערוואַטיוו. זיי האָבן אַ נייגונג צו מיינען, אַז אַלץ, וואָס איז אומבאַדינגט נויטיק פאַרן גליק פון דער מענטשהייט איז שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן. דידאָזיקע עלעמענטן פילן צו דער אָפּאָזיציע אַן אָרגאַנישע שנאה; זיי באַשולדיקן זי, אַז דורך איר קריטיק וועקט זי אויף אין די מאַסן ספקות, אַ פאַרלאַנג צו צעשטערן די סטאַביליקייט פון רעזשים און זי שאַפט אַזוי אַרום אַ דראָאונג פאַר די זיגן פון אָקטאָבער דורך ארויסרופן די שרעק־געשטאַלט פון דער „פּערמאַנענטער רעוואָלוציע". דידאָזיקע קאָנסערוואַטיווע שיכט, וואָס בילדעט סטאַלינס בעסטע שטיצע אין קאַמף קעגן דער אָפּאָזיציע, שטרעבט אַ סך מער פאַר סטאַלינען גופא אָדער פאַרן פונדאַמענטאַלן קערן פון זיין פראַקציע, צו רעכטס, צו די נייע באַזיצנדיקע שיכטן. פונדאַנען נעמט זיך סטאַלינס איצטיקער קאָנפליקט מיטן רעכטן פליגל. פונדאַנען נעמט זיך פאַר דער פאַרטיי די פּערספּעקטיוו פון אַ נייער „ריינִיקונג", נישט נאָר פון די „טראָצקיסטן", וואָס זייער צאָל איז געוואַקסן גלייך נאָך די פאַרשיקונגען און אויסשליסונגען, נאָר אויך פון די אַממערסטן דורכגעפוילטע עלעמענטן פון דער ביוראָקראַטיע. סטאַלינס דואַליסטישע פּאָליטיק וויקלט זיך פאַנאַנדער אין נאָכאַנאַנדערפאָלגנדיקע זיגזאַגן, וואָס האָבן אַלס רעזולטאַט די פאַרשטאַרקונג פון רעכטן פליגל און פון לינקן פליגל, צום שאָדן פון דער הערשנדיקער צענטער־פראַקציע.

## טערמידאָר

הגם דער לאָזונג פון טאָג איז נאָך אַלץ דער קאַמף

קעגן רעכטס, בלייבט פונדעסטוועגן דער לינקער פליגל סטאַלינס עיקרדיקער פיינט, אזוי ווי פריער. אין איצטיקן מאָמענט איז דאָס (וואָס איז שוין פון לאַנג קלאָר פאַר דער אָפּאָזיציע) שרייאיק קלאָר.

גלייך אין די ערשטע וואָכן פון דער קאַמפּאַניע קעגן רעכטס האָב איך אין אַ בריוו פון אַלמאַ-אַטאַ (דעם צענטן נאָוועמבער 1928) צו די חברים, וואָס טיילן מיין שטאַנדפּונקט, געזאָגט, אַז סטאַלינס טאַקטיק באַשטייט אין פאָלגנדיקס: אין אַ גינסטיקן מאָמענט, „ווען דער רעכטער פליגל וועט זיין גענוג איבערגעשראָקן, פלוצלונג איבערוואַרפן דעם פייער קעגן דעם לינקן פליגל... די קאַמפּאַניע קעגן רעכטס איז נישט מער ווי אַ פאַנאַנדערלויפן זיך פאַר אַ נייעם פלוצלונגן אָנגריף קעגן לינקס. ווער עס האָט דאָס נישט באַגריפן, האָט גאָרנישט באַגריפן”. דערדאָזיקער פּראָגנאָז האָט זיך פאַרווירקלעכט אַ סך פריער און קאַטעגאָרישער, ווי מען האָט דאָס גערעכנט דערוואַרטן. דער וואָס גליטשט זיך אַראָפּ בעת אַ רעוואָלוציע, נישט איבעררייסנדיק דערביי מיט דעם אַלטן סאָציאַלן אָנשפּאַר, איז געצוווּנגען צו דערקלערן זיין אַראָפּגליטשונג אַלס שטייגונג און אויסגעבן זיין רעכטע האַנט אַלס די לינקע. אָט צוליבן דאָזיקן טעם טאַקע קוואַליפיצירן די סטאַליניסטן די אָפּאָזיציע אַלס „קאָנטר-רעוואָלוציאָנער” און זיי מאַכן פאַריאושטע אָנשטרענגונגען צו וואַרפן אין איין הויפן זייער קעגנער פון רעכטס און פון לינקס. אָט צו דידאָזיקע צילן דאַרף זיך פון היינט אָן צופּאַכן דאָס וואָרט „עמיגראַציע”. ביי היינטיקס טאָג עקזיסטירן פאַקטיש צוויי עמיגראַציעס. איינע, וועלכע איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן דורך דער שטייגונג פון די רעוואָלוציאָנערע מאַסן, און אַ צווייטע, וואָס איז אַ סימן פון פּראָגרעס פון די פיינטלעכע כּחות פון דער רעוואָלוציע. ווען די אָפּאָזיציע נוצט אויס די עקזיסטירנדיקע אַנאַלאָגיע מיט דער קלאַסישער רעוואָלוציע פון סוף XVIII-טן יאָרהונדערט און רעדט וועגן טערמידאָר, באַצייכנט זי דורכדעם די זיך-אָנרוקנדיקע סכּנה פון אַ קאַמף פון די סטאַליניסטן קעגן לינקס (נעמענדיק אין אַכט די דערשיינונגען און די טענדענצן וועלכע זענען אָנגעמערקט געוואָרן אויבן), אַ קאַמף וואָס איז פּעאיק

צו ווערן אַן אויסגאַנגס-פונקט פאַר אַ פאַרמאַסקירטער איבערקערעניש פון דער סאָציאַלער נאַטור פון דער ראַטנמאַכט.

די פראַגע וועגן טערמידאָר, וואָס שפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין קאַמף צווישן דער אָפּאָזיציע און דער הערשנדיקער פראַקציע, פאָדערט אָבער צוגאָב-דערקלערונגען.

דער אַלטער פראַנצויזישער פּרעמיער-מיניסטער ה׳ העריאָ האָט דאָ נישט לאַנג דערקלערט, אַז דער ראַטנרעזשים, וואָס שטיצט זיך אין משך פון צען יאָר אויף געוואַלט, פאַרמשפּט זיך אַליין דורכן דאָזיקן פאַקט גופא. זינט זיין וויזיט אין מאָסקווע, אין 1924, האָט ה׳ העריאָ זיך באַמיט (אויף וויפל איך האָב אים דאַן פאַרשטאַנען), צו מאַכן זיך אַ מער גינסטיקע — אויב נישט קיין מער פּרעציזע — קאָנצעפּציע פון די ראַטן. אָבער נאָך דעמדאָזיקן פּעריאָד פון די פאַרענדיקטע צען יאָר האַלט ער, אַז מ׳דאַרף אָפּזאָגן דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע אין קרעדיט. איך מוז מודה זיין, אַז איך פאַרשטיי נישט זייער גוט די ראַדיקאַלע פּאָליטיק. רעוואָלוציעס האָבן נאָך קיינמאָל קיינעם נישט אויסגעשטעלט קיין וועקסלען מיט פעסטע טערמינען. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט בויטיק געהאַט צען יאָר נישט נאָר כּדי אויסצובויען אַ דעמאָקראַטיע, נאָר כּדי דערפירן דאָס לאַנד צום באָנאַפּאַרטיזם. עס איז אויך קיין שום ספק נישטאָ, אַז ווען די יאַקאָבינער וואָלטן נישט מנצח געווען די זשיראָנדיסטן און וואָלטן נישט געוויזן דער וועלט דעם ביישפּיל פון אַ ראַדיקאַלער שטראָף, וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרן לגבי דער אַלטער געזעלשאַפט, וואָלט היינט די גאַנצע מענטשהייט געווען קירצער אויף אַ קאָפּ.

קיין איין רעוואָלוציע איז אויך נישט פאָרגעקומען אָן קאָנסעקווענצן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אָבער גלייכצייטיק האָבן די רעוואָלוציעס נישט אויפגעהיט אַלע נצחונות, וועלכע זיי האָבן דערגרייכט אין משך פון זייער העכסטן אויפשטיג. נאָכדעם ווי אַ קלאַס, אַ פּאַרטיי, אינדיווידואומען האָבן דורכגעפירט די רעוואָלוציע, הייבן אָן צו ציען פון איר נוצן אַן אַנדער קלאַס, אַן אַנדער פּאַרטיי, אַנדערע אינדיווידואומען. בלויז אַ פאַרעקשנטער שווינדלער קען פאַרלייקענען די אַלוועלטלעכע וויכטיקייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער

רעוואָלוציע, הגם די רעאַקציע, וואָס איז געקומען נאָך איר איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט דערפירט דאָס לאַנד צו דער רעסטאַווראַציע פון די בורבאָנען. דער טערמידאָר איז געווען דער ערשטער עטאַפּ אויפן וועג פון דער רעאַקציע. נייע באַאמטע, נייע אייגנטימער האָבן געוואָלט געניסן אין פרידן די פרוכטן פון דער רעוואָלוציע. די אַלטע יאַקאָבינער האָבן זיי געשטערט. די נייע אייגנטימער האָבן נאָך נישט געהאַט די העזה זיך איינצוּוויקלען אין אַ אייגענער פאָן. זיי האָבן געמוזט מאַרשירן אונטערן שוץ פון די יאַקאָבינער גופא. זיי האָבן אויסגעזוכט צייטווייליקע אָנפירער, מיט פנימער פון יאַקאָבינער פון דריטן ראַנג. פאָרנדיק שטראָם-אַראָפּ האָבן דידאָזיקע לעצטע צוגעגרייט די וועגן פאַר באָנאַפּאַרטן, וועלכער האָט מיט זיינע באַגנעטן און זיין קאָדעקס פאַרפעסטיקט דאָס נייע אייגנטום.

די עלעמענטן פון טערמידאָרישן פראָצעס, וועלכער פאַרמאָגט, פאַרשטייט זיך, זיין אייגנטימלעכקייט, געפינען זיך ווידער אין ראַטנרוסלאַנד. זיי זענען בולט געקומען צום אויסדרוק אין משך פון דידאָזיקע לעצטע יאָרן. די, וועלכע שטייען איצט ביי דער מאַכט האָבן אין די אַנטשיידנדיקע געשעענישן פון ערשטן רעוואָלוציע-פעריאָד געשפילט אַ צווייטראַנגיקע ראָלע, אָדער זיי זענען געווען אָפענע קעגנער פון דער רעוואָלוציע, און ערשט נאָך דעם נצחון זענען זיי צוגעשטאַנען צו איר. זיי דינען איצט — ווי אומעטום און תמיד — אַלס דעקמאַנטל פאַר יענע עלעמענטן און יענע גרופּעס, וועלכע זענען פיינט פון סאָציאַליזם אָבער צו שוואַך אויף דורכצופירן אַ קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע מלוכה-איבערקערעניש, און צוליבן דאָזיקן טעם שטרעבן זיי צו אַ פאַוואָלעדיקן אַראָפּלאָז אויף די רעלסן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, צו אַן „אַראָפּשטייג מיט שטייף-איינגעצויגענע לייטשעס”, לויטן אויסדרוק פון איינעם פון זייערע אידעאָלאָגן.

פונדעסטוועגן וואָלט געווען אַ גרויסער פעלער צו מיינען, אַז דידאָזיקע אַלע פראָצעסן זענען שוין פאַרווירקלעכט. צום גליק פאַר איינע און צום אומגליק פאַר אַנדערע איז נאָך דער טערמין גאָנץ ווייט. דער וועג פון היסטאָרישער אַנאַלאָגיע איז

אַ פאַרלאָקנדיקער מעטאַד און במילא — אַ סכנהדיקער. עס האָלט געווען צו אויבערפלעכלעך צו מיינען, אַז עס עקזיס־טירט אַ ספּעציעלער ציקלישער געזעץ פון רעוואָלוציעס, וואָס צווינגען זיי, אַרויסגייענדיק פון די בורבאָנען, זיך אומצוקערן צו די בורבאָנען, דורכמאַכנדיק דעם עטאַפּ פון באָנאַפּאַרטיזם. דער ספּעציפישער גאַנג פון יעדער רעוואָלוציע ווערט באַ־שטימט דורך אַ ספּעציפישער קאָמבינאַציע פון די נאַציאָנאַלע כחות מיט דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע. פונ־דעסטוועגן איז פאַרט אמת, אַז געוויסע שטריכן זענען געמיינ־זאַם פאַר אַלע רעוואָלוציעס, וואָס דאָס דערלויבט אָנצווענדן אַנאַ־לאָגיעס, און פאָדערט זיי אפילו אומבאַדינגט, אויב מען וויל זיך שטיצן אויף די לעקציעס פון דער פאַרגאַנגענהייט און נישט איבערחזרן תמיד די געשיכטע פון אָנהויב.

מען וואָלט געקענט דערקלערן דורך דער סאָציאָלאָגיע פאַרוואָס די טענדענצן פון טערמידאָר, פון באָנאַפּאַר־טיזם און רעסטאַווראַציע עקזיסטירן אין זייער גאַנצער קראַפט אין יעדער זיגרייכער רעוואָלוציע, וואָס איז ווערט דעמדאָזיקן נאָמען. די גאַנצע פראַגע באַשטייט אין דער קראַפט פון די־דאָזיקע טענדענצן, אין זייער קאָמבינאַציע, אין די באַדינגונ־גען פון זייער אַנטוויקלונג. ווען מיר רעדן וועגן דער דראָאונג פון באָנאַפּאַרטיזם מיינען מיר לחלוטין נישט, אַז ער איז באַ־שטימט דורך אַ וועלכן־נישט־איז היסטאָרישן געזעץ. דער צו־קונפטיקער גורל פון דער רעוואָלוציע וועט באַשטימט ווערן דורכן גאַנג פון קאַמף צווישן די לעבעדיקע כחות פון דער געזעלשאַפט. עס וועלן נאָך פאָרקומען צופלוסן און אָפּפלוסן, און זייער דויער וועט אָפּהענגען אין אַ גרויסער מאָס פון די אייראָפּעאישע און אַלוועלטלעכע געשעענישן.

אין אַ תקופה ווי די אונזעריקע קען פאַרניכטעט ווערן אויף אייביק בלויז אַזאַ גרופּירונג, וואָס דרינגט נישט אַדורך די אָביעקטיווע סיבות פון איר מפּלה און וועלכע שפּירט זיך אַלס שטרויעלע, געטראָגן דורך אַ שטראָם.

אויב עס קען געשען, אַז אַ שטרויעלע זאָל האָבן עמ־פינדונגען...

## VI. — צי איז וואַרשיינלעך די פאַרוואַנדלונג פון די ראַטן אין אַ פאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע?

„אויב די ראַטנמאַכט קעמפט מיט אַלץ-וואַקסנדיקע שוועריקייטן; אויב דער קריזיס פון דער דיקטאַטור-ריכטונג פאַרשאַרפט זיך אַלץ מער און מער; אויב די סכנה פון באָנאַפּאַרטיזם איז נאָך נישט אויסגעמיטן, איז דען נישט בעסער צו נעמען די ריכטונג צו דעמאָקראַטיזם?” דידאָזיקע פראַגע, אָפן צי פאַרשטעלט, ווערט געשטעלט אין אַ גאַנצע ריי אַרטיקלען, וואָס זענען געווידמעט די לעצטע געשעענישן אין דער ראַטנרעפּובליק.

איך באַהאַנדל דאָ נישט וואָס עס איז בעסער אָדער ס'איז נישט בעסער. כ'באַמי זיך אַרויסצופרעגגען אויף דער ליכטיקער שיין דאָס וואָס ס'איז ו אַ ר ש יי נ ל ע ך, ד. ה. דאָס, וואָס עס פליסט אַרויס פון דער אָביעקטיווער לאָגיק פון דער אַנטוויקלונג. און כ'קום דורך איר צום אויספיר, אַז קיין זאַך איז נישט ווינציקער וואָרשיינלעך ווי די פאַרוואַנדלונג פון די ראַטן אין אַ פאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע, אָדער, ריידנדיק מער קאָנקרעט, אַז דידאָזיקע פאַרוואַנדלונג איז לחלוטין אוממעגלעך.

אַ סך צייטונגען קלערן מיר אויף פריינטלעך און אין פשוטע ווערטער, אַז מיין פאַרשיקונג איז אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס אין רוסלאַנד איז נישטאָ קיין דעמאָקראַטיע, און במילא דאַרף איך זיך נישט „באַקלאָגן”. קודם כל, קלאָג איך זיך גאָרנישט פאַר קיינעם; חוצדעם בין איך שוין אַ סך מאָל אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך דעמאָקראַטישע מלוכות. דאָס, וואָס די קעגנער פון די ראַטן באַטראַכטן איצט דעם פאַרשאַרפטן ריכטונגס - קריזיס אין ראַטנפאַרבאַנד אַלס אַן אומפאַרמיידלעכע באַדינגונג פון דיקטאַטור-רעזשים, פאַר וועלכן איך טראָג, פאַרשטייט זיך, די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, איז גאַנץ נאַטירלעך. איך קלייב זיך נישט אומצוּוואַרפן, צוליב מיין פאַרשיקונג, דעם היסטאָרישן דעטערמיניזם. אויב אָבער דער קריזיס פון דער ריכטונג איז אַרויסגעפלאָסן, לחלוטין נישט צופעליק, פון דער דיקטאַטור, איז דאָך די דיקטאַטור

אַליין פון איר זייט אויך אַרויסגעפלאָסן נישט צופעליק פון דער קורצער דעמאָקראַטיע, וואָס האָט פאַרביטן דעם צאַריזם אין מערץ 1917. אויב די דיקטאַטור איז פעאיק צו רעפּרעסיעס און צו אַלע איבעריקע אומגליקן, טאָ פאַרוואָס האָט זיך די דעמאָקראַטיע אַרויסגעוויזן אוממעכטיק אָפּצוהיטן דאָס לאַנד פון דער דיקטאַטור, און ווו זענען היינט די באַווייזן, אַז זי וועט זיך אַרויסווייזן פאַר פעאיק צו באַזייטיקן די דיקטאַטור נאָכדעם ווי זי וועט זי פאַרבייטן?

כדי אויסצודריקן קלערער מיין געדאַנק, מוז איך אים באַפרייען פון די געאָגראַפישע געגנטן און ס'וועט זיין גענוג צו דערמאָנען געוויסע טענדענצן פון אייראָפּעס פּאָליטישער אַנטוויקלונג זייט דער מלחמה, וואָס איז געווען נישט סתם קיין עפּיזאָד, נאָר דער בלוטיקער עפּיזאָד פון דער נייער עפּאָכע. כמעט אַלע אָנפירער פון דער מלחמה לעבן נאָך. די מערהייט פון זיי האָט בשעתו דערקלערט, אַז נאָך איר וועט זיך אָנהייבן די הערשאַפט פון דער דעמאָקראַטיע און פון שלום. אַנדערע האָבן געגלויבט אין דעם, וואָס זיי האָבן גערעדט; איצט וועט זיך קיין איינער פון זיי נישט דערוועגן אַרויסצורעדן דידאָזיקע רייד. פאַרוואָס? ווייל די מלחמה האָט אונז געפירט צו אַן עפּאָכע פון גרויסע שפּאַנונגען, פון גרויסע קאַמפן, מיט פּערספּעקטיוון פון נייע גרויסע מלחמות. אויף די רעלסן פון דער וועלט-באַהערשונג איילן ביי היינטיקן טאָג איינער אַקעגן צווייטן מעכטיקע צוגן. מען קען נישט מעסטן אונזער תקופה מיט דער מאָס פון XIX-טן יאָרהונדערט, וואָס איז געווען דער יאָרהונדערט פון דער דעמאָקראַטיע-אויסשפּרייטונג פאַר עקסעליאַנס. דער XX-טער יאָרהונדערט וועט זיך אין אַ סך הינזיכטן מער אונטערשיידן פון ביינצנטן, ווי די גאַנצע מאָדערנע געשיכטע אונטערשיידט זיך פון מיטלאַלטער.

אין אַ ווינער צייטונג האָט ה' הערריאָ דאָ נישט לאַנג אויסגערעכנט די סימנים, וואָס באַווייזן די רעגרעסיע פון דער דעמאָקראַטיע פאַר דער דיקטאַטור. נאָך דער פאַרפעסטיקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט אין רוסלאַנד און דעם דורכפאַל פון די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין אַ גאַנצער רייי

אנדערע לענדער, זענען מיר געווען עדות ווי אזוי
עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ פֿאַשיסטישע דיקטאַטור
אין גאַנץ דרום- און מזרח-אייראָפּע. ווי אַזוי זאָל מען דער-
קלערן דעם פֿאַקט, וואָס די פֿייערן אויף די מזבחות פֿון דער
דעמאָקראַטיע זענען אויסגעלאָשן געוואָרן? מען זאָגט אַמאָל,
אַז אין דאָזיקן פֿאַל האָבן מיר צו טאָן מיט אָפּגעשטאַנענע
אָדער נישט-רייפֿע פֿעלקער. דאָס איז אָבער אַ דערקלערונג,
וועלכע פּאַסט פֿאַר איטאַליע. אָבער אפילו אין די פֿאַלן ווו
די דאָזיקע דערקלערונג איז ריכטיק, דערקלערט זי גאָרנישט.
אין נײַנצנטן יאָרהונדערט האָט מען באַטראַכט אַלס געזעץ, אַז
די אָפּגעשטאַנענע לענדער קלעטערן אַרויף אויף די שטאַפּלען
פֿון דער דעמאָקראַטיע. פֿאַרוואָס-זשע שטויסט זיך דער צוואַנ-
ציקסטער אויף די וועגן פֿון דיקטאַטור? מיר מיינען, אַז די
ערקלערונג פֿליסט אַרויס פֿון די פֿאַקטן גופֿא. די דעמאָקראַ-
טישע אינסטיטוציעס באַווייזן, אַז זיי האַלטן נישט אויס דעם
דרוק פֿון די הײַנטצײַטיקע סתירות, וואָס זענען דאָ אינטער-
נאַציאָנאַלע, דאָ אינערלעכע און אָפֿטערס אינטערנאַציאָנאַלע
און אינערלעכע פֿאַראַמאָל. איז דאָס גוט? איז דאָס שלעכט?
יעדנפֿאַלס איז דאָס אַ פֿאַקט.

דורך אַן אַנאַלאָגיע מיט דער עלעקטראָ-טעכניק קען די
דעמאָקראַטיע דעפֿינירט ווערן ווי אַ סיסטעם פֿון קאָמוטאַטאָרן
און איזאָלאַטאָרן קעגן די צו שטאַרקע שטראָמען פֿון נאַציאָ-
נאַלן און סאָציאַלן קאַמף. נישטאָ נאָך אַזאַ עפּאָכע אין דער
געשיכטע פֿון דער מענטשהייט, וואָס זאָל זיין אַזוי אָנגעזאַפּט
מיט אַנטאַגאָניזם ווי אונזער עפּאָכע. אַ צו שטאַרקע שפּאַנונג
פֿון שטראָם לאָזט אַלץ מער שפּירן אין פֿאַרשיידענע פּונקטן
פֿון דער אייראָפּעאישער נעץ. אונטער דער צו הויכער שפּאַנונג
פֿון די סתירות צווישן קלאַסן און נאַציעס ווערן אויפֿגעריסן
מיט אַ הילך די קאָמוטאַטאָרן פֿון דער דעמאָקראַטיע. אָט דאָס
זענען די קורצשלוסן פֿון דער דיקטאַטור. די שוואַכסטע אי-
בעררייסונגען לאָזן זיך באַמערקן די ערשטע. אָבער די קראַפֿט
פֿון די אינערלעכע און אַלוועלטלעכע סתירות ווערט נישט
קלענער, זי וואַקסט. מיט גרויס שוועריקייט וואָלט מען זיך
געקענט באַרויקן דורך דער פֿעסטשטעלונג, אַז דער דאָזיקער

פּראָצעס האָט באַהערשט נאָר די פּעריפעריע פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. די פּאָדאַגרע הויבט זיך אָן פון דעם קליינעם פינגער אויף דער האַנט אָדער פון גרויסן פינגער אויף דער פוס, אָבער ווען זי געפינט זיך שוין אין וועג, דערגייט זי ביזן האַרצן.

אָבער ווי אַזוי עס זאָל זיך נישט שטעלן די פראַגע פאַר די לענדער פון גרויס־קאַפּיטאַליזם און פון אַלטער דעמאָקראַטיע — דידאָזיקע פראַגע גייט נישט אַריין אין פעלד פון אונזערע באַטראַכטונגען — וואַרפט דאס געזאגטע אַ גענוגנדיק ליכט אויף דער פּראָבלעם, וועלכע איז געשטעלט געוואָרן אין אָנהויב פון אונזער אַרטיקל: ווען מען שטעלט אַנטקעגן די דעמאָקראַטיע צו די ראַטן, האָט מען אין אויג אַ באַשטימטע פּאַרלאַמענטאַרישע סיסטעם, און מען פאַרגעסט די צווייטע זייט — אַגב אַן עיקרדיקע — פון דער פראַגע, נעמלעך, אַז די אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1917 איז געקומען אַלס גרעסטע דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע פון דער מענטשלעכער געשיכטע. די קאָנפיסקאַציע פון באָדן־אייגנטום, די פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון די קלאַסן־אונטערשיידן און פּריווילעגיעס, די צעשטערונג פון ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט און פון דער צאַרישער אַרמיי; דאָס איינפירן נאַציאָנאַלע גלייכקייט און דאָס רעכט פון פעלקער אויף זעלבסטבאַשטימונג, אָט דאָס איז אַ וויכטיקע דעמאָקראַטישע אַרבעט, וועלכע די מערץ־רעוואָלוציע האָט קוים אָנגערירט, זי איבערלאָזנדיק, כמעט אין איר גאַנצן פאַרנעם, אַלס ירושה פאַר דער אָקטאָבער־איבערקערעניש. בלויז די צעקראָכנקייט פון דער ליבעראַל־סאָציאַליסטישער קאָאַליציע האָט מעגלעך געמאַכט די ראַטנדיקטאַטור, וואָס באַזירט אויף דער פאַראייניקונג פון אַרבעטער, פּויערים און אונטערדריקטע פעלקער. דיזעלבע טעמים, וועלכע האָבן געשטערט אונזער שוואַכער און אָפּגעשטאַנענער דעמאָקראַטיע צו דערפילן איר היסטאָרישע אויפגאַבע, וועלן איר אויך נישט דערלאָזן, אפילו אין דער צוקונפט נישט, צו שטעלן זיך בראש פון לאַנד, ווייל אין דידאָזיקע לעצטע צייטן זענען די פּראָבלעמען און די שוועריקייטן געוואָרן אַ סך גרעסער און די דעמאָקראַטיע קלענער.

די ראַטנסיסטעם איז נישט סתם אַ פאָרם פון רעגירן, וועלכע מען קען אַבסטראַקט פאַרגלייכן מיט דער פאַרלאַמענטאַרישער פאָרם. דאָס איז, קודם כּל, אַ נייע סיסטעם פון אייגנטום-באַציאונגען דאָ שטייט דער עיקר די פראַגע וועגן אייגנטום, וועגן ערד, וועגן בענק, וועגן קוילן-גרובן, וועגן פאַבריקן און אייזנבאַנען. די אַרבעטער-מאַסן דערמאנען זיך זייער גוט וואָס עס זענען געווען דער אַדלמאַן, דער ערד-אייגנטימער, דער פּרעצענטניק, דער קאַפּיטאַליסט, דער באַלעבאָס אין צאַרישן רוסלאַנד. אין די מאַסן עקזיסטירט די באַרעכטיקסטע אומצופרידנקייט קעגן דער איצטיקער לאַגע אין דער ראַטן-מלוכה, אָבער די מאַסע וויל נישט קיין ערד-אייגנטימער, קיין באַאמטע, קיין באַלעבאַטים.

מען דאַרף נישט פאַרגעסן „דידאָזיקע מעגלעכקייטן" ווען מען באַגייסטערט זיך מיט די אויסגעדראָשענע ווערטער וועגן דעמאָקראַטיע. קעגן צוריקקער פונם ערד-אייגנטימער וועט דער פויער אויך היינט, ווי מיט צען יאָר צוריק, קעמפן ביז זיין לעצטן טראָפּן בלוט. דער ערד-אייגנטימער וועט זיך נישט קענען אומקערן פון דער עמיגראַציע אין זיין גוט סיידן אויף אַ פערד מיט אַ האַרמאַט, אַגב וועט ער דערנאָך זיין געצוווּנגען אויך צו שלאָפן אויף זיין האַרמאַט. דעם אמת געזאָגט וועט דער פויער אַ סך לייכטער טאָלערירן דעם צוריקקער פון קאַפּיטאַליסט, ווייל די מלוכה-אינדוסטרי האָט ביז איצט נישט באַזאָרגט דעם פויער די אינדוסטרי-פּראָדוקטן אויף ערגערע באַדינגונגען ווי ביים אַמאָליקן סוחר. אָט אין דאָזיקן פונקט — לאָמיר עס אגב אורחא באַמערקן — ליגט דער אָנהויב פון אַלע אינערלעכע שוועריקייטן. אָבער דער פויער דערמאָנט זיך, אַז דער ערד-אייגנטימער און דער קאַפּיטאַליסט זענען געווען דער סיאַמער-צווילינג פון אַלטן רעזשים, צוזאַמען זענען זיי אַוועק, צוזאַמען האָבן זיי געקעמפט קעגן די ראַטן אין די יאָרן פון בירגער-קריג, אַז אין די טעריטאָריעס, וואָס זענען געווען אָקופּירט דורך די ווייסע, האָט דער אינדוסטריעלער באַקומען צוריק זיין פאַבריק און דער ערד-אייגנטימער — זיין ערד. דער פויער פאַרשטייט, אַז דער קאַפּיטאַליסט וועט זיך נישט אומקערן איינער אַליין, נאָר אין דער באַגלייטונג

און דעריבער וויל ער נישט נישט דעם
פונם עוד-אייגנטימער. דאָס איז די מעכטיקע סיבה,
ערשטן און נישט דעם צווייטן: דאָס איז די מעכטיקע סיבה,
פון דער מאַכט פונם ראַטנרעזשים.
הגם אַ נעגאַטיווע. פון דער מאַכט פונם ראַטנרעזשים.
מען דאַרף אָנרופן די זאַכן ביי זייער ריכטיקן נאָמען.

מען דאַרף אָנרופן די זאַכן ביי זייער ריכטיקן נאָמען.
עס האַנדלט זיך דאָך נישט וועגן איינפירן אַ קערפערלאָזע
דעמאָקראַטיע, נאָר וועגן רוסלאַנדס אומקער אויפן וועג פון
קאַפּיטאַליזם. אָבער ווי וועט אויסזען די צווייטע אויפלאַגע
פון רוסישן קאַפּיטאַליזם? אין משך פון דידאָזיקע 15 לעצטע
יאָר האָט זיך דער אויסזען פון דער וועלט טיף געענדערט.
די שטאַרקע זענען געוואָרן אומענדלעך שטאַרקער, די שוואַ-
כע זענען געוואָרן אומפאַרגלייכלעך שוואַכער. דער קאַמף פאַר
דער אַלוועלטלעכער העגעמאָניע האָט אָנגענומען גיגאַנטישע
פּראָפּאָרציעס. די עטאַפּן פון דאָזיקן קאַמף האָבן זיך פאַנאַנ-
דערגעוויקלט אויף די ביינער פון די שוואַכע און אָפּגעשטאַ-
בענע פעלקער. דאָס קאַפּיטאַליסטישע רוסלאַנד וועט ביי היינ-
טיקס טאָג נישט קענען פאַרנעמען אין דער אַלוועלטלעכער
כּחות-סיסטעם אַפילו אַ דריטראַנגיקע פּאָזיציע, וועלכע דאָס
צאַרישע רוסלאַנד האָט פאַרנומען אַ דאַנק דעם גאַנג
פון דער לעצטער מלחמה. דער רוסישער קאַפּיטאַליזם
וועט איצט זיין אַ שקלאַפן-קאַפּיטאַליזם, אַ קאַפּיטאַליזם אויף
דער העלפט אַ קאָלאָניזירטער, אָן אַ צוקונפט. רוסלאַנד נומער
צוויי וואָלט היינט פאַרנומען אַן אָרט צווישן רוסלאַנד נומער
איינס און אינדיע. די ראַטן-סיסטעם פון נאַציאָנאַליזירטער אינ-
דוסטרי און פון מאָנאָפּאָל פון אויסלענדישן האַנדל איז נישט
געקוקט אויף זייערע אַלע סתירות און שוועריקייטן אַ פּראָ-
טעקציע-סיסטעם פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון דער קולטור
און דער עקאָנאָמיק פון לאַנד. דאָס איז באַגריפן געוואָרן
דורך אַ סך דעמאָקראַטן גופא, וועלכע זענען צוגעצויגן גע-
וואָרן צו דער ראַטנרעגירונג נישט דורך סאָציאַליזם, נאָר דורך
אַ פּאַטריאָטיזם, וועלכער האָט פאַרדייט די עלעמענטאַרע לעק-
ציעס פון דער געשיכטע. צו דערדאָזיקער קאַטעגאָריע גע-
הערן די צאָלרייכע טעכנישע אינטעלעקטועלע כּחות און די
בייע שולע שרייבערס, וועלכע איך האָב אַמאָל אָנגערופן „מיט-
גייער“, צוליבן מאַנגל פון אַ מער פּאַסיקערער באַצייכענונג.

אַ הייפל אימפּאָטענטע דאָקטרינערן וואָלט געוואָלט אַ דעמאָקראַטיע אָן קאַפּיטאַליזם. אָבער די ערנסטע סאָציאַלע כּחות, די פּיינט פונם ראַטן־רעזשים, ווילן אַ קאַפּיטאַליזם אָן דעמאָקראַטיע. דאָס איז גילטיק נישט נאָר פאַר די עקספּראָפּריאירטע ערד־אייגנטימער, נאָר אויך פאַרן קלאַס פון די פאַרמעגלעכע פּויערים. אויף וויפל דערדאָזיקער קלאַס גיט זיך אַ קער קעגן דער רעוואָלוציע איז ער שטענדיק געווען די שטיצע פאַרן באָנאַפּאַרטיזם. די ראַטנמאַכט איז דערשינען אַלס רעזולטאַט פון גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע אָדער אינערלעכע סתירות. עס איז נישטאָ קיין שום האָפענונג צו גלייבן, אַז די דעמאָקראַטישע קאָמוטאַטאָרן פון ליבעראַלן אָדער סאָציאַליסטישן טיפּ זאָלן קענען אויסהאַלטן דידאָזיקע סתירות, וועלכע זענען אין משך פון דאָזיקן לעצטן פערטל פון יאָרהונדערט דערפירט געוואָרן צו זייער העכסטער שפּאַנונג; זיי קענען „רעגולירן" דעם דאָרשט פון רעוואַנש און רעסטאַווראַציע מצד די אַראָפּגעוואָרפענע קלאַסן, זיך שלעפנדיק אין אַ קייט, ווו דער אינדוסטריעלער און דער סוחר זענען צוגעשמידט צום „קולאַק", דער ערד־אייגנטימער צום סוחר, ווו די מאָנאַרכיע ווערט געשלעפט דורך זיי אויפן בוקסיר, און די פרעמדע בעלי־חובות גייען דערווייל צום סוף, כּדי צו פאַרנעמען, אין פאַל פון נצחון, דעם ערשטן אָרט אין לאַנד.

נאַפּאָלעאָן האָט פּרעציז געכאַפּט די דינאַמיק פון דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע און אירע בולטע פּונקטן, ווען ער האָט געזאָגט, אַז אייראָפּע וועט זיין רעפּובליקאַניש אָדער קאָזאַקיש. אין איצטיקן מאָמענט קען מען זאָגן מיט אַ סך מער באַרעכטיקטקייט: רוסלאַנד וועט זיין סאָוועטיש אָדער — באָנאַפּאַרטיסטיש.

דאָס וואָס כ'האָב געזאָגט באַווייזט, אַז איך בין גאַנץ ווייט פון פאַרזיכערן, אַז עס עקזיסטירן זיכערע אַבסאָלוטע גאַראַנטיעס פאַר דער סטאַבילקייט פון דער ראַטנמאַכט. ווען מיר וואָלטן אַזוי געטראַכט, וואָלט קיין זין נישט געהאַט דער קאַמף, וועלכן די אָפּאָזיציע פירט קעגן דער סכּנה פון באָנאַפּאַרטיזם. נאָך ווינציקער בין איך גענייגט צו פאַרזיכערן, אַז די סאָציאַלע סאָלידקייט פון ראַטן־סיסטעם הענגט נישט אָפּ

פון דער קאָנקרעטער פּאָליטיק, וועלכע עס פירט די איצטיקע רעגירונג. די שאַרפקייט פון אונזער אינערלעכן קאַמף ווייזט בולט סאַרא סכּנה מיר זעען איין אין סטאַלינס זיגזאַגן־גאַנג, דערדאָזיקער עלעמעגט גופא פון אונזער קאַמף ווייזט ווי ווייט מיר זענען פון אַ כּלומרשטן פּעסימיזם. מיר האַנדלען אַ דאַנק דער איבערצייגונג אין די גרויסע קוואַלן און רעזערוון פון ראַטן־סיסטעם. דער מאַרש פון דער אָפּאָזיציע פירט נישט צו דער אונטערגראָבונג פון דער ראַטן־מאַכט, נאָר צו איר פאַרשטאַרקונג און צו איר אַנטוויקלונג.

מען קען פאָרמולירן דידאָזיקע אויספירן אין קורצע טעזיסן:

1). דער ראַטנרעזשים האָט טיפע היסטאָרישע און סאָציאַלע וואָרצלען אין די פאָלקס־מאַסן, — אומאָפּהענגיק פון זיינע סאָציאַליסטישע צילן, וואָס זייער העלד איז דער אוואַנגאַרד פון אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט — ווייל זי איז אַ פאַרזיכערונג קעגן דער רעסטאַווראַציע און אַ גאַראַנטיע פאַר אַן אומאָפּהענגיקע אַנטוויקלונג, ד. ה. נישט קיין קאָלאָניזירטע.

2, דער עיקרדיקער היסטאָרישער קאַמף קעגן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, ווי אויך דער אינערלעכער קאַמף קעגן דער קאָמוניסטישער מאַכט ווערט געפירט נישט אין נאָמען פון פאַרוואַנדלען די דיקטאַטור אין אַ דעמאָקראַטיע, נאָר אין נאָמען פון פאַרוואַנדלען דעם עקאָנאָמישן פאַריבערגייענדיקן רעזשים פון היינט אין אַ קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, אַ אָפּהענגיקן און אַ קאָלאָניזירטן.

3. אין דידאָזיקע באַדינגונגען וועט דאָס איבערגיין אויף די קאַפּיטאַליסטישע רעלסן נישט קענען פאָרקומען אָן אַ שרעקלעכן און דויערנדיקן בירגער־קריג, וואָס וועט ברענגען מיט זיך אַן אויסערלעכע אינטערווענץ, אַן אָפענע אָדער אַ פאַרמאַסקירטע.

4. די פּאָליטישע פאָרם פון אַ ענלעכער מלוכה־איבערקערעניש קען בלויז זיין אַ מיליטערישע דיקטאַטור, אַ היינטמאָדישער אַרט באָנאַפּאַרטיזם. אָבער אין אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור וועט גלייך פון אָנהויב זיין

זיין צוגעפּגעדריקט די פּרוזשינע פון אַ נייער אָקטאָבער-איבערקערעניש.

5. דער קאַמף פון דער אָפּאָזיציע אַנטוויקלט זיך אינגאַנצן אויפן ראַטן-באָדן, און ער דערשיינט אַלס אַ דירעקטער המשך און אַנטוויקלונג פון דער פונדאַמענטאַלער באָלשעוויסטישער ליניע. דער איצטיקער עטאַפּ פון דאָזיקן קאַמף איז נאָך נישט דער אַנטשיידנדיקער, אָבער אַזוי צו זאָגן אַ „געלעגנהייטס-קאַמף".

6. די צוקונפטיקע אַנטוויקלונג פון ראַטן-סיסטעם, און במילא דער גורל פון דער אָפּאָזיציע הענגען אָפּ נישט נאָר פון אינערלעכע פאַקטאָרן, נאָר אין אַ גרויסער מאָס אויך פון דער אויסערלעכער עוואָלוציע פון אַלע אַלוועלטלעכע באַדינגונגען. וועלכע ריכטונג וועט אָננעמען די עוואָלוציע פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט? ווי אַזוי וועלן זיך איינאָרדנען אויפן וועלט-מארק די שטאַרקסטע מלוכות, וואָס נויטיקן זיך אין עקספּאַנסיע? ווי אַזוי וועלן זיך אויסקאָמבינירן אין די נאָענטסטע יאָרן די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון די אייראָפּעאישע מלוכות, און וואָס נאָך וויכטיקער: די באַציאונגען פון די פאַראייניקטע שטאַטן מיט אייראָפּע, און קודם כל, מיט גרויס-בריטאַניע?

עס איז דאָ אַ גרויסע צאָל נביאים, וועלכע לייזן, נישט קלערנדיק קיין סך, די פראַגע וועגן גורל פון דער ראַטן-רעפּובליק, אָבער זיי שווייגן וועגן נאָענטן גורל פון דער קאַפּיטאַליסטישער אייראָפּע. אָבער דידאָזיקע פראַגעס זענען,—אמת, אויף אַ אַנטאַגאָניסטישן אופן,—אומצערייסבאַר פאַרבונדן איינע מיט די צווייטע.

קאָנסטאַנטינאָפּאָל, 25 פעברואַר 1929.

## אַ בריוו צו די אַרבעטער אין ראַטנפאַרבאַנד

טייערע חברים!

איך שרייב אייך, כדי נאָכאַמאָל אייך צו זאָגן, אַז סטאַלין, יאַראָסלאַווסקי און מיטשולדיקע נאַרן אייך אָפּ. מען זאָגט אייך, אַז איך האָב זיך דערנענטערט צו דער בירגערלעכער פּרעסע, כדי צו קעמפן קעגן דער ראַטנרעפּובליק, וועלכע איך האָב געשאַפן און פאַרטיידיקט האַנט אין האַנט מיט לענינען. דאָס איז אַ פּרווו אייך צו באַשווינדלען. איך בין געגאַנגען צו דער בירגערלעכער פּרעסע, כדי צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער ראַטנרעפּובליק קעגן די ליגנס, דעם פאַרראַט פון דער סטאַלין-קליקע.

מען פאָדערט אייך אויף צו שטעמפּלען מיינע אַרטיקלען. האָט איר זיי אָבער געלייענט? ניין, איר קענט זיי נישט. מען גיט אייך פאַרקריפּלטע, געפעלשטע איבערזעצונגען פון אייניקע קליינע שטעלן. אָבער מיינע אַרטיקלען זענען דערשינען אַלס בראָשורע אין דער רוסישער שפּראַך, אַזוי ווי איך האָב זיי געשריבן. פאָדערט, אַז סטאַלין זאָל זיי איבערדרוקן אָן פאַרקירצונגען און פעלשונגען! ער וועט דאָס נישט האָבן קיין מוט צו טאָן. ער האָט אַממערסטן מורא פאַרן אמת. איך וויל דאָ איבערחזרן די גרונדגעדאַנקען פון מיינע אַרטיקלען.

1. אין דער פאַראָרדענונג פון דער ג. פּ. אוּ. וועגן אַרויסשיקן מיך שטייט, אַז איך האָב אָנגעפירט מיט די צוגרייטונגען צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער ראַטנרעפּובליק.

אין דער „פראַוודאַ" זענען די ווערטער וועגן באַוואָפנטן אוי־
שטאַנד אַרויסגעוואָרפן געוואָרן. פאַרוואָס ? פאַרוואָס האָט סטאַ־
לין נישט דעם מוט איבערצוחזרן אין דער „פראַוודאַ" № 14
פון 19 פעברואַר 1929, וואָס עס שטייט אין דער פאַראָרדענונג
פון דער געפּעאו ? ווייל ער האָט געוווסט, אַז קיינער וועט
אים נישט גלויבן. נאָך דער געשיכטע מיט דעם וורַאַנגעל־
אָפיציר, נאָכן דעמאַסקירן דעם פּראָוואָקאַטאָר, וועלכן סטאַלין
האָט אַריינגעשיקט אין דער אָפּאָזיציע מיטן פאָרשלאַג פון אַ
באַוואָפנטן אויפשטאַנד, נאָך דעם אַלעם וועט קיינער מער נישט
גלויבן, אַז באָלשעוויסטן־לעניניסטן, וועלכע ווילן איבערצייגן
די פאַרטיי אין דער ריכטיקייט פון זייערע מיינונגען, גרייטן
צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. צוליבן דאָזיקן טעם האָט
סטאַלין קיין תעוזה נישט געהאַט צו פאַרעפנטלעכן אין דער
„פראַוודאַ" דאָס, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אין דער פאַר־
אָרדענונג פון ג. פּ. או. פון 18 יאַנואַר. צוואָס־זשע איז נוי־
טיק געווען אַריינצושטעלן דעמדאָזיקן באַשיינפּערלעכן ליגן אין
דער פאַראָרדענונג פון ג. פּ. או. ? דאָס איז נויטיק געווען נישט
פאַר דעם ראַטנפאַרבאַנד, נאָר פאַר אויסלאַנד, פאַר דער וועלט.
דורך דער טעלעגראַפנאַגענטור „טאַסס" אַרבעט סטאַלין סיס־
טעמאַטיש, טאָג־טעגלעך מיט אין דער בירגערלעכער פּרעסע
פון דער גאַנצער וועלט און פאַרשפּרייט רכילות קעגן די באָל־
שעוויקעס־לעניניסטן. סטאַלין האָט אַנדערש נישט געקענט דער־
קלערן די פאַרשיקונג און די צאָלרייכע אַרעסטן ווי דורך אָנ־
ווייזן אויף דער צוגרייטונג פון אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד מצד
דער אָפּאָזיציע. דורך דעמדאָזיקן מוראדיקן ליגן האָט ער דער
ראַטנרעפּובליק אָנגעטאָן אַ גרויסן שאָדן. די גאַנצע בירגער־
לעכע פּרעסע איז פול געווען מיט דעם, אַז טראָצקי, ראַקאָוו־
סקי, סמילגא, ראַדעק, י. נ. סמירנאָוו, בעלאָבאָראַדאָוו, מוראַ־
לעוו, מראַטשקאָווסקי און אַ סך אַנדערע, וועלכע האָבן גע־
האָלפן שאַפן די רעפּובליק און זי פאַרטיידיקט, גרייטן איצט
צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן די ראַטן. עס איז קלאָר,
אַז אַזאַ פאָרשטעלונג מוז אָפּשוואַכן די ראַטן! כדי צו רעכט־
פאַרטיקן די רעפּרעסיעס מוז סטאַלין צוטראַכטן מוראדיקע
לעגענדעס, וועלכע ברענגען דער ראַטנמאַכט אַ נישט־אויסצוי־

מעסטנדיקן שאָדן. דאָס איז די סיבה פאַרוואָס איך האָב באַטראַכט פאַר נויטווענדיק צו דערקלערן אין דער בירגערלעכער פרעסע פאַר דער גאַנצער וועלט: עס איז נישט אמת, אַז די אָפּאָזיציע וויל פירן אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער ראַטנמאַכט. די אָפּאָזיציע פירט אַ אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן אַלע פיינט פון דער ראַטנרעפּובליק און זי וועט אים תמיד פירן. מיין דאָזיקע דערקלערונג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ סך מיליאָנען עקזעמפּלאַרן אין אַלע שפּראַכן פון דער וועלט. זי דינט צו פאַרפעסטיקן די ראַטנרעפּובליק. סטאַלין וויל זיכערן זיין לאַגע דורך אָפּשוואַכן די ראַטנרעפּובליק. איך וויל שטאַרקן די ראַטנרעפּובליק דורך דעמאַסקירן די ליגנס פון די סטאַליניסטן.

2. סטאַלין און זיין פּרעסע פאַרשפּרייטן שוין פון לאַנג אין דער גאַנצער וועלט די ידיעה, איך זאָל האָבן דערקלערט, אַז די ראַטן-רעפּובליק איז געוואָרן אַ בירגערלעכע מלוכה, אַז די פּראָלעטאַרישע מאַכט איז שוין פאַרניכטעט א. אז. וו. אַ סך אַרבעטער אין רוסלאַנד ווייסן, אַז דאָס איז אַ בייזוויליקע רכילות, וואָס שטיצט זיך אויף געפעלשטע ציטאַטן. איך האָב דידאָזיקע בייזוויליקע רכילות אָפּגעלייקנט אין טוצן בריוו, וואָס זענען איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. אָבער די אינטערנאַציאָנאַלע פּרעסע פון דער בורזשואזיע גלויבט דידאָזיקע רכילות, אָדער זי מאַכט זיך גלויבנדיק. אַלע פאַרקריפּלטע סטאַלינשע ציטאַטן לויפן דורך די שפּאַלטן פון דער וועלט-פּרעסע, אַלס באַוויז דערפאַר, אַז טראָצקי האַלט פאַר אומפאַרמיידלעך די פאַרניכטונג פון דער ראַטנמאַכט. אַדאַנק דעם געוואַלטיקן אינטערעס פון דער עפנטלעכקייט און באַזונדערס פון די ברייטע פאָלקסמאַסן פאַר אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין רוסלאַנד, ווי אויך נעמענדיק אין אַכט דעם טיראַזש זענען די צייטונגען געצוווּנגען געווען (אונטער דעם דרוק פון די לעזער) צו פאַרעפנטלעכן מיינע אַרטיקלען. אין דידאָזיקע אַרטיקלען האָב איך געזאָגט, אַז נישט געקוקט אויף דער פאַלשער סטאַלינשער פירונג איז די ראַטנמאַכט טיף פאַרוואָרצלט אין די מאַסן און זי איז שטאַרק און זי וועט איבערלעבן אירע שונאים.

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די גרויסע מערהייט אַרבעטער אין אייראָפּע און באַזונדערס אין אַמעריקע לייענט נאָך אַלץ די בירגערלעכע פּרעסע. איך האָב געשטעלט אַלס באַדינג, אַז מיינע אַרטיקלען מוזן אָפּגעדרוקט ווערן אָן ענדערונגען. אמת, אייניקע צייטונגען האָבן נישט אָפּגעהיט די דאָזיקע באַדינגונג, אָבער די מערהייט פון זיי האָט דאָס יאָ געטאָן. יעדנפאַלס האָבן אַלע צייטונגען פאַרעפנטלעכט, אַז אין קעגנזאַץ צו אַלע ליגנס און רכילותן פון די סטאַליניסטן איז טראָצקי איבערצייגט אין דער אינערלעכער פעסטקייט פון דער ראַטנמאַכט און גלויבט אומדערשיטערלעך אין דעם, אַז עס וועט די אַרבעטער געלינגען צו ענדערן די היינטיקע פאַלשע פּאָליטיק פון צ. ק. דורך פרידלעכע מיטלען.

אין פרילינג 1917 האָט לענין, וועלכער איז געזעסן איינגעשלאָסן אין דער שווייצאַרישער שטייג, באַנוצט דעם „פּ,אָמבירטן" וואַגאָן פון די האָהענצאָלערנס, כדי צוצוקומען צו די רוסישע אַרבעטער. די שאָוויניסטישע פּרעסע האָט געהעצט און אים גערופן נישט אַנדערש ווי „הער לענין, דער דייטשער געדונגענער". איינגעשפּאַרט דורך די טערמידאָריאַנער אין דער שטייג קאָנסטאַנטינאָפּאָ, האָב איך באַנוצט אַ פּלאָמבירטן וואַגאָן פון דער בורזשואַזיע — איר פּרעסע — כדי צו זאָגן דער וועלט דעם אמת. די נאַרישע און גרעניצלאָזע העצע פון די סטאַליניסטן קעגן „מיסטער טראָצקי" איז נישט עפּעס אַנדערש ווי די איבערחזרונג פון דער בירגערלעכער און סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער העצע קעגן „הער לענין". ווי דעמאָלט אילאיטש טראָג איך אויך איבער מיט געלאַסענער פאַראַכטונג די עפנטלעכע מיינונג פון די קליינבירגער און באַאַמטן-נשמות, וואָס זייער אויסדרוק איז — סטאַלין.

3. אין מיינע אַרטיקלען, וועלכע יאַראָסלאַווסקי האָט געפעלשט און פאַרקריפּלט, האָב איך געשילדערט ווי אַזוי, פאַרחאָס און ביי וועלכע באַדינגונגען מען האָט מיך אַרויסגעשיקט פון ראַטנרוסלאַנד. סטאַלין פאַרשפּרייט אין דער אייראָפּעאישער פּרעסע די פאַרזיכערונג, אַז מען האָט מיך אַרויסגעשיקט קיין אויסלאַנד לויט מיין אייגענער פאָדערונג. אויך דעמדאָזיקן ליגן האָב איך געמוזט קאָריגירן. איך האָב דערציילט, אַז מען האָט

מיך אַרויסגעשיקט מיט געוואַלט נאָך סטאַלינס פֿריערדיקער
פֿאַרשטענדיקונג מיט דער טערקישער פּאָליציי. אויך דאָ האָב
איך געהאַנדלט נישט נאָר כּדי זיך צו שיצן פֿערזענלעך פֿון
אַ רכילות, נאָר קודם-כּל אין אינטערעס פֿון דער ראַטנרעפּו-
בליק. ווען די אָנהענגער פֿון דער אָפּאָזיציע וואָלטן באמת
געוואָלט פֿאַרלאָזן דעם ראַטנפֿאַרבאַנד, וואָלט דאָס די גאַנצע
וועלט געמוזט אויסטייטשן אין דעם זינען, אַז מיר באַטראַכטן
די לאַגע פֿון דעם ראַטנפֿאַרבאַנד אַלס האָפֿנונגסלאָז. וועגן
דעם קען אָבער קיין רייד נישט זיין. אמת, די סטאַלינשע
פּאָליטיק האָט דערלאַנגט שווערע קלעפּ נישט נאָר דער כינע-
זישער רעוואָלוציע, דער ענגלישער אַרבעטער - באַוועגונג
און דעם גאַנצן קאָמינטערן, נאָר אויך דער אינערלעכער ווי-
דערשטאַנדס-פֿעאיקייט פֿון ראַטן-רעזשים. וועגן דעם קען קיין
שום ספק נישט זיין. פֿונדעסטוועגן איז די לאַגע בשום אופֿן
נישט האָפֿנונגסלאָז. די אָפּאָזיציע האָט לחלוטין נישט בדעה
צו אַנטלויפֿן פֿון ראַטנרוסלאַנד. איך האָב זיך קאַטעגאָריש
אָפּגעזאָגט צו פֿאָרן קיין אויסלאַנד, איך האָב פֿאָרגעשלאָגן מען
זאָל מיך אַריינזעצן אין תּפֿיסה. די סטאַליניסטן האָט אויס-
געפֿעלט מוט דאָס צו טאָן, זיי האָבן מורא געהאַט, אַז די
אַרבעטער וועלן פֿאָדערן מען זאָל מיך באַפֿרייען. זיי איז מער
געווען צום האַרצן אַ פֿאַרשטענדיקונג מיט דער טערקישער פּאָ-
ליציי און זיי האָבן מיך מיט געוואַלט אַוועקגעפֿירט קיין קאָנ-
סטאַנטינאָפּאָל. דאָס האָב איך דערציילט דער גאַנצער וועלט.
יעדער פֿאַרשטענדיקער אַרבעטער וועט זיך מוזן מודה זיין,
אַז אויב סטאַלין באַזאָרגט דורך דער „טאַסס” טעגלעך די
בירגערלעכע פּרעסע מיט רכילותדיקע באַריכטן וועגן דער
אָפּאָזיציע, בין איך געווען געצוווּנגען אָפּצולייקענען דיזאָזיקע
רכילותן.

4. אין פֿיל מיליאָנען עקזעמפּלאַרן האָב איך דערציילט
דער וועלט, אַז נישט די רוסישע אַרבעטער האָבן מיך פֿאַר-
יאָגט, נישט די רוסישע פּויערים, נישט די רויטאַרמייער, ד. ה.
נישט יענע כּחות, מיט וועלכע מיר האָבן געמיינזאַם דעראָבערט
די מאַכט און געקעמפֿט אַקסל ביי אַקסל אויף אַלע פֿראָנטן
פֿון בירגערקריג, — נאָר אַז מיך האָבן פֿאַרטריבן ביוראָקראַטן,

וועלכע האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט און האָבן געבילדעט אַ ביוראָקראַטישע קאַסטע און זענען פאַרבונדן מיטאַנאַנדער אויף לעבן און טויט, כּדי צו פאַרטיידיקן די אָקטאָבער-רעוואָלוציע, די ראַטנרעפּובליק און דעם רעוואָלוציאָנערן נאָמען פון די באָלשעוויסטן-לעניניסטן, האָב איך פאַר דער גאַנצער וועלט דערציילט דעם אמת וועגן סטאַלינען און די סטאַליניסטן. איך האָב נאָכאַמאָל דערמאָנט וועגן דעם, אַז אין זיין רייך-דורכגעטראַכטער צוואה האָט לענין באַצייכנט סטאַלינען אַלס נ י ש ט - ל אָ י אַ ל. דאָסדאָזיקע וואָרט איז פאַרשטענדלעך אין אַלע שפּראַכן. דאָס באַדייט אַ געוויסנלאָזן, נישט-ערלעכן מענטשן, וואָס זיינע האַנדלונגען ווערן דיקטירט דורך שלעכטע מאָטיוון, אַ מענטשן, צו וועלכן מען דאַרף נישט האָבן קיין צוטרוי. אַזוי האָט לענין כאַראַקטעריזירט סטאַלינען, און מיר זעען נאָכאַמאָל, ווי ריכטיק עס איז געווען לענינס וואָרנונג. עס איז נישטאָ קיין גרעסער פאַרברעכן פאַר אַ רעוואָלוציאָנער ווי אָפּנאַרן זיין פּאַרטיי, ווי פאַרגיפטן דעם באַוווסטזיין פון די אַרבעטער דורך ליגנס. אין דעם באַשטייט אָבער סטאַלינס הויפּט-באַשעפטיקונג. ער נאַרט אָפּ דעם קאָמינטערן און דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער-קלאַס באַשולדיקנדיק די אָפּאָזיציע אין קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע כּוונות און מעשים לגבי דער ראַטנמאַכט. גראָד פאַר דער אינערלעכער בייגונג צו אַזעלכע האַנדלונגען האָט לענין סטאַלינען באַצייכנט אַלס נישט-לאָיאַל, גראָד דערפאַר האָט לענין געעצהט דער פּאַרטיי אַראָפּצווזעצן סטאַלינען פון זיין פּאָסטן. דעריבער איז איצט, — נאָך דעם אַלעם, וואָס עס איז געשען — ביז גאָר נויטווענדיק אויפצודעקן פאַר דער גאַנצער וועלט סטאַלינס נישט-לאָיאַלקייט, ד. ה. זיין אומערלעכקייט און געוויסנלאָזיקייט.

5. די רכילותניקעס (יאַראָסלאַווסקי און אַנדערע סטאַלינישע אַגענטן) שרייען גוואַלד וועגן די אַמעריקאַנער דאָלאַרן. ביי אַנדערע באַדינגונגען וואָלט גאָרנישט געלוינט אָנצורירן דעמדאָזיקן שמוץ. אָבער די ביזווייליקע בירגערלעכע פּרעסע באַנוצט יאַראָסלאַווסקיס חזירײַ מיט אַ באַזונדער באַפרידיקונג; דעריבער, כּדי קיין זאַך נישט לאָזן נישט-אויפגעקלערט, וויל איך רעדן אויך וועגן די דאָזיקע דאָלאַרן.

מיין אַרטיקל האָב איך איבערגעגעבן אַן אַמעריקאַנער אַגענטור אין פּאַריז. אַזעלכע אַגענטורן האָבן לעגין און איך געגעבן טוצן אינטערוויוס — סיי מינדלעכע, סיי שריפטלעכע — וועגן די פאַרשיידנסטע פראַגעס. צוליב דעם, וואָס מיין פאַרשיקונג אין פאַרגעקומען ביי אַזעלכע געהיימנישפולע באַדינגונגען, האָט זי אַרויסגערופן אין דער וועלט גרויס אינטערעס. די אַגענטור האָט זיך געריכט אויף גרויסע הכנסות. זי האָט מיר פאַרגעלייגט די העלפט פון די הכנסות. איך האָב געענטפערט, אַז איך פערזענלעך וויל דערפון נישט האָבן קיין איין גראָשן, אָבער די אַגענטור מוז זיך מתחייב זיין איבערשיקן אַ העלפט פון די הכנסות פון מיינע אַרטיקלען אויף אַ באַשטימטן אָרט לויט מיין אָנווייזונג, ווייל איך האָב בדעה אַרויסצוגעבן פאַרן דאָזיקן געלט אין דער רוסישער און אין אַנדערע שפּראַכן אַ גאַנצע ריי לענינס אַרטיקלען, רעדעס און בריוו, וועלכע די סטאַלינשע צענזור האָט פאַרבאָטן אין דער ראַטנרעפּובליק. חוצדעם האָב איך בדעה אַרויסצוגעבן פאַרן דאָזיקן געלט אַ גאַנצע ריי וויכטיקע פּאַרטיידאָקומענטן (פּראָטאָקאָלן פון קאָנפערענצן און קאָנגרעסן, אַרטיקלען, בריוו א. א. וו.), וועלכע ווערן אויסבאַהאַלטן פון דער פּאַרטיי, ווייל זיי באַווייזן סטאַלינס טעאָרעטישע און פּאָליטישע מינדערווערטיקייט. דאָס איז (לויט סטאַלינס און יאַראָסלאַווסקיס מיינונג) יענע „קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע“ ליטעראַטור, וועלכע איך האָב בדעה אַרויסצוגעבן. דער גענויער חשבון וועגן די אויף דעם אויסגעגעבענע סומעס וועט פאַרעפנטלעכט ווערן אין דער געהעריקער צייט. יעדער אַרבעטער וועט מוזן מודה זיין, אַז ס'איז בעסער פאַרן געלט, וועלכעס מען האָט באַקומען אַלס צופעליקע מתנה פון דער בורזשואַזיע, אַרויסצוגעבן לענינס ווערק, איידער פאַרן געלט, וועלכעס מען נעמט צונויף פון רוסישע אַרבעטער און פויערים, צו פאַרשפּרייטן רכילות קעגן באָלשעוויסטן-לעניניסטן.

פאַרגעסט נישט, חברים: לענינס „צוואה“ איז אין ראַטנפאַרבאַנד נאָך אַלץ אַ קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער דאָקומענט, און פאַר פאַרשפּרייטן אים ווערט מען אַרעסטירט און פאַרשיקט! און דאָס איז נישט קיין צופאַל. סטאַלין פירט דעם קאַמף

קעגן דעם לעניניזם אין אינטערנאַציאָנאַלן מאָסשטאַב. אויף דער גאַנצער וועלט איז שוין כמעט נישטאָ קיין איינציק לאַנד, ווו אין דער שפּיץ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זאָלן נאָך שטיין דיזעלבע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער פּאַרטיי אין לענינס צייטן. כמעט אַלע זענען זיי אויסגעשלאָסן געוואָרן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. לענין האָט אָנגעפירט מיט די ערשטע פיר קאָנגרעסן פון קאָמינטערן. צוזאַמען מיט לענינען האָב איך אויסגעאַרבעט אַלע גרונטלייגנדיקע דאָקומענטן פון קאָמינטערן. אויפן IV קאָנגרעס האָט לענין געטיילט מיט מיר דעם פּראָגראַמאַטישן רעפעראַט וועגן דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק און די פּערספּעקטיוון פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע. נאָך לענינס טויט זענען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון קאָמינטערן אַלע אָנטיילנעמער, יעדנפאַלס אַלע א י נ פ ל ו ס ר י י כ ע אָנטיילנעמער פון די ערשטע פיר קאָנגרעסן. בראש פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען שטייען היינט נייע, ריין-צופעליק אויפגעטויכטע מענטשן, וועלכע זענען מייסטנס ערשט נעכטן געקומען פון לאַגער פון די קעגנער אָדער גאָר פון די שונאים. כדי מען זאָל קענען פירן די אַנטילעניניסטישע פּאָליטיק, האָט מען קודם כל געמוזט באַזייטיקן די גאַנצע לענינשע אָנפירונג. געשטיצט אויף דער ביוראָקראַטיע, אויף די נייע קליינבירגערלעכע קרייזן, אויפן מלוכה-אַפּאַראַט, אויף דער ג. פּ. או., אויף די פינאַנס-מיטלען פון דער מלוכה, איז דאָס סטאַלינען געלונגען, און נישט נאָר אין ראַטנפאַרבאַנד, נאָר אויך אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך, אין איטאַליע, אין סקאַנדינאַוויע, מיט איין וואָרט כמעט אָן אַ אויסנאַם אין אַלע לענדער. בלויז אַ גייסטיק בלינדער וועט נישט באַגרייפן דעם זינען פון דאָזיקן פאַקט, פאַרוואָס אַלע נעכטיקע מיטאַרבעטער און מיטקעמפער פון לענינען אין דער אַלרוסישער קאָם. פּאַרטיי און אין קאָמינטערן, אַלע פירער פון דער פּאַרטיי אין משך פון די ערשטע שווערע יאָרן, אַלע וויכטיקסטע אָנטיילנעמער פון די ערשטע פיר קאָנגרעסן, זענען כמעט אַלע באַזייטיקט געוואָרן פון זייערע פּאָסטנס, מ'האָט זיי באַדעקט מיט רכילות און אויסגעשלאָסן. כדי דורכצופירן זייער אַנטילעניניסטישע פּאָליטיק דאַרפן די

סטאַליניסטן האָבן דעמדאָזיקן ווילדעווענדיקן קאַמף קעגן דער לענינשער אָנפירונג פון קאָמינטערן.

ווען מען האָט צעקלאַפּט די באָלשעוויקעס-לעניניסטן האָט מען באַרואיקט די מיטגלידער מיט דעם, אַז די פּאַרטיי וועט איצט זיין איינהייטלעך, ווי פון איין גוס. איר ווייסט אָבער אַז די פּאַרטיי איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי געשפּאָלטן, ווי איצט. און דאָס איז נאָך נישט דער סוף. אויף סטאַלינס וועג איז נישטאָ קיין רעטונג. מען קען פירן אָדער די אויס-טראַלאָווישע, ד. ה. די קאָנסעקווענט-טערמידאָריאַנישע, אָדער די לענינשע פּאָליטיק. סטאַלינס צענטריסטישע פּאָזיציע פירט אומפאַרמיידלעך צו דער אָנזאַמלונג פון די גרעסטע ווירט-שאַפטלעכע און פּאָליטישע שוועריקייטן און צו אַ כּסדר-דויערנ-דיקער צעשפּאַלטונג און צעשטויבונג פון דער פּאַרטיי.

עס איז נאָך נישט שווער צו ענדערן דעם קורס. מען מוז די פּאָליטיק און דעם פּאַרטיי-רעזשים שאַרף אַ ווענד-טאָן אין גייסט פון דער אָפּאָזיציע-פּלאַטפאָרם. עס מוז אויפהערן די שענדלעכע פּאַרפאָלגונג פון די בעסטע לעניניסטישע רעוואָלוציאָנערן אין דער אַלרוסישער קאָמ. פּאַרטיי און אין אינ-דערע לענדער, מען מוז ווידער אויפשטעלן די לענינשע אָנ-פירונג, מען מוז ראַדיקאַל פאַראורטיילן און פאַרניכטן די אומ-לאָיאַלע, ד. ה. די געוויסנלאָזע און נישט-ערלעכע מעטאָדן פון סטאַלינס אַפּאַראַט. די אָפּאָזיציע איז גרייט אונטערצו-שטיצן מיט אַלע כּחות דעם פּראָלעטאַרישן קערן פון דער פּאַרטיי ביים דורכפירן דידאָזיקע לעבנס-וויכטיקע אויפגאַבע. נישט די צעווילדעוועטע העצע, נישט די שענדלעכע רכילות אָדער די מלוכהשע רעפּרעסיעס קענען באַאיינפלוסן אונזער שטעלונג צו דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע און צו לענינס אינ-טערנאַציאָנאַלער פּאַרטיי. אין די סטאַלינישע תּפיסות, אין דער פאַרשיקונג און אַלס פּאַרטייבענע בלייבן מיר געטריי דער ערשטער ווי דער צווייטער ביז צו לעצט.

קאָנסטאַנטינאָפּאָל, 27 מערץ 1928.